STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01464

MEMUARN FUN A SOTSYALISTIN

Lily Braun

Permanent preservation of this book was made possible
by Victor L. Berman
in memory of
Morris & Jennie Simon

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לילי ברוין.

מעמוארן

פון אַ סאָציאַליסטין

פון דייטש: פועה ראַקאָווסקאַ

JEWISH CULTURAL CLUB
CALIFORNIA

פאַרלאַג ש. גאָלדפאַרב
ווארשע 1924.

מ ע מ ו א ר ן
פון אַ סאָציאַליסטין

LILI BRAUN
MEMUAREN

פֿאַרלאַג ש. גאָלדפֿאַרב
וואַרשע, דזיקא 31

WYD. SZ. GOLDFARB
WARSZAWA, DZIKA 31

DRUKARNIA
„ARBEITERHEIM“,
KARMELICKA 15.

הקדמה.

צו מיין זון.

די רויזן בליען און די לינדנבוימער שמעקן. איבער טונקע־לע וועלדער און זאפטיק גרינע פעלדער שטייגן הויך צום הימל די בערג פון מיין דהיים, דארט וואו עס פינקלען און בלאנקען די שטערן מיט פארטונקלט פון שלעכטע שטאטישע דאמפן און נעפלען פון די טאלן. די גרויע, ריזיקע פעלזן, באלויכטן פון דער לבנה, בלאנקען, ווי זילבער, און אין זייערע טויזנטער קנייטשן און שפאלטן גלאנצט נאך דער שניי.

דאס איז די שענסטע נאכט פון יאר. די נאכט, וואס וואלד און פעלד סודען זיך, דערציילן אלטע מעשהלעך, די נאכט, מיין זון, וואס האט מיר דיך געשיינקט. עס איז שוין גאנצע עלף יאר, און דאך דאכט זיך מיר, אז עס איז ערשט נעכטן געשען. ערשט נעכטן האב איך דיך ביי מיין ברוסט געהאלטן, דו האסט די ערשטע ווערטער געפלאפלט. דאס ערשטע מאל זיך אויף דיינע קליינטשיקע פיסעלעך געשטעלט און אט ביזטו א גרויסער בחור געווארן, דיין קינדהייט זעגנט זיך שוין מיט אונז.

כמעט אין דעם אייגענעם טאג נאר מיט דרייצענדליק יאר

פריער, האָב איך אויך צופוסן פון דידאָזיקע בערג געפייערט מיין ערשטן געבורטסטאָג. דער טיש האָט זיך דעמאָלט געבראָכן פון דער גרויסער מענגע מתנות — אויף דיין טיש, מיין זון, זיינען געבן פרישן, שמעקעדיגן קוכן פון אונזער אַלטער מרים, געלעגן נאָר אַ פּאָר ביכער. טאַטע־מאַמע, קרובים און גוטע פריינט האָבן מיך דעמאָלט אַרומגערינגלט און מ׳האָט געפייערט מיטן שוימענ־דיקן סעקט־וויין און מיט חניפהדיקע רעדעס. מיר אָבער זיינען היינט אַליין געווען און אין אונזערע גלעזער ד׳האָבן מיר בלויז טיראָלער וויין געהאַט. יענס קינד, וואָס האָט געפייערט זיין גע־בורטסטאָג איז געווען אַ בלאַס, אויסגעצויגן מיידל מיט אַן אַלטן, שטאָלצן, סאַרקאַסטישן אויסדרוק אַרום מויל, און איר שמייכל פון דאַנקבאַרקייט איז געווען נישט מער, ווי די פרוכט פון אַ גוטער ערציאונג. דו אָבער ביסט אַ פרישער, געזונטער יונג, און פון גרויס שמחה האָסטו דעם גאַנצן טאָג אַרומגעטאַנצט אויפן לאָנקע, זיך אַרומגעכאַפּט און גערדרייט אַמאָל מיט מיר, אַמאָל מיט דער אַלטער מרים. צוויי זאַכן זיינען איבערגעבליבן דיזעלבע סיי דעמאָלט און סיי היינט: אויף דיין טיש ווי אויף מיינעם איז געלעגן דאָס ערשטע לאַנג געווינשטע טאָג־בוך, וואָס זיינע ווייסע בלעטלעך זענען אַזוי אָנציענדיק פאַר אַן עלפיאָריק קינדיש הערצעלע, ווי די אַריינגאַנג אין וואַנדערלאַנד פון לעבן אַליין; פאַר דיר ווי פאַר מיר, שטייען די אייגענע ריזיקע בערג און דער אייגענער וואַלד רוישט אַרום אונזערע קינדער־חלומות.

דאָס גאַנצע לעבן ד׳האָט מיך באַגלייט מיין טאָג־בוך. איך ד׳האָב שטריינג געהיט אים אָפּצוגעבן יעדן אָוונט אַ דין־וחשבון פון אַלע מיינע מעשים פאַרן טאָג. סוף יאָר פלעג איך מיט אים צוזאַמען באַטראַכטן דעם פאַרגאַנגענעם לעבנס־אָפּשניט און אונ־טערפירן אַ סך־הכל. זיינע קורצע, לאַקאָנישע באַמערקונגען—בלויז טרוקענע פאַקטן—זענען געווען די פעסטע ראַם, וואָס די זכרונות

האָבן זיי אויסגעפּילט מיט בונטע לעבנסבילדער. נישט פאַרדאַרבן דורך די ערגסטע מאָלער פון דער וועלט — דורך שנאה אָדער באַוואונדערונג—האָט עס מיר דייטליך און קלאָר געוויזן מיין אייגענעם איך.

אַנטלויפנדיק דאָסמאָל פון טערטאַק און פון דער פאַבריק-אַטמאָספערע פון מיין בערלינער אַרבייטס-לעבן, אַהער אין אונזער שטילער באַרג-איינזאַמקייט, האָב איך גענומען מיט זיך די צוויי און דרייסיק יאָר-העפטן פון מיין טאָג-בוך און איצט וועל איך מאַכן אַ גענויעם באַלאַנס. געגאַנגען בין איך ביז אַהער אויף אַ קרומען, פעלזיקן וועג. וויים אַוועק בין איך פון יענע לעבנס-ספערן, וואָס טראַדיציעס און מנהגים זיינען געווען זייערע וועג-ווייזער, אַז אַפילו הער פאַרקלערטער זאָל זיך נישט טועה-זיין. איצט אָבער מוז איך מיך אָפּשטעלן, איך מוז מיר אָפּכאַפּן דעם אָטעם, ווייל די גרויסע איינזאַמקייט אַרום מאַכט מיך שווינדלען. וואוהין זאָל איך איצט גיין? אַראָפּ אין טאָל צו די וועג-ווייזער? אָדער ווייטער אויף מיין אייגענעם וועג, וואָס איך האָב אַליין אויסגעקליבן? די מענטשן זענען אויף מיר אין כעס, און אַלע, וואָס זענען אַמאָל מיט מיר צוזאַמען געגאַנגען אַ שטיקל וועג אין מיין לעבנס-נסיעה, די אַלע רופן מיך איצט „בוגדת,“ רענעגאַטקע. אין מיינע אויגן אָבער זיינען זיי די פאַררעטער. ווער פון אונז איז גערעכט, זיי צי איך? צי געפינען אַ געהעריקן ענטפער אויף דערדאָזיקער פראַגע וועל איך אויספאָרשן די טיפסטע וואָרצלען פון מיין לעבן, וויל איך זיך פאַנאַנדערקליבן אין זיינע געדיכסטע פאַרצווייגונגען, און וועגן דיר, מיין זון, וועל איך דאַמאָלט טראַכטן, כדי אַז דו וועסט אויסוואַקסן, אַז דו וועסט ווערן אַ מענטש, זאָלסטו דיין מאַמען גוט פאַרשטיין.

1908 אבערגרעניים דעם 24 יוני

מעמוארן פון א סאציאליסטין.

שול-יאַרן.

I.

דאָרט,--וואו דער קורישער אויסגוס פאַלט אַריין אין מזרח=
ים, דאָרט, וואו דער ברעג ווערט אַרומגעשווייגקט פון איין זייט
דורכן ים און פון דער צווייטער זייט—דורך אַן אויסגוס—דאָרט
שטייט מיין באָבעס הויז, וואו איך בין געבוירן געוואָרן. דאָס=
דאָזיקע הויז האָבן מיט הונדערטער יאָר צוריק אויסגעבויט דייטשע
אָרדנס=ריטער. דאָס איז געוועזן זייערע אַ פעסטונג צו באַשיצן זיך
פונם געצנדינערישן פאָלק פון זאַמלאַנד. דער ברייטער, פיר=
קאַנטיקער טורם, די דיקע ווענט און דער גראָבן אַרום, דערמאָ=
נען נאָך אָן יענע אַלטע צייטן. דער ערשטער, וואָס האָט אין
זאַמלאַנד אָנגענומען ליוטערס לערע איז געווען אַ מאָנאַך. אָבער
נישט זיין געוויסן — ווייל דאָס וואָלט זיך שוין גאָרנישט פאַסן
פאַרן בלאָנדן, שטרייגגען יונקער פון טורינגישן דור פון די גאָל=
צאָווס—נאָר זיין פייעדיקע ליבע צו אַ שיין מיידל האָט אים גע=
בראַכט דערצו, ער זאָל ברעכן זיין נדר פון צניעות. אין שלאָס
פון פורגאַלן איז ער געוואָרן דער שטאַמפאָטער פון פרייסישן
צווייג פון דער משפחה, און פון אים האָט אַרויסגעשטאַמט מיין

זיידע. צוזאַמען מיט גרויסע נחלאות האָבן אָבער די שפּעטערדיקע דורות אויך געירשנט די תאוות פון זייערע אָבות. זייער זעלטן פלעגט אַ גאָלצאָוו התונה האָבן דורך אַ שדכן אָדער לויטן רצון פון זיין משפחה און אַזוי־אַרום האָט מען געפלאַנצט אַ סך פרעמדע בלומען אויף דעמדאָזיקן צפון־גאָרטן. פיל זענען טאַקע אומגעקומען פון די שטאַרקע פרעסט. אַנדערע אָבער האָבן געבליט, געטראָגן פרוכט, פאַרזייט די קערנדלאַך פון זייער היימישער ערד אין פרעמדן, קאַלטן לאַנד אויף דיזעלבע זאמד־בערגלעך; די קערנדלאַך פלעגן אָבער אויסגעצייכנט אויפגיין און מערקווירדיק שיין זיך אַנטוויקלען צווישן די ווייסע בזשאָזעס אין די סענקאַטע דעמבעס. מיין באָבע איז אויך געווען אַזאַ פרעמדע בלום; אַ געהיימע ליבע פון אַ מלך מיט אַ קליינער עלזאַסער פרינצעסין ד״האָט זי געבראַכט אויף דער וועלט. און באמת האָט זי זיך דאָ קיינמאָל נישט געפילט היימיש, שטענדיק פלעגט זי פרירן, נישט נאָר ווינטער, נאָר אַפילו זומער פלעגט זי שטענדיק זיצן ביים גליענדן קאַמין אָנגעטון אין שווערע סאַמעטענע קליידער, באַפּוצט מיט פעלץ און זי איז טאַקע געבליבן איינזאַם, כאָטש זי איז געווען אַרומגערינגלט פון אַ גאַנצער מחנה קינדער. דאָס בלוט פון די גאָלצאָווס האָט אָבער געהאַט אין זיך מער לעבנס־קראַפט ווי איר בלוט, ווייל אַלע יינגלעך און מיידלעך, וועלכע זי האָט געבוירן זיינען אייגנטלאַך נישט געווען אירע קינדער; זיי האָבן געקוקט אויף דער וועלט מיט העלע בלויע אויגן און מיט רויז־ווייסע פנימער, און דאָס ציל פון זייער לעבן איז געווען יאַגד און טענץ שפּיל און ליבע. צו מיין מוטער דער גאָלד־בלאָנדער אילזע איז זי געווען צוגעבונדן מיט דער גאַנצער קראַפט פון איר בייַנקשאַפט.

אַ לאַנגע צייט האָט זי געהאָפט, אַז די טאָכטער וועט זיין ענדלאַך צו איר, מיט די פילפאַרביקע געוואַנטן פון איר ריי־

בער פֿאַנטאַזיע פֿלעגט זי צערטלאַך פֿאַרדעקן אַלץ וואָס איר איז פֿרעמד געווען אין דער טאָכטער, כּדי זיך אַליין אָפּצונאַרן. זי האָט אויך שפּעטער מיטגעהאָלפֿן דער טאָכטער איינצוברעכן די עקשנות פֿון פֿאָטער, וואָס איז געווען געגן דעם שדוך מיט אַן אָרעמאַן פּיעכאָטע-לייטענאַנט. די באָבע האָט געמיינט, אַז דערמיט, וואָס זי ווערט די פֿרוי פֿון אַזאַ ערנסטן, אַרבייטזאַמען מאַן וועט אילזע באַקומען די מעגליכקייט צואַנטוויקלען אַמבעסטן איר כאַראַקטער, וואָס האָט זיך שוין גענוג דייטלאַך אַרויסגעוויזן ביים טון אַ שדוך. פֿון אַלע גלענצענדע חתנים האָט זי דווקא אויסגעקליבן אים.

זי האָט נישט פֿאַרשטאַנען, אַז אילזע איז דעמאָלט געטאַנגען געוואָרן נאָר דורך די גאָלצאָזיעס לײדנשאַפֿטן, וואָס זיינען געווען הייס און קורץ ווי דער זומער אין פּורגאַלען. איר מאַן האָט אָבער געקענט די טאָכטער בעסער ווי זי און דעריבער האָט ער נישט פֿאַרלוירן די האָפֿנונג צו נעמען עפּעס אַן אָנשטענדיקן איידים און מיט דעם „הימלאָזן קנעכט" ווי ער פֿלעגט איראָניש אָנרופֿן איר אויסגעווײלטן — דעם לייטענאַנט האַנס פֿון קלעווע.

קלעווע האָט בלויז פֿאַרמאָגט אַ גוטן נאָמען און אַ גרויסע אַמביציע. זיין פֿאָטער אַ לייכטזיניגער גוואַרדיע-לייטענאַנט האָט זייער גיך צופּטרט זיין גאַנץ פֿאַרמעגן. געבליבן איז ער ביי אַ יונג, לוסטיק ווייבל, וואָס צוליב איר איינפּאַכער אָפּשטאַמונג האָט ער נעבעך געמוזט אויסטון דעם קאָלירטן מונדיר. מיט די שיריים פֿון זיין קאַפּיטאַל האָט ער זיך געקויפֿט אַ קליין גוט נישט ווייט פֿון בעדלין, דאָרט איז ער געזעסן אָן אַ שום אַרבייט און געוואַרט אויפֿן טויט.

אַז ער איז געשטאָרבן האָט די מוטער מיט גרויס מי און מאַטערניש קוים געקאָנט דערציען אירע פֿיר קינדער. אַ גליק איז

געשען, וואָס דאָס גאַנצע לעבן איז זי געוואוינט געווען צו אַרבייטן, צו שטאָלץ איז זי געווען, אַז זי זאָל זיך ווענדן צו די רייכע קרובים פון איר מאַן, וואָס צוליב איר נחות־דרגאַ האָבן זיי איר קיינמאָל נישט געוואָלט קענען. נאָכן מאַנס טויט ד'האָט זי זיך איבערגעצויגן אין אַ קליין שטעטל און דאָרט האָט זי דערצויגן אירע קינדער מיט אַן אייזערנער שטרייַנגקייט און ספּאַרטאַנישער איינפאַכקייט.

האַנס איז אַלט געווען צוועלף יאָר בעת ער איז אַריין אין דערדאָזיקער שטרייַנגער שולע. טיפער פון אַלע האָט ער גע־שפּירט דידאָזיקע שווערע לאַסט פון לעבן און שטענדיק האָט ער פיל געליטן פון די שטרייַנגע פאָדערונגען, וואָס מיט דעם האָט זי נאָר געשטערט זיין גייסטיקער און מאָראַלישער שאַפונגס־קראַפט.

זיינע ליבע־געפילן האָט זי גאַנץ ווייניק פאַרשטאַנען. אונ־טערן דרוק פון די שטענדיקע שווערע, קלייַנליכע דאגות זיינען ביי איר אינגאַנצן פאַרטויבט געוואָרן די געפילן פון גליקליכע מאַמעס. איין שוועסטער, כמעט אין איין עלטער מיט אים, וואָס פאַר איר פלעגט ער שטענדיק אויסגיסן זיין שווער געמיט, איז אַוועק צו דעם פאָטערס קרובים, וואָס האָבן זיך פלוצלונג דער־מאָנט אָן דער אָרעמער אַלמנה. ער איז געבליבן אַליין און דע־ריבער ד'האָט ער קאָנצענטרירט זיין גאַנצע ענערגיע אויף איין ציל אַליין, מיט אייגענע כחות זיך אויסצוקעמפן דאָס לעבנס־גליק.

צו 16 יאָר האָט ער געענדיקט די גימנאַזיע און איז אַריינ־געטרעטן אין אַ קעניגסבערגער פּיעכאָטע־רעגימענט. זיין איינציקער וואונש איז געווען צו ווערן אַ קאַוואַליעריסט—ווייל די ליידנשאַפט צום רייטן איז געלעגן ביי אים אין בלוט—האָט ער אָבער קיין מיטלען נישט געהאַט דערצו.

די שוועסטער ווידער, וואָס דער רייכער פּעטער האָט זי געהאַלטן, ווי אַן אייגן קינד, האָט אים נישט געוואָלט בעטן ער זאָל טון אַ טובה דעם ברודער, ווייל זי האָט פּשוט מורא געהאַט זי זאָל צוליב דעם אַמאָל איר אייגענע שטעלע נישט פאַרלירן. דעם פּעטערס מילדקייט איז נישט געגאַנגען ווייטער פון אַ גאָלד שטיק צו יעדן געבורטסטאָג און יעדן יום־טוב אויף רייזע־קאָסטן אַהיים. און אַזוי האָט געלעבט דער יונגערמאַן אין שטענדיקער דחקות, געלעבט האָט ער נאָר פאַר זיין בערוף. די אַרבייט האָט כמעט אינגאַנצן דערשטיקט אַלע זיינע חושים.

אין יענער צייט האָט ער זיך באַקענט מיט אילזע גאָלצאָוו און די גאַנצע בענקשאַפט, וואָס האָט פון קינדהייט אָן געטליעט אין זיין נשמה, איז אויסגעבראָכן, ווי אַ גוואַלדיקער שטורם. די פרוי איז אים ביז אַהער איבערהויפּט געווען פרעמד; די אַרבייט האָט אים טויב און בלינד געמאַכט; דורך אַן איינגעבאָרענער צניעות האָט ער אינסטיקטיוו געשפּירט עפּיס אַן עקל צו געמיינהייט, פאַרדאָרבנקייט און אויסגעלאַסנקייט. און דעריבער האָט זיך איצט אין דערדאָזיקער ערשטער ליבע פון אַן 28 יאָריקן מענטשן פאַרייניקט די שטאַרקע, פאַנטאַסטישע ליידנשאַפט פון אַ יונגל מיטן טיפן, ערנסטן געפיל פון אַ רייפן מאַן. איצט האָט זיך געדאַכט, אַז אין דערדאָזיקער זיסער, בלאָנדער מיידל וועט ער געפינען דאָס גרויסע גליק, פון וועלכן ער האָט געחלומט אין זיינע שטילע מינוטן.

דאָס, וואָס ער האָט דאָס גליק געדאַרפט אויסקעמפן האָט נאָך אין זיינע אויגן פאַרגרעסערט זיין ווערט. צוליב דער געליבטער האָט ער פאַרביטן זיין שטודיר־הויז אויפן טאַנץ־סאַלאָן; ער האָט פּלוצלונג אַרויסגעוויזן אַזעלכע געזעלשאַפטליכע טאַלאַנטן, אין וועלכע קיינער האָט אים פריער גאָרנישט חושד געווען; ער

איז געוואָרן דער הויפּט־אָנפירער פון אַלע גרויסע און קליינע פאַרוויילונגען.

אַלס רעגימענטס־אַדיוטאַנט האָט ער זיך סוף־כּל־סוף דערשלאָגן צו אַ פערד, אויפן וועג פון קעניגסבערג קיין פּורגאַלן פלעגט דאָס פערד קוים אַ לעבעדיגער אַרויס פון זיינע הענט. אויף יאַגד פלעגט ער מיט זיין רייט־קונסט פאַרשעמען אַלע קיראַסיר־לייטענאַנטען, ער האָט אינסטינקטיוו געקענט די נאַטור פון אַ פרוי און האָט פאַרשטאַנען, אַז אַזעלכע מיידלאַך, ווי די שיינע אילזע קאָן מען געווינען נאָר דערמיט, וואָס מען רופט ביי זיי אַרויס באַוואונדערונג. צוויי מאָל האָט ער געבעטן איר האַנט, און ביידע מאָל האָט אים דער געליבטערס פאָטער אָפּגעזאָגט. ערשט צום דריטן מאָל, ווען זיין בעטן האָט זיך פאַרייניקט מיט אילזעס טרערן, ווען די מוטער האָט שטאַרק צוגערעדט דעם פאָטער ער זאָל געבן זיין הסכמה אויף דערדאָזיקער ליבע, האָט דער פאָטער זיך געלאָזן איבעררעדן אָבער נישט איבערצייגן און האָט צולעצט נאָכגעגעבן.

אין יאָר 1863 איז אין אַ שיינעם מאַי—זונטיק פאָרגעקומען די חתונה פון דעמדאָזיקן יונגן פּאָר אין דער אַלטער פּורגאַלעשער דאָרף־קירך, וואו די ווענט זענען אינגאַנצן געווען באַהאָנגען מיט בילדער פון אַלטע ריטער פון מזרח־דייטשישן אַדעל. אַז די שטומע עדות אויף די ווענט, און די גאָלצאָווס, וואָס האָבן זיך דאָ פאַרזאַמלט אין אַלטן קלויסטער — געהערן צו איין דור, האָבן דייטלאַך באַוויזן די אַלע שלאַנקע מענער מיט די שמאָלע אָרעמס און די לאַנגע, שפּיציקע פינגער, וואָס זענען נישט געוואוינט געווען צו קיין שווערער אַרבייט. פון דער אַלטער קראַפט פון די אָבות איז אָבער איצט געבליבן נאָר אַ זכר פון גראַציע, און די געזונטע ראַסע איז כמעט אינגאַנצן פאַרענדערט געוואָרן

פון התנס קרובים האָט אויך קיינער נישט געפעלט. מיט אַ באַזונדערער צופרידנהייט זענען זיי געקומען אויף דערדאָזיקער שמחה, ווייל האַנס קלעוועס שדוך מיט אילזען האָט טאַקי אינ־גאַנצן אָפּגעווישט דעם פלעק און די חרפה פון זיין פאָטערס שדוך מיט אַ נחות־דרגא—מיט אַ בירגער־פרוי. זיי זענען שוין אָבער געווען גאָר אַנדערע מענטשן, ווי די גאָלצאָווס. אין זייערע אָדערן האָט זיך צונויפגעמישט דאָס בלוט פון וואַנדערנדע לאַנדקנעכט אין אַלטנירענבורגער מיוחסים.

זייערע פיגורן זענען געווען ברייט, גרויס און קרעפטיק. די קורצע הויזן ביז די קני מיט די לאַנגע זאָקן האָט זיי בע־סער געקליידט, ווי דער פראַק מיטן צילינדער. איבערהויפּט האָט זיך נעבן דער איידעלער, שלאַנקער, עלפן־פיגור פון דער כלה, שטאַרק געוואָרפן אין די אויגן דעם חתנס דיקע, רויטבלאָנדע שוועסטער קלאָטילדע.

אין דעם גרויסן קרייז האָבן זיך אויסגעצייכנט צוויי פּער־זאָן נישט בלויז אַלס מיטגלידער פון דער פאַמיליע, נאָר אויך אַלס מענטשן פון אַ באַזונדערט אַרט. דאָס זענען געווען די מחותנתטעס, דיביידע מוטערס פון יונגן פּאָר. ביידע האָט דאָס לעבן פריער אויפגעהויבן ביז צו דער העכסטער מדרגה און שפּעטער אַראָפּגעוואָרפן אין זיינע טיפסטע אָפּגרונטן; ביידע האָבן זיי געטראָגן אויף זיך זיינע צייכנס. איינע דאָס קייזער־לאַכע קינד, דאָס קינד פון דער ליבע, וואָס דאָס סאַמעטענע געוועב האָט, ווי אַ קרוינונגס־מאַנטל, געצירט איר הויכע פיגור מיט די טונקעלע פאַרטראַכטע אויגן, וועלכע האָבן געשטראַלט מיט גייסט און גוטסקייט. די צווייטע, אַ קינד פון פאָלק און פון אַרבעט, האָט זיך שלעכט געפילט אין דער שוואַרצער, זיי־דענער קלייד, און אירע מאָגערע הענט האָבן דערציילט פון איר גרויסן פלייס, איר געקנייטשט פנים—פון אַן אייזערנער ווילנס־

קראַפּט און אין אירע ברוינע אויגן האָט נאָך אַלץ געלויכטן דער דרייסטער הומאָר, וואָס העלפּט צרויס פון אַלע שווערע אומגליקן.

קיין קעניגסבערג, וואו עס איז געשטאַנען מיין פאָטערס גאַרניזאָן, בעת ער האָט חתונה געהאַט, פלעגט מען פון פור־גאַלן מיטן גאָלצאָווישן געשפּאַן איינפאָרן אין דריי שעה. דער טאָקטער האָט ער דעריבער בישט געהייסן פאַרלאָזן דאָס על־טערן־הויז, וואָס דאָס איז אַזוי שווער און פאַרשאַפּט שטענדיק אַ סך שמערצן. אייגנטלאַך איז זי גאָר געבליבן אין דערהיים, ווייל די וואוינונג פאַר דאָס יונגע פאָר האָט מען איינגעאָרדענט אינם אַלטן הויז, וואָס אירע עלטערן האָבן געהאַט אין שטאָט. בעת זיי האָבן געמאַכט זייער חתונה־רייזע, האָט די באָבע געפּוצט דאָס קינפּטיגע נעסט פון אירע טייערע קינדער. זי האָט דאָ אַריינגעלייגט איר גאַנצן געשמאַק, אַלע אירע חלומות און געדאַנקען וועגן שיינקייט, האַרמאָניע און באַקוועמלאַכקייט פון אַ פאַמיליען־לעבן. דאָ איז געווען אַ גרינער זאַל מיט טיפּע ענגלישע פאָטערשטולן אַרום אַ גרויסן טיש מיט אַ טייערן טיש־טוך; דערבײַ אַ גרויסער, רויטער קאַמין פון מאַרמאָר אין דער גאַנצער לענג פון דער וואַנד; נעבן זאַל, אָפּגעטיילט בלויז מיט פאָרטיערן, איז געווען אַ בודואַר, די ווענט און די מעבל באַ־צויגן מיט קרעטאָן און אויפן שרייבטיש זענען געשטאַנען אַ סך פאַמיליען־בילדער. אויף דער אַנדערער זייט—דעם פאָטערס צימער, מיט שווערע געשניצטע דעמבענע מעבל און אין זייערע אַראַבעסקן געפינט זיך דאָס וואָפן־צייכן פון די קלעוועס — אַ געקרוינטע סאָווע. פאַרן עסצימער האָט די באָבע אָפּגעגעבן איר מוטערס אַלטע אַמפּיר־מעבל, מאַכאָן באַשלאָגן מיט בראָנז און געלב־זיידענע מעבלבאַצוג. די ווענט זענען געווען באַפּוצט מיט גאַנצע רייען פאַמיליען־פּאָרטרעטן: פרויען אין קרינאָלינעס

מיט משונהדיקע טאַליעס און מיט געפּודערטע האָר. מענער אין גאָלד באַפּוצטע מונדירן, אין גרויסע לאָקן פּאַרוקן און אין מיטן צווישן זיי אַ רויז, לאַכעדיק פּרויען־געזיכט מיט גאָלדענע לאָקן. אין די שפּעטערדיקע יאָרן פּלעגט עס ד״ מוטער שטענ־דיק אויפהענגען אין סאַמע טונקעלסטן ווינקל: דאָס איז געווען אַליקס, די עלטער־באָבע, דעם קעניגס נעליבטע. נאָכדעם איז געקומען אַ גרויס, ליכטיק שלאָפצימער, אַ צימער פאַר געסט און אַ צימער אינגאַנצן אַ צוגעשלאָסענער, וואָס די באָבע פלעגט אים שטענדיק שטאַרק אָפּהיטן.

דאָס אַרט לעבן איז ביי אונז שטענדיק געווען איינער און דערזעלבער, כאָטש דאָס זעלנער־לעבן האָט אונז געמעגט וואַרפן קיין מזרח און מערב, קיין צפון און דרום. שפּעטער איז נאָך אַפילו צוגעקומען אַ געזעלשאַפטס־צימער און אַ טאַנץ־זאַל, אָבער עפּעס זענען זיי מיר געווען פרעמד. „איר האָט נישט קיין היים״, פלעגט די באָבע זאָגן, „און דעריבער מוזט איר שטענדיק מיטראָגן אַלץ מיט זיך, ווי די שנעקע איר שטיבעלע״.

באַלד ווי מיינע עלטערן האָבן צוריק קומענדיק פון זייער חתונה־רייזע, איבערגעטראָגן די שוועל פון דידאָזיקע צימערן, וואָס זענען אַזוי ווי געשאַפן געווען פאַר ליבע און פרייד, איז תיכף געפאַלן אַ שאָטן אויף זייער גליק. ווי אַלע גוט־דערצויגענע מיידלאַך פון איר צייט און איר סביבה האָט אילזע חתונה גע־האַט — ד׳האָט אָבער נישט געהאַט די קלענסטע אַנונג וועגן די פליכטן, וואָס זי נעמט אויף זיך אונשולדיק, ווי זי איז אויך גע־ווען דער יונגער מענטש, מיט וועלכן זי האָט חתונה געהאַט, און דעריבער איז טאַקי געווען גוואַלדיק דאָס פייער פון זייער ליבע און די פלאַמען פון זיין ליידנשאַפט, בשעת אירע געפילן זיינען נאָך אינגאַנצן געשלאָסן, אין דער גרויסער, טיפער געשלעכטס־

סוד האָט אין אירע אויגן אויסגעזען, ווי דער גרעסטער חטא. זי פלעגט מיר אָפט דערציילן, אַז ווען זי וואָלט זיך נישט געוועסט שעמען פאַר אירע עלטערן, וואָלט זי טאַקע באַלד, די ערשטע וואָך נאָך דער חתונה, אַנטלאָפן פון מאַן. ביסלאַכוויַיז אָבער האָט זי זיך צוגעוואוינט צום געדאַנק, אַז איר מאַן איז נישט קיין פאַרברעכער און איר לעבן — איז אַ נאָרמאַל לעבן. צו די מאָראַלישע ליידן, מיט וועלכע זי האָט אים געקוועלט נאָך מער, ווי זיך אַליין! בעת ער איז געווען צו איר אַזוי ליב, צאַרט און ווייכהערציק, זיינען באַלד צוגעקומען פיזישע, קערפערליכע יסורים, וואָס זי האָט אַפילו נישט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין זייער סיבה. זי האָט אָנגעשטרענגט איר גאַנצע ענערגיע, דהאָט זיך געגעבן די גרעסטע מי זיך צו באַהערשן, מער נאָך צוליב דעם, ווייל זי האָט זיך געפונען צווישן פרעמדע מענטשן, צווישן די קרובים פון איר מאַן. אַפילו דער מוטער האָט זי קיין וואָרט נישט דערציילט. זי האָט געוואוסט, ווי אַזוי די מוטער ציטערט איבער איר און דעריבער האָט זי נישט געוואָלט איר איבערשרעקן. נישט געקוקט אויף איר צושטאַנד פלעגט זי זיך באַטייליגן אין אַלע אויספלוגן, אין אַלע דאָרפישע פאַרוויילונגען, זי פלעגט טאַנצן און רייטן, כאָטש גאַנץ אָפט פלעגט איר כאַפּן אַ שווינדל און פינסטער פלעגט איר ווערן אין די אויגן. אַ בלאַסע, אַ מידע, האָט זיך די יונגע פרוי אומגעקערט אַהיים אין אַ קורצע צייט אַרום. די באָבע, אַז זי האָט דערזען איר ליבלינג איז זי דערציטערט געוואָרן און בלוט האָט זיך איר געגאָסן פון האַרצן. עס איז נישט געבליבן ביי אילזען קיין שפור פון איר שיינקייט און פרישקייט. באַלד האָט זי זיך אָבער באַרויקט, און דאָס האַרץ האָט איר געקלאַפּט פון גרויס שמחה, בעת זי פלעגט קלערן וועגן בייעם, יונגן לעבן, וואָס צאַפּלט זיך איצט אונטער דאָס האַרץ פון איר טאָכטער. צופרי איז אָבער דידאָזיקע האָפנונג צושטערט גע-

וואָרן, אָנשטאָט אַ קינפּעטאָרן ד'האָט נעבאָך די באָבע באַדאָרפט פלעגן אַ יונגע פרוי, וואָס איז שטאַרק קראַנק געווען. אָבער די גוטע פּירגאַלענער לופט ד'האָט זי באַלד אויסגעהיילט, און אויפן קאָר־נעוואַל־באַל אין קעניגסבערג איז זי ווידער געווען די שענסטע דאַמע אין לוסטיקן קרייז פון דער יוגנט. זי פלעגט זייער גערן טאַנצן, זייער גערן דערלייבן מען זאָל זי באַוואונדערן, און איר מאַן איז געווען איבערגליקלאַך בעת ער פלעגט זי זען אַ לוסטי־קע, אַ מונטערע, אַ פריילאַכע. אויפן צווייטן יאָר נאָך דער חתונה זיינען געקומען נייע האָפנונגען: האַנס קלעווע האָט זיי באַגריסט מיט גרויס שמחה, און די באָבע מיט טיפער רירונג. נאָר די, וואָס אונטער איר האַרצן ד'האָט געצאַפּלט אַ נײַ לעבן, האָט דידאָזיקע פרייד נישט געשפּירט. זי האָט נאָר געפילט, אַז איצט ד'הויבן זיך אָן פאַר איר נייע, ערנסטע פליכטן און מיט הכנעה האָט זי זיך אונטערגעוואָרפן איר גורל. די באָבע האָט דערווייל אָנגעהויבן איינצואָרדנען פאַרן קומענדיקן אייניקל דאָס ערשטע חדרל: דאָרט איז אַלץ געווען ווייס און רויט, איינ־פאַך און געמיטלאַך, נאָר די זאָפע איז געווען באַצויגן מיט ברוינעם ריפּס, און אויפן טיש איז געלעגן אַ ברוינע צעראַ־טע.

גוטע, אַלטע זאָפע! אויף דיר האָב איך מיינע גלידער אויסגעשטרעקט אין מיין ערשטן לעבנס־געפיל, אויף דיר האָב איך אַרומגעקלעטערט באַלד ווי כ'האָב נאָר געקאָנט באַוועגן מיינע פיסלאַך: אין דיינע ווינקעלאַך פלעג איך באַהאַלטן מיינע ליבסטע שפּילצייג, צונויפגעדרייט אויף דיינע ווייכע קישעלאַך האָב איך געשלונגען מיינע ערשטע מעשהביכלאַך און געחלומט מיינע ער־שטע חלומות! אין סאַמע רעכטן ברען ווען מען האָט זיך מכין געווען אויפצונעמען דעם נייעם בירגער איז דער אַלטער גאָלצאָוו קראַנק געוואָרן אויף אַ לונגענענטצינדונג. ווען אילזע האָט דערהאַלטן

די ידיעה וועגן דער קראַנקהייט פון פּאָטער, צו וועלכן אילזע איז געווען זער שטאַרק צוגעבונדן, איז זי גלייך געקומען קיין פּירגאַלען. וואָכנלאַנג האָט זי זיך צוגעקוקט, ווי אַזוי עס ראַנגלט זיך אַ שטאַרקער מאַן מיטן טויט, און סוף כל סוף האָט ער אויך איר פּאָטער צוגענומען אין זיינע אָרעמס.

ווידער איז עס געווען אַ שיינער מאַי־זונטיק בעת עס איז פאָרגעקומען די גרויסאַרטיקע לויה פון רייכן גוטבאַזיצער, וועלכן מען האָט מקבר געווען מיטן גאַנצן פּאַראַד, ווי עס פּאַסט פאַר אַ הויכן מאַן פון לאַנד. ווידער האָט זיך פאַרזאַמלט די גאַנצע פאַמיליע, עס איז אָנגעקומען דער גאַנצער אָפיצערן־קאָרפּוס פון קעניגסבערגער קיראַסירער רעגימענט, וואו וואַלטער, דער עלטסטער זון פון פאַרשטאָרבענעם, האָט געדינט און זיינע מוזיקאַנטן האָבן געשפּילט די טרויער־מאַרשן. די קנעכט און די באַאַמטע זיינען נאָכגעגאַנגען אין אַ לאַנגער שורה נאָכן אָרון, וועלכן עס האָבן געטראָגן דער גרייזגרויער וואַלד־שומר מיט זיינע יעגער. אַן אמתער, אויפריכטיקער טרויער איז געלעגן אויף די אָפּגעבריטע געזיכטער פון די דאָזיקע אַלע פּראַצע־מענטשן. ווערנער גאָלצאָוו איז זיי געווען אַ גוטער און טרייער באַלעבאָס. זיי האָבן קיינמאָל נישט געשפּירט אויף זיך נישט זיין פויסט, נישט זיין קאַנטשיק, ווי זייערע חברים פון די אַרומיקע שכנישע גיטער. אָבער פאַר זיין יורש, דעם יונקער, האָבן זיי זיך גאָר שטאַרק געשראָקן. זיין יונג, שיין פּנים איז געווען שטריינג און שטאָלן; אויף די אומבאַהאָלפענע טרייסט־ווערטער פון זיין פּאָטערס דינער האָט ער געענטפערט מיט אַ לייכטן קאָפּ־שאָקל; זיין האַנט, וואָס זיי האָבן געוואָלט אַ קוש טון לויטן אַלטן פרייסישן מנהג, האָט ער אומגעדולדיק צוריק געכאַפּט. נאָך דער לויה האָט די באָבע אויפגענומען אַלע באַדינטע אין דעם גרויסן זאַל פון פּריצישן הויז. דעמאָלט האָבן זיי טאָפּלט דערשפּירט איר גוט האַרץ, וואָס

האָט נישט געוואוסט פון גאוה. דאָ האָט זיך נישט געשפּירט קיין אונטערשייד צווישן דינער און האַר. איינער נאָכן אַנדערן האָבן זיך אַלע געווענדט צו איר מיט דערזעלבער פראַגע:

—אונזער באַראָנעסע וועט אונז מסתמא נישט פאַרלאָזן!

שמייכלדיק האָט זי נאָר געשאָקלט מיטן קאָפּ, און זיי זיינען צוועק האַלב באַרויקטע.

זעקס וואָכן נאָך דעם זיידנס טויט בין איך געבוירן געוואָרן. אַ הייסער יוני־טאָג איז געווען; די רויזן האָבן געבליט אין זייער גאַנצער פּראַכט, און אין דער אַלטער, טונקעלער געשפּענסטער־אַלעע, וואו די בייזע פּרוי פון פירגאַלען פלעגט ביינאַכט אַרומגיין מיטן קאָפּ אונטערן אָרעם, האָבן געשמעקט די לינדענביימער און פאַרשכורט מיט זייערע ריחות. געקומען אויף דער דער וועלט בין איך גראַדע אין דער צייט, ווען די דאָרף־איינוואוינער זענען אונטערן קלאַנג פון די גלאָקן געגאַנגען אַהיים פון דער קירך. איך האָב זיך געאיילט קומען אויף דער וועלט. דעם וועג צום אים האָב איך געפונען אָן דער הילף פון אַן אַקושערקע. בשעת זי איז געקומען האָט מיך שוין די באָבע געהאַלטן אויף די הענט, און מיין פּאָטער האָט געקוקט אויף זיין קינד און פון גרויס שמחה געגאָסן מיט הייסע טרערן.

אַ נאָמען האָט מען מיר געגעבן אַליקס—אַזוי האָט געהייסן מיין באָבעס מאַמע, וועלכע די טאָכטער האָט ממש פאַרגעטערט. אַ געזונטע פּישער־פרוי, וואָס האָט מיך געזויגן אינאיינעם מיט איר יינגעלע, איז געוואָרן מיין אַם. שטאַרק אָפּגעהיט פון דער אַם און דער באָבען, צו וועלכער דאָס עופּעלע מיט די שוואַרצע האָר און די טונקעלע אויגן איז געווען זייער ענלאַך, בין איך געליבן אין פירגאַלן אויף דעם גאַנצן ווינטער. זיפּצנדיק האָט מיין פּאָטער דערצו איינגעוויליקט, ווייל ער האָט געזען, אַז דאָ ווער

איך אַ סך בעסער אויפֿגעפּאַסט, ווי אין קעניגסבערג, וואו מײַן מוטער פֿלעגט זיך די גאַנצע צײַט אָפּגעבן מיט פֿאַרשידענע פֿאַרווײַלונגען. אָפֿטער פֿלעגט דעם פֿאָטער באַפֿאַלן אַ שטאַרקע בײַנקעניש פֿלעגט ער נישט קוקן אויפֿן שלעכטן וועטער אָדער שטורמווינט און פֿלעגט, ווי אַמאָל צו דער געליבטער, צו דער כּלה, קומען צולויפֿן, רײַטנדיק צו דער טאָכטערל, אָנצוקושן זי און שאָקלען אין זײַנע אָרעמס. שפּעטער האָט מיר מײַן אָם דערציילט, אַז מײַן באָבע פֿלעגט וויינען קוקנדיק אויף אים. אַ צײַט לאַנג האָב איך אָבער נישט פֿאַרשטאַנען פֿאַרוואָס.

נאָכדעם איז געקומען דער קריג. דער שרעקלאַכער, דײַטסישער ברודער־קריג. מײַן פֿאָטער איז געוואָרן דער אָנפֿירער פֿון אַ קאָמפּאַניע אין איינעם פֿון יענע רעגימענטן, וואָס זענען דורך די מערדערשע שלאַכטן אין בעמען כמעט אינגאַנצן פֿאַרניכטעט געוואָרן. אין די וועלדער אַרום קעניגרעץ האָט אים געטראָפֿן אַ קויל. ווען נישט אַ פּאָר געטרײַע גרענאַדירן, וועלכע האָבן אים ליב געהאַט, ווי אַן אייגענעם פֿאָטער, וואָלט ער אָפּגעגאַנגען מיט בלוט. הגם זיי זײַנען אַליין אויך געווען געבוק שוואַך און מיד. האָבן זיי זיך שפּעט בײַנאַכט אַוועקגעלאָזט זוכן — וואו זיי האָבן געקלערט — דעם טויטן קערפּער פֿון זייער געליבטן הויפּטמאַן. דאָס בילן פֿון פֿוקסן און מײַן פֿאָטערס הונט, האָט זיי אויפֿגעדעקט די שפּורן פֿון פֿאַרוואונדעטן. באַלד ווי מען האָט נאָר געקאָנט פֿאָרן האָט מען אים געבראַכט קיין קעניגסבערג. דערזען דעם אויסגעמאַטערטן און פֿאַרוואונדעטן מאַן איז מײַן מוטער, נישט־געקוקט אויף איר שטענדיקן פֿעסטן כאַראַקטער, געפֿאַלן אין חלשות, און ער האָט איר שמייכלדיק געטרייסט. אַ גאַנץ לאַנגע צײַט איז ער געלעגן שווער קראַנק אין זײַן צימער. אָבער אַז ער האָט זיך אָנגעהויבן צו בעסערן פֿלעגט ער מיר אָפּגעבן זײַן גאַנצע צײַט. אין מײַן לעבן האָב איך נישט געטראָפֿן נאָך אַזאַ

מאַנספּאַרשוין, וואָס זאָל זיך אַזוי קאָנען שפּילן מיט קינדער, ווי ער. אַזוי ווי דורכן חלום — ווייל מען פֿלעגט מיך אויסלאַכן ווען איך פֿלעג דאָס דערציילן — איך בין דעמאָלט קוים אַלט געווען צוויי יאָר — שטייט פֿאַר מיינע אויגן דער טונקעלער צימער מיט געדיכטע פֿאָרהאַנגען, אַ גרויסע ברוינע בעט, אַ בלאַסן מאַן, וואָס שטרעקט מיר אויס זיינע אָרעמס. איך געדיינק, אַז איך פֿלעג זיך שטאַרק צושרייען, פֿלעגט דער מאַן אַ מידער, צוריק אַוועקלייגן זיין קאָפּ, און איך, אָפּכאַפּנדיק קוים דעם אָטעם, פֿלעג זיך באַלד ווידער געפֿינען אין מיין ליכטיקן צימער. שפּעטער זע איך אים אויף אַ וויגשטול; איך זיץ ביי אים אויפֿן שויס און שפּיל מיט זיין גרויסן, דיקן זייגער, וועלכער איז פֿאַר מיר געווען עפּעס ווי אַ מין לעבעדיקע באַשעפֿעניש, ווייל יעדע פֿערטל שעה פֿלעגט ער שלאָגן מיט אַ צאַרטן, פֿיינעם קלאַנג.

בלעטער איך נאָך אַ זייטל אין מיינע זכרונות, זע איך גרויסע, רויטע בלומען-ליכט, וואָס שיינען אַריין אין מיינע פֿענסטער. דאָס איז געווען אין פּאָדסדאַם, וואוהין מיר האָבן איבערגעצויגן נאָכן קריג. דאָרט האָבן מיר געוואוינט אויפֿן ערשטן שטאָק אין אַ הויז אַרומגערינגלט פֿון אַלע זייטן מיט אַ גרויסן גאָרטן. אַ גרויסער קאַשטאַנענבוים, ווי אַ זעלנער אויף דער וואַך, איז געשטאַנען פֿאַר די פֿענסטער.

נישט ווייט פֿון אונז האָט געוואוינט מיין מוטערס צווייטער ברודער מאַקס אַ לייטענאַנט פֿון די גוואַרדיעהוזאַרן, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט זיינער אַ קוזינע פֿון עלזאַס. זייער זון ווערנער איז געווען יונגער פֿון מיר נאָר מיט עטלעכע חדשים. די באָבע האָט זיך אין אַ יאָר אַרום אַריינגעצויגן אונטער אונז אין פּאַרטער, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע טעראַסע; אויף דער באַליוסטראַדע זיינען געשטאַנען קליינע, שטיינערנע מלאכימלאַך, וואָס האָבן שטענדיק אויפֿגעלעבט אין מיין פֿאַנטאַזיע. וואַלטער גאָלצאָוו האָט נאָכן קריג

אויסגעטאָן דעם קאָלירטן ראָק מיטן שײנעם העלבלויען קראַגען און האָט איבערגענומען דאָס גוט, וואָס די באָבע האָט אַזוי געוויסנהאַפט און אויפן אַלטן שטייגער געפירט צוזאַמען מיטן געניטן פאַרוואַלטער.

אַ צייט לאַנג האָט זי זיך נאָך געפּרובט אַרבייטן צוזאַמען מיטן זון. זיי זיינען אָבער געווען צו גרויסע קאָנטראַסטן. אין איר מילדקייט האָט וואַלטער געזען שוואַכקייט, אין איר וואָלטעטיקייט פאַרשווענדעריי. עס פלעגט, באמת, אָפט טרעפן, אַז מענטשן פלעגן עקספּלואַטירן איר גוטסקייט. וויסנדיק, אַז זי איז שטענדיק גרייט יעדערן צוהעלפן, אַז אין יעדן מענטשן זעט זי שטענדיק, נאָר דאָס גוטע, פלעגט מען איר טאַקי אָפט אָפּנאַרן — דעריבער האָט זיך דער זון גענומען מיט אַלע כּוחות צושטערן איר וואָלטעטיקער אַרבייט. אָבער דאָס אַלץ וואָלט איר נאָך אַזוי שטאַרק נישט באַרירט, ווייל מיט איר אייגענעם פאַרמעגן האָט זי דאָך געקאָנט טון אַלץ, וואָס זי האָט געוואָלט. אומדערטרעגלאַך איז איר געוואָרן דאָס לעבן צוליב וואַלטערס שטאַרקן חשק צו נייע איינריכטונגען. קיין זאַך איז אים נישט געפעלן געווען — נישט אין הויז, נישט אין דער ווירטשאַפט. די אַלע נייע מאַשינען, נייע אינסטרומענטן, די אַלע רעפאָרמען, וואָס אַ באַדאַכטער גוטסבאַזיצער, וועלכער רעכנט אויך אויס אויף שלעכטע צייטן, פירט זיי געוויינלאַך איין אין אַ משך פון 20 יאָר, האָט ער געוואָלט אַדורכפירן אין עטלאַכע חדשים צייט. די באָבע האָט גערעדט, געוואָרנט, געבעטן, אָבער אירע רייד האָבן קיין שום ווירקונג נישט געהאַט. די שטאַלן זענען פול געוואָרן מיט טייערע פערד, די אַרבייטס-חדרים מיט פאַרשידענע מאַשינען, וואָס קיינער האָט נישט פאַרשטאַנען, וויאַזוי מען רירט זיך צו צו זיי, די צימערן זענען אָנגעפּאַקט געוואָרן מיט מאָדערנע, געשמאַקלאָזע מעבל, פאַר וועלכע עס האָבן געמוזט אָפּטרעטן די אַלטע, סאָ-

לידע זאַכן, די ירושה פון די עלטער־זיידעס. די מוטער מיטן זון האָבן זיך אָנגעהויבן אַרומקריגן. און אַז זי האָט דערזען, ווי דער זון האָט דערלאַנגט מיטן בייטש איינעם פון די רייטקנעכט אַזוי, אַז יענער איז געפאַלן אויף דער ערד און זיך אָפּגעגאָסן אינגאַנצן מיט בלוט — האָט זי עס מער נישט געקאָנט אַריבערטראָגן. אין עטלאַכע טעג אַרום נאָך דער געשיכטע האָט די אַלטע, ברייטע קאַרעטע, איינגעשפּאַנט מיט אַ פּאָר שיינע, ברוינע פערד אַוועקגעפירט דער באָבען פון דעם אָרט, וואו זי האָט צענדליקער יאָרן געלעבט און געאַרבייט, פון איר צווייטער היים, וואָס איז פאַר איר פול געווען מיט גוטע און שלעכטע ערינערונגען. זי האָט נישט געוויינט, זי האָט דעם קאָפּ נישט אומגעדרייט: צו טיף האָט זי געפילט דער שווערן שמערץ, וואָס איר האָט געטראָפן, אירע אייגענע קינדער זיינען איר פרעמד געוואָרן.

בעת די באָבע איז געקומען קיין פּאָדסדאַם בין איך אַלט געווען פיר יאָר. אַן איילבידל פון דער טאָכטער מיטן אייניקל, וואָס מען האָט דעמאָלט געמאָלט ספּעציעל פאַר דער באָבען, באַווייזט גאַנץ גענוי, אַז איך בין אויך פאַר מיין מאַמען געווען אַזאַ פרעמד קינד. פון איר ליכטיקן פּנים מיט די העלבלאָנדע האָר, מיט דער דורכזיכטיקער הויט און די ים־בלויע אויגן האָט שטאַרק אָפּגעשלאָגן דאָס קליינע מיידעלע מיטן שמאָלן, געלן פּנימל, מיט די טונקעלע, געדיכטע לאָקן, מיט די שוואַרצע אויגן וואָס האָבן שטענדיק, ווי פאַרחלומט געקוקט אויף דער גרויסער, ווייטער וועלט. פון קינדווייז אָן האָב איך מיט קנאה באַוואונדערט די צפון־שיינקייט פון מיין מוטער, און אַז מיינע גוטע פריינד פלעגן מיך וועלן ברייגגען צו טרערן, האָבן זיי מיך נאָר געברויכט אָרוף טון „די שוואַרצע אליקס". אַלע זיינען זיי כמעט

געווען בלאַנד, און וואָס קאָן נאָך אַ מינדעריעריקן אַזוי איבערצייגן ווי די מיינונג פון כלל?

די אָנפירער פון אַזעלכע שפּאַסן, וואָס צוליב זיי האָב איך גאַנץ פרי אָוועקגעוואָרפן מייגע אַלע חברטעס זיינען על־פּי־רוב געווען מיין קוזין ווערנער און אַדאַ די טעכטערל פון מיין פּאַטערס רעגימענטס־קאַמעראַד. מיט דער אַכזריות, וואָס מיר געפינען נאָר ביי קליינע מענטשן־חיות. פלעגן זיי זיך מיט מיר רייצן, כדי זיך נוקם צו זיין אָן מיר דערפאַר, ווייל איך בין געווען אַנדערש פון זיי. אחדות פלעגן מיר אַלע דריי, אייגנטלאַך, שליסן נאָר דאַן, ווען מיר דהאָבן געוואָלט אָפּטאָן אַ שפּיצל אונזערע פראַנצויזישע באָנעס. מיר האָבן זיי אַלע נישט געקאָנט פאַרטראָגן און געקוקט אויף זיי ווי אויף אַ צרה, פון וועלכער מיר מוזן אַלע צוזאַמען ליידן.

יעדן טאָג פלעגן זיי אונז פירן אין פּאַרק סאַנסוסי. קיין דייטשעס וואָרט האָט נישט געטאָרט קומען איבער אונזערע ליפּן און אַרטיק האָבן מיר געמוזט גיין איינער נעבן אַנדערן. וויבאַלד אָבער די דריי פרייליינס פלעגן זיך אַוועקזעצן אויף אַ באַנק מיט זייער האַנטאַרבייט, און זייערע וויכטיקע געשפּרעכן פלעגן דערגרייכן דעם העכסטן פונקט, דאַן פלעגן מיר געשווינט אויסנוצן די געלעגנהייט און תיכף נעלם ווערן פון זייערע אויגן, און דאַמאָלט בין איך שוין געווען די אָנפירערן. באַהאַלטן פלעגן מיר זיך אין די סאַמע געדיכסטע קוסטעס און אין די גרינע שאָטנס פלעגן מיר זיך שפּילן און דערציילן פאַנטאַסטישע מעשיות. מיט מיין רייכע פאַנטאַזיע פלעג איך אָנשטעקן יענע צוויי. צווישן האַלב צובראָכענע שטיינערנע געטער־בילדער פלעגן זיי פלייסיק גראָבן און זוכן די אוצרות, פון וועלכע איך האָב אַזוי גוט געקאָנט דער ציילן. געדולדיק פלעגן זיי אַרומקריכן אַרום דעם פּאַלאַץ פון אַלטן פריץ אויבן אויף דער בלומען־טעראַסע און דאָרט וואַרטן

מיט האַרצקלאַפּעניש אויף די ריטער און די פּעען, וועלכע איך דהאָב שוין אַזוי אָפט געזען. אַז עס פלעגט זיך אָבער נישט באַ- ווייזן קיין שום זאַך, און דאָס וואַרטן איז געווען אומזיסט, האָט מיר שוין קיין צרות נישט געפעלט, און אונזערע דריי ערציערנס פלעגן אונז לעזן נאָטאַציעס. פאַר די שמוציקע הענט און די צו- קנייטשטע קליידער בין איך שטענדיק געווען די הויפּטשולדי- קע.

ביסלאַכווייז האָט זיך מיין גראָבער, פּראָזאַאישער קוזין צו- געווינט צו די איינפאַלן פון מיין רייכער פאַנטאַזיע און פלעגט ענטפערן דערויף מיט אַן ערנסט „צו נאַריש". דאָס האָט מיר שטענדיק געקריינקט ביז טרערן און צוליב דעם האָב איך אָנ- געהויבן אַלץ ווייניקער ריידן און מער שווייגן, דעמאָלט פלע- איך אַלע טאָג שפּילן מיט דער פּילקע און מיטן רייף און נישט קריכן אין די קושאַקעס. מיין פריילין פלעגט מיך דאַן זייער לויבן און זאָגן: אָ זי איז טאַקע אַ קלוגע! איך בין נאָך נישט געשטאַ- נען פעסט אויף דערדאָזיקער שטופע פון גוטער ערציונג ווען מיר האָט געטראָפן אַ גרויסער צער: אין אונזער גאָרטן, וואו מיר פלעגן זיך געוויינלאַך שפּילן יעדן נאָכמיטאָג, זיינען אויפן וועג געלעגן אַ סך קאָלירטע שטיינער. אין אַ ווינקל אונטער אַ זשאַסמין קושאַק פלעג איך פאַר די הייסע ביימלאַך שטענדיק דערציילן מיינע גרויסע סודות, האָב איך אָנגעקליבן די שענסטע שטיינדלאַך, וואָס איך האָב געפונען. איך בין געווען פעסט פאַר- זיכערט, אַז אינעווייניק אין זיי זענען פאַראַן גאָלדענע קאַרעטעס געשפּאַנט מיט ווייסע פערד, פּראַכטפולע קייזערליכע קרוינען, גרויסע, רייכע פּאַלאַצן. האָב איך געפּרובט מיט אַ האַמער זיי עפענען, ווערנער און אַדאַ האָבן זיך דערפון דערוואוסט. מיין קוזין, אָנגעשטעקט מיט מיין פריערדיקער באַגייסטערונג, האָט אויך שטאַרק געאַרבייט ביים עפענען די שטיינער און סוף-כל-סוף

האָט זיך עס איינגעגעבן, „אוי ביזטו אַ שוטה" האָט ער אויסגע־שריען מיט כעס האַלטנדיק אין האַנט די גרויע שטיקלאַך,—דאָס זיינען דאָך גאַנץ פּשוטע שטיינער!"

שפּעטער האָב איך אויך געגלויבט, אַז מען קאָן אין אַ סך טויטע זאַכן וואונדער אַנטפּלעקן. אָפּגיסנדיק זיך מיט אַ שווייס פֿלעג איך פּרובן אַרייַנצודרינגען אין זיי, אָבער קיינמאָל האָט מיר דער טעות אַזוי שטאַרק נישט געערגערט און נישט געטריבן אין אַזאַ ווילדן יאוש, ווי דעמאָלט, ווען איך בין אַ פֿינפֿיאָריגעס קינד געזעסן וויינענדיק איבער די צעבראָכענע שטיינער.

ווען אַלע פֿלעגן פֿון מיר חוזק מאַכן און אַ שווערער צער פֿלעגט מיך באַפֿאַלן און קיינער האָט מיך נישט פֿאַרשטאַנען, פֿלעג איך געפֿינען טרייסט בייַ איין מענטשן און דערזאָ־זיקער מענטש איז געווען מייַן באָבע. ווי אָפֿט פֿלעג איך לויפֿן צו איר אין איר שטילע מלוכה, וואו זי פֿלעגט זיצן און לעזן, שרייַבן אָדער גאָר שטיל חלומען אין איר טיפֿן גרינעם פֿאָטער־שטול צווישן בליענדיקע בלומען און טונקעלע פּאַלמעס. זי האָט פֿאַר מיר שטענדיק צייַט געהאַט. זי האָט פֿון מיר קיינ־מאָל נישט געלאַכט און האָט קיינמאָל אויף מייַנע טויזנטער פֿראַגן ניט געענטפֿערט מיט יענער תשובה „דאָס פֿאַרשטייסטו נישט" וואָס באַליידיקט אַזוי דאָס ווייכע קינדער־געמיט. און ווען דער פּאַרק און דער גאָרטן, ווען דאָס וואַסער און דער וואַלד פֿלעגן זיך אין מייַן פֿאַנטאַזיע פֿול ווערן מיט טויזנטער ברואים, וואָס פֿלעגן יעדן אָוונט טאַנצן אַ קאַראַהאָד אַרום מייַנע בייטן, האָב איך געוואוסט, אַז די באָבע האָט עס געזען אַזוי ווי איך; די אַנדערע אָבער זעען דאָס נישט. אַז איך פֿלעג בייַ איר זייַן, האָבן מיר אירע צימער אויסגעזען עפּעס, ווי אַ פֿאַנטאַסטי־שע מלוכה. פֿון צווישן די פֿלאַמען האָט צו מיר געשמייכלט דער

שיינער, ווײַסער קאָפּ פֿון איר פֿאָטער. פֿון די ווענט פֿלעגן אויף מיר אַראָפּקוקן מענער און פֿרויען, וועלכע זיינען מיר באַקאַנט געווען פֿון ערשטן מאָל, ווי איך האָב נאָר מײַנע אויגן געעפֿנט. אונטער איינעם פֿון דידאָזיקע בילדער איז דעם גאַנצן יאָר זומער און ווינטער געשטאַנען אויף אַ קליינעם פּאָסטאַמענט אַ בוקעט פֿרישע בלומען.

שעהן לאַנג פֿלעג איך אָפּזיצן אויפֿן פּוסביינקעלע נעבן מײַן באָבען, דעם קאָפּ אַרײַנגעגראָבן אין די ווייכע פֿאַלדן פֿון איר סאַמעטענער קלייד, די אויגן אויף די טאַנצענדיקע און שפּרינגנדיקע פֿלאַמען פֿון קאַמין־פֿײַער. איר שטילע שטימע האָט איבער מיר געקלונגען, און איך פֿלעג נישט מיד ווערן צו הערן אירע שיינע מעשהלאַך; דאָס זיינען געווען די שענסטע שעהן פֿון מײַנע ערשטע קינדער־יאָרן. און די אַלע איבערלעבעניש זיינען פֿאַר מיר געווען פֿיל וויכטיקער. ווי די געשעענישן פֿון עפֿענטלאַכן לעבן, וועלכע האָבן זיך דעמאָלט אָפּגעשפּילט, אַזוי געדיינק איך כמעט ווי גאָרנישט פֿון דײַטש־פֿראַנצויזישן קריג, כאָטש איך בין שוין דעמאָלט געווען אַזעקס־יאָריגעס קינד. עפּעס געדיינק איך אַזוי ווי דורכן חלום, ווי איך פֿלעג זיצן ביים פֿענסטער און צופּן שאַרפּיע, אָדער איך פֿלעג מיט אַ רחמנות־פּנים אַריינלייגן אַ זעמל פֿון מיין פֿרישטיק פֿאַר די אָרימע זעלנער אין אַ קעסטל, וועלכע מיין מוטער פֿלעגט יעדע וואָך איינפּאַקן. איך געדיינק אויך ווי איך פֿלעג שרייען הוראַ ביי יעדער ידיעה וועגן אַ נצחון און ווי איך האָב אַריינגעשטעלט די אילומינאַציע־ליכטלאַך אין גלעזער מיט זאַמד נאָך דער מפּלה פֿון סעדאַן. איך ווייס אויך, אַז מיר איז זייער געפֿעלן געוואָרן דאָס בונטע בילד, ווי די זיגער זיינען אַריין קיין בערלין. דעמדאָזיקן פֿאַראַד האָב איך צוזאַמען מיט מיין מוטער, אויסגעפּוצט אין אַ בלויער זיידענער קליידל, בייגעוואוינט אין איי־

נעם פון די לינדן=האָטעלן. איך געדיינק, אַז מיין לאָרבער=קראַנץ
איז אָנשטאָט צופאַלן אויפן שפיז פון אַ זעלנער, אַראָפּגעפאַלן אויפן
אָפּענעם שירעם פון עפּעס אַן איינפאַרער בערלינער בירגער=פרוי,
אָבער פון אויפגעבלאָזענער פּאַטריאָטישער באַגייסטערונג, ווייס
איך גאָרנישט. אפשר האָט אויף מיר געווירקט די געדריקטע שטי=
מונג ביי אונז אין שטוב, ווייל קיין ריכטיקע נצחון=פרייד האָט
מען דאָ קיינמאָל נישט געזען. די סבה דערפון איז געווען נישט
נאָר דאָס, וואָס די זין און די מענער פון אונזער פאַמיליע זיי=
נען געווען אונטערגעוואָרפן אַלע אומגליקספאַלן פון קריג, ווייל דער
באָבעס נאָנטע, ליבסטע קרובים האָבן געדינט אין דער פראַנצוי=
זישער אַרמיי. איר ברודערס זין האָט מען געבראַכט אַלס גע=
פאַנגענע קיין פּאָסדאַם; איר מוטערס עלטסטער ברודער, וואָס
האָט נאָך אַלס יונגערמאַן פאַרדינט די שפּאָרן ביי נאַפּאָלעאָן דעם
ערשטן, האָט איצט מיט דערזעלבער פייערדיקע ליבע צום פאָ=
טערלאַנד, געקעמפט פאַר זיין יורש. פון דער שרעקלאַכער שנאה
צו די פראַנצויזן, וואָס מען האָט אין דער שפּעטערדיקער צייט איינ=
געפלאַנצט אין די דייטשע קינדער, האָבן מיר דעריבער דעמאָלט
גאָרנישט געוואוסט. איך מיין, אַז יענער הוררא=פּאַטריאָטיזם, וואָס
פאַרשפרייט זיך איצט אַזוי שטאַרק, אַנטוויקלט זיך נאָר אין
פרידנס=צייט. ווער עס קוקט אָן דעם קריג אויג אין אויג, ביי
דעם איז אפשר די ליבע צום פאָטערלאַנד נישט ווייניקער טיף,
אָבער לכל=הדעות ערנסטער און שטילער. שפּעטער, נאָכדעם ווי
די גרויסע פעלקער=קאַמפן ענדיקן זיך, דינען זיי אפשר אַלס מיטל
אויפצוועקן באַגייסטערונג אויך ביי די קינדער. אויף אַזאַ אופן
איז דעמאָלט מיין פאַנטאַזיע, ווי מיין געמיט איינגאַנצן נישט באַ=
רירט געוואָרן פון אַלעם, וואָס איז דאַן פאָרגעקומען. נאָר אויף
מיין פאָטערס אַהיימקומען האָב איך געוואַרט מיט דער גרעסטער
אומגעדולד.

ער האָט אונז אַלעמען געבראַכט פון פראַנקרייך שיי=מתנות. זיין געזיכט האָט געשטראַלט בעת ער האָט דידאָזיקע מתנות אויסגעפּאַקט און געטיילט. מיט די שיינע שפּילצייג האָב איך זיך גאָרנישט געקאָנט זאַט אָנפרייען, אָבער אַ שיינע גאָלדענע קייטעלע, וואָס ער האָט מיר געשיינקט, האָט מיר גאָר אי=בערגליקלאַך געמאַכט. צולויפנדיק צום שפּיגל, האָב איך עס אָנגעטון אויפן קאָפּ און דאָס פּערעלע, וואָס האָט אַראָפּגעהאַנגען אין רעכטן מיטן, איז מיר געלעגן אויפן שטערן — מיינע שוואַרצע לאָקן זיינען טאַקע גאָרנישט געווען אַזוי מאוס, ווי איך האָב געמיינט — פּלוצלונג האָב איך דערזען הינטער מיר דאָס געזיכט פון מיין מוטער. מיט שרעק און פאַרוואונדערונג האָב איך מיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו איר; אויפן טיש זיינען געלעגן אָנגעוואָרפן זיידענע און סאַמעטענע שטאָפן; מיט צערטלאַכע ליבעפולע אויגן האָט דער פאָטער זי אָנגעקוקט — און זי — זי האָט זיך נישט געפרייט! די ערשטע ווערטער, וואָס איך האָב פון איר געהערט זיינען געווען מוסר=ווערטער צום פאָטער פאַר די צו גרויסע אויסגאַבן אויף אַזעלכע מותרות, אָן וועלכע מען קאָן זיך גאַנץ גוט באַגיין. מיט אַן העפטיקער באַוועגונג האָט זי מיר אַראָפּגענומען פון די האָר דאָס קייטעלע, וועלכע איז באַלד ווי שוין אַ סך אַזעלכע שיינע זאַכן, פאַרשוואונדן געוואָרן אין דער טיפעניש פון זילבער=שאַנק, ביז וואַנען „אַליקס וועט ווערן אַ גרויסע". דאַן האָט זי דעם פאָטער מיט אַ קאַלטער פראַזע געדאַנקט, און איך האָב מיט דעם פיינעם געפיל פון מיין קינדער=האַרץ געשפירט, ווי שווער דאָס איז איר געווען.

אַ טונקעלער שאָטן איז געפאַלן אויף דער שמחה פון אונזער יום=טוב. דער פאָטער איז אַן אומעטיקער אַרויסגעגאַנגען פון צימער, און איך, אַן אָנגעשראָקענע, האָב זיך פאַרקליבן שפּילן אין דעם אָפּגעלעגענסטן ווינקעלע פון שטוב. פריידּ איז איינע

פון די צערטלאַכסטע פלאַנצן אויף דער וועלט, דאָס האָב איך דעמאָלט נישט־באַוואוסטזיניק דערשפּירט צום ערשטן מאָל: ווען די שמחה, די פרייד דערגרייכט איר העכסטע אויפבליאונג, איז געגוג אַיין קאַלטער ווינטעלע איר אינגאַנצן אָפּצוטויטן. מען מוז איר פלעגן און היטן און נאָר איר נאַטירלאַכעס פאַרוועלקן פאַרשאַפט נישט קיין שמערצן. פון דאַן אָן איז די שטימונג געבליבן אַ געדריקטע; מיין פאָטער, דורשטענדיק נאָך דער ליבע פון זיין שיינער, גלייכגילטיקער פרוי, פלעגט איר דאַנקבאַר זיין פאַר יעדן וואַרעמען בליק. אָפט פלעגט ער מיך נעמען אויפן שויס, צולייגן מיין בעקעלע צו זיין געזיכט, דהאַלזן, גלעטן מיך, נישט אַראָפּנעמענדיק בעת־מעשה די אויגן פון איר, פון דער מוטער, וועלכע איז דעמאָלט אַרומגעגאַנגען איבערן צימער און געווישט דעם שטויב פון מעבל.

מיטאַמאָל האָט מען אָנגעהויבןריידן, אַז די מוטער איז קראַנק און מוז אַוועקפאָרן אויף אַ לענגערע צייט זיך דערהאָלן. באַלד האָט מען זיך גענומען פּאַקן גרויסע קופערס און קערב, און מיר האָבן זיך געלאָזן אין וועג נאָך דער שווייץ, אַלע: די באָבע, די מאַמע, איך, מיין באָנע און אַפילו די שטוב־מיידל. ווי גיך האָבן מיר דאָרט אַלע פאַרגעסן אָן דעם עלנדן איינזאַמען פאָטער! איך האָב זיך נישט געקאָנט זאַט אָנקוקן אויף די וואונדערשיינע, זילבערהעלע שניי־בערג, די בלויע אָזערעס די ברויזנדע וואַסערפאַלן און די שוידערהאַפטע אָפּגרונדן. אין ערגעץ איז מיר נאָך מיין באָנע מיט איר שטענדיקן דרעסירן מיך: „לויף נישט אַזוי געשווינט", „זיי אַרטיק" „האַלט זיך גלייך" נישט געווען אַזוי איבערדריסיק, ווי דאָסמאָל. ווען איך זאָל איר נישט האָבן שטענדיק נעבן זיך וואָלט איך זיך וואַרפן אין גראָז מיט אויסגעשפּרייטע אָרעמס, וואָלט איך לויפן און שפּרינגען, פליען ווי אויף פליגלען, קלעטערן איבער בערג און שטיין אין דער הויך, אַלץ

העכער און העכער ביז צו די זילבערנע קעפּ פון די בערג אין רעכטן מיטן הימל. און איך האָב ווירקלאַך נישט אויסגעהאַלטן. ביי דער פירוואַלדשטעטער — יעזשערע ערגעץ איז עס געווען פון וואַנען איך בין אַנטלאָפן נישט קלערנדיק, אָן אַ ציל, נאָר דורכגעדרונגען מיטן פרייד־געפיל פון אַן אומגעבונדענער קראַפט. ערשט אַז עס האָט אָנגעהויבן טונקל ווערן האָב איך אַ קלער געטון וועגן מיין דרייסטן איינפאַל. דאָ איז אָבער פלוצלונג געשען עפּיס אַ מין וואונדער, און איך האָב פאַרגעסן אָן אַלץ. די ווייסע בערג האָבן באַקומען רויטגליענדע אברים. מענער־שטימען און שרעקלאַכע געשרייען האָבן מיך אויפגעוועקט פון דערדאָזיקער באַצויבערונג. אַלע איינוואוינער פון האָטעל דהאָבן זיך געלאָזן זוכן דער אַנטלאָפענער. ווי אַ שטומע בין איך אַהיים געגאַנגען; אַלע נאָטאַציעס, וואָס מען האָט מיר געלעזן, וועלכע פלעגן מיך שטענדיק זייער קרייוקען, האָבן מיך דאָסמאָל נישט באַרירט. דאָס וואָס איך האָב איבערגעלעבט האָט אין מיר אויסגעלאָשן אַלע אַנדערע געפילן. נאָר דער באָבען האָב איך שטילערהייט פאַרטרויט דעם גרויסן סוד: ווי די באַרג־ריזן זענען פלוצלונג פאַר מיר לעבעדיק געוואָרן. דעמזעלבן יאָר אין הערבסט איז די באָבע געפאָרן צוריק קיין פּאָסדאַם און איך מיט דער מאַמען קיין אויגסבורג, צו מיין פאָטערס שוועסטער קלאָטילדע. זי האָט חתונה געהאַט מיטן באַראָן אַרטערן, מיטן יונגערן ברודער פון דער מומע קלעווע, ביי וועלכער זי האָט זיך ערצויגן. איר גרויסער גליק האָט אָבער נישט לאַנג געדויערט, אַ קורצע צייט נאָך דער חתונה איז זי געבליבן אַן אַלמנה. אַ צייט לאַנג איז זי געווען אין אַזאַ צושטאַנד, אַז אַלע האָבן געגלויבט, אַז איר הייסער וואונטש נאָכצוגיין דעם מאַן ווערט ווירקלאַך ערפילט, און מיין פאָטער איז געווען דידאָזיקע פּערזאָן, וואָס דהאָט זיך איר אין יענער שרעקלאַכער צייט איבערגעגעבן מיט לייב און לעבן, מיט דער גאַנצער מסירת־נפש

דיקער ליבע און צערטלאַכקייט, אויף וועלכע ער איז פעאיק גע־
ווען, און ענדלאַך האָט זיך אים איינגעגעבן איר ביים לעבן צו
דערהאַלטן.

עס איז נישטאָ אויף דער וועלט נאָך אַזאַ קראַפט, וואָס
זאָל אַזוי היילן אַלע לעבנס־וואונדן, ווי די ווייכע הענט, די
קלאָרע אויגן און דאָס העלע לאַכן פון אַ קינד—דאָס האָט מיין
מאַמע נישט געהאַט, אין מיר, אַזוי האָט מיין פאָטער געהאָפט,
וועט זי דאָס געפינען.

אין אַ טריבן אָקטאָבער טאָג זיינען מיר אָפגעפאָרן קיין
אויגסבורג. אויפן וואָקזאַל האָט אונז באַגעגנט אַ דינער אין אַ
טרויער־ליווערע; די קאַרעטע איז געווען טונקל. פינסטער זיינען
געווען די שמאָלע, זייטיקע גאַסן, און גרוי, ווי טויטע, האָבן
ביי מיר אויסגעזען די אַלטע הייזער. אַן אַלטע דינערן מיט אַ
גרויסן בונד שליסלען אויפן זיידענעם פאַרטוך האָט אונז די ער־
שטע מקבל פנים געווען. אויבן, ווי אַ פירשטין, האָט געוואַרט אויף
אונז די ווירטן פון הויז. דער טרויער - שלייער האָט איר כמעט
אינגאַנצן באַדעקט, פון אונטער אים האָבן נאָר אַרויסגעשיינט איר
ווייסער פנים און אירע רויטע האָר. וויינענדיק איז זי אונז אַרויפ־
געפאַלן אויפן האַלז, און, איבעראַשט דורכן איינדרוק פון דער
נייער סביבה האָב איך געוויינט צוזאַמען מיט איר. „טייער קינד״
האָט זי געזאָגט און האָט מיך צערטלאַך געקושט, איך האָב גלייך
געוואונען איר האַרץ.

עפּיס אַ מין משונהדיק לעבן האָט זיך פאַר מיר אָנגעהויבן
אין דעמדאָזיקן גרויען הויז מיט זיינע לאַנגע, חושכדיקע קאָרי־
דאָרן, מיט די טונקעלע בילדער אויף די ווענט, מיט די גרויסע
שוואַרצברוינע שאַפעס און די געדיכטע, ווייכע דיוואַנעס, וואָס
מען פלעגט גאָר אויף זיי די טריט נישט הערן. די טירן זיינען
געווען באַשלאָגן מיט וואָילאָק, כדי אויסצומיידן יעדן גערויש, און

די גליקלאַך האָבן אַרויסגעגעבן אַ טעמפּן קלונג. די מומע האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן דעם קלענסטן געריש. דאָס האָט מען מיר גלייך אַריינגעהאַקט אין קאָפּ, נאָר ווען מען זאָל דאָס מיר נישט זאָגן, וואָלט איך דאָ אויך געווען גאַנץ שטיל. נאָר אין שטיבעלע ביי דער אַלטער קאַטאַרזשינע, ביי דער עקאָנאָמקע, וועלכע האָט מיך תיכף ליב געקריגן, ווי אַן אייגן קינד, האָב איך געמעגט לאַכן און שטיפן. קומענדיק צייטנווייז צו די קרובים און באַקאַנטע אין שטאָט פלעג איך מיך פילן, ווי איינער, וואָס האָט זיך נאָר וואָס אויפגעכאַפּט, פון אַ הינערפלעט. דידאָזיקע קרובים האָבן דעמאָלט אויפגעוועקט אין מיר די ערשטע מיידלשע פוסטקייט. זיי פלעגן מיך פשוט באַוואונדערן, ווי עפּיס אַן אויסערגעוויינלאַכע באַשעפעניש, און אַז מיין מוטער פלעגט מיך שפּעטער, בלייבנדיק מיט מיר אַליין, אָפּגיסן מיט אירע ווערטער, ווי מיט קאַלטע וואַסער, פלעג איך אין דעם זען נישט מער, ווי איר פאַרלאַנג צופאַרשטערן מיין שמחה, וועלכע זי האָט מיר נישט פאַרגונען. ווי איך האָב מיך פריער געפילט נידריקער פון אַלע, ווי איך האָב מיך געהאַלטן פריער פאַר דער העסלאַכער אין פאַרגלייך מיט מיינע העלבלאָנדע חברטעס, אַזוי האָב איך איצט אָנגעהויבן שטאָלצירן דערמיט, וואָס איך בין אַנדערש, ווי זיי אַלע.

— אין מיין צימער, וואו איך האָב איצט געוואוינט אַליין — מיין באָנע האָט גענומען אורלויב און איז געבליבן אין דער שווייץ ביי אירע עלטערן — איז געשטאַנען אַ פאַרשלאָסענער שאַנק, דורך די גלעזערנע טירן פלעג איך לעזן די טיטלען אויף די רוקנס פון די ביכער; לייכט איז עס מיר אָבער נישט אָנגעקומען ווייל איך האָב כמעט נישט געקאָנט די דייטשע אותיות, פראַנצויזיש האָב איך שוין דוקא גוט געלעזן. אויף אַ גאַנצער רייע גרויסע ביכער זיינען געווען אָנגעדרוקט דיזעלבע

ווערטער: „די מעשיות פון טויזנט און איין נאַכט". טויזנט און איין נאַכט"—אַזוי, דוכט מיר, האָט געהייסן דאָס בוך מיט די קאָלירטע בילדער פון וועלכן די באָבע פלעגט מיר פאָרלעזן אַלא־דינס וואונדערבאַרע געשיכטן. אין אויגסבורג האָט מיר קיינער קיין מעשהלאַך נישט דערציילט. די אַלטע קאַטאַרזשינע האָט מער נישט געקאָנט, ווי אַ פּאָר מעשיות וועגן כשוף־מאַכערס. אָ, ווען איך זאָל דאָס אַליין קאָנען לעזן! מיט אַלע שליסלען, וועלכע איך האָב נאָר געפונען האָב איך געפּרובט עפנען דעם שאַנק, כדי זיך צו צוקלויבן צו די אוצרות, וואָס זיינען געווען אין אים באַהאַלטן. סוף כל סוף האָט ער זיך געעפנט. ווי גוט איז געווען וואָס מיר האָט ווי געטון אין האַלז און די מומע מיט דער מאַמען זיינען געפאָרן שפּאַצירן אַליין! מיט האַרצקלאַפּעניש האָב איך אַרויסגענומען איין באַנד נאָכן אַנדערן און האָב אָנגעהויב באַטראַכטן די שיינע בילדער, דאָס ברוינע לעדער און דאָס שטאַרק פאַרפלעקטע פּאַפּיר שטייט מיר נאָך איצט פאַר די אויגן. פון דאַן אָן פלעגט מיר גאַנץ אָפט וויי טאָן אין האַלז. זייער רויק פלעג איך מיר לאָזן מאַכן איינרייבונגען און קאָמפּרעסן, געדול־דיק פלעג איך טראָגן אויפן האַלז דאָס שטיק רויטע פלאַנעל, וואָס איז פאַר מיר געווען אַן אמתע אָפּקומעניש. ווי נאָר איך פלעג בלייבן אַליין בין איך שוין געווען ביי די ביכער, און באַלד האָב איך זיך דורך זיי אַליין אויסגעלערנט לעזן. ווי מיט אַ צויבערמאַנטל האָט מיך אַרומגעכאַפּט דער גרויסער רייכטום פון די פאַרבן, דער גאַנצער מזרח טעמפּעראַמענט. קומענדיק פון שפּאַציר און דערזענדיק מיינע פלאַמענדיקע באַקן אין פייעריקע אויגן פלעגן מיר דער מאַמען מיט דער מומען גלייך אַריינשטעלן אונ־טערן אָרעם דעם טערמאָמעטער, קיין היץ האָב איך אָבער נישט געהאַט. איך האָב מיך דאָך די גאַנצע צייט כלומרשט געשפּילט מיט אויסשניידן ליאַלקעס פון פּאַפּיר, וועלכע זענען לפנים גע־

װען אָנגעװאָרפן אויף מײן טיש!

פאַרװאָס האָב איך געמאַכט דערפון אזא גרויסן סוד? נישט נאָר צוליב דעם, װײל די מאַמע װאָלט געװיס באַהאַלטן פון מיר די ביכער, נאָר מער נאָך צוליב דעם, װײל אַלץ, װאָס עס פלעגט מיך זײער שטאַרק פאַראינטערעסירן, האָט געמוזט בלײבן אַ סוד. עפּיס האָט עס אין מײנע אויגן פאַרלאָרן דעם װערט, די הײליגקײט װען אַנדערע האָבן עס געזען, גערעדט װעגן דעם אָדער דאָס אָנגערירט. קײנער האָט נישט געװאוסט פון דעם געהײמניס אין װעלכן איך האָב געלעבט, קײנעם איז נישט אײנגעפאַלן, אַז אין די פינסטערע קאָרידאָרן און אין די טיפע פענסטער נישעס שטײען פאַר מײנע אויגן, װי לעבעדיקע אַלע געשטאַלטן פון מײנע ביכער, אַז פון די בילדער אויף די װענט גײען זײ מיר אַנטקײגן, אַז דורשטיק אָטעם איך אַ שװערע, געדיכטע לופט.

פון קינדװײַז אָן האָב איך געהאַט די געװוינהײט דערצײלן זיך אַלײן בײַנאַכט אין בעט מעשהלאַך. דאָס זײַנען געװען מײַנע שענסטע שעהן! די גראָבע האַנט פון דער װירקלאַכקײט האָט מיר דאָ קײנמאָל נישט געשטערט, קײנער האָט דעמאָלט פון מיר נישט געלאַכט. מײַנע פאַנטאַזיעס זײַנען פון איצט אָן װילדער געװאָרן, אַזױ אַז אָפט פלעג איך מיך פאַר זײ שרעקן און זיך באַהאַלטן אונטערן דעקע. מיט פיבערהאַפטער אויפרעגונג פלעג איך אָפט אָפּװאַרטן מײַן מוטערס טריט אין דערבײַאיקן צימער, רופן איר האָב איך אָבער נישט געװאַגט, װײַל שוין נישט אײנמאָל האָט זי מיר שוין שטאַרק געזידלט פאַר מײַן „נאַרישע אויפרעגונג"!

פאַר דער צײַט האָט מען מײַן פאָטער איבערגעפירט קײן קאַרלסרוע. די באָבע און ער האָבן באַזאָרגט אַלץ, װאָס מען האָט געדאַרפט צום איבערציען זיך, געפונען אַ װאוינונג און זיך

איינגעאָרדנט. ביידע האָבן זיי אויף אונז אונגעדולדיק געוואַרט, ווײַל מיר האָבן זיך כמעט אַ האַלב יאָר נישט געזען. מיר איז גאַנץ שווער געווען זיך צו שיידן מיט אויגסבורג. וויפל איך האָב מיר נישט געבראָכן דעם קאָפּ, ווי אַזוי מיטצונעמען מײַנע ליבע ביכער — האָט זיך עס מיר בשום אופן נישט איינגעגעבן. דערזעענדיק מיך האָבן זיך, מײַן פֿאָטער און די באָבע, פשוט דערשראָקן.

— וואָס ביסטו אַזוי בלאַס, מײַן קינד ? — האָט געפרעגט די באָבע.

— בלויע גריבער אונטער די אויגן! — האָט צוגעגעבן דער פֿאָטער.

אַרײַנגייענדיק דעם ערשטן מאָל אין מײַן פֿאָטערס לאַנגן צימער מיט אַן איינציקן ברייטן פֿענסטער, האָב איך געזען פֿאַרבײַשוועבנדיק אַדורכזיכטיקע, ווײַסע געשטאַלט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. איך האָב אַ שרעקלאַכן געשריי געטאָן, און מען האָט בײַ מיר קוים געפועלט, איך זאָל דערציילן, וואָס אַזוינס מיט מיר איז געווען.

די מאַמע האָט שוין געוואָלט אָנהייבן זיך בייזערן, דער פֿאָטער האָט עפּעס געשטאַמלט וועגן „נאַרישקייטן", וואָס מען האָט דעם קינד אַרײַנגעהאַקט אין קאָפּ. די באָבע אָבער האָט מיך גלײַך אָפּגעפירט אָן אַ זײַט און האָט מיט מיר לאַנג און ליבלאַך גערעדט. וואָס זי האָט מיר געזאָגט, ווייס איך נישט, עס האָט זיך מיר אָבער געעפֿנט מײַן האַרץ און מײַן מויל:

— אוי, גיי נישט אַוועק, באָבעשי! — האָב איך געבעטן אין טרערן בעת דער שרעק איז אַריבער.

אַנדערע אָבער האָבן דער באָבען געדאַרפֿט נאָכמער, ווי איך;

זי האָט געמוזט זיצן בײַם קראַנק בעט פֿון איר מאַקסן, איר יונגסטן זון, און איך בין ווידער געבליבן אַלייך.

עס איז געווען אין רעכטן ברען פֿון ווינטער. אומעטיק און מיט קנאה פֿלעג איך אָפֿט אַרויסקוקן דורך די פֿאַרמאַכטע פענסטער אויפֿן פּלאַץ, וואו די קינדער פֿלעגן שטיפֿן, וואַרפֿן קוילן שניי אָדער מאַכן שניי־מענטשן. זייער זעלטן פֿלעגט מען מיך אַרויסלאָזן פֿון שטוב. פֿון קינדווײַז אָן פֿלעג איך אָפֿט קריגן אַנגינע (האַלז־אָנצינדונג), און דעריבער פֿלעגט מיר מײַן מוטער אין קאַלטן ווינטער אַרויסלאָזן נאָר דעמאָלט, ווען עס פֿלעגט קיין ווינטעלע נישט בלאָזן. אָבער אויך דאַן פֿלעגט זי מיך אָנפּעלצן, ווי אַ בער, און לויפֿן, ווי אַנדערע קינדער, האָב איך נישט געטאָרט, און דאָס האָט מיר נאָך געמאַכט מער מרה־שחורה. דעריבער ווייס איך פֿון ווינטערס אַזוי ווייניק און האָב אַזאַ געפֿיל, ווי איך וואָלט די ווינטערס שטענדיק אָפּגעשלאָפֿן. דער־פֿאַר אָבער ווייס איך גאָר אַ סך פֿון פֿרילינג און פֿון זומער.

הינטערן הויז האָבן מיר געהאַט אַ גרויסן גאָרטן מיט אַל־טע ביימער, מיט בליענדע קושאַקעס און בונטע בלומען. דאָס איז געווען מײַן קעניגרײַך, דאָ האָב איך געמענט טאַנצן און שפּרינגען וויפֿיל מײַן האַרץ האָט געגלוסט; גראָבן היילן, וואָס פֿירן צו אונטערערדישע אוצרות; אויפֿהויבן זיך אויף דער הויש־דאַווקע ביז צו די וואָלקן, וואָס זיינען גאָר געווען שלאַנגען און צויבער־פֿייגל נישט קײַן וואָלקן. דאָ פֿלעג איך קאָנען פֿירן גע־היימניספֿולע דיסקוסיעס מיט מײַנע פּילקעס, וואָס האָבן אַלע גע־האַט לעגענדאַרע נעמען, אַזוי אַז די שכנים פֿלעגן אָפֿט מיינען אַז איך האָב אין גאַרטן גאַנצע מחנות חברים.

דעם גרעסטן טייל פֿון טאָג פֿלעג איך כמעט זײַן אַלייך. מײַן באָנע פֿלעגט זײַן צופֿרידן, וואָס זי דאַרף נישט עפֿענען די מויל און קאָן זיצן רויק אויפֿן סאָפֿע און שטריקן. דער

פאָטער פלעגט ביז מיטאָג זיין באַשעפטיקט אין ביורא פון גענעראַל שטאַב. נאָכמיטאָק פלעגט ער מיט דער מאַמען רייטן שפּאַצירן און דעם גאַנצן אָוונט אַרבייטן ביי זיך אין צימער. די מאַמע איז שטענדיק געווען פאַרנומען מיט אויפנעמען געסט אָדער מאַכן וויזיטן, און די איבעריקע פרייע צייט פלעגט מען סיי זומער סיי ווינטער, אָפּגעבן אויף פאַרשידענע פאַרוויילונגען. נאָר פאַר מיטאָג, אַז דאָס וועטער איז געווען זייער שיין, פלעגט מיר די מוטער אַמאָל מיטנעמען שפּאַצירן מיטן רייף, מיין ליבסטן חבר, פלעג איך לויפן פאָרויס איבער די לאַנגע, גלייכע גאַסן, וואָס פירן צום שלאָספּלאַץ, דאַן פלעג איך מיך אַ צייט שפּילן אין שטילן פאַרק ביז עס וועט קומען די צייט צו גיין אָפּוואַרטן דעם פאָטער פון ביוראָ, פונקט ווי מיר פלעגן צוקומען צו יענעם הויז, פלעגט דער גענעראַל פון ווערדער, דער זיגער פון וואָרט, פאַרענדיקן זיין פאַרמיטאָגס-אַרבייט און אַרויסקומען צוזאַמען מיטן פאָטער באַגלייטן אונז אַהיים, ווייל ער האָט זייער גערן געהאַט שיינע פרויען בכלל און מיין מוטער בפרט.

ווי אַ לעבעדיקער שטייט ער מיר פאַר די אויגן דער קליין געוויקסיקער מאַן מיט די הענט אויפן רוקן, מיט די פייערדיקע אויגן אויפן שפּיציקן געזיכט, ווי ער פלעגט גיין נעבן אונז האָבנדיק שטענדיק גרייט אויפן צונג אַ גלייכווערטל און אין טאַש פאַר מיר אַ נאַשוואַרק. אויפן וועג אַהיים פלעגט שוין מיין רייף זיך אָפּרוען. ווייל דער פאָטער פלעגט מיך פירן פאַרן האַנט און די גאַנצע צייט האַלטן מיך אין איין אויספרעגן און דערציילן. ער האָט אַפילו קנאַפּ וואָס פאַרשטאַנען מיינע פאַנטאַזיעס, און איך פלעג זיך טאַקי היטן זיי אים אָנצופאַרטרויען, אָבער דאָך האָט קיינער נישט אַזוי ווי ער פאַרשטאַנען צופרידיקן מיין חשק אַלץ צו וויסן. אויף אַ גאַנץ אייגנאַרטיקן אופן פלעגט ער מיר ערקלערן פאַרשידענע זאַכן, זאָגאַר די שווערסטע פּראָבלע-

מען האָט ער פאַרשטאַנען צו צופּאַסן צו מיין קינדערשן שכל. ער פלעגט מיר ערקלערן פאַרשידענע נאַטור־ערשיינונגען, כעמישע און פיזיקאַלישע פּראָצעסן, ער האָט מיר געלערנט בעאָבאַכטן דאָס לעבן פון פלאַנצן און חיות, אַזוי, אַז די קורצע צייט וואָס איך פלעג פאַרברענגען מיט אים האָט מיר געבראַכט פיל מער נוצן, ווי ווען איך זאָל אָפּזיצן אַ גאַנץ פאַרמיטאָג אין שולע. קומענדיק אַהיים פלעגן מיר צוזאַמען גיין אין שטאַל וואו איך פלעג אָפּגעבן די פערד מיין צוקער פון פרישטיק, וואָס איך פלעג יעדן טאָג אָפּשפּאָרן פון מאָלצייט, ווייל די מאַמע האָט מיך געזידלט פאַר מיין צוקער־פאַרשווענדונג.

אויגוסט, אונזער קוטשער און דעם פאָטערס רעכטע האַנט, וואָס נישט קוקנדיק אויף זיין פאַרדעכטיקן רויטן נאָז איז ער מיר געווען פיל ליבער ווי אַלע מיינע מאַמזעלן צוזאַמען, האָט געמוזט אַרויספירן פון שטאַל דעם קליינעם „ברוינעם” און איך האָב געקאָנט אַרומרייטן איבערן הויף אויף דער מאַמעס זאָטל, בעת דאָס צווייטע פערדל „פוקכען” האָט אַרומגעטאַנצט נעבן מיר, מיך ערנסט אָנקוקנדיק, פונקט ווי ער וואָלט, אַזוי ווי מיין פאָטער, געדאַרפט באַטראַכטן און קריטיקירן מיין זיצן און האַלטן זיך אויפן „ברוינעם”. קיין פּעדאַגאָגישע פייאיגקייטן האָט מיין פאָטער ניט באַזעצט דעריבער איז די מורא פאַר דערדאָזיקער דהאַלבער שעה פאַר מיטאָג געווען גרעסער, ווי די שמחה פון רייטן. יע, רייטן צו קאָן דען זיין אַ גרעסערער פאַרגעניגן, ווי טראָגן זיך פריי מיט אַריבערגעוואָרפענע לייצעס איבער פעלדער און לאָנקעס — פון גרויס שמחה פלעג איך באַקומען האַרצקלאַפּעניש נאָר טראַכטנדיק וועגן דעם! אָבער אין ענגן הויף, טריט ביי טריט, אין בעסטן פאַל אין קאַראַהאָד און ציטערן יעדע מינוט פאַרן פאָטערס געשריי, טאָמער זיך איך חלילה קרום, האַלט פאַרקערט די לייצעס אָדער פאַרליר דעם בייטש, דאָס איז פאַר מיר געווען

אַן אמתע אָפּקומעניש! געשריי, האַרבע ווערטער פלעגן מיך שטענ־דיק שרעקלאַך קריינקען, און די ליבע באַווייזן, וואָס מיין פאָטער פלעגט שפּעטער, נאָך יעדן אויסברוך פון כּעס פּאַרטאָפּלן, האָבן נישט געקאָנט אויסלעשן דעם שלעכטן איינדרוק. איך פלעג מיך שטענדיק געבן מי נישט אַרויסצורופן קיין כּעס — און דערפאַר פלעגט מען מיך לויבן, אַז איך בין „אַרטיק". מיין האַרץ פלעגט זיך אָבער בעת־מעשה צוזאַמענפּרעסן און איך האָב זיך דעריבער אַלץ מער און מער צוריקגעצויגן אין מיין פאַרשלאָסענעם אינער־לאַכן לעבן. מיין מוטער האָט עס געהאַלטן פאַרן רעזולטאַט פון איר גוטער ערציונגס־מעטאָדע, וועלכע האָט געקאָנט נאָר איין פּרינציפּ: זעלבסטבאַהערשונג! אַ „גוט ערצויגענע מיידל, פלעגט זי זאָגן, ווייזט נישט אַרויס אירע געפילן, און דעריבער פלעג איך זיך אַריינגראָבן אין די קישנס פון בעט בעת איך האָב געמוזט וויינען, דעריבער פלעג איך אַרויסלויפן אין גאָרטן, שפּרינגען, זיך דרויבן אין דער לופטן, ווען איך האָב זיך מיט עפּעס גע־פרייט.

קיין פריינט און חברים האָב איך אייגנטלאַך נישט געהאַט, אָבער גוטע באַקאַנטע, וואָס פלעגן קומען יעדן זונטיק אויסגע־פוצטע מיך נעמען צו זיך, האָט אונז נישט געפעלט. אין פּאַ־לאַץ, ביים גרויסהערצאָג, בין איך געווען אַן אָפטער גאַסט. די פּרינצעסין וויקטאָריא און דער פּרינץ לודוויק, צוויי בליענדע קינדער, זיינען געווען צוויי לוסטיקע חברים. וויינאַכטן ביי דער כאַינקע, פּאַסכאַ ביי די אייער, איז דער פּאַלאַץ פול געווען פון אונזער לאַכן און שטיפן, און די פּריינטלאַכע עלטערן פלעגן זיך פרייען און לוסטיק מאַכן צוזאַמען מיט אונז. נאָר דאָס קאָכן ביי „וויקען" אין דער גרויסער קיך, וואָס דאָס איז געווען דער אידעאַל פון אַלע קליינע מיידלאַך, האָט מיך שרעקלאַך געלאַנג־ווייליקט — ווי עס ווייזט אויס, האָט מען צו מיין מזל־טוב נישט

אײַנגעלאַדן יענע גוטע פּעע, וואָס לייגט אַרײַן אין וויגעלע פֿון וויקלקינד די נויטיקע מעלות פֿון אַ גוטער באַלעבאָסטע. אָבער בײַ מאַקסען און מאַריען, דעם פּרינץ ווילהעלמס קינדער, איז טאַקע נאָך שענער געווען. זייער זיידע פֿלעגט זיי שיקן פֿון רוסלאַנד די שענסטע שפּילצײַג: באַנען אויף אמתע שינעס, לאַלקעס וואָס האָבן געקאָנט לויפֿן און ריידן — אַלץ זאַכן, וואָס געוויינלאַכע שטערבלאַכע האָבן גאָרנישט געקאָנט חלומען וועגן דעם, נאָר בעסער, ווי אומעטום, איז מיר געווען געפֿעלן אין איין הויז, וואו די ווירטין, אַ טאָכטער פֿון אַ באַרימטן קינדער-שרײַבער, האָט זייער גוט פֿאַרשטאַנען צעצעגעזירן שיינע מעשיות. פֿאַר מיר און פֿאַר אירע צוויי שיינע טעכטער, וועלכע זיינען געווען אויף אַ פּאָר יאָר עלטער פֿון מיר, פֿלעגט זי מאַכן פֿון קאָלירטע פּאַפּיר די שענסטע קליידער; מיר פֿלעגן זיך אויספּוצן און פֿאָרשטעלן אין לעבעדיקע בילדער, די העלדן פֿון פֿאַרשידענע גרימס מעשיות, און מיר פֿלעגן זיך אַזוי איינלעבן אין אונזערע ראָליען, אַז דאָס צוריקקערן זיך שפּעטער, צוםווירקלאַכן, פּראָזאַאישן לעבן פֿלעגט אונז זײַן שרעקלאַך שווער.

איך געדיינק נאָך זייער גוט ווי איך האָב אַמאָל אַלס קליינער אַמור (דער גאָט פֿון ליבע) אין אַ ראָז העמדל, אין גאָלדענע סאַנדאַלקעס, פֿון אונטער אַ קראַנץ לעבעדיקע בלומען, געוואָלט שיקן מײַן פֿײַל אין גרויסהערצאָג. אויף זײַן לוסטיקן אויסרוף:

— נו, שיס אויס!

האָב איך פֿאַרגעסן דאָס שטרייגגע געבאָט פֿון שווײַגן און געענטפֿערט:

— דאָס טוט דאָך אָבער וויי!

שפּעטער האָב איך זיך אויסגעלערנט בײַ אַזעלכע פֿאַלן נישט צו פֿאַרלירן דאָס גלײַכגעוויכט, ווײַל לעבעדיקע בילדער

און קאָסטומירטע אָוונטן זײַנען אויך געווען אויף דער טאָגאָרד־נונג בײַ די „גרויסע" און כמעט שטענדיק האָב איך זיך דערין באַטייליקט. אין שפּעלס דיכטונג פֿון „ראָקערטס ווייבכען", וואָס מיר האָבן דאַן פֿאַרגעשטעלט אונטערן רעזשי פֿון דיכטער אַליין, בין איך געווען די קליינע שוואַרצוואַלדער מיידעלע און האָב מיר דערוואָרבן דעם גרעסטן שבח פֿון דיכטער. שטענדיק פֿלעגט ער האָבן אָנגעגרייט אין טאַש פֿאַר מיר עפּעס אַ נאַש־וואַרג, און אים האָב איך געהאַט צו פֿאַרדאַנקען די ערשטע גלאָז סעקט־ווײַן, וואָס האָט אַזוי אָנגענעם צעוואַרעמט מײַן בלוט ביז צו די פּיס־שפּיצן. אויך אַ „ראָקאָקאָ מיידל" בין איך געווען מיט אַ טורמהויכער, געפּודערטער פּריזור; אין אַן עלפֿן־קינד און דאָס פֿײַלכן־בלימל אויפֿן לאָנקע — און וואָס איז דער וואונדער, אַז איך פֿלעג נאָכדעם אינדערפֿרי זיצן, ווי אַ מומיע, נעבן מײַן אַלטן לערער, דעם פּעדאַנט, וואָס האָט מיך געלערנט מאָלן אותיות אָדער נאָכזאָגן לידלאַך און פּסוקים פֿון תנ"ך. איבערהויפּט האָב איך פֿײַנט געהאַט „פֿליכטן". שוין אַלס זעקסיאָריק קינד האָב איך באַשלאָסן, אַז דאָס איז „דאָס ערגסטע". אַלץ, וואָס די מאַמע פֿלעגט טאָן מיטן גרעסטן ווידערווילן, מיט דער העכסטער אומצופֿרידנקייט פֿלעגט זי אָנרופֿן ערפֿילן אירע „פֿליכטן". ציילן אַליין די שמוציקע וועש, ווען דערבײַ זײַנען געשטאַנען דרײַ דינסטן, אַרויסגעבן די פּראָדוקטן צום מיטאָג, כאָטש מיר האָבן געהאַט אַן אויסגעצייכנטע פֿראַנצויזישן קעכין, פֿאָרן מיט מיר נאָכמיטאָג שפּאַצירן, בעת מיר פֿלעגן זיך ביידע שרעקלאַך לאַנג־ווײַלן, אַפֿילו די צײַט פֿון בין־השמשות בײַם פֿאָטער אין קאַבינעט, וואו ער פֿלעגט אונדז אַרויסווײַזן די גרעסטע צערטלאַכ־קייט — דאָס אַלץ זײַנען, לויטן אויסדרוק פֿון מײַן מוטער, אַרײַן אין געביט פֿון די „פֿליכטן". בשום אופֿן וועל איך קיינמאָל אין לעבן מײַן פֿליכט נישט דערפֿילן, האָב איך מיר אין דער שטיל

צוגעשוואָרן און האָב מיך שטענדיק באַמיט איבערגיין פֿון טעאָריע צו פּראַקטיק. שטענדיק האָב איך געהאַנדלט אַזוי ווי מיר איז געפֿעלן. און די באַפֿעלן, וואָס איך האָב נישט באַגריפֿן נישט זייער צוועק און נישט זייער סבה, האָב איך שטענדיק געשטעלט דעם גרעסטן ווידערשטאַנד. דער שטח, וועלכן מען האָט מיר אָפּגעגעבן פֿאַר מײַן פֿרײַער באַוועגונג, איז דעריבער געווען צו איינג פֿאַר מײַנע באַדערפֿענישן. ליב געהאַט האָב איך דעריבער נאָר דעם שיינעם זומער, בעת איך האָב געהאַט כמעט פֿאַר זיך אַליין דעם גאַנצן גאָרטן; און ווען איך פֿלעג אויף זומערוואוינונגען ביי פֿרײַנט און קרובים געניסן די גרעסטע פֿרײַהייט.

אַרומגערינגלט מיט גרינגע בערגלאַך פֿול מיט ניסביימער, פֿון ווייסע און רויטבליענדע פּרוכטביימער, קאַשטאַנען און ליידן איז געשטאַנען צו פֿוסן פֿון די בערג דאָס שיינע שלאָס „וויינהיים-דאָסדאָזיקער פּרעכטיקער פּאַלאַץ, וואָס האָט מיט זיינע גאָרטנס און וויינבערג באַהערשט דאָס גאַנצע שטעטל, האָט געהערט צום גראַף וועריגג, דעם ברודער פֿון מיין עלטערבאָבען. געוואוינט האָט דאָרט יעצט זיין אַלמנה, אַן אַכציקיאָריקע זקנה, וואָס אירע יאָרן האָבן זיך אָבער גאָרנישט אָנגעזען, און ביי איר פֿלעגן מיר אָפֿט אָפּזיצן וואָכן לאַנג צו גאַסט. אויסגעזען האָט זי ווי אַ מאַרקיזע פֿון אַכטצענטן יאָרהונדערט: קליין, נעט, פֿול גייסט און לעבן, מיט קליינע, ווייסע הענט אינגאַנצן אין בריליאַנטן, און אַרום איר אַ גאַנצע מענאַזשעריע פֿון אַלערליי זעלטענע חיהלאַך. פֿאַרקערט האָט זי שטענדיק נאָר מיט דער יוגנט. עס איז גענוג, פֿלעגט זי זאָגן, אַז דער שפּיגל דערמאָנט איר אָן אירע יאָרן. וואָס לעבעדיקער עס פֿלעגט זיין אַרום איר, וואָס מער ליבעסגעשיכטן עס פֿלעגן זיך דאָ אַנטוויקלען, אַלץ פֿריילעכער איז זי געווען. שטענדיק האָט זי געהאַט פֿולגעפּאַקטע שיינק מיט

פאַריזער טואַלעטן און פלעגט מיט זיי באַטיילן אירע געסט. פרויען און דוקא נאָר די שענסטע, און זיי דערצו פאַרפוצן מיט ברילִיאַנטענע רינגען, אָרעמבענדער און מיט פאַרשידענע צירונג.

עס איז געווען גענוג, אַז עמיצער זאָל באַוואונדערן איינס פון דידאָזיקע שמוקזאַכן, האָט ער עס שוין געמוזט נעמען אַלס מתנה. און וואָס פאַר אַ מערקווירדיקע זאַכן זיינען דאָ נישט געווען? אין אירע זאַלן מיט די מעבל אין סטיל פון לודוויק דעם פופצענטן, מיט די גרויסע שפיגלען, און אַ סך גרויסע און קלענערע בילדער. איר האָט דאָ געפונען פאָטערשטולן, פוסביינקעלאַך, ביכער צונויפגעמישט מיט מאָצאַרטס און אָפנבאַכס מוזיק-קאָמפּאָזיציעס; אונגעהויער גרויסע בילדער, וואָס פלעגן פלוצלונג פאַרשווינדן אין וואַנט אַריין און אויף זייער אָרט פלעגט זיך באַווייזן אַ שאַנק פול מיט נאַשוואַרג; טישעלאַך, וואָס פלעגן פון איין שטויס אַריין אין דער ערד און באַלד זיךווידער באַווייזן געדעקט מיט ווײַנען און פאַרשידענע געבעקסן; מיט איין וואָרט, אַ גן-עדן אויף דער ערד, איבערהויפּט פאַר אַ קינדער-האַרץ, וואָס זוכט וואונדער! דערצו נאָך דער גאָרטן מיט זיין אונגעהויערן רייכטום פון פרוכט און בלומען, מיט זיינע געדיכטע אַלעען און פאָנטאַנען און דערצו די פרייהייט, די פולשטענדיקע פרייהייט! פאַרמיטאָג פלעגט מיך די אַלטע, זאָרגזאַמע מומע פריער שטאַרק עקזאַמענירן, מוסטערן, צורעכטמאַכן אַ פאַלד אין מיין קליידל, אָנשפּילן מיר עפּעס אַ שלייפל, וויקלען מיינע לאָקן אויף אירע דינע, קליינע פינגער, אויסגלייכן דאָס קליידל אויף מיינע מאָגערע אַקסלען, אַרויסנעמען די פודער בערשטעלע פון דער קליינער גאָלדענער טאַשנפודעלע, כדי אָפּוואַשן פון מיינע באַקן דעם רעשט פון מיין פאַרמיטאָקדיקער „חוצפּה“, ווי זי פלעגט זיך אויסדריקן!

—איז די קליינע נעט?—פלעגט זי מיך דאַן פרעגן דרייע־דיק מיך פון אַלע זייטן פאַרן שפיגל.

מיט זיידנשטאָף און שפּיצן, מיט קייטעלאַך און רינגעלאַך מיט ווערטער און עצות, וואָס פאַר דער נשמה פון אַ זיבניעריק קינד איז עס געווען אמתער, זיסער גיטס, האָט מיך די מומע געוואָלט צוציען און האָט מיך געהאַלטן אין איין מאָדעלירן און מושטרירן. וואָס זי האָט מיך דעמאָלט געלערנט געדיינק איך, באַטירלאַך, איצט נישט, דאָס ווייס איך אָבער, אַז פון איר בין איך דערגאַנגען, אַז די אויפגאַבע פון דער פרוי איז געפעלן און הערשען, אַז אַלע שפיגלען און פודעלאַך, אַלע פלעשעלאַך פון טואַלעטנטיש, אַלע סודות פון בודואַר זיינען נאָר עטאַפּען אויפן וועג צו דערגרייכן דידאָזיקע אויפגאַבע. דאָס באַוואוסטזיין, אַז איך בין שיין, האָט מיך געמאַכט זייער שטאָלץ און מיט דער קאָקעטעריע פון אַ קליינער מיידעלע האָב איך צום ערשטן מאָל געזוכט אַ מענלאַכעס וועזן, כדי אויף אים אויסצעאיבן מיין ווייב־לאַכע צויבערקראַפט. די אַלטע מומע האָט דערפון אמת הנאה געהאַט, אָבער ליידער איז דער קליינער רורי, איר איינינקל און מיין שפּיל־חבר, גאָרנישט געווען קיין פאַסנדער אָביעקט פאַר מיין קונסט. ער איז נעבאָך געווען אַ שטאַמלער און דערום זייער נישט דרייסט און שרעקנדיק; און איך, ווענדיק ערשיינען פאַר אים מיט דער אומבאַוואוסער גרויזאַמקייט פון קינדער אין מיין גאַנצן גלאַנץ, האָב אים נאָך שרעקעדיקער געמאַכט. עלנדער רודי!

דאָס שטאַמלן האָט מען שפּעטער אויסגעקורירט, אָבער אין זיין געמיט איז דאָך געבליבן עפּעס אַ מין אַנגסט־געפיל. שוין אין די מיטעלע יאָרן האָט ער זיך געשאָסן, און קיינער האָט נישט געוואוסט די סבה פון זיין זעלבסטמאָרד.

מיין ערציונג דורך דער אַלטער מומע איז אייגנטלאַך גע־ווען נאָר אַ טעאָרעטישע, דאָך האָט נישט געפעלט אויך דער אָנ־

שויאונגס־מעטאָד. די הערבסט־וואָכן פלעגן מיר גאַנץ אָפט פאַרבריינגען ביי אירער אַ פראַנצויזישער קרובה אויף איר גוט אין עלזאָס אין אַן אַלטן ריטער־שלאָס, אַרום וועלכן עס האָבן זיך געוועבט פאַרשידענע לעגענדעס. געפאַלענע שטערנס פון נאַפּאָלעאָ:ס הויף פלעגן דאָרט באַשטימען ראַנדע־וואוען פאַר יאַגד און טרויבן־קור. דאָ האָט זיך אָפּגעשפּילט פאַר מיינע אויגן אַ שטיק פאַריזער לעבן: דער באַלעבאָס פון שלאָס, אַן אויפגעקומענער מיליאָנער, וואָס די ערינערונג אָן זיינע קורצע, דיקע הענט, מיט וועלכע ער פלעגט מיר גלעטן איבער די באַקן, רופן נאָך היינט אַרויס ביי מיר אַ שוידער; נעבן אים, זיין פאָרנעמע, צאַרטע פרוי, די גרויסע יחסנטע, אינגאַנצן איינגעוויקלט אין שפּיצן, וועלכע זי פלעגט אָן אַן אויפהער צופּן מיט אירע דורכזיכטיקע, נערוועזע הענט. איינע פון אירע טעכטער איז געוועזן די פרוי פון מיין פעטער מאַקס, דער פאָטער פון מיין שפּיל־חבר ווערנער, וועלכן איך האָב צו מיין גרעסטער פרייד אויך דאָ געפונען. מיין מומע איז געווען די שענערע פון די צוויי שוועסטערן; שטיל און פלעגמאַטיש האָט זי געמאַכט דעם איינדרוק פון אַן אמתער דאַמע־פרוי, ווערענד די אַנדערע, פול טעמפּעראַמענט, גייסט און לעבן, איז געווען אַ מיטלפּונקט פון אַ גאַנצן קרייז אויסגעלאַסענע יונגעלייט.

פון מיר האָבן זיי קיין גרויסן וועזן נישט געמאַכט און פלעגן זיך דעריבער אין מיין געגנוואַרט נישט זשענירן. „די קליינע" האָט לויט זייער מיינונג, געהערט און געזען נישט מער, ווי די שטובמיידלאַך און די לאַקייען, אָפּטמאָל פלעגן זיי זיך זאָגאַר שאַפן מיט מיר אַלס מיט אַן אומשולדיקן ליבע־שליח. איך בין אָבער גאַנץ גיך געוואָרן אויס אומשולדיק. מיט דער גרעסטער נייגעריגקייט פלעג איך נאָכקוקן זייערע שטיפערייען, זייערע ראַנדעוואוען, זייער סודען זיך, זייערע קושן, און אַן הייסער בלוטשטראָם פלעגט אָפּגיסן מיין רוקן און אַרויסרופן ביי מיר אַ

שטאַרק ציטערן פון אַלע גלידער.

אַז איך בין דאָס לעצטע מאָל געקומען פון עלזאַס קיין קאַלוסרוע—אינגאַנצן בין איך דעמאָלט אַלט געווען אַכט יאָר — זיינען מיר מיין גאָרטן און מיינע שפּילצייג פאָרגעקומען מערקווירדיק פרעמד. אַ גרויסע שטיק אומשולדיקע קינדהייט איז אין מיר פאַר דער צייט פאַרלוירן געגאַנגען. דהאַסטיק האָב איך מיך געוואָרפן אויף אַלע ביכער, וועלכע זענען מיר נאָך אינטער געקומען אונטערן דהאַנט, מוראהאָבנדיק מען זאָל מיר נישט פאַקן, פלעג איך זיי געשווינט באַהאַלטן אונטער מיין הונט „פוקכענס" קישן, וועלכער איז כמעט שטענדיק געלעגן נעבן מיר אויף דער אַלטער ברוינער סאָפע. בעת איך פלעג זיך יעצט אין בעט דערציילן מעשיות, האָט מיין האַרץ האַסטיק געקלאַפּט נישט פון מורא פאַר די געשפּענסטער, וועלכע איך פלעג נישט קאָנען אָפּטרייבן. נאָר פון דער שטאַרקער אויפרעגונג וועגן אומבאַשטימטן גורל פון דער חעלדן, פאַר וועלכער איך האָב זיך אַליין געהאַלטן. די ליבע, וואָס איך האָב געזען אַרום זיך — די ליבע, וואָס אירע פריידן און ליידן זיינען געווען דער מיטל-פּונקט פון אַלע לידער, פון אַלע דערציילונגען, וועלכע איך האָב געלעזן, דידאָזיקע ליבע איז געוואָרן דער אינהאַלט פון מיינע פאַנטאַזיעס און וואָס קילער עס איז געווען די אַטמאָספערע פון מיין היים, אַלץ דורשטיקער איז געוואָרן מיין קליין הערצעלע.

איינע פון די שטאַרקסטע איבערלעבענישן פון מיין קינדהייט האָט מיר דערצו מיטגעהאָלפן: דער טעאַטער. דאָס ערשטע וואָס איך האָב געזען איז געווען וואַגנערס „לאָהענגרין" צו דען דאָב איך געקאָנט געפינען עפּעס דהערליכעס, ווי דעם שוואַנען-ריטער? ער איז פאַר מיר געווען די פאַרקערפּערונג פון אידעאַלען העלדענמוט. שילדערן דעם איינדרוק מיט ווערטער דהאָב איך נישט געקאָנט, — מען האָט מיר דעריבער פאָרגעוואָרפן, אַז

איך בין נישט עמפּינדלאַך און נישט דאַנקבאַר—אין מיין האַרצן אָבער איז ער געבליבן אויף אייביק. דעמזעלבן ווינטער האָב איך אויך געזען „די יונגפרוי פון אָרלעאַנס" און דאַן האָב איך ביי מיר פעסט באַשלאָסן: נישט קיין עלזא, וואָס ווערט אונטריי איר געליבטן, וועל איך זיין, נאָר אָ יאָהאַנא, די ווירדיקע העלדן פון זיינע הויכע מעשים, דורך וועלכע ער וועט באַפרייען די וועלט. באַלד האָט מיר אָבער לאָהענגרין אַלס אָביעקט פון מיין ליבע מער נישט באַפרידיקט — ער איז נישט געווען קיין לעבעדיקער, און דער וואָס האָט געטראָגן זיין זילבער־געוואַנט האָט נאָר געשפּילט די ראָלע פון אַ העלד. איך האָב אָבער געפילט דאָס באַדערפניש אין אַ לעבעדיקן מענטשן. אַז דאָס האַרץ לאָזט זיך זוכן, און די פאַנטאַזיע נעמט איבער די פירונג, דאַן איז נישט שווער צוגעפינען! צו מיינע עלטערן פלעגן קומען זייער פיל געסט. צווישן זיי איז געווען אַ יונגער, שלאַנקער דראַגונער־לייטענאַנט, וועלכער פלעגט זיך מיט מיר אָפּט אונטערהאַלטן, אָבער נישט ווי אַלע איבעריקע, וואָס פלעגן זיך מיט מיר נאָר שפּילן אָדער טרייבן שפּאַס. און מיט קיין זאַך האָט מען מיר נישט געקענט אַזוי צוציען ווי מיט דעם, וואָס מען פלעגט מיט מיר זיין ערנסט; דאָס וואָס מען האַלט די קינדער שטענדיק פאַר לעכערלאַך און קינדיש רופט אַרויס די גרעסטע פאַרביטערונג ביי יעדער גייסטיק רייפערעס קינד. דערדאָזיקער יונגער לייטענאַנט האָט באַלד עראָבערט מיין ביינקנדיקע האַרץ, און מיין פאַנטאַזיע האָט אים באַפוצט מיט דער גאַנצער ראָמאַנטיק פון לאָהענגרין, דעם העלד פון מיינע חלומות. ער איז נישט געווען פון אַדעל, אָן אַ נאָמען ריכטיק, ווי עלזעס ריטער: גאַנץ געוויס וועט זיך אָבער שפּעטער אַרויסווייזן, אַז ער איז אַ פאַרבלאָנדזשעטער בן־מלך און אויף מיר וועט ליגן די אויפגאַבע צו ערָאָבערן פאַר אים די מלוכה און די קרוין.

די שענסטע בלומען פון מיין גאָרטן פלעג איך אין דער. שטיל אַרויפליגן אויף זיין הוט, אין דעם גאַנצן טאָג בין איך געווען פאַרקלערט, אַז ער פלעגט אינדערפרי פאַרבארייטן און מיר גריסן.

האַרטע מענטשן מעגן לאַכן פון אַזאַ קינדערליבע, מאָראַלישע מעגן זיך עמפּערן. פאַר מיר איז זי געווען די ריינסטע פון מיין לעבן.

אין פרילינג פון יאָר 1874 איז מיין פאָטער איבערגעפאָרן קיין בערלין. דעם לעצטן מאָל האָבן געזעסן אַרום דעם טיש אַלע באַקאַנטע און הויז־פריינט. נאָך איצט געדיינק איך, ווי מיר איז טונקל געוואָרן פאַר די אויגן בעת איך דהאָב זיך געזעגנט מיט מיין העלד. מיין הייסע האַנט איז געלעגן אין זיינע. נאָכאַמאָל האָט ער מיר אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ.

—אַז מיר וועלן זיך אַמאָל ווידער זען וועסטו שוין זיין אַ גרויס מיידל—האָט ער געזאָגט—ווער ווייס אפשר וועלן מיר נאָך אַמאָל טאַנצן צוזאַמען״.

נישט רעדנדיק קיין וואָרט בין איך אַנטלאָפן צו זיך אין צימער. כדי צודערשטירן מיין וויינען האָב איך פאַרצווייפלט געביסן מיין קאָפּקישן.

קינדער־שמערץ איז געוויס אַזוי אויפריכטיק, ווי דער שמערץ פון דערוואַקסענע. דער אונטערשייד איז נאָר, וואָס קינדער פאַרגעסן אים לייכט.

אויפן אַנדערן טאָג האָב איך אין אַן אַלטן העפט אָנגעשריבן מיינע ערשטע פערזן:

מיין בלומעלע צאַרט און ריין,
רופסטו שוין דעם פרילינג איין?
ניין, ניין, ער קומט נאָך נישט,
צופרי זוכסטו דאָס ליכט.

וועל איך דיך פֿאַרוועלקן זען?
דאַן וועל איך אויך פֿאַרגיין,
און אין דאָס קילע גרוב
זינקט מען אונז ביידען אַראָפּ.

ביז איך בין אויפֿגעוואָקסן האָט עס קיינער נישט באַקו־מען צו זען. ווי אַ געטריקנטע בלום — אָן עדות, פֿון אַ טײַערע צײַט — האָב איך עס געהיט, עס זאָל נישט צעשטערט ווערן דורך פֿרעמדער באַרירונג. מײַן גאָרטן איז געשטאַנען אין פּולן פֿרילינגס פּראַכט, בעת מיר האָבן זיך מיט אים צעשיידט. איך בין געלאָפֿן דורך די צימער, וואו די אַרבעטער האָבן געפּאַקט, אין שטאַל. וואו אויגוסט האָט געוויקלט אין דעקען די קאַרעטן,

— פּוקסעַן, מײַן פּוקסעַן, — האָב איך גערופֿן.

איך בין קיינמאָל פֿון דערהיים נישט אָפּגעפֿאָרן, אַפּילו נאָר אויף אַ פּאָר טעג, איך זאָל אים נישט געבן אַ שטיקל צוקער. דאָס מאָל איז אָבער פּוקסעַן נישט געקומען. איך פֿרעג בײַ אויגוסטן, וואו ער איז. עפּעס דרייט ער אָפּ דעם קאָפּ און מורמלט אומ־פֿאַרשטענדלאַכע ווערטער. פּלוצלונג האָב איך זיך דערמאָנט, אַז די מאַמע האָט עפּעס דאָ נישט לאַנג גערעדט וועגן זײַן אַלט־קייט, וועגן דער מעגלאַכקייט פֿון זײַן גיכן טויט. ווידער האָב איך אים געזוכט, גערופֿן, זיך מאַכן נישט הערענדיק די שטים פֿון דער מאַמען און דער באָנע, וואָס האָבן מיך געאײַלט.

— גיי שוין, גיי, אַליקסעַן, — האָט אויגוסט געזאָגט נאָכ־גייענדיק נאָך מיר און וועלנדיק מיך באַרויקן, — פּוקסעַן וועסטו שוין נישט געפֿינען. — — —

— ער איז טויט! — האָב איך אויסגעשריען נישט מיט מײַן קול און מיט אַ געוויין בין איך געפֿאַלן אויגוסטן אין די אָרעמס.

אויף מײַן געשריי זײַנען זיך אַלע צונויפֿגעלאָפֿן און אָנ־

געהויבן מיך טרייסטן. מײַן צער איז אָבער געווען אומערטרעג־לאַך.

— זע, מײַן קינד, — האָט ענדלאַך געזאָגט די מוטער נע־מענדיק מיך אויפֿן שויס, — פּוקלען איז געווען אַלט און קראַנק; מיט זײַנע בלינדע אויגן וואָלט ער אין דער פֿרעמדער שטאָט קיין טריט נישט געקאָנט טאָן, אַ גליק איז עס פֿאַר אים געווען, וואָס איך האָב אים געהייסן אָפּסמען.

איך בין פֿאַרציטערט געוואָרן. מײַנע טרערן האָבן אויס־געטריקנט. איך האָב אַראָפּגעשפּרונגען פֿון דער מוטערס שויס אויף איר אַ קוק געטאָן מיט גרויסע אויגן.

— דו — דו — — האָסט מײַן פּוקלען פֿאַרגיפֿטעט?!

דאַן האָב איך מיך שטיל געלאָזן צופֿירן צו דער קאַרע־טע. עפּעס האָט זיך אין מיר, אין מײַן אינערן צעבראָכן אויף צווייען. טעמפּ און גאַנץ רויק האָב איך אַרויסגעקוקט דורך די פֿענסטער פֿון וואַגאָן און געזען, ווי די שטאָט פֿאַרשווינדט ביסלעכווײַז פֿון מײַנע אויגן.

II.

אויסער דעם פּראַכטפּולן שלאָס אין אויגסבורג האָט מײַן מומע קלאָטילדע אויך געהאַט אַ גוט אין גרענוי, אין אַ וואונדער שײנער געבירגיגער געגנט אין דרום=דײַטשלאַנד. בײַם ברעג פֿון „רויזען=אָזערע", וואָס איז אַזוי באַשאָטן מיט רויזן פֿון אַלע פֿאַרבן און פֿאָרמען, שטײט נאָר אײן אײנציק הויז, עס איז אַזוי געדיכט באַוואַקסן מיט ווילדע ווײַנטרויבן, אַז אין טונקעלע טעג גיסט עס זיך צונויף מיטן וואַלד, וואָס רינגלט אים אַרום פֿון אַלע זײַטן. מיט 40 יאָר צוריק האָט אוליסעז אַרטערן געקויפט דעמדאָזיקן רויזן=אָזערע און האָט אויסגעבויט פאַר זײַן יונגער פרוי דאָס שײנע נעסט. יעדעס יאָר אויך נאָך זײַן טויט, — ווי נאָר די מאַיבלימלאַך פלעגן אָנפילן דעם וואַלד און דאָס וואַסער מיט זײער זיסן ריח—פלעגט זײַן יונגע אלמנה זיך באַזעצן אין דערדאָזיקער רײצנדיקער געגנד און פאַרבלײבן דאָ ביז דער שניי פלעגט זיך צעראָפּלאָזן פון די בערגשפּיצן אונטן אין טאָל.

פון דער צייט אָן, וואָס מיר זיינען געווען ביי איר אין אויגסבורג, פלעגט זי אונז יעדן זומער איינלאַדן צו זיך אין גרענוי.

פאָרן מיט מיר אַהין פלעגט אָבער נאָר דער פאָטער, פאַר מיין מוטער איז די שווערער קיינמאָל נישט געווען סימפּאַטיש און אַ צייט לאַנג ד'האָט זי זיך אָפּגעהאַלטן צו איר צו פאָרן. ביי מיר האָט די בערג-געגנט שטענדיק אַרויסגערופן אַ שטאַרקע ביינקשאַפט, איבערד'הויפּט זינט איך האָב זיך אַזוי ענטציקט מיט די בערג אין דער שווייץ, און אַז מיין פאָטער פלעגט אָנהויבן דערציילן מעשיות וועגן גרענוי, האָב איך קיין זאַך נישט געוואָלט, נאָר זיין דאָרט. און מיין הייסער פאַרלאַנג איז טאַקע מקוים געוואָרן! שוין אין וועלהיים, אויף דער לעצטער באַן-סטאַציע, אַז איך האָב דערזען פון ווייטן ווי די קאָנטורן פון די ווייסע בערג-שפּיצן ווערן פאַרשוואונדן אין די וואָלקנס, זיינען מיר די אויגן איבערגעגאַנגען,—ווי שטענדיק פלעגט וועלכע עס איז ערשיינונג אויף מיר מאַכן אַ שטאַרקן איינדרוק. שטיל און שטום האָב איך אויסגעהאַלטן די ווירקונג פון דעמדאָזיקן איינדרוק די גאַנצע צייט פון אונזער לאַנגער רייזע מיטן פור. שפּעטער אין אָוונט, בעת איך בין געשטאַנען ביים אָפענעם פענסטער פון דאַכשטיבעלע אין רויזן-הויז און ד'האָב פאַרטראַכט געקוקט אויף די גרוי-זילבערנע בערג. וואָס האָבן זיך אָפּגערוקט פון טונקל-בלויען נאַכט-הימל, און אויף מיין שטערן האָט געבלאָזן אַ ריינע, פרישע לופט, זיינען מיינע קינדערשע ליידן פון מיר אַראָפּגעפאַלן, ווי עס פאַלט אַראָפּ אַ שווערער, דרוקנדער מאַנטל. ווידער האָב איך געקאָנט פריי אָטעמען.

יעדן פרי-מאָרגן ווען איך פלעג זיך אויפכאַפּן פון שטאַרקן, טרוימלאָזן שלאָף, יעדן אָוונט בעת איך פלעג זיך אַנידערלייגן מיד פון גייסטרייכנטאָג איז דאָסדאָזיקע עמפּפינדלאַכקייט-געפיל ביי מיר

אַלץ שטאַרקער געוואָרן. אַ קוואַל פֿון לעבן האָט געשטראָמט אין מײַנע אָדערן און, בשעת קיינער האָט נישט געזען, האָב איך מיך פֿון גרויס פֿרייד געוואָרפֿן מיט אויסגעשפּרייטע אָרעמס אויף דער בליִענדער לאָנקע, בין געלעגן אַזוי שטיל, האַלב געאָטעמט אַזוי לאַנגזאַם, אַז די זומער־פֿויגלאַך פֿלעגן זיך רויִק אַראָפּלאָזן אויף די בלויע גלאָקן־בלימעלאַך, וואָס האָבן איבער מיר געבליט; אָפּטמאָל פֿלעג איך אַוועקלייגן מײַן קאָפּ אין וואַלד־מעך, וואו די מאַי־בלימלאַך זײַנען געוואָקסן זייער געדיכט, און זיך צו קוקן צו די טאַנצנדיקע זונענשטראַלן. קיין „מאַמזל" האָט מײַן פֿרייהייט נישט געשטערט. מײַן מומע האָט אַפֿילו געפֿונען, אַז איך בין „שלעכט דערצויגן" ווײַל איך זיץ נישט רויִק נעבן איר מיט קיין האַנטאַרבעט, און קיין שטעכווערטער מײַן מוטער וועגן מיר האָט זי נישט געזשאַלעוועט, אָבער נישטהאָבנדיק די קלענסטע אַנונג ווי מיט קינדער אומצוגיין, האָט זי מיך געלאָזן צורו. איר גאַנצע ערציִונגס־קונסט האָט זיך נאָר אויסגעדריקט אין שטרענגע פֿאָרשריפֿטן וועגן מײַן טואַלעט בעת איך פֿלעג קומען צו מיטאָג אָדער פֿאָרן מיט איר שפּאַצירן. דאָ בין איך לויט דער „גוטער" געוואוינהייט פֿון קאַרלסרוע געזעסן שטײַף און גלײַך אָנגעלענט אויף די קישן פֿון קאַרעטע, ווי יאָהאַן אויף די קאָזלעס. יאָהאַן דער קוטשער, וואָס מיטן „גנעדיקן פֿרײַליין" ווי מיט זײַנס גלײַכן האָט ער געמעגט ריידן נאָר אינדערפֿרי בשעת זי איז געקומען אין שטאַל אַרײַן, אָדער בשעת זי פֿלעגט אָן פֿאָטערס השגחה רײַטן אויפֿן גרויסן „פֿוקס" דורכן גאַנצן דאָרף און אַלע פּויערים־קינדער פֿלעגן נאָך איר, לויפֿן, ווי אויפֿן בייזן־וואונדער. עס האָט גאָרנישט לאַנג געדויערט און איך האָב מיר דערוואָרבן אַ סך גוטע פֿרײַנד צווישן די יונגלאַך און מיידלאַך פֿון דאָרף. דורך זיי בין איך באַלד באַקאַנט געוואָרן מיט אַלע וועגן און שטעגלאַך אין וואַלד און אויף די בערג. זיי האָבן מיר אָנגעוויזן די

שענסטע ערטער וואו עס וואַקסן יאַגדעס און האָבן מיך געלערנט קלעטערן בשעת מען האָט באַדאַרפט דערגרייכן ביז צו די אַלפּן רויזן, וואָס האָבן מיט זייער רויטער פאַרב באַלעבט די גרויע פעלזן. די קינדער פון די פּויערים אין צפון־דייטשלאַנד טראָגן נאָך עד־היום אויפן שטערן דעם צייכן פון אונטערטעניגקייט: שפּילנדיק מיטן קינד פון די „הערשאַפטן" גיבן זיי זיך שטענדיק אונטער און דהאַלטן פאַר אַן ערע צושפּילן די ראָלע פון אַן אונטערהאַן. דאָרט אָבער וואו עס בלאָזט די פרישע באַרגלופט איז אַפילו די שקלאַפן־מאָראַל פון דער קאַטוילישער קירך נישט געווען אומשטאַנד צו אונטערדריקן דעם פרייהייטס־געפיל און דאָס זעלבסט־באַוואוסטזיין.

דער יונגל סעפּ, וואָס האָט אַמבעסטן פון אַלע געקלעטערט און צום שענסטן געשפּילט איז טאַקע געווען מיין הויפּט־חבר ער האָט מיך שטענדיק באַהאַנדלט נישט נאָר ווי זיינס גלייכן, נאָר פלעגט אָפטמאָל גאָר קוקן אויף מיר מיט אַ פאַרבאָרגענעם שטאָלץ פון אויבן אַראָפּ; זיין אויסערגעוויינלאַכער כח האָט מיר אויך אַזויפיל אימפּאָנירט, אַז איך האָב אויף אים קיינמאָל נישט אין כעס געווען. אַז ער פלעגט פון מיר לאַכן האָב איך שטענדיק פון כעס פאַרביסן מיט די ציין און געשוויגן, ווייל אָן אים האָב איך קיינמאָל נישט געקאָנט אַרויפקלעטערן אויפן פעלזן. די קליידער האָט מען טאַקע גאַנץ אָפט צוריסן, און ווען נישט די אַלטע קאַטערזשינע, וואָס האָט זיי שטענדיק אין דער שטיל פאַרריכט און געזאָרגט וועגן דעם, אַז איך זאָל קומען צום טיש אין אָנשטענדיקע טואַלעטן, וואָלט איך זיך גאָרנישט לאַנג אָנגעפרייט מיט מיין פרייהייט.

אין אַ הייסן תמוז־טאָג בין איך אַמאָל געקומען צולויפן אָן אַן אָטעם מיט אַ גאַנצן בוימעל אַלפּען־רויזן אונטערן אָרעם אין דער גרעסטער מורא איך זאָל חלילה נישט פאַרשפּעטיקן

צום נאָכמיטאָג־טיי. וועלנדיק אויסמיידן די קאַרעטע, וואָס איז דאַן געשטאַנען ביים טויער פון אונזער גאָרטן, האָב איך פלוצלונג דערשפּירט אַ האַנט אויף מיינע צושויבערטע לאָקן און דערהערט אַ לאַכנדיקן קול: „דאָס איז דאָך אַליקסכען, דעם ברודערס טעכטערל". איך האָב דערזען אַ הויכע, בלאָנדע פרוי און נעבן איר אַ קליינע מיידעלע און אַן עלטערן יינגל. איך האָב געבליבן שטים, ענטפערן און דערציילן וועגן מיינע געדאַנקען זיינען אינגאַנצן געווען פאַרנומען מיט מיין פאַרפלעקטן טוכענעם ראָק און מיט די שמוציקע שיך האָב איך נישט געקאָנט. שוין גאָר נאָנט ביים שטוב האָב איך זיך סוף כל סוף אַרויסגעריסן מיטן אויסרייד, אַז איך מוז אַריינשטעלן די בלומען אין וואַסער, אין צען מינוט אַרום בין איך שוין געווען ביים טיש — רויט, ווי אַ בוראַק פון אויפרעגונג אין אַ ווייסער מוסלין קליידל, וואָס די אַלטע קאַטערזשינע האָט אויף מיר האַסטיק אַרויפגעוואָרפן מיט די ווערטער:

— קינד, קינד, וואָס וועט זאָגן די מומע, יענע דאַמע איז דאָך געווען די פּרינצעסין פרידריך.

אָבער אַפילו צו קיין בייזן בליק איז נישט דערגאַנגען. די פּרינצעסין האָט מיך גענומען אויפן שויס און מיט אַ געלעכטער האָט זי דערציילט, ווי אַזוי זי האָט מיט מיר נאָרוואָס געשלאָסן באַקאַנטשאַפט. אירע רייד האָבן זיך געגאָסן, ווי אַ וואַסער־פאַל און זיינען געווען באַגלייט פון האַסטיקע און ווױלערישע העויות. עפּעס אַ קאָמישע „פּרינצעסין" האָב איך געקלערט ביי זיך, און מיט דער גרעסטער פאַרוואונדערונג האָב איך געקוקט אויף אירע קינדער, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן שלאָגן לויט אַלע כללים פון דער פייט־קונסט.

— העלמוט זאָגט, אַז אליקס איז אַ ציגיינערקע — האָט דאָס מיידעלע פלוצלונג אויסגעשריען:

—ציגיינערקעס זיינען אַ סך שענער, ווי זעמל־בלאָנדע פּרויען צימער אַזעלכע ווי דו—האָט געענטפערט דער יינגל.

דעמדאָזיקן סכסוך האָט נאָר געקאָנט אויסגלייכן די מוטער מיט צוויי פּעטש אויף רעכטס און אויף לינקס. מיין גורל איז אָבער דאַן באַשטימט געוואָרן: אַפילו דער קוכן, וואָס די קליינע פּרינצעסין האָט אים גאַנץ געשמאַק געביסן, האָט איר נישט גע־שטערט צו וואַרפן אויף מיר בייזע בליקן, בעת איר ברודער האָט מיר געמאַכט קאָמפּלימענטן, ווי אַן אמתער קאַוואַלער. ער איז געווען מיט אַ יאָר זיבן עלטער פון מיר, שלאַנק און איבער־געוואָקסן, מיט לוסטיקע, גראָע אויגן און גראָבע, רויטע ליפּן.

די קליינע פרידעריקע איז גאַנץ ווייניק ענלאַך געווען צו אים; זי איז געווען אַ גאַנץ געווייגלאַכע באַשעפעניש מיט אַ ניי־דיש פּאַרשפּיצטן מויל, וואָס מאַכן זייער מיאוס דאָס קינדערשע געזיכט. נאָך טיי האָט העלמוט געוואָלט גיין צום אָזערע זיך שיפן, די קליינע האָט נישט געהאָלט מיטגיין, זי האָט געמיינט, אַז אָן איר וועט די גאַנצע שמחה צעשטערט ווערן. איר מוטער האָט אָבער געזאָגט:

—גיי נישט, וועלן זיך העלמוט און אַליקס טאַקע בעסער זיך אַמוזירן.

מיר זיינען באַלד אַוועק באַגלייט פון אַ דינער, וועלכער האָט געזאָלט רודערן דאָס שיפל.

פאַרסודעט און שפּיגל־קלאָר ווי שטענדיק האָט אויסגעזען די אָזערע. פאַר דעם קליינעם גאַסטהויז, וואָס איז דעמאָלט גאַנץ באַשיידן געשטאַנען ביים ברעג, זיינען געזעסן עטלאַכע טוריס־טען.

—איצט וועלן מיר זיך לאָזן וואַלגיין און פאַרטרינקען דעם טיי—האָט געזאָגט העלמוט, באַשטעלנדיק טיראָלער וויין.

און מיר האָבן לוסטיק געשלאָסן אונזער נייע ברודערשאַפט

בעת אונזער דינער האָט זיך ביים זיידל־ביער פּאַרטיפּט אין אַ צייטונג האָבן מיר זיך אין דער שטיל אַרויסגעגנבעט, אַרויסווייזנ־דיק אויף דעם אופן אַ פּראָטעסט געגן וועלכער עס איז אויפּזיכט איבער אונז. דערמיט האָט ד״העלמוט פאַרגרעסערט מיין סימפּאַטיע צו אים. אַליין האָט ער אַראָפּגענומען דאָס שיפּל פון קייט און מיר האָבן זיך אַוועקגעלאָזן אויפן אָזערע איבערגליקלאַך פון אונזער געלונגענעם איינפאַל. באַלד האָבן מיר זיך אַריינגעלאָזן אין אַן אינטערעסאַנטן שמועס. העלמוט האָט מיר דערציילט וועגן בער־לין, זיין געבורטס־שטאָט, וואוהין איך האָב אויך געזאָלט איינגיכן אַריבערפאָרן, אַזויפיל שיינע און אינטערעסאַנטע זאַכן, אַז מיין ביזאַהעריקער פּראָטעסט קעגן דער רייזע האָט זיך פאַרביטן אין אַנאונערוואַרטונגספולע נייגיריגקייט. די באַשטימטע שעה ווען מיר האָבן באַדאַרפט זיין צוריק אין דערהיים, איז שוין לאַנג אַריבער, און פּלוצלונג האָבן מיר דערהערט קולות, וואָס האָבן אונז באַ־פוילן זיך אומצוקערן צום ברעג. עס האָבן זיך דאָרט צונויפגע־קליבן די גאַנצע פאַמיליע: אונזערע מאַמעס, די מומע, די קליינע פּרינצעסל, וועלכע האָט געקייכט פון לאַכן, פּאַראַטנדיק דערביי איינגאַנצן איר נקמה־געפיל און קוים זענען מיר אַראָפּ פון שיפל האָט מען אויף אונז אויסגעגאָסן אַ מבול פון פאָרוואורפן.

—מאַך זיך גאָרנישט וויסנדיק—האָט מיר העלמוט שטילער־הייט געזאָגט, און מאַכנדיק אַן עלעגאַנטן קניקס דער מומע האָט ער צוגעגעבן מיט אַ שמייכל. אליקס איז נישט שולדיק, באַראָנע־סע זי האָט נישט געוואָלט פאָרן אָן דינער און האָט נישט אויפ־געהערט מיך צו דערמאָנען מיר זאָלן זיך אומקערן.

מיט אַ גיכן פריינדלאַכן בליק האָב איך באַדאַנקט העל־מוטן פאַר זיין העלדנמוט, און מיר האָבן זיך געזעגנט מיט אַן הערצלאַכן „אויף ווידערזען״.

אויפן וועג אַהיים האָט זי אויסגעדריקט איר שטאַרקע צו־

פריידנקייט, וואָס איך האָב סוף כּל סוף געפונען אַ פּאַסנדע געזעלשאַפט און האָט זיך געטרייסט מיט דער האָפנונג, אַז איצט וועל איך קיין צייט נישט האָבן זיך אַרומצושלעפּן מיט די דאָרף־יונגען. דאָס האָט מיך פּשוט עמפּערט און איך האָב באַשלאָסן אירע זיסע האָפנונגען אינגאַנצן צו צושטערן. באַלד אויפן אַנדערן טאָג בין איך באַלד אינדערפרי אַנטלאָפן מיט סעפּן אין די וועלדער און האָב זיך נאָר געוויזן צו די מאָלצייטן. אָבער דאָך איז עס נישט געווען דאָס וואָס פריער. גאַנץ אָפּט פלעגן מיר פאָרן קיין פאַר־טען־קירכן, וואו די פרינצעסין האָט געקויפט אַ ווילע, און נאָך אָפּטער פלעגן זיי קומען צו אונז. אומזיסט האָב איך פאַר־זוכט צו פאַראייניקן מיינע אַלטע פריינט מיט די נייע. צו שטאַרק האָט העלמוט אַרויסגעוויזן פאַר סעפּן און זיינע חברים אַז ער איז דער „האַר“ און אין זיין געגנוואַרט האָבן זיי זיך געהאַלטן אינגאַנצן פון דערווייטנס. אויסערדעם איז עפּעס בכלל געווען נישט אַלץ אין אָרדנונג. ווי עס פלעגן ביי מיר שטענדיק פאַר אַ געוויטער געשוואָלן ווערן די אָדערן, אַזוי האָב איך איצט מיט אַ פיינלאַכער זיכערקייט געפילט עפּעס אַ מין אַטמאָספערן־דרוק אויף מיין נשמה.

מיין מומע און מיין מוטער האָבן זיך קיינמאָל נישט ליב געהאַט. ביידע זיינען זיי געוואוינט געווען צו שפּילן אַ ראָלע אין דער געזעלשאַפט; איינע מיט איר שיינקייט און מיט איר יחוס, די צווייטע — מיט איר רייכטום און מיט דער אונבאַגרענצטער זעלבסטשטענדיקייט פון איר לאַגע. חניפה און הכנעה האָט די באַראָנעסע אַרטערן געפונען אויף יעדער שריט און טריט; יע־דערער וואָס האָט געוואָלט ביי איר עפּעס קריגן — און ווער האָט עס נישט געוואָלט — האָט זיך געבויגט פאַר איר ווילן און פאַר אירע אַנזיכטן. אויף דעם אופן איז דערגאַנגען דערצו, אַז זי האָט איבערהויפּט נישט געקענט אַריבערטראָגן קיין ווידערשפּרוך...

כּדי מיט איר אויסצוקומען האָט מען געמוזט צובאָמקען אויף אַלץ, וואָס זי האָט געזאָגט אָדער גאָר שוויַיגן. מיַין מוטער האָט גע־שוויגן, דאָס איז אָבער געווען אַ שווייגן מיט אַלע סמנים פֿון אינערלאַכן פּראָטעסט: מיט אַ סאַרקאַסטישן שמייכל אָדער מיט אַ שטאָלצן אקסל־באַוועגונג. דאָס האָט דער מומע שרעקלאַך אויפֿגעבראַכט. נאָכמער האָט איר אָבער אויפֿגערעגט די אומגע־באָרענע אינטעליגענץ פֿון דער שוועגערן, וואָס דאָס איז אומעג־לאַך צו דערוואָרבן דורך רייכטום און דורך פּראַכטפֿולע טואַ־לעטן. דער שוואַכער פּונקט פֿון איר לעבן איז געווען דאָס, וואָס איר מוטער האָט געשטאַמט פֿון אַן איינפֿאַכער פֿאַמיליע. אין איר טיפֿסטן הויז האָט געלעבט יענער פּעבעלהאַס, וואָס זיַין איינציקער ציל איז געווען זיך נוקם צו זיַין אָן דער אַריסטאָקראַ־טיע. זי האָט עס געטאָן אויפֿן גראָבן און אויפֿן איידעלן אופֿן. אין געגנוואַרט פֿון מיַין מוטער פֿלעגט זי שטענדיק אַרויסוויַיזן די שטאַרקע ליכטיקייט פֿון איר גרויסן גייסט; זי האָט קאָקעטירט מיט איר קלאַוויר־שפּילן און אין איר טונקעלער אַלט־שטים פֿלעגט זי פֿאַרן ענטציקטן צו העכער לאָזן קלינגען אַלע גאַמעס פֿון דער ליידנשאַפֿט. און אויב דאָס איז געווען ווייניק, כּדי אַראָפּצו־שטופּן פֿון מיַין מוטער, וועלכע האָט אַזעלכע טאַלאַנטן נישט באַ־זעסן, אויפֿן צווייטן פּלאַץ, פֿלעגט זי זיך נעמען צו דער מוטערס שוואַכסטער זיַיט און אָנהייבן ריידן וועגן איר פּריַיסישן פּאַטריאָ־טיזם. מיט דער גרעסטער גרינגשעצונג האָט זי דאַן אינגאַנצן מבטל געווען די פּריַיסישע זיטן, פּריַיסישע אַנזיכטן און פּריַיסישע פּאָליטיק. נאָר ווען די שוועגערן פֿלעגט אָנהויבן אירע פּאָליטי־שע דרשות, פֿלעגט מיַין מוטער שטענדיק מיט אַ פֿלאַמענדן גע־זיכט און מיט פֿאַרביסענע ליפּן פֿאַרלאָזן דעם זאַל.

געזעסן איז מיין מוטער נישט קוקנדיק אויף אירע מאָראַלישע ליַידן, ביַי דער שוועגערין אויסשליסלאַך צוליב מיר. פֿון דער ריַיכער

מומע, אָן קינדער, האָט אָפּגעהאַנגען מײַן גאַנצע צוקונפֿט. דאָס פֿליכט=געפֿיל צום קינד האָט אַלזאָ געפֿאָדערט פֿון דער מוטער דעמדאָזיקן גרויסן קרבן.

אין איין שײנעם פֿרימאָרגן איז אָבער סוף=כּל=סוף אויסגעבראָכן אַן אָפֿענער סקאַנדאַל. מײַן מוטער האָט געמאַכט אַ באַמערקונג וועגן דער צווייפֿלהאַפֿטע אָפּשטאַמונג פֿון אַ דאַמע, וואָס האָט נאָר וואָס געהאַט פֿאַרלאָזן די טעראַסע וועלכע האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ גאַנצן וואָלקן פֿון פּערפֿום=ריחות. מײַן מומע האָט פּראָטעסטירט און פֿון גרויס כּעס האָט זי זיך אַזוי פֿאַרעדט, אַז זי האָט פֿאָרגעוואָרפֿן מײַן מוטער, אַז זי האָט באַליידיקט איר אייגענעם מאַן, ווײַל לויט איר אַנזיכט, וואָס זי האָט דאָ אַרויסגעזאָגט, איז זײַן מוטער אויך פֿון „צווייפֿלהאַפֿטער אָפּשטאַמונג״. די מוטער האָט זיך פֿאַרטיידיקט; אַ וואָרט פֿאַר אַ וואָרט און די מומע קלאָטילדע האָט אויסגעשפּילט איר לעצטן טראָמף, אין אירע אויגן האָט געברענט די לאַנג=באַהאַלטענע שׂנאה.

— ווײניקער ווי אַנדערע האָסטו דאָס רעכט צו ריידן וועגן צווייפֿלהאַפֿטע אָפּשטאַמונג, אַלע ווייסן דאָך, ווער דײַן באָבע איז געווען!

אין צוויי טעג נאָך דעם האָבן מיר פֿאַרלאָזן דאָס רויזן=דהויז. די שוועגערנס האָבן זיך אַפֿילו לפֿנים אויך נישט איבערבעגעטן. די צײַט, וואָס מיר האָבן גערעכנט דאָ צו פֿאַרברענגען איז שוין סײַ=ווי=סײַ כּמעט געווען געענדיקט; דער קאַלטער, טריבער וועטער, וואָס האָט געקענט זײַן שעדלאַך פֿאַר מײַן קרענקלאַכן האַלז, איז געווען אַ גאַנץ גוטער אויסרייד פֿאַר אונזער פּלוצלונגן אָפּפֿאָרן. די רויזן בײַם אָזערע האָבן שוין לאַנג געהאַט פֿאַרלאָרן זייערע בלעטער; די וואָלקנס זײַנען געהאַנגען טיף איבערן טאָל בעת די שיינע ווילע איז ביסלאַכווײַז פֿאַרשוואונדן פֿון מײַנע אויגן. אַז מיר זײַנען שוין גע-

ווען אָפּגעפּאָרן אַ היבשע שטיקל וועג. האָט אונז סעפּ אָנגעיאָגט, אין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ בוקעט בלאָע באַרג־בלומען אין רעכטן מיטן האָבן געשטעקט צוויי ווײַסע שטערן.

— דאָס איז פון „צוגשפּיץ", פון העכסטן שפּיץ־באַרג, — האָט ער געשטאַמלט אָנוויַיזנדיק אויף די ווייסע, גרויסע בלומען.

איך האָב זיך פאַרנאַנדערגעווײנט און נישט אויפגעהערט קלאָגן, ווען מיר זײַנען שוין געווען גאַנץ ווײַט פון גאַרניש.

דער וועטער איז ביסלאַכווײַז העלער געוואָרן און, קומענ־ דיק קיין ווײלהיים, האָב איך געזען פון ווײַטן ווי די וואָלקן זיינען געלעגן טיף אין טאָל, ווי באַזיגטע שקלאַפן, ווען די בערג מיט דער גלעצנדער זילבערקרוין פון פרישן שניי אויף זיי־ ערע קעפּ, האָבן זיך געהויבן צום הימל הויך און שטאָלץ אויף זייער זיג. דאָסדאָזיקע וואונדער שיינע בילד האָב איך גענומען מיט זיך און איך בין געווען זיכער, אַז עס וועט פון מיר קיינמאָל נישט פאַרשווינדן.

דעם פאָטערס פרייד, אַז מיר זײַנען געקומען קיין בער־ לין איז געווען אין לשער. אין אונזער נײַער היים אויף דער האָהענצאָלער־גאַס, האָב איך געפונען אַ גאַנצן באַרג שפּילצײַג. אָנפאַנגס בין איך גאָרנישט געווען דרייסט מיט זיי זיך צו פרייען, איך האָב אַלץ געוואַרט אויף דער מוטערס שטענדיקער באַמער־ קונג מיטן פאָרוואורף „אָבער האַנס". אָבער דאָס מאָל האָט זי עס דורכגעלאָזן; נישט אומויסט איז דאָך דערבײַ געשטאַנען מײַן גוטער מלאך, די באָבע. ווי אַמאָל אין פאָדסדאַם האָט זי זיך איצט באַזעצט מיט אונז אין איין הויז; מיר זײַנען געווען זי־ כער, אַז אין בערלין וועלן מיר בלײַבן אַלײנגערע צײַט.

— אָ, ווי דו ביסט פאַר דער צייט אויסגעוואַקסן, מיין ליב קינד, — האָט די באָבע אויסגעשריען פאַלנדיק מיר אויפן האַלז.

—באָבעשי, ווי דו ביסט אַלט געוואָרן! — האָב איך שיער
נישט אויסגערופן, נאָר די כּללים פון דער גוטער ערציונג האָבן
מיך אין דער רעכטער צייט אָפּגעהאַלטן. דער באָבעס גלאַנצנ־
דיקע, טונקעלע האָר זיינען איינגאַנצן גרוי געוואָרן און טיפע
קנייטשן האָבן זיך געצויגן איבערן גאַנצן געזיכט. זי האָט מיך
אָבער פאַרשטאַנען אָן ווערטער, און האָט געזאָגט מיט אַ טרויע־
ריקן שמייכל:

—איך בין איצט אַן אַלטע פרוי, ליבע אַליקסכן—יאָ, מיין
קינד, דאָס לעבן איז נאָר זעלטן אַ יוגנד־ברונען!

מיין געהויבענע שטימונג איז גלייך געפאַלן און איז נאָך
געוואָרן געדריקטער, אַז איך האָב מיך צוגעקוקט צו אַלץ, וואָס
ביי אונז טוט זיך. אַלץ אַרום איז מיר געווען פרעמד און איינג.
פרעמדע מענטשן האָבן געוואוינט מיט אונז אין זעלבן הויז. אַנ־
שטאָט דעם גרויסן גאָרטן אין קאַרלסרוע האָב איך דאָ געפונען
עפּעס אַ קליין גערטעלע פאַרן שטוב וואו מען האָט נישט גע־
טאָרט אָנרירן קיין בלימעלע, נישט צוטרעטן קיין גרעזעלע. אַז
איך האָב געפרעגט וואו זיינען אויגוסט און אונזערע פערד האָט
מיך דער פאָטער אַוועקגעפירט אין שטאַל אויף דער אַנדערער
זייט גאַס.

אונזערע גאָלד־פיקס האָב איך אָבער אין שטאַל נישט גע־
פונען, דאָ זיינען נאָר געשטאַנען דריי פערד, און באַגעגנט
האָט מיך נישט אויגוסט, נאָר עפּעס אַ ווילד פרעמדער רייטער־
קנעכט.

— ווייסט, מיין קינד, אין בערלין דאַרף מען נישט קיין
קוטשער און קיין קאַרעטעס, דאָ זיינען פאַראַן זייער שיינע דראָזש־
קעס,—האָט דער פאָטער געזאָגט מיט אַ שמייכל—איך האָב אָבער
גוט געזען, ווי זיינע ליפּן ציטערן און גיבן אים איינגאַנצן אַרויס.
איך האָב פאַרביסן די ליפּן און אַ פאַרטראַכטע בין איך אַוועק

אַהיים. גאַנץ אָפט האָב איך זיך אינגאַנצן געטרייסלט, אַז דער פאָטער פלעגט אָן אַשום סיבה—נאָר צוליב זיין שטאַרקער אינערליכער אויפרעגונג—ווערן שרעקלאַך בייז.

אין אַ קורצער צייט אַרום האָט מען מיר אָפגעגעבן אין אַ שולע. דאָס איז געווען אַ פריוואַטע פענסיע אויף דער קעניגין אויגוסטאַ־גאַס, וואָס האָט נישט לאַנג עקזיסטירט און האָט געהאַט אַ גאַנץ קליינע צאָל תלמידות. מיין באָבע האָט מיך פאָרגעשטעלט דער פאַרוואַלטערן, אַ קליינע, דיקע דאַמע מיט אַ פעטן, גלאַנצנדיקן געזיכט, מיט פייכטע הענט, וואָס האָבן צו מיין גרעסטן שרעק געגלעט מיינע באַקן. דעם ערשטן איינדרוק, וואָס איך האָב געהאַט פון די לעקציעס איז געווען: שרעקלאַכע לאַנגווייליגקייט. ערשט, אַז מען האָט מיך איבערגעזעצט אין אַ העכערע קלאַס, וואו אַלע מיידלאַך זיינען געווען עלטער פון מיר, האָט עס ביי מיר אַרויסגערופן אַן אינטערעס, ווייל דאָס האָט מיר שטאַרק אימפאָנירט און אויפגעוועקט ביי מיר דער געפיל פון עגאָאיזם. דאָס טרוקענע, מעכאַנישע אויסחזרן, אויף וועלכן עס איז דעמאָלט געווען געגרינדעט דער גאַנצער אונטעריכט, האָט מיר, נאַטירלאַך, אויך דאָ נישט זייער צוגעצויגן; אָבער מיין שטרעבן אַלעמען אַריבערצויאָגן, זיין די ערשטע אין קלאַס און דער שטאַרקער ווילן האָט מיך איינגעשפאַנט. שטאַרק אָנשטריינגען זיך כדי צו דער גרייכן מיין ציל, האָב איך אָבער נישט באַדאַרפט: געלערנט האָב איך זייער לייכט און באַקומען שטענדיק די בעסטע צייכנס. מיינע חברטעס האָבן מיך אָבער נישט געקאָנט ליידן און עפעס האָב איך מיר שטענדיק געפילט, ווי שולדיק קעגן זיי, ווייל אין אַלע זייערע שול־אינטערעסן האָב איך קיין שום אַנטייל נישט גענומען. מיט מיינע שפּילצייג האָב איך זיך אויך כמעט גאָרנישט באַשעפטיקט, און דאָס שפּיל אין קאָלירטע בילדלאַך־פאַפירלאַך, וואָס דאָס איז געווען דער הויפּט־ספּאָרט אין שולע, האָט מיר

אויסגעזען לעכערלאַך און נאַריש — און דעריבער בין איך געבליבן אינגאַנצן איזאָלירט. נעבן מיר אין קלאַס איז געזעסן אַ מיידל, וואָס אין אָנהייב האָב איך נאָר געזען אין איר אַ געפערלאַכע קאָנקורענטן און דאָס האָב אַלץ מורא געהאַט, אַז זי זאָל מיך נישט אַריבעריאָגן. באַלד האָב איך אָבער באַמערקט, אַז איר מייט מען נאָך אויס מער, ווי מיר און מען פאַרפאָלגט איר אָן אַן אויפהער מיט פאַרשידענע שטעכווערטער און באַליידיגונגען. „יודנמיידל", איז אַמאָל געווען אָנגעשריבן מיט רויטע טינט אויף איר באַנק, דאָס צווייטע מאָל מיט ווייסע קרייד אויף איר מאַנטל. געפינענדיק אַזעלכע אויפשריפטן האָט זי שטענדיק זייער געוויינט. אָבער קיינמאָל האָט זי נישט געהאַט די דרייסטקייט זיך צופאַרטיידיקן. איינמאָל נאָך דער לעקציע פון רעליגיע — גראַדע זענען מיר דעמאָלט דורכגעגאַנגען די ליידנסגעשיכטע פון יעזוסן — האָב איך דערזען, ווי אַלע רינגלען אַרום די יודישע שילערין און לויכט אַ באַשטימטן צייכן האָט דער גאַנצער קלאַס מיט איינמאָל אָנגעהויבן שרייען:

— יודן־פּעל האָסט קריסטוסן געקרייציגט! יודן־פּעל האָסט קריסטוסן געקרייציגט!

באַלד האָט מען געמאַכט אַ קאַראַהאָד אַרײַנגענומען זי אין מיטן און אַרום איר זיך געדרייט, געטאַנצט און אויף די ווערטער, פון דער אָנפּירערן: איינס, צוויי, דרײַ, האָבן אַלע נעבן איר אויסגעשפּיגן.

אָנגעצונדן פון כעס, אויסער זיך פון אויפרעגונג האָב איך מיך אויף זיי אַ וואָרף געטאָן:

— געמיינע באַנדע! — האָב איך געשריגן נישט מיט מײַן קול.

פון מײַן געשריי זיינען זיך אַלע צעלאָפן.

— ווי שעמט איר זיך נישט? צען אויף איינער!

— אָבער זי איז דאָך אַ יודישקע! — האָט אויסגעברומט די וועלכע איז געשטאַנען צום נאָנסטן נעבן מיר.

— און אַז זי איז אַ יודישקינד, איז וואָס? צי ווייסט איר דען נישט, אַז קריסטוס איז אויך געווען אַ יוד? — האָב איך געענטפערט. און גלייך בין איך צוגעגאַנגען צו דער יודישער שילערן, וועלכע האָט בוטער געוויינט — הער אויף צו וויינען, עדיט — האָב איך איר געזאָגט שטילערהייט — ווען נישט וועלן זיי דיך קיינמאָל נישט צורולאָזן.

פון יענער צייט אָן זיינען מיר געוואָרן די בעסטע פריינדינען. ביידע איינציקע קינדער ביי אונזערע עלטערן און געפינענדיק זיך דעריבער שטענדיק מיט דערוואַקסענע זיינען מיר געווען רייפער און אַנטוויקלטער פון אַלע אַנדערע; ביכער זיינען געווען אונזער ליידנשאַפט און מיר האָבן זיי פשוט געשלונגען; באַלד האָט זיך אָנגעהויבן צווישן אונז אַ געדאַנקען אויסטויש און קיין שטאָף אויף זיך אונטערהאַלטן האָט אונז נישט געפעלט. דערצו האָבן מיר געוואוינט אַ שטוב נעבן אַ שטוב, און אין שולע ויינען מיר שטענדיק געגאַנגען צוזאַמען. דאָס איז נאָך נישט געווען דאָס איינציגע, וואָס האָט מיר געבראַכט דערצו, אַז איך זאָל זיך אָננעמען פאַר דער באַליידיקטער און פאַרפאָלגטער.

איינמאָל האָט מיר די פאַרוואַלטערן פלוצלונג געשיקט רופן צו זיך:

— דו האָסט געזאָגט, אַז קריסטוס איז געווען אַ יוד? — האָט זי מיך געפרעגט מיט אַן ערנסטער, בייזער מינע — פון וואַנענט ווייסטו דאָס?

— מרים און יוסף זיינען דאָך אויך געווען יודן און — און דוד פון וועמען ער שטאַמט!

— קריסטוס איז גאָטס זון, דאָס זאָלסטו געדיינקען! — האָט

זי געשריען און איר שטים האָט געציטערט — און ברייגג נישט אַרייַן קיין אַפּיקורסית אין די גלויביקע הערצער פון דייַנע חברי־טעס.

מיט פאַרביסענע ליפּן האָב איך פון כעס געשלונגען די טרערן, וואָס זייַנען מיר געשטאַנען אין די אויגן.

—איך זע, אַז דו האָסט חרטה אויף דיין זינד — האָט זי געזאָגט מיט אַ ווייכערן טאָן—בין איך דיר דאָס מאָל מוחל—און אירע פייכטע הענט האָבן מיר געגלעט איבערן געזיכט.

איך האָב זיך געוואָלט אַרויסרייסן און אַנטלויפן, אָבער מיין עמפערונג געגן דער געמיינהייט אויף וואָס פאַר אַן אופן די מיידלאַך האָבן זיך אָן מיר נוקם געווען, האָט מיך אָפּגעהאַלטן און איך האָב איר דערציילט די גאַנצע געשיכטע. אָבער איר שפעטערדיקע נאָטאַציע האָט מיר נאָכמער צורייצט.

—פון זייער זייט איז טאַקע געווען זייער נישט ריכטיק — האָט זי מיר דערקלערט מיט אַן ערנסטער מינע — אָבער דאָס פאַרגיט נאָך בשום אופן נישט דיין גרויסן „חטא"!

צוטומלט און אויפגערעגט בין איך אַוועק אַהיים.

קיין רעליגיעזע ספקות האָבן מיר נאָך דעמאָלט נישט געקוועלט. איך האָב געגלויבט אין ליבן האַר יעזוס, פון וועלכן די באָבע האָט מיר שטענדיק דערציילט, אַז ער טרייסט די אומגליקלאַכע, העלפט די קראַנקע און האָט זייער ליב קינדער. אַז קריסטוסעס אָפּשטאַמונג פון גאָט האָט אַזאַ וויכטיקע באַדייטונג, דאָס איז מיר קיינמאָל אויפן געדאַנק נישט אַרויף. גלייך פון שול׳ע בין איך אַוועק צו דער באָבען און האָב פאַר איר אויסדערציילט מיין גאַנצע האַרץ.

אַזוי שלעכט, ווי דו פאַרשטייסט עס, האָט פריילין פאַטצע געוויס נישט געמיינט — האָט די באָבע געזאָגט — אַלע זיינען מיר

גאָטס קינדער, און ווער ס'איז מקיים אַזוי ווי קריסטוס, גאָטס רצון, דער איז זיין ליבסטער זון.

דער באָבעס רייד האָבן מיר אַ ביסל באַרויקט! אָבער אויף די לעקציעס פון רעליגיע דהאָב איך אָנגעהויבן מער חי פריער אריינטראַכטן אין זין פון די ווערטער און באַלד האָב איך טאַקע דערשפירט דעם היפך צווישן דעם, וואָס דאָרט ווערט געלערנט און צווישן דעם וואָס די באָבע האָט מיר געזאָגט. מיין האַרץ און מיין פאַרשטאַנד זיינען איינגאַנצן געווען פאַר דער באָבעס דערקלערונג, און צו די לערערינס האָב איך דערשפירט אַ שטאַרקע גרינגשעצונג. געלערנט דאָב איך אַפילו אַזוי גוט, ווי פריער, אָבער פאַר מיין אינערלאַכעס לעבן, פאַר מיין גייסטיקער אַנטוויקלונג האָט די שולע, ווי איבערהויפט יעדער אינטעריכט אין יענער צייט נישט געהאַט קיין שום באַדייטונג.

דער אינצידענט אין שול־ע האָט זיך נאָך אָבער דערמיט אַליין נישט געענדיקט. מיט עדיטן זיינען מיר, פאַרשטייט זיך, געוואָרן די נאָנטסטע חברטעס. עטלאַכע מאָל האָט זי מיך געלאַדן צו זיך. איך דהאָב אָבער איר איינלאַדונגען נישט געטאָרט אָננעמען. ערשט, אַז די באָבע האָט זיך אַריינגעמישט האָב איך געפועלט ביים פאָטער ער זאָל מיך לאָזן אַהין גיין. ביי מיין חברטעס עלטערן אין שטוב איז אַלץ געווען זייער שיין, און אירע עלטערן, וואָס האָבן מיט אַ געוויסן מיין געשיקט זייער טאָכטער אין דער אַריסטאָקראַטישער שולע, האָבן פון שמחה פשוט נישט געוואוסט, וואָס מיט מיר צו טאָן. מיין באַזוך איז אפשר געווען פאַר זיי דער ערשטער טריט צום ציל, צו וועלכן זיי האָבן געשטרעבט פאַר זייער איינציק קינד—חתונה מאַכן איר מיט אַ באַראָן—און די באַקאַנטשאַפט מיט מיר וועט זיין אַ התחלה צום פאַרקער אין אַריסטאָקראַטישע קרייזן. איך האָב זיך שלעכט געשפירט אין דער געזעלשאַפט פון דאָזיקן פאַר פאָלק פון די פרוי

מיט די בריליאַנטענע רינגען אויף די פליישיקע הענט, וואָס ביי יעדער באַוועגונג האָט געקנאַקט דער קאָרסעט; און דעם מאַן מיט דער מאַסיווער, גאָלדענער קייט אויפן גרויסן, דיקן בויך. נאָכן גרויסאַרטיקן אָונטברויט האָט מען געשפּילט אין פאַנטן. ווי שטענדיק האָב איך כסדר פאַרשפּילט — מיין נישטגעשיקטקייט אין אַזעלכע שפּילן איז געווען צום געוויינלאַכע ערשיינונג — ווייל מיינע געדאַנקען פלעגן בעת מעשה זיין ערגעץ אַנדערש און דאָך האָב איך געקריגן אַ גאַנצע מאַסע וואונדערשיינע געווינסן. דאָס שענסטע איז געווען אַ קליינער מושלוואָגן געשפּאַנט מיט אַ זילבערנעם ציגענבאָק.

אינדערהיים האָב איך אויסגעשאָטן מיינע אוצרות אויפן טיש פאַר מיינע עלטערן. זיי האָבן זיך אָבער אין מיין שמחה נישט באַטייליגט. דער פאָטער האָט זיך שטאַרק געבלאָזן און די מוטער האָט פאַרביסן מיט די ליפּן. באַלד איז אָבער אויסגעבראָכן אַ שרעקלאַכע מחלוקת. זיי האָבן איינער דעם אַנדערן שטאַרק פאָרגעוואָרפן, וואָס זיי האָבן מיר געלאָזן גיין צו די „אויפגעקומענע יידישע גבירים”, וואָס האָבן געהאַט די העזה צו שיינקען זייער טאָכטער מתנות. וויינענדיק בין איך אַוועק שלאָפן. מער בין איך שוין אַהין נישט געגאַנגען. אין שולע פלעג איך עדיטן אויסמיידן מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן. אומזיסט האָט זי אַלץ געוואַרט איך זאָל איר רופן צו זיך; אירע באַליידיקטע עלטערן האָבן איר וואַרשיינלאַך געגעבן וועגן דעם געוויסע אָנצוהערענישן. זונטיק בעת די גאַנצע פאַמיליע איז געווען צוגאַסט ביי דער באָבען האָט מען ווידער געמאַכט אַ רייד וועגן דערדאָזיקער געשיכטע. די מומע יעטטע, דער באָבעס שוועגערן האָט זיך זייער געהיצט און האָט קאַטעגאָריש דערקלערט, אַז אַ מיידל וואָס פאַרנעמט אַן אָרט אין דער געזעלשאַפט, דאַרף מיט קיין יודן נישט פאַרקערן. ביט איינער פון די אָנוועזנדע האָט דערביי

איראָניש געשמייכלט. פֿאַר קיינעם איז קיין סוד נישט געווען, אַז דאָס איז איר שוואַכע זייט, זי האָט זיך בשום אופן נישט געקאָנט שיינקען, וואָס באַראָן וואָלקענשטיין איז איר איידעם. זיין עלטער-זיידע איז געווען דער הויף-ייד ביי פרידריך דעם גרויסן, וועלכער האָט אים געשיינקט דעם באַראָן-טיטל מיט דער איראָנישער באַמערקונג, לאָמיר דעם קערל מאַכן פֿאַר אַ באַראָן, קיין איידל-מאַן וועט ער דאָך קיינמאָל נישט ווערן. אַפילו ביים פערטן דור האָט נאָך אַלץ די שמד-וואַסער נישט אָפּגעוואַשן דעם פֿלעק פון זיין יודישער אָפּשטאַמונג.

עס איז געווען אַן איראָניע פֿון גורל, וואָס אַלס חברטע אויפֿן אָרט פֿון עדיטן, האָט מען מיר צוגעשאַרט הערמאַנען דעם פֿעטער וואָלקנשטיינס עלטסטער זון. ער איז געווען עטוואָס עלטער פֿון מיר, איינער פֿון די ערגסטע שילער, און איך האָב דאָס אים געדאַרפֿט דינען פֿאַר אַ ביישפּיל מיט מיין התמדה. צוגעגאַנגען זיינען מיר דעריבער איינער צום אַנדערן נישט מיט קיין שטאַרקע ליבע-געפֿילן, אָבער סוף-כל-סוף האָבן מיר נישט שלעכט געלעבט. אין מיין צימער אויפֿן פֿאָדלאָגע האָבן מיר געבויט גאַנצע דערפֿער און גיטער, וואָס מיר פֿלעגן אַליין אויסשניידן פון קאָלירטע פאַפּיר. הערמאַנס פֿאָטער האָט געהאַט אין זאַקס, אַ גרויסן גוט און דעריבער זיינען אים נענטער, ווי אַלץ געווען ווירטשאַפֿטלאַכע אינטערעסן; די ערינערונגען אין גרעניי האָבן אין מיינע אויגן צוגעגעבן דעם לעבן אויפֿן לאַנד אַ באַזונדערן חן און דאָס פֿלעגט זייער מאַכן אינטערעסאַנט אונזערע שפּילן. באַלד האָט זיך אָבער הערמאַן אָנגעהויבן צו פֿאַרנעמען מיט קויפֿן און פֿאַרקויפֿן בהמות, קאָרן און היי און בעת-מעשה פלעגט ער קריגן אמתע התפעלות. איך אָבער פֿלעג לאָזן פֿליען אין דער לופֿטן ווי אַ פּעפּער-שיף, עדיטס מושלוואָגן, כדי צו פֿאַרשאַפֿן די גרעסטע באַקוועמלאַכקייטן פֿאַר די מענטשן אין מיינע דערפער און דעמאָלט

פלעגט ווערן ביי אונז אויס שלום, הערמאַן האָט נאָר ליב געהאַט אמתע, רעאַלע מעשים און איך האָב געפינען זײַן „האַנדל“ פּאַר עקלהאַפט. סוף־כל־סוף האָב איך טאַקע אײַנגעשלאָסן אין שאַנק מײַן גאָלדענעם ציגענבאָק, ריכטיק אַזוי ווי איך האָב זיך אויס־געלערנט צו באַהאַלטן אין זיך מײַנע חלומות. די מענטשן קע־נען שוין אַנדערש נישט זײַן, האָב איך פּילאָזאָפירט, איך קען, עדערן אויסנוצן נאָר פּאַר איין זײַט פון מײַן וועזן, די צווייטע זײַט דאַרף מען דעריבער באַהאַלטן ביז עס וועלן זיך אויך פּאַר איר אָפּזוכן די ריכטיקע חברים.

צוזאַמען מיט אַ גאַנצער מחנה ייִנגלאַך און מיידלאַך האָב איך זיך יענעם ווינטער אנגעהויבן לערנען טאַנצן. די טענץ־שעהן זײַנען פּאָרגעקומען יעדעס מאָל אין אַן אַנדער הויז ביי איינעם פון די קינדער. דאָ זײַנען געזעסן אַלע מאַמעס, באָבעס און מומעס פון די קינדער און האָבן ערנסט בודק געווען, געמוסטערט דעם יונגן דור, געמאַכט פּלענער וועגן זייער צוקונפט און אַרויסגעוויזן זייער בקיאות אין דער ערציונג, קאָנקורירנדיק מיטן טאַנץ־מײַסטער, וועלכער האָט אונז באמת שטאַרק פאַראינטערע־סירט, נישט ערגער ווי מיר האָבן „פּאַרלירט“. פראַנצויזיש האָבן מיר געטאַנצט אַ קאַדריל און אַ פּאָלקע — אַ וואַלס איז אין יענער עפּאָכע אין די הויכע געזעלשאַפטן אַלס נישט „אָנשטענ־דיק“ געווען פּאַרבאָטן — און אַזוי פּערפעקט איז געווען אונזער „הויף־קניקס“. אַ שטעלונג אין דער געזעלשאַפט איז אונז גע־ווען געזיכערט; אַ דאַנק אונזערע פּאַמיליענבאַציונגען, האָבן מיר שוין, אייגנטלאַך, דידאָזיקע שטעלונג געהאַט פאַרנומען. פּאַר מיר איז דאָס אַלץ עפּעס געווען אַזוי זעלבסטפאַרשטענדלאַך, אַז דער פּאַלשער שטאָלץ, וואָס ווערט אַרויסגערופן נאָר דורך דעם, וואָס מען קוקט דערויף ווי אויף עפּעס אומגעוויינלאַכעס, דערדאָזיקער הויכמוט, וואָס כאַראַקטערירט אַזוי דייטלאַך דעם

„אויפגעקומענעם״ איז מיר געווען אינגאַנצן פרעמד. אַזוי אַז מיר אויסגעקומען זייער קאָמיש, ווען עדיט פלעגט מיט אַ באַזונדערן דרך=ארץ און באַוואונדערונג זיך אויספרעגן בײַ מיר וועגן די קינדער = פאַרווײלונגען בײַם קרוין = פרינץ; דער קרוינפרינץ, וואָס צו שלאָגט מיט זיינע גראָבע שפּאַסן אַלע אילוזיעס פון די פאַנטאַסטישע פרינצן און אַלע אונזערע קינדער חלומות; די איינפאַכע פשוטע קינדער, וואָס מען האָט זיי גאָר מיט קיין שפּילצייג נישט געפּיעשציעט. דער טיי=טיש וואו איך האָב זיך גלייך מיאש געווען צוגעפּינען עפּעס אַזוינס, וואָס רייצט דעם קינדערשן גומען—ווייל אויסער אַלבערט=קעקס האָט מען אונז קיין אַנדער זאַך נישט געגעבן. דאָס איז בכלל אַלץ אין וואָס עס האָט זיך אויסגעדריקט דער גלאַנץ פון דער קייזער=קרוין. זייער נישט גערן פלעג איך דאַריבער אַהין גיין. די פּרינצעסין שאַרלאָטע, וועלכע איז מיר צום בעסטן געפעלן, איז געווען אַ סך עלטער פון מיר; די פרינצעסין וויקטאָריע, וואָס זי האָט געזאָלט זיין מיין שפּיל = חברטע האָט ליב געהאַט קאָמאַנדעווען, וואָס מיר איז דאָס אינגאַנצן געווען פרעמד. אויף די יונגערע קינדער האָב איך, אַ צעניעריק מיידל געקוקט פון אויבן אַראָפּ, און אַז צו זיי איז נאָך צוגעקומען דער פּרינץ ווילהעלם מיט זיין קירצערער, פאַראַליזירטער האַנט, פלעגט אויף מיר אינגאַנצן אָנפאַלן אַ מרה=שחורה. מיט אַ זיפץ פון דערלייכטערונג פלעג איך מיך יעדעס מאָל אָנשפּאַרן אָן די קישנס פון דער קאַרעטע, וואָס פלעגט מיך אָפּפירן אַהיים. שיין זיינען נאָר געווען די גרויסע בעלער און די עפנטלאַכע פייערונגען. אַז איך האָב דאָס ערשטע מאָל מיט אַראָפּגעלאָזטע צעפּ און אַ שפּיצן=קלייד אין אַטלעסענע שיך באַטראָטן די גרויסע זאַלן, וואו איך האָב „גנעדיק״ אויסגעהערט די ערשטע קאָמפּלימענטן פון די קאַוואַלערן, וואָס זיינען מיר אַנטקעגן געקומען, דעמאָלט האָט זיך מיר פאַרגע=

שטעלט די גרויסע שמחה פון לעבן, און אַ שטאַרקע ביינקשאַפט האָט אָנגעפילט אַלע ווינקעלאַך פון מיין נשמה. אויף איינעם פון אַזעלכע בעלער האָט מיר באַגעגנט העלמוט און האָט מיך אונ־טערן אָרעם אַריינגעפירט אין באַל־זאַל. „ווי אַ בת־מלכה; פון טויזנט און איין נאַכט, זעסטו אויס“ האָט ער מיר אַריינגעשוש־קעט אין אויער. טויזנט און איין נאַכט! ד־ייס איז מיר געוואָרן אין אַלע אָדערן! און אַז מיר האָבן זיך דעמאָלט אין העלן גלאַנץ פון די ליכט, אונטער רוישנדער מוזיק געוויגט אין טאַנץ, האָט זיך מיר געדוכט, אַז אין דער מעלאָדיע הער איך די צויבער־ווערטער: שיין־זיין—הערשן—געביטן!

אַ גלעזערנע קויל, וואָס איך האָב מיר אַמאָל אַראָפּגענומען אין שלאָס פון אַ כאָינקע; אין וועלכן עס שפּיגלען זיך נאָך עד היום אָפּ יעדעס יאָר די ליכט פון דער כאָינקע, איז מיר גע־בליבן אַלס אַ זכר אָן יענע פייערונגען. דעמאָלט האָב איך עס געהאַלטן פאַר ריינע זילבער. עס איז אָבער נישט מער, ווי אַ גלעזערנע און האָט שוין לאַנג אַ פּלאַץ!...

אין פרילינג בין איך קראַנק געוואָרן. זייער אָפּטער קאָפּ־שווינדל איז געווען די סיבה, צוליב וואָס כ׳האָב געמוזט וואַרפן די שולע. שפּעטער בין איך קראַנק געוואָרן אויף מאַזלען און אַ לאַנ־גע צייט געלעגן צו בעט. אַז מען האָט מיר שוין ערלויבט אויפ־צושטיין האָב איך נישט געקאָנט שטיין אויף די פיס און עס האָט געדויערט אַ לאַנגע צייט ביז איך בין צו זיך געקומען. פון דער קראַנקייט האָב איך אָבער באַקומען אַ שוואַכע האַרץ. איך האָב גע־דאַרפט האָבן פיל לופט און דעריבער פלעגט מיט מיר די באָבע יעדן טאָג פאַר און נאָכמיטאָג גיין אין זאָלאָגישן גאָרטן. דאָרט בין איך געזעסן אויף אַ זוניקער באַנק, די אָפּגעמאָגערטע הענט אין שויס, דעם קאָפּ, וואָס איז שטענדיק געווען שווער, אָנגע־

שפּראָט אָן באַנק, און די באָבע פלעגט מיר פאָרלעזן. צו דעם צוועק האָט זי אויסגעקליבן אַ ספּעציעלע ליטעראַטור: די יוגנט־יאָרן פון באַרימטע מענער, וואָס זי האָט אַרויסגענומען פון זייערע לעבנסשרייבונגען און אויטאָ־ביאָגראַפיעס. צוויי פון זיי האָבן אויף מיר געמאַכט אַ גוואַלדיקן איינדרוק: נאַפּאָלעאָן און געטהע. מיר האָט באַצויבערט דער גרויסער קייזער, דער געוועזענער אָרעמער יונג, וואָס האָט זיך נישט אונטערגעגעבן דעם דרוק פון נויט און אָרעמקייט; האָט, פאַרקערט, ביידע זאַכן אויסגענוצט אַלס מיטל דורך זיי צו דערווערבן קראַפט און מאַכט; און דער זשעני פון גרויסן דיכטער, וואָס האָט זיך שוין אַזוי בולט אַרויסגעוויזן אין זיין פריסטער קינדהייט.

—דאָס מוז זיין דאָס שענסטע אין לעבן. באָבע, צו זיין ווי אַ שטערן, וואָס לייכט פאַר אַלע—האָב איך אַמאָל פאַרטראַכטערהייט געזאָגט.

און איר תשובה קלינגט מיר נאָך איצט אין די אויערן:

—וואָס אַלע האָבן אים ליב, מיינסטו געוויס, ווייל ער וואַרעמט אַלעמען!

האָט זי דאָס בוך אַוועקגעלייגט, פלעגט זי דערציילן פון איר אייגענער יוגנט-צייט, וואָס זי האָט פאַרבראַכט אין דעם דיכטערס שטאָט כמעט שטענדיק מיט אים צוזאַמען. ווי אָרעם האָט מיר אויסגעזען מיין קינדהייט אין פאַרגלייך מיט אירער. איבערהויפּט האָב איך מער נישט געקאָנט אמת פריילאַך ווערן. אין דער לופט איז עפּעס געהאַנגען אַ שווערקייט, אַ טרויער, וואָס האָט געמאַכט שווערער דאָס לעבן און זעלטענער דאָס לאַכן. אַפילו מיין פאָטערס הומאָר איז אַלץ מער פאַרשוואונדן געוואָרן, און אָפטער, ווי פריער, פלעג איך צוליב זיין ווילדער אויפרעגונג אַראָפּלויפן זיך באַהאַלטן ביי דער באָבען. אָבער זי איז אויך געווען צערודערט און פאַרדאגעט, כאָטש זי פלעגט עס פון

מיר באַהאַלטן. יעדן מאָרגן האָט זי זיך פאַרטיפט אין קורס-צעטל אין איר באַמערקונג „די לאָמבאַרדן פאַלן", וואָס איז פאַר מיר געווען אומפאַרשטענדלאַך, פלעגט פאַרשטערן די אָנגענעמע פרי-שטיק-צייט. אין אָוונט איז דער פאָטער עפּעס גאָר צוליב אַ נאַ-רישקייט אָנגעפאַלן אויף דער מוטער. פאַר אַזעלכע סצענעס האָב איך מיר שטענדיק אַזוי געשראָקן, אַז אויך דאָס מאָל בין איך אַ צושראָקענע געשווינט אַרויסגעלאָפן און זיך איינגעגראָבן אין דער באָדעס פאָטערשטול. פּלוצלונג האָב איך דערהערט קולות: דער פעטער וואַלטער איז מיט אַ טאָג פריער געקומען אַהער פון מזרח-פּרייסן און ווי עס ווייזט אויס, איז ער איצט אין שטאַרקער אויפרעגונג אַריין מיט דער באָבען אין זאַל. זיי האָבן זיך ביידע אָנגעקעצט אויף דער ווייכער גרינער סאָפע, וואָס האָט מיר אַזוי אָפט געדינט אַלס ברוגז-ווינקל, און אָט האָב איך געהערט וואָרט ביי וואָרט זייער אונטערהאַלטונג: דער באָבעס ווייכע, פון טרערן פאַרשטיקטע שטימע, דעם פעטער וואַלטערס האַרטן פון אויפרעגונג ווילד קלינגענדיקן קול.

—דו קענסט אונזער פינאַנציעלע לאַגע ?—האָט זי געזאָגט. האַנס האָט איינגאַנצן פאַרלאָרן זיין קליינעם קאַפּיטאַל און בנוגע צו אילזעס נדן שטעל איך מיר פאָר דאָס ערגסטע. דערצו האָבן זיך מיינע הכנסות שטאַרק פאַרקלענערט, און איך מוז איצט לעבן זייער אויסגערעכנט, כדי צו קאָנען שטיצן אילזען און מאַקסען, וואָס האָבן ביידע פאַמיליעס און נישט לאָזן זיי אונ-טערגיין. דו האָסט נישט קיין ווייב און קיין קינד, פאַרמאָגסט אַ שיינעם נוס,—דו קענסט דיין שטעטל אַליין באַשטיין.

—דו קאָנסט דורך האַנסן קריגן ביי קלאָדילדן — האָט ער געזאָגט.

— קלאָטילדע!—די באָבע האָט אַ שטאַרקן זיפץ געטאָן.

— בעט מען פון איר די קלענסטע הילף צובאַרעכט מען

אינגאַנצן אַליקסכענס צוקונפט.

דער פעטער וואַלטער האָט שווער געזיפצט.

— האָסטו נאָך עפּעס אויפן האַרצן? רייד זיך אויס, מיין קינד, וועט דיר ווערן לייכטער — האָט די באָבע געזאָגט מיט אַ זיסער שטים.

און אָט האָט זיך אַ גאָס-געטאָן אַ שטראָם ווילדע, ליידנ-שאַפטלאַכע ווערטער, זיי האָט באַגלייט דער באָבעס שטיל, בי-טער וויינען, וואָס האָט מיר פּשוט געשניטן ביים האַרצן.

איך האָב נישט אַלץ פאַרשטאַנען, אָבער דער עיקר איז מיר גוט אַריין אין קאָפּ. עפּעס ערגעץ אין דער שווייץ אָדער אין איטאַליען האָט דער פעטער וואַלטער און איינער פון די שפּילבייַנק, וואָס האָבן דעמאָלט געוואַקסן, ווי שוואָמען נאָכן רעגן, פאַרשפּילט אַ מאַסע געלט, די געשעפטן אין פירגאַלן זיינען געווען זייער שלעכט ווייל דער גאַנצער היי-שניט איז אַראָפּגע-שווענקט געוואָרן פון אַ גרויס געוויטער.

—איך וועל זיך דערשיסן אויב דו וועסט מיר נישט העלפן — האָט ער געענדיקט פון אויפרעגונג.

איך האָב אַ שרעקלאַכן געשריי געטאָן, די באָבע איז אויפ-געשפּרונגען, איך האָב געהערט אירע טריט. איינגראָבנדיק דעם קאָפּ אין קישן, האָב איך איינגעהאַלטן דעם אָטעם.

—אַלזאָ, אַ פאַרשווענדער און אַ פּחדן דערצו!—האָט זי גע-זאָגט.—זיין דראָאונג האָט צו מיין גרעסטער פאַרוואונדערונג נישט געמאַכט אויף איר קיין שום איינדרוק. און דו שעמסט זיך גאָר-נישט? וויפל מענטשן מאַטערן זיך צוזאַמען מיט זייערע פאַמיל-יעס, לעבן אָפּ דעם טאָג מיט גראָשנס, און דו וואַרפסט טויזנ-טער אין בלאָטע, און נאָך דערצו טויזנטער, וואָס זיינען נישט דיינע: צי איז עס נישט אַן אמתע גניבה צו צונעמען דאָס געלט פון דיינע ליפעראַנטן און בעלי-מלאכות און עס וואַרפן דעם

ערגסטן טייוול, דעם שד פון שפיל אין מויל אַריין!? אויב דו פאַרמאָגסט נאָך אַ פונק מענטשלאַכקייט, מוסטו זיך אַליין העלפן און נישט פאָדערן, אַז שוועסטער און ברידער זאָלן זיך פאַר דיר מקריב זיין. באַזעץ דיך אויף דיין גוט און אַרבייט!"

קיינמאָל האָב איך נאָך דער באָבען נישט געהערט אַזוי ריידן. אויך דער פעטער וואַלטער, ווי מיר האָט אויסגעוויזן, איז געווען איבעראַשט, ווייל אַ לאַנגע צייט האָט ער געשוויגן. דאַן האָט זיך די סצענע ווידער אָנגעהויבן, נישט אַזוי שטאַרק, ווי פריער, נאָר מיט געוויין, מיט יאָמער, און פאַרצווייפלונג. באַלד האָט אים די באָבע געטרייסט, ווי מען רעדט איין אַ קראַנק קינד אָבער גישט נאָכגעגעבן, זי האָט געוואָלט זיך איבערציען צו אים, העלפן אים אויפבויען אַ נייעס לעבן, ברייגגען אין אָרדנונג זיינע רוגירטע ווירטשאַפט ביז ער וועט געפונען אַ גוטע פרוי...

—איך האָב אַ געליבטע!—האָט ער אויסגעשריגן.

—דאָס נאָך אויך—האָט זי געמורמלט, — קאָנסט מיט איר חתונה האָבן? האָט זי שנעל צוגעגעבן.

—און ביידע זאָלן מיר אויסגיין פון הונגער? — האָט ער געברומט.

אַז די באָבע האָט אים אָנגעהויבן שטאַרק בעטן האָט ער דערציילט וועגן זיינע באַציונגען צום דאָזיקן מיידל. זי איז אַ קינד פון אַנשטענדיקע אָרעמע עלטערן, ער האָט איר געלאָזן אויסבילדן פאַרן טעאַטער און איר געשאַפט אַ שטעלע אויף דער בינע. קיין טאַלענט האָט זי נישט, זי איז אָבער זייער שיין און וועט זיך אַן עצה געבן. פאַרן קינד אָבער, וואָס פון אים קאָן איך זיך נישט אָפּזאָגן, מוז איך זאָרגן און באַוואָרענען.

—און דו, דו ביסט מיין זון, — האָב איך געהערט דער באָבעס פאַרשטיקטע שטים. אָ, ווי האָט זיך מיר געוואָלט אין דעם

מאָמענט פאַלן איר צו די כּיס און קושן אירע הענט.

נאָך אַ לאַנגלאַנגער, פּיינלאַכער שטילקייט האָט זי חייטער אָנגעהויבן ריידן. מיט אַ רויקן געשעפּס־מעסיגקייט ווי מען רעדט מיט אַ ווילד פרעמדן מענטשן האָט זי דעם פּעטער וואַלטער דער־קלערט, וואָס פאַר אַ שריט עס דאַרפן געמאַכט ווערן, כּדי צו־ברייגגען אין אָרדנונג זיינע אָנגעלעגנהייטן, און אויף וועלכע צייט זי קאָן באַשטימען איר איבערציען זיך קיין פּירגאַלען. דעם אומשולדיקן קליינעם וואָרם און זיין אומגליקלאַכע מוטער וועל איך באַזאָרגן—האָט זי געזאָגט. און איצט אַ גוטע נאַכט!

נישט ענטפערנדיק קיין איין וואָרט איז דער פּעטער וואַל־טער אַרויס פון צימער. דידאָזיקע אייבציקע שעה האָט מיט איינ־מאָל אַראָפּגעריסן דעם שלייער מיט וועלכן עס איז פאַר מיר ביז יעצט געווען פאַרדעקט דאָס לעבן. דאָס האַרץ האָט מיר גע־קלאַפּט, ווי מיט האַמערס. פּלוצלונג איז די באָבע אַריין צו מיר אין צימער. „אַליקסכען"! האָט זי אויסגעשריען. איך בין אויפגע־שכּרונגען און באַהאַלטנדיק מיין הייסן קאָפּ אין די קילע סאַמעט־פאַלדן פון איר קלייד, האָב איך איר דערציילט, אַז איך האָב אַלץ, אַלץ געהערט.

—איך, איך וועל דיר העלפן, באָבע,—האָב איך געשריען מיט וואַרטנדיק אויף איר תשובה און הונדערט פאַנטאַסטישע פּלענער האָבן זיך נעפּלאָנטערט אין מיין מח.

—איך פאָר מיט מיט דיר קיין פּירגאַלען, דאָרט וועל איך אַכטונג געבן אויף דעם קליינעם קינד וועסטו קיין גיאַנקע נישט דאַרפן.

מיט גרויס מיטלייד האָב איך אויף איר געקוקט, מיט אַ וויי־מוטיקן שמייכל האָט זי געגלעט מיינע פלאַמעדיקע באַקן און אויפגעמונטערט דורך אירע ליבע־געפילן האָב איך מיט התלבות חייטער גערעדט:

—דו ווייסט, באָבע, אַז פּאַר מיינע עלטערן וועט עס אויך זייער גוט זיין, זיי וועלן פון מיר פּטור און דאַרפן אויף מיר קיין געלט נישט אויסגעבן. אפשר וועל איך גאָר קאָנען אַליין פאַרדינען. דו דהאָסט מיר אַמאָל געזאָגט, אַז אַ סך אָרעמע קינ־דער מוזן אַרבייטן אויף זייער עקזיסטענץ. איך טאַנץ דאָך אַזוי גוט, הער עקעל האָט דאָך מיר אַליין געלערנט, ער וועט מיך געוויס צונעמען אין טעאַטער.

— אָ, דו קליינער הימל־קאָפּ, וואָס דו האָסט שוין דאָ אָנגערעדט! — איז מיר די באָבע ענדלאַך אַריינגעפאַלן אין די רייד. — קום, וועלן מיר זיך גאַנץ רויק אַביסל דורכשמועסן. מיט די ווערטער האָט זי זיך אַוועקגעזעצט אויפן פאָטערשטול, וואָס זיין באַצוג איז נאָך געווען פייכט פון מיינע טרערן. איך האָב זיך געזעצט איר צופוסן, ווי אין יענע גליקלאַכע שעהן בעת איך פלעג מיך צוהערן צו אירע שיינע מעשיות. לאַנג און ליבלאַך האָט זי מיט מיר גערעדט. איך זאָל דאָס אַלץ נישט נעמען אַזוי ערנסט, מיינע עלטערן זיינען טאַקע נישט רייך, אָבער חלילה נאָך נישט אָרעם אויך, איך קאָן מיטהעלפן און לייכטער מאַכן דער מוטער דאָס לעבן דערמיט, וואָס איך וועל קיין סך נישט פאַרלאַנגען און פלייסיק לערנען, כדי איך זאָל קאָנען שפּעטער, אויב עס וועט נויטיק זיין, ווערן זעלבסטשטענדיק און זיך שטעלן אויף מיינע אייגענע פיס. מיינע העלדישע מסירת־נפש איז אינ־גאַנצן פאַראַליזירט געוואָרן, די אויפגאַבע, וואָס די באָבע דהאָט מיר אָנגעצייכנט, האָט מיר אויסגעזען זייער קליינלאַך.

—און דאָס קליינע קינד? — האָב איך מוראדיק ווידער אַ פרעג געטאָן. די דינע אָדערן אויף דער באָבעס שלייפן זיינען דיק געוואָרן.

—זאָג מיר צו, מיין קינד, אַז דו וועטט קיינעם נישט דער־ציילן, וואָס דו האָסט היינט געהערט, — האָט די באָבע גע־

זאָגט, קוקנדיק מיר ערנסט און פעסט אין די אויגן.

—איך זאָג דיר׳ס צו,—האָב איך שטיל געמורמעלט.

— די באָבע האָט מיך אָנגעקושט אין ביידע באַקן, גוט, און איצט קום, איך וועל דיך אַוועקפירן אין דיין צימער, און מאָרגן איז דאָס אַלץ פאַר דיר נישט מער ווי אַ חלום.

שטיל און אומעטיק בין איך איר נאָכגעגאַנגען.

בעת זי האָט שוין געהאַט צוגעפּעסטיקט די קאָלדרע צום בעט — ווײַל איך פֿלעג איר אין שלאָף שטענדיק פֿון זיך אַראָפּ־וואַרפֿן — און איז געשטאַנען נעבן מיר מיט צונויפֿגעלייקטע הענט וואַרטנדיק אויף מײַן אָוונט־געבעט, האָב איך זיך פּלוצלונג נאָכ־אַמאָל אַ הייב געטאָן.

—באָבע, טײַערע באָבע, — האָב איך געזאָגט מיט אַ פּאַר־כאַפּטן אָטעם — זאָג מיר, איך בעט דיר. צו איז אַ געליבטע דאָס זעלבע וואָס אַ פרוי?

און זי האָט מיר דערויף געגעבן אַזאַ תשובה, וואָס איך האָב נאָך פֿון איר קיינמאָל אויף קיין איינציקע פֿראַגע נישט גע־הערט.

—דאָס פֿאַרשטייסטו נאָך נישט, מײַן קינד.

אָן מײַן קריאת־שמע לייענען האָבן מיר דאַן ביידע פֿאַר־געסן. נישט געקוקט אויף אונזער געמיינזאַמען סוד, אַרום וועלכן ײַנע בעדאַנקען האָבן זיך איצט אָן אָן אויפֿהער געדרייט, זײַנען ונזער באַציונגען פֿון יענער צײַט אָן געוואָרן אָנגעשטרייכטע, פעס זײַנען מיר געוואָרן אַ סך פֿרעמדער.

פֿון דאַן אָן האָב איך זיך אָבער אָנגעהויבן אויפֿמערקזאַ־ער צו צוקוקן צו מײַן אַרומיקער סביבה, צו אַלץ, וואָס מ׳רעט ון וואָס מ׳טוט. איך האָב באַמערקט, אַז וואָס ווײַטער בריינגט יר מײַן פֿאָטער אַלץ זעלטענער עפּעס מיט פֿון גאַס בעת פֿריער לעגט ער קיינמאָל נישט קומען אַהיים אָן אַ באָנבאָנערקע אָדער

אָן אַ שפּילצייַג אין קעשענע. און טאָמער פלעגט ער נאָך איצט אַמאָל יאָ עפּעס מיטברענגען איז דער מאַמעס כעס, קעגן דערדאָזיקער פאַרשווענדונג געווען אַזוי גרויס, אַז מײַן גאַנצע שמחה פלעגט מיר פאַרשטערט ווערן. איך האָב אַלץ גוט געזען, אַז אין דער שטיל ווערט שטאַרק געשפּאַרט און געקאַרגט, אָבער פאַר דער וועלט האַלט מען פאַסאָן. אָנשטאָט דער פראַנצויזישער קעכין האָט מען צוגענומען אַ דײַטשקע, וואָס האָט נישט געקאָנט באַקן נישט קיין קוכן און נישט קײַן פלאָדנס, די שטעלע פון אַ קאַמער-פרייליין האָט איצט פאַרנומען אַ דײַטשע הויז-מיידל, וואָס אונטעד אירע הענט איז דער מאַמעס בלאָנדער קאָפּ נישט געוואָרן קײַן קונסט-ווערק ווי ביז אַהער. געבליבן איז נאָר דער אַלטער ווילהעלם, דער דינער און זײַן שטענדיק רויקער געזיכט האָט נישט אויסגעזאָגט פאַר קיינעם דעם סוד מכח דער איצטיקער גאַנצער פירונג אין הויז. מוט דער אייגענער גרויסאַרטיקער מינע פלעגט ער איצט דערלאַנגען צום טיש דעם ביליגן מאָזלווײַן, ווי פריער דעם טייערן רהײַן-ווײַן. אָבער מער ווי איך האָב געזען, האָב איך געהערט און געלערנט פאַרשטיין דבר מתוך דבר, פון אַ האַלבן וואָרט, פון אַ פילזאָגנדיקן שמייכל: דער האָט געמוזט בעטן דימיסיע, ווייל ער האָט חתונה געהאַט מיט זיין „געליבטע”, יענער האָט ווידער זיך צוליב אַ „פרויענצימער” אינגאַנצן רויִנירט, אַ דריטער איז געפאַלן אויף אַ דועל, ווייל זיין פרוי האָט מען געפונען אין צימער ביי אַן אַקטיאָר: די איז געוואָרן „אוממעגלאַך” פאַר דער געזעלשאַפט, ווייל זי איז אין דער שטיל אַוועק פון איר מאַן. אַלס צוגאָב צו די אַלע מעשיות האָט מיר שטענדיק געשוועבט פאַר די אויגן דעם פעטער וואַלטערס געליבטע, די מוטער פון זיין קינד, וואָס אין מיין פאַנטאַזיע האָט זי אָנגענומען די געשטאַלט פון דער ליידנדער מאַדאָנע און אין

הארצן בין איך אינגאַנצן געווען אויף דער זייט פון אירע ליידנס־חברטעס.

זומער זיינען מיר ווידער געפאָרן קיין אויבער־בייערן. מיין שוואַכע ד'האַרץ, וואָס האָט זיך שטאַרק געגעבן צו פילן דורך אָפּטן־חלשן, האָט געמוזט האָבן בארג־לופט. אָבער מיין שמחה איז געוואָרן פאַרשטערט, ווייל מיר האָבן זיך נישט באַזעצט אין רויזנ־הויז ביי דער מומע קלאָטילדע, נאָר אין גאַרמיש אין אַ האָטעל. אַז מיר זיינען דאָס ערשטע מאָל געקומען צו דער מומע, האָב איך זיך געהאַלטן זייער ערנסט און שטיל. אַפילו ווען סעפּ איז צו מיר געקומען מיט אַ בוקעט אָרכידעען, וועלכע איך האָב זיי פאַר זייער פאַנטאַסטישער פאָרמע שטאַרק ליב געהאַט, האָב איך קיין שום חשק נישט געהאַט מיט אים צו שפּילן.

— דאָס פריילײן—ווי איך זע, איז געוואָרן אינגאַנצן „פריי־סיש"—האָט די מומע קלאָטילדע איראָניש באַמערקט!

איך האָב אויף איר בייז אַ קוק געטאָן, זי האָט מיך לחלוטין נישט פאַרשטאַנען. זי האָט נישט געהאַט די קלענסטע אַנונג, אַז איך האָב קיינמאָל נישט געקאָנט פאַרטראָגן די שפּייזבערעקלאַך פון לעבן. ווער ס'קאָן נישט האָבן דעם גאַנצן טייערן מאַכל פאַר דעם איז דאָס בלויזע טועם זיין נאָר אַ שרעקלאַכע בשורה פון וואָס ער מוז זיך אָפּזאָגן.

אין ראָזן־אָזערע פלעגן מיר בלויז מאַכן קורצע וויזיטן. זייער זעלטן פלעגט אונז די מומע איינלאַדן פאָרן שפּאַצירן און ביי יעדן מאָל איראָניזירן איבער דעם ברודערס טאָכטער, וואָס איז געווען דאַר ווי אַ „געלער האָפּנשטייגל." איך בין פון שטענ־דיק אָן אַזוי געוואוינט געווען מ'זאָל מיך באַוואונדערן, אַז איר באַמערקונג האָט מיך ממש דערשטויגט, דער שפּיגל האָט מיר אָבער באַוויזן, אַז זי האָט רעכט. דידאָזיקע אַנדעקונג האָט נאָר

פאַרשטאַרקט מיין שלעכטע שטימונג. איך קיינעם נישט געהאַט, וואָס זאָל מיר פון דערדאָזיקער שטימונג אַרויסרייסן. די מוטער האָט באַלד געפוגען אַ זייער אָנגענעמע געזעלשאַפט, אַזוי אַז פון איר האָב איך שוין גאָרנישט געקאָנט פאַרלאַנגען, און דעריבער בין איך טאַקע כמעט שטענדיק געזעסן אַליין מיטן בוך אין האָטעל־גאָרטן. די ביימער זיינען געשטאַנען אויסגעשטעלט אין רייען ווי די זעלנער און, נישט געקוקט אויף זייער שיטערקייט, האָבן זיי פאַרשטעלט דעם ראַנד פון די ווייטע בערג. כדי אָבער לגמרי צו פאַרטויבן דעם געפיל פאַר דער גרויסאַרטיקייט פון דעם אַרומיקער נאַטור האָט אין מיטן גאָרטן געררוישט אַ גאָר, קליינער פאָנטאַן. דאַ האָב איך צייטנווייז לחלוטין געקאָנט פאַרגעסן, אַז איך געפ ִזיך אַזוי נאָנט פון מיין אַלטן גרויען פריינט, „דעם וואַקסנשטיין" און נישט געקוקט אויפן זיין נאָנקייט איז ער דאָך פאַר מיר געווען שרעקלאַך ווייט.

נישט לאַנג אָבער בין איך געווען אַליין. אַ יונגער מענטש מיט פוקסרויטע האָר, מיט אַ פּנים פול געלע זומערשפּרייַנקלאַך, וואָס איז מיט זיין מוטער, אַ שריפטשטעלערן, געזעסן נעבן אונז ביים מיטאָגס־טיש, האָט זיך כסדר געררוקט נענטער צו מיר און אָפטער אָנגעהויבן אַריינשטעקן דעם נאָז אין מיינע ביכער, וואָס איך האָב געלעזן. אמת, דער גאַנצער דלות פון דער דעמאָלטי־קער יוגנט־ליטעראַטור האָט זיך דאָ בולט אַרויסגעוויזן. קעגן דעם שרעקלאַכן ניריטץ מיט זיין צוקער־וואַסער־מאָראַל האָב איך שוין אַליין פאַרשטאַנען צו פּראָטעסטירן, דערפאַר האָבן אָבער די ערשטע פידל געשפּילט אָטיליע ווילדערמוט און עליזע פּאָלקאָ אין הונדערטער פאַרשידענע וואַריאַציעס דהאָבן זיי פאַר די גוט־הערציגענע, מאָראַלישע טעכטער פון דער הויכער געזעלשאַפט געפּריידיקט אָן אַן אויפהער איינס און דאָסזעלבע: דער מאַן איז דאָס ציל אין דער צוועק פון אונזער לעבן. דהאַנס גונטעסבערג,

מיין צופעליקע שכן, שטאַרק צופרידן דערמיט, וואָס ער האָט געפונען אַזאַ דאַנקבאַרע צוהערערן פאַר זיין פלאַציקע חכמות האָט געהאַלטן אין איין דערציילן וועגן זיינע ליבלינגס-ביכער און פון קיינעם האָט ער נישט אַזוי שטאַרק פאַנטאַזירט ווי וועגן פּאַאול היי. ער פלעגט מיר כסדר ברענגען איין בוך נאָכן אַנדערן אין מיטן פּאַפּאָס פון אַ פּראָווינציעלן טראַגעדיע-אַקטיאָר פּאָרלעזן דידאַקטישע שטעלן, וועלכע זיינען לויט זיין מיינונג געווען די שענסטע. זיין קופער איז געווען פול ביכער און זיין קאָפּ פול ליבעס-געשיכטן, עס איז דעריבער קיין וואונדער נישט, וואָס אין קאַסטן איז נישט געווען קיין אָרט פאַר פרישע קראַגנס און אין קאָפּ קיין אינטערעס פאַר פרעמדע שפּראַכן. ער איז שוין דעמאָלט געווען אַ בחור פון אַ יאָר צוואַנציק, זיין פיזישע נאָענטקייט איז מיר פשוט געווען אָפּשטויסנד און מיין ביינקשאַפט נאָך זיינע ביכער איז תמיד געשטאַנען אין אַ האַרטן קאַמף מיט מיין אַנטיפּאַטיע צו זיין פּערזאָן. ער האָט עס, נאַטירלאַך, געשפּירט און האָט טאַקע דעריבער נישט אַרויסגעלאָזן זיין אוצר פון די הענט. מיטאַמאָל איז ער צו מיטאָג נעלם געוואָרן און אין אָוונט האָט ער מיר כמעט, ווי אויסגעמיטן. אויפן אַנדערן טאָג בין איך אים באַגעגנט און האָב אים געפונען אין דער אַלטאַנע פון צווייטן הויז מיט אַ מיידל, וואָס איז געווען נישט בלויז אַ סך עלטער נאָר טאַקע אויך פיל שענער פון מיר. ער איז געשטאַנען אין זיין געוויינלאַכער אַקטיאָר-פּאָזע און האָט מיט פּאַפּאָס דעקלאַמירט. איבער זיין זומערשפּרינקעלטן שטערן איז געריבען גרויסע טראָפּענס שווייס. האַלב איראָניש, האַלב געקריינקט האָב איך מיך אָפּגעקערט. דעם קאַווילער האָב איך מיין קאָנקורענטקע פון גאַנצן האַרצן פאַרגונען, אָבער נישט זיינע ביכער. אפשר וועט ער מיר זיי טאַקע איצט גיכער געבן בעת זיין פּערזאָן איז פאַרנומען מיט אַן אַנדערער. אז איך האָב עס ביי אים געבעטן, האָט ער זין

אָבער פון מיר אויסגעלאַכט: „פאַר אַזעלכע נאַרישע מיידלאַך ווי דו איז ביכער אינגאַנצן אַן איבעריקע זאַך". פּלוצלונג האָב איך זיך דערמאָנט, אַז אין פאַרטערקירכן איז פאַרהאַן אַ געוועלב און דאָרט איז אויך דאָ אַ ביבליאָטעק. הייזעס באָוועלן זיינען דאָרט באַשטימט פאַראַן, האָב איך געטראַכט, שלעכט איז נאָר דאָס, וואָס איך האָב נישט קיין געלט.

צו מיין געבורטסטאָג האָב איך פון דער מומע קלאָטילדע באַקומען אַ מתנה אַ גאָלטשטיק. לויט דער באָבעס עצה האָב איך עס נישט אויסגעגעבן און די מאַמע האָט מיר צוגעזאָגט צו מאַכן פאַרן געלט אַ ווינטערדיקע קלייד. פאַר דעמדאָזיקן פאַר־לאַנג — דעם אויסדרוק פון פראַקטישן פאַרשטאַנד — האָט מיר מיין מוטער באַלוינט מיט איינעם פון אירע זייער זעלטענע קושן בעטן איצט ביי איר געלט אויף ביכער וואָלט געווען זייער נאַריש, אויפן בעסטן אופן וואָלט זי געשטילט מיין הונגער צום לעזן מיט אַ נייעם באַנד ווילדערמוט. און דאָך האָב איך אויף דעם געהאַט פולע רעכט, עס איז געווען מיין אייגנטום, איך האָב געקאָנט טאָן דערמיט, וואָס כ'האָב געוואָלט; די מוטער האָט עס אַפילו אַליין באַהאַלטן אין מיין טייסטערל און אַרונטערגעלייגט אונטער די טאַשנטיכלאַך אין קאָמאָד. גאַנצע טעג האָב איך מיט זיך אַליין געקעמפט, דער פאַרלאַנג איז אָבער כסדר שטאַרקער גע־געוואָרן. סוף כל סוף האָב איך אָבער נישט געקאָנט ביישטיין דעם נסיון, מיטן אויסרייד, אַז איך דאַרף אַ טאַשנטיכל האָב איך מיר געשאַפט דעם שליסל און גענומען צו זיך דאָס ביטעלע. מיט דעם גרעסטן אימפּעט, — ווי דער באָדן וואָלט אונטער מיינע פיס געברענט — בין איך אַראָפּ פון די טרעפּ און זיך אַוועקגעלאָזן דורכן גאַס געשווינט קיין פאַרטענקירכן.

פאַר מיין מוטער, האָב איך געזאָגט אין געשעפט, אַביסל פאַרשעמט און יענקענדיק זיך, קויף איך הייזעס באָוועלן.

פאַרוואונדערט האָט מען מיך אָנגעקוקט, אַז איך האָב אַ ווייז-געטאָן אַ גאַנצן גאָלטשיק. אָנגעלאָדן מיט טשאַכע ביכער בין איך געלאָפן צוריק אַהיים. דאָס לויפן דער שרעק, מען זאָל מיך נישט כאַפּן, דאָס געוויסן—אַלץ צוזאַמען האָט אויף מיר אַזוי געווירקט אַז איך האָב באַקומען שטאַרקע האַרצקלאַפּעניש. פאַר מיינע אויגן האָבן פּלוצלונג אָנגעהויבן טאַנצן גליִענדע פונקען, און באַלד האָב איך דערשפּירט, אַז עס ווערט מיר אײַנגאַנצן פינצטער אין די אויגן. פון קיינעם נישט באַמערקט, האָב איך נאָך געהאַט גענוג כּח צו באַהאַלטן מיין פּאַקעט אין אַ ליידיקן רייזעטאַש, און באַלד געפאַלן אין חלשות. אויף מיין בעט אַרומגערינגלט פון מיין מוטער, פון דאָקטאָר, פון דער שטוב-מיידל, וועלכע האָט מיך די ערשטע געפונען ליגנדיק, בין איך ווידער צו זיך געקומען.

— די האָטעל-קיך איז נישט פאַר מיר, ס'פעלט מיר באַוועגונג — גאַרמיש איז צו הייס—די באַראָנעסע אַרטערן מוז מיר צונעמען אין רויזנהויז, דאָרט וועט שוין דאָס נאַרישע האַרצעלע קומען צום שכל—האָב איך געהערט די פריינדלאַכע שטים פון אַלטן דאָקטאָר.

ער איז אַליין געפאָרן קיין גרעגוי איבעריידן מיט דער מומע שוין אויפן צווייטן טאָג האָב איך געזאָלט אַהין אַריבערפאָרן.

וואָס וועט זיין מיט די ביכער? האָב איך געקלערט און דאָס האָט צושטערט מיין גאַנצע שמחה. איך האָב אויסגענוצט די מינוט, וואָס די מוטער איז אַראָפּ עסן, האָב געכאַפּט דאָס אומגליקלאַכע פּאַקעט און שאָקלענדיק זיך אויף די פיס בין איך אַראָפּגעלאָפן אין גאָרטן, דאָרט האָב איך זיי אונטער אַ בוימל געשווינט מקבר געווען איין בוך נאָכן אַנדערן. איינעם אָבער דעם לעצטן אַ דין ביכעלע, האָב איך באַהאַלטן אין קעשענע פון קלייד. ערשט דאַן האָב איך פאַרשטאַנען די ערנסטע מאָראַל, וואָס עס

פליסט אַרויס פון דעמדאָזיקן צופאַל. אָנשטאַט דער שטראָף פאַר מיין גרויסן חטא, וואַרט אויף מיר דאָס, רויזנהויז, דאָס ציל פון שטענדיקער שטילער בייִנקעניש. דאָ האָב איך פאַרבראַכט שטילע וואונדערפולע וואָכן, איך האָב טאַקע נישט געהאַט נישט קיין כח און נישט קיין חשק אַרומצוקלעטערן, ווי פאַר אַ יאָרן—אויסערדעם האָט מיך די אַלטע קאַטערינע אינגאַנצן גענומען אונטער איר אויפזיכט—און דאַריבער האָט די מומע נישט געהאַט קיין שום גרונד מיך צו זידלען, און סעפּ האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס דער געטרײַסטער, איבערגעגעבנסטער חבר. זיין גאַנצער ברוינער געזיכט האָט געשטראַלט פון פרייד בעת ער פלעגט מיך דערזען. גאַנץ אָפט פלעגט ער זיך אָנלאָדן מיט מיין פּליעד און מיין מאַנטל, אַבי איך זאָל נאָר מעגן גיין מיט אים שפּאַצירן. ער פלעגט מיך, דאָס לאַנגע מיידל, וואָס איז געווען אַ סך העכער פון אים, אַריבערטראָגן איבער יעדן טייכל, איבער יעדן זומפּ און תיכף דעם ערשטן טאָג האָט ער מיך דורכן וואַלד, מיט אַ געהיימניספולן שמייכל אַוועקגעפירט צום בערגל, וואָס פון הינטער אים האָט אַרויסגעקוקט דער גרינער באָדער אָזערע, דאָרט האָט ער מיר אונטער אַן אַלטן בוים אויסגעמייסטערט אַ באַנק צום זיצן און אויסגעשניצט אויף איר מיט קרומע, משונהדיקע אותיות מיין נאָמען „אַליקס". דאָרט האָב איך צום ערשטן מאָל אַרויסגענומען פון טאַש מיין געראַטעוועט בוך. „ל' אַראָביאַטאַ" איז עס געווען. איצט געדיינק איך נישט קיין איינציקן וואָרט פון זיין אינהאַלט. איך ווייס מער נישט, אַז דאָס קליינע ווערק האָט מיך דעמאָלט איינגעפלאָכטן אין אַ טרוים פון שיינקייט, האָט אין מיר דערוועקט אַ פלאַם פון ליידנשאַפטן, אַזוי, אַז איך האָב נישט געוואוסט אויף וואָס פאַר אַ וועלט איך בין. איך פלעג זיך אויסהייבן גאַנץ פרי, בעת אינגאַנצן שטוב איז נאָך געווען זייער שטיל, פלעג איך אַלץ עפּטער אַרויסנעמען מיין נאָטיץ־ביכל און

שרייבן אין פערזן אלע מיינע איבערלעבונגען און דאָס אַלץ, וואָס מונדלאַך וואָלט איך עס קיינעם נישט קאָנען זאָגן.

שפּעט אין הערבסט זיינען מיר אַהיים געקומען. איך בין געווען צופרידן, וואָס דער באָבען האָב איך שוין ביי אונז נישט געטראָפן איך וואָלט איר פּשוט נישט קאָנען אין די אויגן קוקן. ווי ווייניק האָב איך פאַרדינט איר צוטרוי, ווי שוואַך, ווי שלעכט בין איך געווען! איצט אָבער מוז אַלץ ווערן אַנדערש, אינגאַנצן אַנדערש. דורך טעגלאַכע קרבנות האָב איך געוואָלט גוט מאַכן דאָס, וואָס כ׳האָב געזינדיקט. מיט אמתער מסירת־נפש האָב איך זיך געוואָרפן אויף מיין אויפגאַבע, וואָס איך האָב אַליין אויסגעקליבן און זיך גענומען דערצו, וואָס איז פאַר מיר געווען דאָס שווערסטע: די האַנט צו אַרבעט — זאָקן צורעווען. איך האָב זיך געפּייניגט ווי אַן׳אמת׳ר בעל־תשובה. פּלוצלונג איז אָנגעקומען אַ באַפעל, אַז מיין פאָטער מוז זיך אַריבערטראָגן קיין פּויזן עפּיס אין אַן עק! און וואָס מיר האָבן קיינמאָל אַזאַ נאָמען נישט געהערט. איך האָב אויף דעם געקוקט ווי גאָטס אַ שטראָף פאַר מיינע גרויסע חטאים.

דעם לעצטן אָוונט פאַר אונזער אָפּפאָרן זיינען מיר געזעסן צווישן הויך אויפגעשטעלטע קופערס אַרום עס־טיש. שוואַרץ פינסטער האָבן געקוקט אויף מיר די פענצטער און גאַרדינען, פאַר וועלכע איך האָב מיך תמיד געשראָקן ווי פאַר אָפענע קברים. די מוטער האָט געטראָגן איר ערגסטן מאָרגנראָק, איך — אַ שירץ. גאָר ווילהעלם האָט אַפילו אין רעכטן ברען פון איב רציען זיך שטאַרק אָפּגעהיט די פאָרמע: זויבער ווי שטענדיק איז געווען זיין פראַק, אָפּגעפּוצט, בלאַנק ווי תמיד דער זילבערנער טעלער, אויף וועלכן ער האָט דער מוטער דערלאַנגט אַ בריף.

—פון קאַבינעט פון איר מאַיעסטעט דער קייזערן — האָט ער געזאָגט מיט אַן אויסדרוק פון העכסטן יראת־הכבוד.

דער מוטערס גערוּכט האָט געשטראַלט פֿון פֿרייד בעת זי האָט דעם בריף געלייענט.

— דאָס איז באמת אַ גרויסער גליק.

מיט דידאָזיקע ווערטער האָט זי דעם בריף דערלאַנגט דעם פֿאָטער. אים איז דאָס בלוט צוגעפֿלאָסן צום קאָפּ בעת ער האָט דעם בריף געלעזן, די אָדערן אויפֿן שטערן זײַנען אָנגעשוואָלן און דער אָטעם איז אַלץ שווערער געוואָרן.

—דאָס האָסטו ווידער גאַנץ פֿיין אײַנגעפֿעדעמט! — האָט ער פּלוצלונג אויסגעשריגן מיט אַ דונער־שטים, אַ וואָרף געטאָן דעם בריף אויפֿן טיש און אויפֿגעשפּרונגען פֿון שטול.

איך האָב זיך געשווינט אַ הייב געטאָן, כדי וואָס גיכער זיך אָפּצוטראָגן.

—דו בלײַבסט דאָ! — האָט דער פֿאָטער געשריגן, כאַפּנדיק מיר פֿאַרן האַנט — אַליקס איז דאָך סוף כּל סוף די הויפּט־פּערזאָן, זאָל זי טאַקע אַנטשיידן — האָט ער צוגעגעבן, דערלאַנגענדיק מיר דעם גרויסן שווערן בויגן פּאַפּיר.

די מוטער האָט געמאַכט אַן ערנסטע באַמערקונג.

— אָבער האַנס, ווי נישט פּעדאַגאָגיש!

דער פֿאָטער האָט עס אָבער לגמרי דורכגעלאָזן. אין בריף איז געווען אַ קורצע מעלדונג, אַז איר מאַיעסטעט די קייזערין האָט באַוויליקט צו באַשטימען פֿאַר פֿרײַליין אַליקס פֿאָן קלעווע אַ פּלאַץ אין אויגוסט — אינסטיטוט און דערצו אַן אייגענהענטיקע באַמערקונג פֿון דער קייזערין בכּבֿודה ובעצמה, אַז זי פֿרייט זיך זייער, וואָס זי האָט די מעגלאַכקייט אויפֿצונעמען דאָס אייניקל פֿון איר ליבער יוגנט־פֿריינדן זשעני אין דער דאָזיקער אַנשטאַלט, וואָס איז איר אַזוי ליב און טײַער. מאָמענטאַל זײַנען פֿאַר מיר ווי לעבעדיקע געשטאַנען אַלע בילדער פֿון דעמדאָזיקן אינ־סטיטוט, וועלכן איך האָב גאַנץ אָפֿט באַזוכט צוזאַמען מיט מײַן

באָבען און נאָך עפּטער געשילדערס פאַר מײַן פּאָטער: אַלץ איז דאָרט געװען אוניפאָרם, געשמעקט מיט קאַזאַרמע, פון דער קלײ־דונג ביז צו לעצטן. פון די גרויסע שלאָפצימערן ביז צום קאָלאָסאַלן גאָרטן האָט אַלץ געשמעקט מיטן זעלבן גייסט פון היגיענע, פּינקט־לאַכקייט, אָרדנונג. קיין שום שטילער װינקעלע, קײַן מינוט צײַט צו חלומען, צו פאַנטאַזירן האָט זיך אין דעם גאַנצן גרויסן בנין קיין שפּור נישט געפונען. דאָס װאָס עס איז פאַר מיר פון קינד־װײַז אָן געװען מײַן אומבאַדינגטע באַדאַרפעניש — קאָנען זײַן אַליין מיט מײַנע געדאַנקען — װאָלט דאָ אין אַנשטאַלט, סײַ בײַ טאָג און בײַ נאַכט געװען אוממעגלאַך.

אָבער אפשר איז עס טאַקע די האַנט פון גאָט, װאָס װײַזט מיר אָן דעמדאָזיקן װעג פון חרטה אויף מײַנע זינד? צו װאָלט איך נישט מיט איין קלאַפּ באַפרייט מיינע עלטערן פון זייערע שװערע זאָרגן, װען איך זאָל נישט קוקנדיק אויף מײַן װידער־װילן מוטיק באַטרעטן דעמדאָזיקן װעג?

מיט אומגעדולד האָט דער פּאָטער געװאַרט אויף מײַן תשובה, און גאַנץ שטיל מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ האָב איך געזאָגט:

— דאָס איז טאַקע פאַר מיר די בעסטע זאַך.

— יאָ, איר האָט אויפן מיידל גוט געװירקט — האָט דער פּאָ־טער װײַטער גערעדט נישט מיט זײַן קול — איך װעל אָבער בשום אופן דערצו נישט דערלאָזן! אַזוי שלעכט האַלט איך נאָך נישט, אַז איך זאָל לאָזן מײַן קינד עסן לחם־חסד, זי בלײַבט אין דער־היים, אין דער פאַמיליע, װאו זי געהערט, קײַן הויף־חונף, קיין טעלערלעקערן װעל איך פון איר נישט מאַכן און גענוג!

די מוטער האָט געשװיגן, מיך האָט מען געשיקט שלאָפן, אָבער אַ צײַט לאַנג האָב איך נאָך אַלץ געהערט דעם פּאָטערס שטאַרקע שטים: מײַן גורל, דאָס האָב איך געשפּירט, װערט איצט דאָרט אויבן באַשטימט.

אויפֿן צווייטן טאָג האָב איך זיך געמוזט זעצן בײַם פֿאָטער אויף דער קני, און מיט אַ ווייכער צערטלאַכקייט, וואָס ער פֿלעגט זייער זעלטן אַרויסווײַזן, האָט ער אין מיר אַרײַנגערעדט:

— דו ביסט מײַן איינציק קינד, אַליקסכען, און מײַן גאַנצע לעבנס־פֿרייד. אָפּגעבן דיך פֿון זיך, הייסט פּשוט דיך פֿאַרלירן, דיך אונטערוואַרפֿן פֿרעמדע איינפֿלוסן, וואָס שטייען לגמרי אין שטאַרקסטן ווידערשפּרוך, וואָס זײַנען לחלוטין קעגן מײַן דענקען און פֿילן. גלויב מיר, מײַן קינד, קיינער איז דיר נישט אַזוי געטרײַ, ווי איך, כאָטש איך בין אָפּט אַזוי גראָב און בייז און קיינער קאָן דיך נישט ליבער האָבן פֿון מיר.

מיט פֿײַכטע אויגן האָט ער אויף מיר געקוקט.

—ווילסטו באמת פֿאַרלאָזן דײַן אומגליקלאַכן אַלטן פֿאָטער?

וויינענדיק בין איך אים געפֿאַלן אויפֿן האַלדז:

— איך בלײַב בײַ דיר, פֿאָטער.

III.

מיר זיינען געזעסן אַרום דעם רונדן מאַכאָן־טיש און גע־טרונקען דעם נאָכמיטאָג־קאַווע; פון היינגלאָמפּ מיטן גרינעם אבאַ־זשור איז געפאַלן אַ וואַרעמע ליכטיגקייט אויפן שיין־געדעקטן טיש מיט זיינע קרישטאָל־טעלער און שמאַנט־פּיליזשאַנקעס, מיט זיינע אַלטע ווייסע פאָרצעליי־טאַצן, דער דיקבויכיקער זילבערנער קאַווע־קרוג האָט געבליצט און דער גרויסער, פרישער קוכן האָט פשוט פאַרשמעקט דעם גאַנצן צימער. דאָס קנאַקן פון די ברענענדיקע שייטן האָלץ אין קאַמין האָט איבערגעשריען די אומעטיקע הערבסט־שטים פון כסלו־רעגן אין דרויסן.

—ד"ר הוגאָ מאיר—האָט געמעלדן דער דינער עפענענדיק די טיר פאַרן גאַסט.

מיין פאָטער איז אויפגעשטאַנען.

— דיין ערציונגס־אַפּאַראַט — האָט ער מיר אַריינגערוימט אין אויער מיט אַ שמייכל.

איך בין געווען וויניק נייגיריג. אַלע זיינען זיי ביז אַהער געווען געראָטן איינער אין אַנדערן: מענער מיט גרויע האָר מיט

קרומע רוקנס און שמוציקע נעגל, עלטערע פריילײנס אין ברילן מיט בלויע ליפּן אַלע „אמתע ערציונגס־אַפּאַראַטן”, אָבער נישט קײן ערציער.

גלײכגילטיק האָב איך זיך אויפגעהויבן פון שטול, װען מײן פאָטער האָט מיר פאָרגעשטעלט פאַרן נײעם לערער, װעלכן ער האָט נאָך פיל מי קוים געפונען.

— אָט איז אונזער אַליקס, הער דאָקטאָר! שױן אַ גרויסע מײדל, נישט אמת? איר װעט זיך מוזן גוט אָנשטרענגען, כּדי איר גײסט זאָל זיך אַזוי ענטװיקלען װי איר קערפּער.

איך האָב אים דערלאַנגט די האַנט, דער װאַרעמער קרעפ־טיקער דרוק פון זײן האַנט האָט מיך אויפגעמונטערט און מיט פאַרװאונדערונג האָב איך אויף אים אַ קוק־געטאָן, — מײנע פריער־דיקע לערער פלעגן נאָר אָנרירן מײנע פינגער־שפּיצן און װי אַ פראָסט פלעגט שטענדיק דורך גײן דעמאָלט איבער מײן קער־פּער.

פאַר מיר איז געשטאַנען אַ גרויסער, שטאַרקער מאַן מיט אַ פּאָר גוטע, בלויע אויגן, װאָס אַזעלכע האָב איך נאָך בײ קײן מענטשן נישט באַגעגנט — און דאָס האָט מיך פאַרשעמדיק אָנגעקוקט. איך האָב מיך קוים געקאָנט אײנהאַלטן פון לאַכן, אַזוי נישט צו־געפּאַסט איז געװען דערדאָזיקער מאַן צום לאַנגן, קאָרעקטן, שװאַרצן ראָק, װעלכן ער האָט געטראָגן. אַ לעדערנע װעסט און אַ פאַנצער װאָלט אים געװיס בעסער געקלײדט און װען ער טוט אָן אויף זײן ברײטן קאָפּ מיט די געקרײזלטע, רויטלעכע האָר אַ זעלבער־היטל, װאָלט קײנעם נישט אײנגעפאַלן, אַז דאָס איז אַ גימנאַזיע־לערער. פון מײן בליק איז ער רויט געװאָרן, און מיט אַ זײער נישטגעשיקטער באַװעגונג, האַלטנדיק נאָך אַלץ דעם צי־לינדער אין האַנט, האָט ער זיך געזעצט אויפן קאַנט פון

שטול, וואָס מען האָט אים דערלאַנגט. מיין מוטער האָט אָנגע־ווענדט איר גאַנצע געזעלשאַפטלאַכע געשיקטלאַכקייט, מיין פאָטער זיין פריילינכע ליבעס־ווירדיגקייט, און זיי איז אַלץ נישט געלונגען אים אַריינצוציען אין אַ געשפּרעך. ערשט, אַז דער גאַנצער שמועס איז אַריבער אויף פּעדאַגאָגיק האָט ער אָפּגעלעבט. און וואָס מער ער האָט פאַרגעסן אָן שוואַרצן ראָק און סאַלאָן־שמועס, אַלץ שטאַרקער, אַלץ בולטער האָט זיך אַרויסגעוויזן זיין כאַראַק־טער, אַ מענטש פול מיט יוגנדקראַפט און ענטוזיאַזם. איך האָב עס גלייך דערשפּירט און אַ שטראָם ניי לעבן איז אַריינגעדרונגען אין מיין נשמה. די גאַנצע צייט פון זיין וויזיט האָב איך דאָס מויל נישט געעפנט, און ער האָט זיך צו מיר מיט קיין איין וואָרט נישט געווענדעט. אויף זיין האַנטדרוק ביים זעגענען זיך האָב איך זייער הערצלאַך געענטפערט, און דאָס איז געווען דער איינציקער אויסדרוק פון מיין צופרידנקייט.

אין דעמזעלבן אָוונט אין דער שעה ווען מיין פאָטער פלעגט נאָכגעבן אַלע אונזערע וואונטשן, דעמאָלט פלעגט די מוטער מיט פאַרלייגטע הענט זיצן אין זיין צימער אויפן סאָפע און ער פלעגט לייגן פּאַסיאַנס, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַרן בעסטן מיטל צו באַרויקן די נערוון. איך פלעג דאַן לעזן אָדער פשוט פאַנטאַזירן.

—מיר האָבן בעסער באַדאַרף שיקן אַליקסכען אין אַ שולע. —האָט געזאָגט די מוטער.

— כדי זי זאָל דאָרט זיצן מיט פּופּציק כהנס און גאָלד־שטיינס אין איין קלאַס! נו, גאָט צו דאַנקען די פראַגע איז שוין פון היינט אָן ערליידיקט — האָט געענטפערט דער פאָ־טער.

— און דאָס, וואָס ער וויל איר קיין רעליגיע נישט אונ־

טעריכטן, דאָס איז אויך נישט אַזוי גלאַטיק — האָט די מוטער ווידער אָנגעהויבן.

—דאָס געפעלט מיר דוקא—האָט געזאָגט דער פאָטער מיט עטוואָס אַ העכערע שטים,—דעם קאַטעכיזים קען זי שוין אויסנווייניק, די קירכן־לידער אויך, און דאָס איבעריקע לאָזט זיך בכלל נישט לערנען און נישט אונטעריכטן. די רעליגיע־ערציונג געהערט צו די עלטערן.

— איך בין זייער צופרידן, וואָס איך וועל שוין ענדלאַך אָנהייבן לערנען, — האָב איך איבערגעריסן דעם שמועס, מורא־האָבנדיק עס זאָל נישט קומען צו אַ סצענע.

—אויף די לעקציעס וועל איך מוזן זיצן — האָט די מאַמע געזאָגט מיט אַ זיפץ.

איך האָב זיך פשוט דערשראָקן. קיינער האָט אויף מיר נישט געווירקט אַזוי ווי זי. איר קאַלטקייט פלעגט מיך ממש פאַראַליזירן.

—צו וואָס, מוטער? — האָב איך געפרעגט מיט ציטערדיקע ליפן, — איך וועל אַזוי אויך גוט זיך לערנען און זיין פלייסיק.

—דו מיינסט אפשר, אַז איך טו דאָס פון פאַרגעניג וועגן?

— איז איר שטים געוואָרן שאַרפער—עס פאַסט איינפאַך נישט לאָזן אייך אַליין!

איך האָב געהאַט אַ געפיל, ווי אַ דבר־טמא וואָלט מיך אָנגערירן און בין געוואָרן רויט ווי פייער.

אַלע זיינען מיר נאָכדעם געזעסן, ווי שטומע. איך האָב איינגעגראָבן מיין קאָפּ אין בוך, די ווערטער האָב איך אָבער נישט געזען, איך האָב זיך צוגעהערט צום רעגן, וואָס האָט איינטאָניג געקלאַפּט אין די פענסטער־שויבן. דער פייער אין קאַמין איז דערווייל אויסגעגאַנגען.

דעם צווייטן טאָג נאָך מיטאָג האָבן זיך אָנגעהויבן די ו'עקציעס. די מוטער איז ווירקלאַך געזעסן דערבײַ מיט אַ האַנט־אַרבייט. איר געגנוואַרט איז אויך פאַרן לערער געווען פיינלאַך. ער האָט נישט געדהאָט די שטימונג, אויף וועלכע איך האָב געלייגט אַזעלכע גרויסע האָפנונגען און עס האָט אויס־געזען, אַז מיר האָבן זיך איינער אין אַנדערן געגאַרט. וואָכנלאַנג איז אַלץ געבליבן ביים אַלטן, און מיט אַלטקלוגער ביטערקייט האָב איך באַשלאָסן, אַז איך האָב זיך אומזיסט געפרייט. באַלז איז אָבער געקומען דער ווינטער, עס האָבן זיך אָנגעהויבן די וויזיטן און עס איז דערגאַנגען דערצו, אַז איך האָב מיינע עלטערן נישט מער געזען, ווי ביים עסן. די בעלער, פאַרווײַלונגען און פאַרשטעלונגען פאַר וואָלטעטיקע צוועקן האָבן אָפּגענומען ביי מיין מוטער איר גאַנצע פרייע צייט. זי פלעגט זיך נאָר אָפּרייסן אויף אַ ווײַלע מיט מיר נאָך מיטאָג זיך דורכשפּאַצירן און מיין לע־רער צו באַגריסן. יעדן טאָג פלעגט זיך איבערחזרן דיזעלבע סצענע.

— זייט איר צופרידן מיט אַליקסען? — האָט די מוטער גע־פרעגט.

— אָ, זייער — פלעגט ער ענטפערן מיט אַן אונגעשיקטער פאַרבייגונג און זיך מאַכן הוסטנדיק.

די מוטער פלעגט אַ שאָקל־טאָן מיטן קאָפּ, אַ קוש טאָן מיך אין שטערן און אַוועקגיין. מיט אַ געפיל פון ערלייכטערונג פלעגן מיר זיך זעצן איינער קעגן אַנדערן. דער דינער האָט געבראַכט די קאַווע, וואָס לויטן פאָטערס מיינונג, האָט עס געדאַרפט צו־פירן צו אַן אינטימער אונטערהאַלטונג און אַ נענטערער באַקאַנט־שאַפט צווישן דעם לערער און דער שילערן. דערצו איז אָבער קיינמאָל נישט געקומען. דאָקטאָר מאיר האָט האַסטיק געטרונקען

דעם ברוינעם געטראַנק. שווייגנדיק צובֿרעקלט מיט די פינגער דעם
קוכן און בעת־מעשה דערהעפטן איבערגעזען מיינע דערהעפטן. נאָר בעת ער
פֿלעגט אָנהייבן זיי פֿאָרטראָג און באַלויכטן ערקלערן דעם ענין
פֿלעגט ער ווערן גאָר אַן אַנדער מענטש און וואָס לענגער עס
האָט געדויערט די לעקציע אַלץ העלער האָבן געלויכטן זיינע
אויגן. אַלץ איינדרוקספֿולער איז געוואָרן זיין רעדנערקראַפֿט. אויבֿ
מיין ביז איצטיקער לערנען איז געווען גישט מער, ווי אַן אָנ־
זאַמלונג פֿון כּללים, שירים, נעמען, צאָלן און דאַטן, אַזוי טויט
און רייצלאָז פֿאַר מיר, ווי מיינע שפּילצייג, מיט וועלכע מיינע
פֿעטערס און מומעס האָבן אָנגעפּילט מיינע שופֿלאָדן, האָט אָבער
דער יעצטיקער אינטעריכט אַריינגעבראַכט אין מיר אַ שטראָם
פֿון לעבן, וועלכן איך האָב זיך באַמיט אויפֿצוהאַלטן מיט אָטעם־
לאָזער אויפֿמערקזאַמקייט און האַרצקלאַפּנדיקער אויפֿרעגונג. די
טויטע העלדן פֿון דער געשיכטע זיינען פֿאַר מיר לעבעדיק גע־
וואָרן, אַלע, וואָס האָבן פֿאַרגאָסן זייער בלוט פֿאַר דער פֿריי־
הייט און דער גערעכטיגקייט, האָבן מיר געוויזן זייערע וואונדן
און בלוט־צייכנס, און מיין באַגייסטערונג האָט זיך צופֿלאַקערט
דורך זייערע מעשׂים און ליידן. די דיכטער האָבן צו מיר גע־
רעדט, און די לערער און נבֿיאים פֿון דער מענטשהייט האָבן גע־
בראַכט דער קליינער מיידעלע זייערע אייביקע אוצרות. אויבֿ
זי האָט נאָך זאָגאַר נישט פֿאַרשטאַנען אָפּצושאַצן זייער גרויסן
ווערט, האָט זי אָבער מיט איר קינדערשן חוש געפֿילט זייער
גרויסן ווערט און גייסטיקע עשירות. די וועלט, וואָס ביז אַהער
איז זי פֿאַר איר געווען אָנגעפּילט נאָר מיט די נעפּלדיקע גע־
שטאַלטן פֿון איר אייגענער פֿאַנטאַזיע, דידאָזיקע האָט זי יעצט
דערזען מיט טויזנט לעבעדיקע אויגן. אַלץ, וואָס איך האָב גע־
לעזן און געהערט האָב איך געמוזט מונדלאַך און שריפֿטלאַך,
נישט נאָר אויטאָמאַטיש איבערגעבן, נאָר צו געבן דערצו מיינע

אייגענע איינדרוקן און געדאַנקען. מיינע העלדן האָב איך שטענ־דיק ליידנשאַפטלאַך פאַרטיידיקט, און כדי צו שילדערן זייערע געגנער איז די שוואַרצע פאַרב פאַר מיר חייניק שוואַרץ געווען. האָט דער לערער געוואָלט מיינע מלאכים פאַרוואַנדלען אין מענטשן בין איך אים דערפאַר געוואָרן אַ שונא; און אויב מיין שכל האָט מיר אונטערגעזאָגט, אַז ער איז גערעכט, האָב איך פאַרצווייפלט באַוויינט מיין געפאַלענעם העלד, ווי איך וואָלט פאַרלירן דעם נאָנסטן פריינט.

אַ הויכער הילצענער פוסבייבקעל איז געווען מײַן רעדנער־טריבונע. איך האָב נישט געקאָנט צוזאַמענבינדן מײַנע געדאַנ־קען בעת איך פלעג זיצן אָדער שטיין ביים טיש; צווישן מיר און מײַן צוהערער האָט געמוזט זײַן אַ געוויסער פרײַער שטח, און דעריבער בין איך אינסטינקטיוו געפאַלן אויף דעמדאָזיקן אויס־וועג. נאָר אין מײַן מוטערס געגנוואַרט האָט אויך דער פוס־ביינקל נישט געהאָלפן, זײַט זי האָט זיך אַמאָל צוגעהערט און האָט ביז טרערן געלאַכט פון מײַן פאַטאָס. מײַן לערער האָט מיך פאַרשטאַנען; פלעגט זי צופעליק אַרײַנקומען בעת איך האָב גערעדט, האָט ער שסענדיק תיכף איבערגעביטן דעם געגנשטאַנד פון אונטעריכט. אָבער נישט נאָר דער שטאָף און די פאָרם, אַפילו דער קול פלעגט ווערן אַן אַנדערער, אַז מיר זײַנען נישט געווען אַליין.

מײַן מוטער האָט אַמאָל בייגעוואוינט אויף אַ לעקציע פון געשיכטע בעת ד״ר מאיר האָט שטאַרק קריטיקירט די פּוילען־פּאָליטיק פון פרידריך דעם גרויסן. ער איז אַליין געווען פון האַנאָווער און, נישט קוקנדיק אויף זײַן באַגייסטערונג מיט די האָהענצאָלערס, האָט ער זיך צו זיי קריטיש באַצויגן. זײַנע ערקלערונגען האָט מײַן מוטער פלוצלונג איבערגעריסן מיט אַזאַ

ליידנשאַפטלאכקייט, וואָס איך וואָלט קיינמאָל נישט ערוואַרט פון דער קאַלטער, אַריסטאָקראַטישער דאַמע.

—הער דאָקטאָר, — האָט זי אויסגעשריען — פאַרגעסט זיך נאָר נישט מיט וועמען איר האָט דאָ צוטאָן, מיר זײַנען פרײַסן!

—ענטשולדיקט, מאַדאַם, — האָט ער געענטפערט; און דאָס בלוט האָט אים אַ זעץ געטאָן אין געזיכט — די אָביעקטיווע־פאָר־שונג פון דער געשיכטע פאָדערט עס...

— וואָס גייט מיך אָן די אָביעקטיווע פאָרשונג פון דער געשיכטע — האָט זי העפטיק אַרײַנגעוואָרפן — מיר מוזן ליבן אונ־זער פירשטנהויז פון וועלכן מיר שטאַמען און ערציען אונזערע קינדער אין רעספעקט פאַר אים. לערנט אַליקסן איינפאַכע פאַקטן און נישט קיין צושטערנדע קריטיק. זי איז שוין אַזוי אויך צו קלוג פאַר אירע יאָרן.

איך האָב געוואַרט אויף אַן ענערגישן ענטפער. אָבער דער גרויסער, שטאַרקער מאַן האָט אויסגעוויזן ווי צוזאַמענגעבראָכן, ער האָט אַראָפּגעלאָזן די אויגן און זײַן געזיכט איז נאָך רויטער געוואָרן. ווי ער וואָלט וועלן פאַרטרײַבן זײַנע שלעכטע געדאַנקען, איז ער אַרומגעפאָרן מיט דער ווײַסער האַנט איבערן רויטן שטערן, האָט מעכאַניש אַ קוק געטאָן אויפן זייגער, ער האָט פרײַ אָפּגעאָטעמט זעענדיק, אַז די שעה איז געענדיקט און נאָך אומגעשיקטער, ווי שטענדיק, האָט ער זיך געזעגנט און איז אַוועק.

מיר האָט געטאָן אַ שטאָך אין האַרצן: עס איז, אמת, נישט געווען קיין העלד, וואָס זײַן דורכפאַל האָט מיך געקרייגקט, עס איז אָבער געווען דער ערשטער טריט פון צוטרוי, וואָס מען האָט יעצט אַרויסגעריסן בײַ מיר פון האַרצן

אַ מאַן זאָל זיך אַזוי לאָזן מבטל מאַכן! זאָל נישט קענע

פֿאַרטיידיקן זײַנע איבערצײַגונגען! אַז זײַן מוטער און זײַן שוועסטער האָבן זיך אין דערהיים געמוזט רעכענען מיט יעדן גראָשן, וואָס ער האָט פֿאַרדינט, — דאָס, נאַטירליך, האָב איך נאָך דעמאָלט נישט געוואוסט. פֿאַר מיר, וואָס אַן איבערלעבעניש, — וועלכע אַנדערע האָבן איר קוים געשפּירט, — איז זייער אָפֿט געוואָרן פֿאַר מיר אַן ערשט־קלאַסיקע געשעעניש. פֿאַר מיר האָט די־דאָזיקע שעה געהאַט זייער אַ גרויסע באַדייטונג. טאָג טעגלאַך פֿלעג איך נאָך אַלץ מיט דער גרעסטער אומגעדולד וואַרטן אויף מײַן לערער, ער איז אָבער געווען נישט מער ווי אַ וועכטער בײַם מוזעאום פֿון דער מענשהייטס־געשיכטע, אָבער נישט דער פֿירער, וואָס אונטער זײַן לייטונג וואַרפֿן זיך אונטער זײַנע אָנהענגער מיטן גרעסטן צוטרויען און גלויבן. ער האָט מיר געעפֿנט איין זאַך נאָך אַנדערן, אָבער געגאַנגען בין איך סוף כּל סוף גאַנץ אַליין. זײַן גרעסטער פֿאַרדינסט איז, ווירקלאַך, געווען דאָס, וואָס איך האָב זיך אויסגעלערנט גיין אַליין, — נישט אויף שטאָלצן פֿון פֿרעמדע אָנשויאונגען, וואָס ווערען אײַנגאַנצן נוצלאָז בעת מען דאַרף קלעטערן איבער פֿעלזן; די קינדערשע נשמה איז אָבער צו ווייך, צופֿיל דאַרף זי שטיצע און הילף, אַז זי זאָל נישט באַקומען קיין וואונדן אויף דער איינזאַמער וואַנדערונג דורכן פֿרעמדן לעבן: ווען זי זאַמעלט בלומען און פֿרוכט פֿאַלן גאַנץ אָפֿט אַרײַן אין אירע הענט אויך גיפֿטיקע און שעדלאַכע.

איך בין געווען אַ פֿרום קינד — מיט יענער פֿרומקייט, וואָס פֿרײַניקט אי גאָט, זײַנע מלאכים און יעזוסן. איך האָב געגלויבט אין די אַלע וואונדער פֿון די קינדער־מעשהלאַך; דאָס איז דער גלויבן, וואָס איז נאָך אייגנטלאַך גאָר קיין גלויבן נישט, ווײַל ער האָט נאָך נישט פֿאַרזוכט דעם טעם פֿון ספֿיקות.

נאָך אַלס קליין קינד ווען עפּעס אַ געשעהעניש האָט מיך אַרויסגעפירט פון מיין גלייכגעוויכט, פלעג איך מיך שטענדיק ווענדן צום פאָטער אין הימל ער זאָל מיר אַרויסהעלפן. אויף מיינע רעליגיעזע געפילן האָבן די תפילות און קירכן־לידער ווי אויך ליוטערס קאַטעכיזיס — וואָס די קינדער וואָלטן אים נישט ווייניקער פאַרשטאַנען ווען ער זאָל זיין געשריבן אין כינעזיש — געהאַט אַזאַ ווירקונג, ווי די ניכטערע פּוסטקייט פון דער פּראָ־טעסטאַנטישער קירך.

דאָס ליכט פון העלן טאָג האָט זיך פּלוצלונג אַריינגעריסן אין דער אומגעריירטער פאַרחלומטער מעשה־וועלט פון מיין רע־ליגיע. לערענדיק די געשיכטע און שפּעטער ספּעציעל אויך די גע־שיכטע פון דער רעליגיע, האָב איך מיך איבערגעצייגט, אַז אין קריסטענטום גופא האָבן די קירכן און סעקטן העפטונג באַקעמפט איינע די אַנדערע, יעדע האָט פעסט געגלויבט, אַז נאָר זי איז בכח די מענטשן גליקלאַך צו מאַכן.

איך האָב געזען, אַז נישט נאָר קריסטן, נאָר אויך יידן, מאַכמעדאַנער און בודיסטן האָבן זיך מקריב געווען פאַר זייער גלויבן. דעם משל מיט די דריי רינגען האָב איך נאָך נישט גע־קאָנט, איך האָב שוין אָבער געפילט, ווי שווער עס איז אויף דידאָזיקע פראַגע צו ענטפערן. מיין לערער, וועלכער האָט זיך קאַטעגאָריש ענטזאָגט מיר צו געבן רעליגיע־שטונדן, האָט צוגע־זאָגט מיין מוטער, אַז ער וועט נישט וועקן אין מיר קיין שום קריטישע באַציונג צו דער רעליגיע, און דאַריבער פלעגט ער נאָר באַלויכטן די היסטאָרישע געשעהענישן און האָט אַזוי לאַנג אויס־געמיטן צו ענטפערן אויף מיינע קלאָץ־קשיות ביז איך האָב אויפ־געהערט צו פרעגן. אין מיין אינערן אָבער זיינען זיי געוואָרן די פּיערקאַנטיקע שטיינער פון בבל־טורם דורך וועלכע איך האָב

געהאָפט צו דערגרייכן איבער די וואָלקן. ווייל איך בין אָבער געווען נישט געשיקט און צו שוואַך אָן פרעמדע הילף זיי צונויפ־צושטעלן איז מיין בנין באַלד איינגעפאַלן. דערדאָזיקער פאַל האָט מיר אָבער נישט אויפגעהויבן צו קיין נייע וואונדער, אָבער מיין קינדער־גלויבן האָט ער אונטער זיינע חרבות באַגראָבן.

איינמאָל ווען מיר זיינען צוריקגעקומען פון אַ לייגערע זומער־רייזע האָט מיך מיין פאָטער מיט אַ באַזונדערער פייערלאַכקייט אַריינגעפירט אין אונזער וואוינונג. ביז איצטער האָב איך געהאַט אַ צימער נעבן דער שלאָפשטוב פון מיינע עלטערן, יעצט האָט דער פאָטער אויפגעעפנט די טיר פון אַ גרויסן צימער, וואָס מען האָט פריער גאָרנישט באַנוצט.

— דאָס איז דיין מלוכה, מיין קינד — האָט ער גע־זאָגט.

דאָס גליק האָט מיך פשוט צוטומעלט: אַן אייגענער צי־מער

דערדאָזיקער גן־עדן, וועגן וועלכן עס חלומט יעדעס מענ־טשענקינד, וואָס ווערט רייף פאַר אַ זעלבסטשטענדיקן לעבן, האָט זיך פאַר מיר אַזוי אומגעריכט געעפנט! דאָס קלאַפּן פון דער ניימאַשין וועט מיר מער נישט שטערן, קיינער וועט נישט פרע־טענדירן אויף מיין פלאַץ ביים שרייבטיש! נאָר די אַלטע ברוינע סאָפע האָט נישט קוקנדיק אויף איר נייער בלוי־ווייסער קלייד, נאָך אַלץ דערמאָנט דעם קינדערצימער.

די ערשטע נאַכט האָב איך אונטערן שניי ווייסן הימלבעט און דעם רויטן אַמפּעל קיין שלאָף נישט געפונען: מיין צימער, און דאָך — דאָס וויכטיקסטע פעלט דאָ נאָך, דאָס געהיימניספולע, וואָס קיינער טאָר עס נישט זען, נאָר איך אַליין. איך האָב מיך

אַ הויב־געטאָן, אָנגעצונדן דעם אַמפּע׳ און בין אַרויס פון בעט. אַרויסנעמענדיק פון וועש־שאַנק בונטע שטיקער זיידנצייק און אַ גרויסן געלבן שאַל ד׳האָב איך זיך אַוועקגעזעצט אויף דער ערד ביים פענצטער, וואו צווישן דער סאָפע און דער וואַנט איז געווען אַ ליידיקער ווינקל. מיט שפּילקעס און קנאָפּקעס האָב איך פון געלן שאַל געמאַכט אַ געצעלט־דאַך איבער דער הויכער פאַרענצשע פון דער סאָפע און דער פענסטערוואַנט, די ווענט באַדעקט פון אינעווייניק מיט רויטן אַטלאַס און אויף דער ערד אַ טעפּיך פון הימל־בלויען סאַמעט. אַ ווייסן מיט בלומען באַמאָלטן קאַסטן האָב איך אַוועקגעשטעלט אינמיטן ווי אַן אַלטאַר און אַרום אים בונטע ליכט. עס האָט נאָר געפעלט דער גאָט, פאַר וועלכן מען דאַרף רויכערן די קטורת. גאַנץ שטיל האָב איך מיך אַריינגעגנבעט אין עס־צימער אַראָפּגענומען פון אויוון־געזשימס די סטאַטועטקע פון אַפּאָלאָן און אַוועקגעשטעלט אים אַלס הייליקן אין מיין פאַרבן־גליענדן טעמפּל.

קינדיש וועט עס אויסזען אין די אויגן פון די, וואָס קאָנען נישט די טיפקייט פון דער קינדער־נשמה, איך אָבער ווייס, אַז די פרומקייט פון קיין גלויביקן קריסט האָט נישט געקאָנט זיין שטאַרקער, ווי די, מיט וועלכע איך בין געווען דורכגעדרונגען פאַלענדיק אויף די קני פאַרן הייליקטום, וואָס איך האָב אַליין געשאַפן.

מיין מוטער האָב איך מיט האַרצקלאַפּעניש דערציילט, אַז דעם „אַפּאָלאָ״ האָב איך צו בראָכן אין איר, ווי אַלע שטובמענטשן האָב איך געבעטן זיי זאָלן נישט אָנרירן יענעם ווינקל, וועלכן איך האָב איבערגעדעקט מיט אַ טוך, ווייל דאָרט האָב איך באַהאַלטן מתנות צו דער „כאַאינקע״ ווי נאָר דער יום־טוב איז אַריבער און די מוטער האָט דערזען מיין טעמפּל מיטן אַלטאַר

האָט זי מיך נישט געלאָזט רוען איך זאָל עס צונעמען.

איין פרימאָרגן בעת איך בין צוריקגעקומען פון דער מו־זיק־לערערן, איז מיר די מוטער אַרויסגעלאָפן אַנטקעגן מיט משוגע־דיקע קולות:

— ווען וועסטו זיך שוין ענדלאַך אָפּגעווייגען פון דיינע ליגנס? — האָט זי געשריען אַריינשלעפנדיק מיך אין מיין צי־מער.

מיין טעמפל איז געלעגן אין חורבות, די בונטע שטיקער שטאָף, די בלומען און די ליכט אַלץ איז געווען אָנגעוואָרפן אויפן טיש און דער אויסגעל־אָשענער לעמפעלע איז געשטאַנען נעבן דער אַפּאָללאָ־סטאַטועטקע.

—צו ווייסטו, וואָס עס הייסט, אַז מען עקספּראָפּריאירט פרעמ־דע אייגנטום?!

דידאָזיקע ווערטער ד־האָבן מיר געבראַכט צו זיך. מיט אַ ווילדן געשריי בין איך געפאַלן אויף די קני נעבן מיין בעט, מיי־נע גלידער ד־האָבן געציטערט און דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט, ווי עס וואָלט וועלן אַרויסשפּרינגען. מיין מוטער האָט וואַרשיינלאַך אין דעמדאָזיקן אויסברוך פון פאַרצווייפלונג געזען מיין חרטה אויף דעם באַגאַנגענעם חטא.

—נו, באַרויק זיך אַליקסכען, —האָט זי געזאָגט אַרויפלייגנ־דיק איר האַנט אויף מיין קאָפּ.

איר באַרירונג האָט מיך געצוואונגען נאָך טיפער איינצו־גראָבן מיין קאָפּ אין די קישנס.

—איך וויל די גאַנצע מעשה באַטראַכטן נאָר אַלס אַ קינ־דערשפּיל. וועסטו מיר אָבער נאָך איין איינציק מאָל אָפּנאַרן וועל איך מיט דיר אַנדערש ריידן.

פון דעמאָלט אָן האָב איך שוין קיין טעמפּלען מער נישט געבויט. מיין אויסערלאַכער לעבן איז געווען אַ מוסטער בילד פון אַ קאָרעקטער שילערן און אַ גוטערצויגענער טאָכטער. אין דער שטיקעדיקער ספּעקטן־לופט פון מיין אינערן האָבן אָבער געוואָקסן די וואונדערבלומען פון מיינע חלומות און פאַרשכורט האָט אויף מיר געווירקט זייער גערוך ווען איך בין געווען אַליין און פלעג קומען צו זיך. גאַנץ אָפט האָב איך איבערגעשטאַרקט מיין שלעפעריגקייט געוואַרט ביז אַלע זיינען איינגעשלאָפן און פאַר אַ קליינער ליכטל פלעג איך זיצן שעהן לאַנג ביים שרייבטיש, דער קאָפּ האָט געברענט, דער קערפּער געציטערט, ווי אין פיבער און איך פלעג שרייבן לידער, פול דורשט נאָך פרייהייט, און נאָך ליבע. נאָר די למודים האָבן נאָך געווירקט און באַרויקט מיין אינערלאַכן שטורם און פלעגט מיך איבערטראָגן אין אַן אַנדערער וועלט. איבערהויפּט האָט מיך שטאַרק צוגעצויגן די ליטעראַטור־געשיכטע. זי איז אָבער נישט באַשטאַנען בלויז פון נעמען פון דיכטער פון טיטלען פון זייערע ווערק מיט די פּיקס און פאַרטיקע אורטיילן, וואָס אונזער יוגנט באַנוצט זיך דערמיט און מיינט, אַז זי האָט שוין דערגרייכט די העכסטע שטופע פון בילדונג; די ליטעראַטורגעשיכטע האָט מיר נאָר געדינט אַלס הילפסמיטל—ווי ווייט האָס האָט ערלויבט מיין גייסטיקע ענטוויקלונג—איבערצוגיין צו די ווערק אַליין. אין קליינע, געלע העפטן פלעגט זיי מיר מיין לערער ברייגגען, ווייל ער האָט נישט געהאַט די מיטלען צו קויפן טייערע אויסגאַבען. אויף דעם אופן האָב איך זיך באַקענט מיט דער צפון און אַלט־דייטשער ליטעראַטור און מיט די גריכישע און רוימישע קלאַסיקער; וואָס מער איך האָב געלעזן, אַלץ שטאַרקער איז געוואָרן מיין פאַרלאַנגען נאָך נייע ביכער און, אָנשטאָט בשמים און בלומען פאַר מיין טעמפּל, האָב איך מיר געקויפט איין רעקלאַם־העפט נאָכן אַנדערן. ווען מיר

איז אַרייַנגעפאַלן אין די הענט אַ קאַטאַלאָג, האָב איך שוין גאָרנישט געקאָנט רוען: איך האָב געמוזט לעזן און ווידער לעזן, אַלץ אָן אַן אויפהער.

די ביכער, וואָס דער לערער פלעגט מיר הייסן לעזן האָבן שוין נישט געקאָנט באַפרידיקן מיין בייגיריגקייט און מיין דורשט צו וויסנשאַפט, נאָך חייניקער דאָס, וואָס די עלטערן פלעגן מיר ברייַנגען. וויפל איך האָב נישט געלעזן אַלץ איז מיר נאָך געבליבן אַ סך פרייַע צייט.

מיין מוטער האָט געהאַלטן פאַר איר פליכט צו זוכן פאַר מיר חברטעס, און איך האָב עס טאַקע געשפּירט נאָר ווי אַ חוב און דעריבער האָט עס מיר קיין פאַרגעניגן נישט פאַרשאַפט. ליגן צונויפגעדרייט אין ווינקל פון סאָפע, פאַרטיפט אין אַ בוך, באַצויבערט פון אַ גאַנץ אַנדער וועלט,—צי קאָן דען זיין אַ גרעסערער גענוס! נאָר די שטענדיקע מורא מען זאָל מיך נישט כאַפּן האָט געשטערט מיין פאַרגענוגן. ווייל דאָס, וואָס איך האָב געלעזן—דערין בין איך געווען זיכער—האָט נישט געהערט צו דער ערלויבטער „לעקטור פאַר מיידלאַך" און דאָך האָב איך אינסטינקטיוו געפילט, אַז דאָס האָט אַ סך אַ גרעסערן ווערט ווי די צוקער זיסע יוגנט-געשיכטן פון קלעמענטיע העלם, פון וועלכן מיינע פרייַנדינען פלעגן דעמאָלט כאַפּן התפּעלות. אין נייעם באַצוג פון דער אַלטער סאָפע האָב איך אויפגעטרענט אַ נאָט, פלעג איך נאָר דערהערן טריט איז שוין דער געלער העפט אַהין פאַרשוואונדן און איך האָב כלומרשט אויפמערקזאַם געלאָזן וועבערס וועלטגעשיכטע, וואָס איז געלעגן גרייט אויפן טיש. ביסלאַכוויַיז איז די גוטע שטומע סאָפקע געוואָרן מיין שאַצקאַמער. דאָ זייַנען געלעגן בשלום איינע נעבן דער אַנדערער די געשטאַלטן, וואָס אין מיין מח און אין הארצן האָבן זיי זיך געדרייט אין משוגענע טענץ. אַרנים און ברענטאַנאָ, הויף און טשאָקע, סקאָט און בולווער, גאָגאָל און

טורגעניעוו. אַפּילו בײַ נאַכט האָבן זיי מיר אָפּט נישט געלאָזן רוען און אין שלאָף האָבן זיי מיר פאַרפּאָלגט אין מיינע חלומות.

אין דער ליטעראַטור־געשיכטע האָב איך געלעזן וועגן ט. פּ. האָפּ־מאַן, ווען איך האָב געבעטן מען זאָל דאָס מיר געבן צום לעזן.

—דאָס איז נאָך נישט פאַר דיר — האָט מען מיר געענט־פערט.

און בעת איך האָב אַרויסגעזאָגט די מיינונג, אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן קינדער מעשיות און געבעטן דעם לערער נאָכאַמאָל ער זאָל עס מיר ברענגען. און דאָסדאָזיקע „דאָס איז נישט פאַר דיר" איז שוין לאַנג געווען פאַר מיר געווען די בעסטער רעקאָ־מענדאַציע פאַר די ביכער, וואָס מען דאַרף יאָ לעזן.

איינמאָל אין אַ ווינטער־אָוונט איז מיר אויסגעגאַנגען דער גאַנצער לייענמאַטעריאַל. די עלטערן זײַנען נישט געווען אין דערהיים; גאַנץ אומבאַמערקט האָב איך מיר אַרויסגעגנבעט און אַוועק אין אַ בוכהאַנדלונג עפּעס קויפן. אַ סך ביכער פון די, וואָס איך האָב געבעטן, האָט מען מיר דאָ אויך נישט געוואָלט פאַר־קויפן. דעם שטענדיקן „עס איז נאָך נישט פאַר דיר" האָב איך דאָ אויך געהערט. איך האָב זיך אומגעקערט אַהיים מיט האָפּ־מאַנס קליינדאַכט", און „אין דעם גאָלדענעם טאָפּ". איך האָב זיך אויף דעם בוך אַרויפגעוואָרפן מיט אַזאַ דורשט, אַז דער אָוונט־ברויט, וואָס מען האָט מיר אַרײַנגעבראַכט, האָב איך נישט אָנגע־רירט, אויף די ווערטער פון „פרייליין" שוין צײַט צו שלאָפן, האָב איך נישט געענטפערט. צי דען בין איך נישט געזעסן אַליין אונטערן האָלענדער־בוימל און געזען די גרינע שלאַנג און גע־הערט די קלינגענדע גלעקלאַך? האָב איך נישט געזען דאָס בראָנ־זענע געזיכט פון דער עפּל פרוי, וואָס איז געשטאַנען אין דער טיר און געקריצט אויף מיר מיט די ציין? פּלוצלונג עפנט זיך די טיר.

— וואָס, דו ביסט נאָך נישט אין בעט? — האָב איך דער־הערט מײַן פֿאָטערס קול.

— איך האָב געמוזט אײַנשלאָפֿן — האָב איך געשטאַמלט, באַהאַלטנדיק האַסטיק דאָס בוך.

— טו זוך געשווינט אויס — איך וועל דער מאַמען נישט דער־ציילן — גוט נאַכט.

מיט די ווערטער האָט ער צוגעמאַכט די טיר. איך האָב פֿאַרלאָשן דעם לאָמפּ און האָב זיך געלייגט אין בעט נישט אויס־געטאָן; אַז די מוטער איז שטילערהייט אַרײַן, האָט זי געמיינט, אַז איך שלאָף. נאָך דער מאַמעס וויזיט האָב איך ווײַטער גע־לעזן. איך האָב נישט געקענט רוען ביז איך האָב געענדיקט. און פֿון יענעם אָוונט אָן האָב איך געלעבט אין האָפֿמאַנס וועלט, אַזוי אַז יעדע באַרירונג פֿון דער ווירקלאַכקייט האָט מיר וויי גע־טאָן, ווי אַ נאָדל־שטאָך.

שווערער פֿון אַלץ איז פֿאַר מיר יעצט געוואָרן דער מוזיק־אונטעריכט, וואָס האָט מיך שטענדיק געקוועלט. איך האָב ליב געהאַט מוזיק; דורך האָפֿמאַנען איז זי פֿאַר מיר געוואָרן, ווי אַ הימלס־צויבער. נאָך אַלס קליין קינד, האָב איך געקאָנט שעה'ן לאַנג זיך צוהערן בעת עמיצער האָט געזונגען אָדער געשפּילט — אָבער מײַן אייגענער בעמבלען, בעת איך האָב קיינמאָל נישט גע־קענט אַרויסקריכן פֿון קאַמף מיט דער טעכניק, וואו צוליב די נאָטן און פֿאָרזאַץ־צייכנס האָב איך קיינמאָל די מוזיק נישט גע־הערט, איז מיר שטענדיק געוועזן צעווידער. אומזיסט האָב איך זיך געבעטן בײַ מײַן מוטער, זי זאָל מיך דערפֿון באַפֿרײַען.

— איך האָב נישט קיין שום מוזיק־פֿעיקייטן — פֿלעג איך איר בעטן.

קלאַוויר־שפּילן האָט אָבער געהערט צו גוטער ערציונג —

און מײַן בעטן האָט נישט געהאָלפֿן. איך האָב דעריבער אַליין געפֿינען אַן אויסוועג. אָנשטאָט צו גיין צו דער לערערן, פֿלעג איך אַוועקגיין שפּאַצירן, אָדער זאָגן, אַז איך האָב „קאָפּשמערצן“, כּדי זיך נישט צו טרעפֿן אויפֿן וועג מיט די שטובמענטשן. פֿלעג איך מוזן אויסזוכן אָפּגעלעגענע וועגן און ערטער

אין אַ רעגנרייכן פֿרילינג פֿון 1878 יאָר איז דער פּוילישער קוואַרטאַל אין פּויזן, בײַ וואַלישײַ, וואו עס האָט געוואוינט דער סאַמע אָרעמסטער טייל פֿון דער באַפֿעלקערונג פֿאַרפֿלייצט געוואָרן. שטאַרק איז געוואָרן די נויט און די אָרעמקייט אין דעם קוואַרטל און פֿון הונגער האָט אויסגעבראָכן פֿאַרשידענע קראַנקקייטן, די רײַכערע קלאַסן פֿון דער געזעלשאַפֿט — אויך מײַנע עלטערן האָבן, ווי דער שטייגער איז, גענומען שאַפֿן הילף פֿאַר די אומגליקלאַכע דורך פֿאַרשידענע וואָלטעטיקע פֿאָרשטעלונגען. איך האָב זיך אַקטיוו נישט באַטייליקט, ווי אַמאָל אין קאַרלסרוע — ווײַל מיט דער לאַנגער, מאָגערער, בלאַסער מיידל האָט מען זיך נישט געקענט שטעלן אין פֿאַסאָן — אָבער צו די פּראָבעס האָט מען מיך מיטגענומען, ווײַל מײַן מוסער איז געווען איינע פֿון די הויפּט־שפּילערנס. דאָ האָב איך זיך אָנגעהערט מעשׂיות וועגן יענע אומגליקלאַכע, וואָס פֿאַר זיי האָט דאָס געדאַרפֿט זײַן די הכנסה פֿון דידאָזיקע פֿאַראַדן פֿון די ליידיק־גייערינס אָרעמקייט! וואָס האָב איך פֿון איר געוואוסט? איך פֿלעג וויינען מיט ביטערע טרערן לעזנדיק וועגן די הונגעריקע רוימישע שקלאַפֿן אין נעראָנס צײַטן, וועגן די ווײַבער פֿון פּאַריז, וואָס האָבן געשריען „גיט אונז ברויט“ בײַם אויסברוך פֿון דער גרויסער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע; איך האָב באַקלאָגט די שלעזישע וועבער און די גרויסע אומגליקס־יאָרן פֿון פּרײַסן, אָבער איצט בעת דעם גלאַנץ פֿון דער דײַטשישער מלוכה אונטערן סצעפּטער פֿון גוטן אַלטן קייזער — איצט איז דאָך קײַן אָרעמקייט מער נישט פֿאַראַן!

אמת געגנאיבער אונז זיינען טאָג טעגליך פאַר׳ן טיר פון דער פוילישער קנייפּע געזעסן שכורים, אויך שכורע ווייבער האָבן זיך געוואַלגערט אין רינשטאָק, אָבער דאָס האָט נאָך דערוועקט ביי מיר עקעל, אָבער נישט קיין רחמנות. נישט עלענד און נויט, נאָר זייער פאַרדאָרבנקייט, זייערע חטאים האָבן זיי דערצו גע-בראַכט. איך האָב באַשלאָסן צו גיין זוכן די אָרעמקייט, וועגן וועלכער איך האָב קיין אַנונג נישט געהאַט; און דער שרעק וואָס דערדאָזיקער באַשלוס האָט אויף מיר אָנגעוואָרפן, האָט נאָך פאַרשטאַרקט די ראָמאַנטיק פון מיין אונטערנעמונג.

עס איז געווען אַ נאַס-קאַלטער מערץ-פרי-מאָרגן, בעת איך בין מיט דער מוזיק-טעקע אונטערן אָרעם געגאַנגען איבערן וויל-העלם-פּלאַץ צום מאַרק. דערזעענדיק אַ באַקאַנטעס געזיכט האָב איך מיך באַהאַלטן אין אַ טונקעלער קירך, וואו עס האָט מיר אַ האַק געטאָן אין נאָז אַ שווערער וואָלקן פון פייכטע ווינטערלופט, פון מענטשן-ריחות און ווייריך. טריט פון אַ סך שמוציקע פיס האָבן באַדעקט די פּאָדלאָגע מיט אַ שוואַרצער, קלעפּעדיקער מאַסע. אויפן אַלטאַר האָבן געפלאַקערט אַ פּאָר דיקע ליכט, וואַרפנדיק אַ בלוילאַכן שיין איבערן גאַנצן עולם; דער גל"ח מיט זיין הייזעריקן קרעכצן און גרויען געזיכט האָט אויסגעזען, ווי אַ טויטער. געטריבן פון אַן אומבאַשטימטן פחד בין איך צוגעלאָפן צו אַ צווייטער טיר, איך האָב זיך אָבער אויסגעגליטשט און בין אומגעפאַלן. דער שמוץ פון דער פּאָדלאָגע האָט זיך אָנגעקלעפּט אין מיינע הענט און מיינע קני. מיט גרויס מי, פילנדיק אַ שטאַרקע נישטגוטקייט, האָב איך זיך קוים אָבגערייניגט. אַ שלעכ-טער אָנהויב! האָב איך געטראַכט און געלאָפן ווייטער איבער די שמאָלע, טונקעלע גאַסן. באַלד האָב איך דערזען, ווי מענטשן שטייען און פּאָמפּען וואַסער פון די קעלערס אָדער שלעפּן עס מיט עמערס; די הייזלאַך זיינען וואָס ווייטער קלענערע, אַזוי

אַז די דעכער קאָן מען כמעט דערגרייכן מיטן האַנט און איבער די ברייטערע וואַסער־רינעס ליגן פּרימיטיווע בריקן. אין די נידע־ריקערע גאַסן איז דאָס וואַסער געווען אַזוי הויך, אַז הין און צוריק איז מען געפאָרן אויף שיפלאַך. איבער די שוואַרץ געלע ווענט האָבן געשוואומען צובראָכענע כלים, שמוציקע מיסטקאַסטנס, און אָפּגעריסענע קינדער, ביז די קני אין וואַסער, האָבן מיט די שמוציקע פינגער געזוכט שפּילצייג. אַ קעלט האָט מיך אַרומגע־כאַפּט און עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז אַ גרויע פייכטע שלאַנג וויקלט זיך אַרום מיין גאַנצן קערפּער. איך האָב דערהערט אַ קלונג פון אַ גלעקל, אַ יינגל פון כאָר האָט עס געהאַלטן און איז נאָכגעגאַנגען נאָכן גייסטלאַכן. פאַר דער טיר פון אַ געלער שטיבל, וואוהין זיי זיינען פאַרשוואונדן, האָבן זיך געשטופּט ווייבער און קינדער, באָרוועסע, שמוציקע, אָפּגעריסענע; נאָר אַ פּאָר רויטע קליידער און בונטע טיכער האָבן עדות געזאָגט וועגן פריערדיקע, בעסערע צייטן. זייער ריידן האָט זיך באַלד פאַרוואַנדלט אין אַ קוויטשעריי, זייערע באַוועגונגען זיינען געוואָרן אַלס מער לעב־האַפטער, האָבן געמאַכט דעם איינדרוק פון קאָנוואולסיע־קרעמפּן; געלאָפן זיינען זיי אַהער פון אַלע הייזער, — ווי איז עס מעגלאַך אַז זיי זאָלן דאָרט אַלע וואוינען?! ציטערנדיק בין איך אַריינגע־קראָכן אין אַ טויער און פּלוצלונג האָט זיך נעבן מיר אַ שטאַרקן קנאַק אָן עפּן געטאָן אַ טיר: פאַלנדיק פון די פיס, שילטנדיק און זידלענדיק מיט קללות און חרמות האָט זיך באַוויזן אַ מאַן מיט אַ פלאַש אין האַנט אַלס געווער קעגן זייערע פאַרפאָלגער. ווידער האָט זיך אָבער דערהערט דער טאָן פון גלעקל, און אַלע זיינען, ווי פאַרשטומט געוואָרן. די קוויטשעדיקע ווייבער, די שכורע מענער, די שרייעדיקע קינדער—אַלע זיינען געפאַלן אויף די קני. פאַר זיי איז געגאַנגען דער גלח און האָט געמורמלט עפּעס אַ תפילה. זיין שוועָרער שוואַרצער מאַנטל האָט זיך פאַרשפּרייט

הינטער אים איבערן טייך.

נאָך אים זיינען נאָכגעגאַנגען אַ מאַן מיט אַ פרוי, ביידע אויסגעדאַרטע און איינגעבויגן צו דער ערד. צושויבערטע, שטרוי־געלבע פּאַסמעס האָר האָבן באַדעקט איר געזיכט, וואָס איז געווען געשוואָלן פון וויינען. אירע גרויע דאַרע פינגער האָבן ארומגע־כאַפּט די הענטל פון שמאָלן שוואַרצן שרענקל, וואָס זיי האָבן ביידע געטראָגן, אַ מירטן־קרענצל פון פּאַפּיר און דאָס בילד פון דער שוואַרצער מאַדאָנע איז געווען דער איינציקער פּוץ אויף דער טרונע. שטום ווי זיי ביידע, איז נאָכגעגאַנגען די גאַנצע מענטשן־מאַסע, אַ לאַנגער גאַנג פון עלנט און נויט, דער לעצטער איז געגאַנגען פאַלנדיק פון די פיס דער שכורער מיט דער ליי־דיקער פלאַש אין די צעטרייסלטע הענט. קיין פּיפּס האָט מען נישט געהערט, אויסער דאָס פּלעסקען פון וואַסער אונטער דער גרויסער מענגע פיס פון באַגלייטער.

אויפגעוואַכט פון אַ בייזן חלום האָב איך זיך אַ כאַפּ־געטאָן. פאַרביי דער אָפענער טיר פון דעם הויז, פון וואַנען מען האָט אַרויסגעטראָגן די טרונע האָב איך געמוזט דורכגיין. אינעווייניק איז געווען גאַנץ טונקל און דאָך האָב איך געזען, אַז אויף דער ערד ליגט עפּעס צונויפגעדרייט און גלאָצט אויף מיר זיינע גרוי־סע, פּוסטע אויגן, — איך האָב דערזען די אָרעמקייט. אַזוי גע־שווינט, ווי עס האָבן מיך נאָר געטראָגן מיינע ציטערדיקע פיס, בין איך געלאָפן. טרייסלענדיק זיך, ווי פון אַ פּראָסטפּיבער בין איך אַריין אין בעט. אויף מאָרגן האָב איך דאָך שוין קיינעם נישט דערקענט.

אַ סך וואָכן האָב איך געשוועבט צווישן טויט און לעבן. יאָרן לאַנג האָב איך זיך אָן שרעק נישט געקאָנט דערמאָנען אָן יענע פיבער־חלומות, וואָס האָבן מיך דעמאָלט געפּייניגט. די

קירך האָב איך געזען און דער גלח, ווי אַ סקעליעט ביים אַל־טאַר, און לויטער שמוציקע אויסגעדאַרטע הענט האָבן מיך גע־שלעפּט אין טיפן שוואַרצן זומפּ; אָן אַן אָטעם בין איך געלאָפן איבער די געלע וועלן און נאָך מיר אַן אומענדלאַכע מאַסן־מע־נער און ווייבער, וואָס אין זייערע רויט־אונטערגעהאַקטע אויגן האָט געגליט הונגער, שכרות און רציחה. און אין מיטן טאַנצט אויפן דעקע דער קליין־צאַרעס און שטעכט מיר דורך דעם מח מיט זיין קליינעם שפּיז, און סערפּענטינע, די שלאַנג מיט די גרויסע בלויע אויגן, וויקלט זיך מיר אַרום דעם האַלז און שטיקט מיך.

—ווי קומט זי צו אַזעלכע פאַנטאַזיעס?—האָב איך געהערט די שטים פון מיין מוטער, וועלכע האָט מיט מסירת־נפש ערפילט איר פליכט און איז נישט אָפּגעטרעטן פון מיין בעט.

— ווי אַזוי האָט זי בכלל געקאָנט כאַפּן די מאַלאַריע — האָט זיך אויך געוואונדערט דער דאָקטאָר, וואָס דעמדאָזיקן מער־דערישן זומפּ־פיבער האָט ער באַגעגנט נאָר אונטן ביי די, וואָס האָבן געליטן פון דער פאַרפלייצונג.

איך האָב געשוויגן, צו מיד און צו אַפּאַטיש בין איך גע־ווען. וייל נאָכן פיבער איז געקומען אַ שרעקלאַכע שוואַכקייט, איך האָב פעסט געגלויבט, אַז מיינע טעג זענען געציילט, דהאָב איך קיין זאַך נישט געוואָלט און פון אַלץ רעזיגנירט. אַפילו מיין מוטערס רויק פריינטלאַכער שמייכל, וואָס יעדערן אַנדערן קראַנקען וואָלט ער געוויס, געוויס באַרויקט, דהאָט מיר נישט געקאָנט אָפּנאַרן. דער שרעק, וועלכן איך פלעג באַמערקן, אויף מיין פאָטערס געזיכט, בעת ער פלעגט שטיין ביי מיין בעט, איז געווען מער צוגעפּאַסט צו דער אמתער לאַגע. און דאָך בין איך סוף כל סוף געזונט געוואָרן. מיט די פיזישע כוחות איז ביסלאַכ־

ווייז אויך צוריקגעקומען די לוסט צום לעבן. ווי יאָר זאָל מיר געווען שולדיק זיין אַ דאַנק דערפאַר, וואָס איך בין געבליבן לעבן, אַזוי האָט מיר מיין פאָטער באַשאָנקען מיט מתנות: אומגעדולדיק פלעג איך קוקן אויפן טיר הערנדיק נאָכמיטאָג זיינע טריט; ביכער, בלומען, פרוכט, קאָנפעטן, עפּעס פלעגט ער טאָג־טעגלאַך מיטברייינגען קומענדיק אַהיים. ווי גוט זיינען איבערהויפּט די מענטשן געווען, אַלע האָבן זיך וועגן מיר געקימערט: יעדן טאָג האָט מיין לערער אָפּגעוואַרט ביים טויער דעם דאָקטאָר כדי פון אים אַליין האָבן דירעקטע נאַכריכט און איצט האָט ער מיר געשיקט זיינע שענסטע ביכער; מיין פאָטערס חברים האָבן מיר געשיקט פאַרשיידענע מתנות און דער גוטער, אַלטער גענעראַל קירכבאַך איז אַליין געקומען אין מיין קראַנקן־צימער און האָט מיר אַוועקגעלייגט אַ ליאַלקע אויף די קישנס.

—מיט דער פּופּע, מוטער, וועט זיך שוין אַמאָל מיין טעכטערל שפּילן! — האָב איך געזאָגט מיט אַ געלעכטער, אַז ער איז אַוועק, — ווייל שפּילן זיך אין ליאַלקעס האָב איך שוין מער נישט בדעה.

עס האָבן זיך געענדיקט דריי חדשים און איך האָב געזאָלט אויפשטיין פון בעט. איך האָב זיך אויפגעהויבן האָב איך באַקומען אַ שטאַרקן קאָפּ־שווינדל, ווען איך האָב זיך אָנגעכאַפּט אָן קאַנט פון מיין בעט, האָב איך דערזען אויפן לאַקן בלוט... איך האָב זיך דערשראָקן, אָבער דער דאָקטאָר האָט מיך זאַנפט אַ נעם־געטאָן און צוריק אַוועקגעלייגט אויפן קישן. ער האָט אָנגעהויבן לאַכן.

—אַזוי איז די מעשה, קליינעס פרייליין! די קינדער שיכלאַך האָט זי שוין ווירקלאַך אויסגעטאָן.

פאַרוואונדערט האָב איך געקוקט אויף דער מוטער, ווי

דאָס בלוט האָט איר אַ זעץ געטאָן אין געזיכט.

—דאָס איבריקע וועט איר אַליין אייער טאָכטער דערקלערן—

האָט ער געזאָגט זיך קלויבנדיק אַוועקצוגיין.

—אָבער זי איז ערשט אַלט צוועלף יאָר, הער דאָקטאָר—

האָט די מוטער באַמערקט.

—קיין בייז נישט, קיין בייז נישט—אַזעלכע שווערע קראַנקייטן רופן צייטנווייז אַרויס גרויסע ענדערונגען.

נאָך אַמאָל האָט ער מיר געדריקט די האַנט.

— אָבער איצט מוז מען נאָך עטלאַכע טעג בלייבן אין בעט.

— דו האָסט זיך נישט וואָס צו שרעקן, אַליקסכען, — האָט מיר געזאָגט די מוטער נאָכן דאָקטאָרס אַוועקגיין.

און אין קורצע ווערטער האָט זי מיר ערקלערט מיין צושטאַנד. אַ געפיל פון שטאָלץ האָט מיך דורכגעדרונגען: איצט בין איך אַלזאָ ווירקלאַך אויס קינד, — און מיינע חלומות האָבן געזוכט די צוקונפט! אָט איז סוף כל סוף געקומען דאָס לעבן, דאָס אָנציענדע, צויבערדייכע לעבן!

אין משך פון מיין קראַנקייט האָב איך זיך אַזוי אויסגעצויגן, אַז אַלע קליידער זיינען מיר קורץ געוואָרן. און די וואָכן וואָס איך האָב פאַרבראַכט צווישן דער בעט און דער סאָפע האָב איך געטראָגן דער מאַמעס לאַנגן שלאָפראָק און דאָס איז מיר זייער געפעלן. מיין בילד אין שפיגל, וואָס איז מיר די גאַנצע צייט געווען לגמרי צו איםם גלייכגילטיק און כאָטש איך בין געווען אַזוי בלייך און אַזוי שלאַנק דהאָט מיר אָנגעהויבן צו געפעלן די גרויסע טונקעלע אויגן, די שוואַרצע לאָקן איבערן ווייסן שטערן, די שמאָלע הענט מיט די רויזלאַכע פינגער - שפיצן, — ווער ווייס צי עס קאָן נאָך נישט אַמאָל פון מיר עפעס אַרויסקומען?

אז מיר זיינען מיט אונזערע קופערס געפאָרן צום וואָקזאַל, פון וואַנען דער צוג האָט אונז ווידער געזאָלט אוועקפירן קיין דרום, האָב איך נישט פראָבירט דורכצושמוגלען אַפילו קיין איין פאַרבאָטענעם בוך, איך האָב קיין שום חשק נישט געהאַט צו לעזן, נאָר לעבן, לעבן און געניסן—איז געווען מיין פאַרלאַנג.

IV.

אָפּזיצנדיק עטלאַכע מאָנאַטן אויף די בערג בײַ דער מומע קלאָטילדע, זײַנען מיר ענלאַך געקומען אַהיים. דער ווינט, וואָס בלאָזט פון די הויכע בערג אין טאָל איז דער בעסטער הייל־מיטל קעגן דער שווערער פיבערהיץ; דער פרידלאַכער קלאַנג פון די גלעקלאַך אויף די קי, וואָס פאַשן זיך אויף די בערג, דאָס זינגען פון די גרילן בײַנאַכט אין גראָז דאָס ברײנגט צוריק דעם שלאָף.

מײַן פאָטער איז געווען אַזוי איבעראַשט פון מײַן פרישן, געזונטן אויסזען, אַז פון פרייד האָט ער קיין וואָרט נישט געקענט אַרויסריידן. דעם צווייטן טאָג האָבן אונז באַלד באַזוכט אונזערע קרובים, וועלכע האָבן זיך דאָ נישט לאַנג באַזעצט אין פויזן; מײַן קוזינע, אַזוי אַלט ווי איך, אַ קליין מאוס באַשעפעניש אין אַ קורצעד קליידל, האָט מיך פאַרוואונדערט אָנגעקוקט און געזאָגט:

—דו ביסט דאָך אַ גאַנצע פֿריילײן!

באַלד נאָכדעם איז געקומען מײַן לערער. נישט רײדנדיק קײן וואָרט איז ער געבליבן אַ היפּש ווײַלע שטײן בײַם טיר.

— וואָס-וואָס מאַכט איר? — האָט ער שטאַמלענדיק געפֿרעגט.

פֿריער האָט ער מיר קײנמאָל נישט געירצט! איך האָב זיך נישט ווילנהיק דערמאָנט אָן סעפּן פֿון גרענוי, וואָס דעם גאַנצן זומער האָב איך מיט אים געהאַט צוטאָן, ער זאָל מיר זאָגן „דו" ווי פֿריער און אויך אָן האַנס גונטערסבערג, וועלכער איז ווידער געווען אין גאַרמיש און וואָס זײַנע פֿײַערדיקע לידער האָבן נאָר דעריבער אויף מיר נישט געווירקט, ווײַל איך האָב נישט געקאָנט פֿאַרגעסן די נישט רײנע הויט און די שווייסיקע הענט פֿון פּערפֿאַסער.

איך בין ווירקלאַך געוואָרן אויס קינד! שווייגנדיק האָב איך אײַנגעפּאַקט מײַנע אַלע שפּילצײַג אין אַ גרויסן קאָרב און געהייסן עס אַרויפֿטראָגן אויפֿן בוידעם.

די נײַ דערוואָרבענע כּוחות זײַנען געווען ווי אַ מאָטאָר, וואָס לאָזט מיט איין מאָל אין באַוועגונג דאָס גאַנצע מאַשין-געווערק. מיט אַן אויסערגעוויינלאַכער התמדה האָב איך מיך ווידער גענומען צום לערנען. אויסערדעם האָב איך געהאַלטן פֿאַר פֿאַרלוירן יעדן טאָג, אין וועלכן איך האָב נישט אָנגעשריבן קײן ליד אָדער נישט געאַרבעט איבער די דראַמען, וועלכע איך האָב זימער אָנגעהויבן. גלײַכצײַטיק האָב איך זיך אויך מיט פֿאַרגניגן געפּוצט צו דער טאַנץ-שעה און פֿולשטענדיק אויסגענוצט די ערלויבניש זיך צו באַטייליקן אין די פֿאַרווײלונגען און באַזוכן בײַ אונז אין הויז. אָט ליגן פֿאַר מיר די אַלטע קינדערשע העפֿט, מיט זײערע געל-געוואָרענע הילעס און מיט דער אויסגעבלייכטער שריפֿט, אין וועלכע איך פֿלעג פֿלײסיק באַאַרבעטן די טעמעס, וואָס

דער לערער האָט מיר געגעבן אָדער וואָס איך האָב אַליין אויס־נעקליבן: אַ בונטער מישמאַש פֿון קינדערשן אונזין און פֿריצי־טיקער חכמה. אַז מײַנע אַנשויאונגען זײַנען אָפֿט געווען דער היפּך פֿון מײַן לערערס דאָס באַווייזן זײַנע קריטישע באַמערקונ־גען אויף די ראַנדען פֿון די העפֿטן: מייסטנס „גוט" אָדער „זייער גוט", — אָבער זיי זײַנען נישט מער אַלס צייכן פֿון זײַן אָביעק־טיווע אָפּשאַצונג אָבער נישט די ריכטיקייט פֿון מײַנע אויפֿפֿאַ־סונגען. מײַן פּראָטעסט־נאַטור, וואָס האָט מיר שטענדיק געבראַכט דערצו איך זאָל זאָגן ריכטיק דעם היפּך פֿון דעם, וואָס איך האָב געהערט, ווײַזט זיך כּמעט אַרויס אין אַלע מײַנע יענע אַרבעטן.

ווען דער לערער האָט, צום ביישפּיל, אַמייסטן געלויבט שילערן, פֿלעג איך לויבן געטען; אַזוי געפֿין איך אין אַן אַרבעט וועגן די באַלאַדן פֿון דידאַקטיקע ביידע דיכטער: „געטהע איז אַ נאַטור־דיכטער, ד. ה. אַ דיכטער פֿון גאָטעס גנאָדן. אַז דאָס ווערק וועלכעס ער שאַפֿט וועט זײַן אַ קונסטווערק, דאָס איז בײַ אים דער עיקר. שילער, פֿאַרקערט איז גאָר פֿון אַן אַנדער אַרט, ווײַל פֿאַר אים איז דאָס ווערק נאָר אַמיטל צום פּרעדיקן מאָראַל. דאָ שטייט דעם לערערס אַן „אָ!" דאָס זעט מען אין אַלע זײַנע באַלאַדן, וואָס אין זייערע גרונדגעדאַנקען ליגט נאָר לערע און חכמה: ווי למשל, דער גאַנג נאָכן אײַזנהאַמער, לערנט אונז, אַז גאָט באַשיצט די אומשולדיקע; דער קאַמף מיטן דראַקאָן, אַז דער זיג איבער זיך אַליין איז גרעסער ווי איבערן אומגעהייער; די בירגשאַפֿט און ריטער טאָגענבורג ווײַזן דעם ווערט פֿון טרײַשאַפֿט און די גלאָקע איז כּמעט אינגאַנצן אַ לערגעדיכט. פֿאַרגלײַכן מיר דערמיט געטהעס „ערלקעניג", וואָס האָט נישט אין זיך קיין שום רעפֿלעקסן, שילדערט אונז פּלאַסטיש דעם גאַנצן גאַנג אַזוי, אַז מיר לעבן אַלץ איבער צוזאַמען מיט אים׳

נעמען מיר ווײַטער זײַן פראַכטפולע באַלאַדע „די כלה פון קאָרינט" וואַרפט זיך אונז אין די אויגן דער היפך צווישן היידענטום און קריסטענטום.—דאָ שטייט דעם לערערס אַ פראַגעצייכן—„און דע־ריבער קומען מיר צו דער איבערצייגונג, אַז געטהע איז געווען מער דיכטער און שילער מער פריידיגער." אין אַ צווייטע אַרבעט רעד איך וועגן די מייסטערזונגער*) וועלכן מײַן לערער האָט זייער געשעצט; ער איז געווען טרוקן און לאַנגווייליק און האָט דייט־לאַך באַוויזן דעם געגנזאַץ צווישן בראַווען, אָבער איינגהאַרציגן האַנטווערקערטום און דער ריטערלאַכער בילדונג פון די מינע־זינגער; (די פּאָעזע פון דער ליבע) און וועגן לוטהערן, פאַר וועלכן מײַן לערער האָט, נישט קוקנדיק אויף זײַן גאַנצער מי, בשום אופן נישט געקאָנט געווינען מײַן סימפּאַטיע, האָב איך געזאָגט מײַן מיינונג:

—ער האָט דעם גרויסן פאַרדינסט, וואָס ער האָט אײַנגע־בראָכן די מאַכט פון רוימישן פּאַפּסטום, אָבער זײַן גראָבקייט, זײַן אומפאַרשטענדניס פאַר דער קונסט האָט צוגעגעבן זײַן קירך אַ געווינלאַכן און ניכטער־העסלאַכן כאַראַקטער.—דאָ שטייט: „און די קירך אין קעלן"? און „דיורער"? און „באַך"?

אין מיינע פיל היסטאָרישע אַרבעטן האָב איך זיך פשוט געבאָדן אין מײַן האַס צו די „טירינען". אין אַן אַרבעט, וואָס האָט געהאַלטן נישט ווייניקער ווי פיר און זעכציק זײַטן, וואָס איר אינהאַלט איז געווען די פּאָליטישע איבערקערענישן אין אייראָפּא פון דרייסיקיעריקן קריג אָן ביז צו דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, האָב איך מין באַמיט אויפצעווײַזן צו וואָס עס פירן אומגערעכטע רעגירונגען, פאָלקסבאַדריקונג, פאַראַכטונג פון

*) די צייט ווען אין דייטשלאַנד האָט זיך אַנטוויקלט די פּאָעזיע צווישן די האַנטווערקער.

אַלעם הייליקן, געטלאַכן... שלעכטע פירשטן, וואָס האָבן גע־קלערט נאָר וועגן זייערע תאוות. אַ פאַרדאָרבענער אַריסטאָ־קראַטיע — און אַ אָרעם פאָלק פאַרפירט דורך איבערטריבענע אויפקלערונגס־שריפטן זיינען געשטאַנען איינער געגן אַנדערן, ווי די פאַרביטערסטע געגנער. דאָס אַלץ האָט צו געגרייט אַ צייט, וואָס זי איז געווען שרעקלאַך, אָבער אומבאַדינגט נויטווענדיק.

מיין פאָטער פלעגט אָפט קריטיקירן מיינע אַרבייטן... די קריטיק האָט זיך אָבער באַצויגן נאָר צום סטיל און נישט צו דער אַנשויאונג. אַזוי ווי זיין טעכטערל, האָט ער זיך באַגייס־טערט פון די פאַרגאַנגענע פרייהייטסקאַמפן פון די פעלקער, זיך עמפּערט מיט די שאַנד־טאַטן פון די פירשטן, וואָס פוילן אין דער ערד — דאָס איז בכלל נישט געווען קעגן די אָנזיכטן פון די אָפּיציערס־קרייזן, צווישן וועלכע מיר האָבן געלעבט.

דידאָזיקע קרייזן, איבערהויפּט אין דער פּראָווינץ, זיינען דאַמאָלט געשטאַנען אין אַ שאַרפן געגנזאַץ צו די אידעען און גע־וואוינהייטן, וואָס ד־האָבן געהערשט אין אונזערע פירשטן־הויפן. אויפן לוקסוס האָט מען געקוקט מיט פאַראַכטונג, פאַר דאָס גרעס־טע גליק האָט מען געהאַלטן אַן אָרנטלאַך, איינפאַך פאַמיליען־לעבן. דאָס פּערזענלאַכע פאַרהעלטעניש, אין וועלכן עס איז נאָך אָפט געשטאַנען דער אומבאַמיטלטער אָפיציר צום סאָלדאַט איז געווען די בריק, וואָס האָט געפירט צו דער פאַרשטענדיגונג וועגן פיל וואונטשן און באַדערפנישן פון פאָלק. גאַנץ אָפט האָב איך געהערט, ווי מען פלעגט מיט דער גרעסטער העפטיגקייט ריידן וועגן דעם, אַז דאָרט „אויבן" זאָרגט מען גאַנץ ווייניק וועגן דער הערשענדער נויט אונטער די פאָלקס מאַסן, אַז די „הויפ־קליקע" לעבענדיג און וואוילטאָג פאַרגעסט וואָס ווייטער אַלץ מער די פּרייסישע טראַדיציעס און די סאַמע נויטיקע פליכטן. אַז מיין פאָטער איז אַמאָל צוריקגעקומען פון בערלין, האָט נישט

געהאָלפן דער מוטערס באַמערקונג, אַז ער ;אָ" וועניגסטנט אין מיין געגנוואַרט נישט ריידן, אַזוי עמפּערט איז ער געווען פון אַלץ וואָס ער האָט זיך דאָרט אָנגעהערט און אָנגעזען. מיט שוואַרצע פאַרבן האָט ער געשילדערט דעם וואַקסנדן איינפלוס פון די פינאַנסיעלע קריזן, די דעמאָראַליזאַציע פון דער גוואַרדיע דורך אירע אינטימען באַציונגען מיט „טעאַטער-פּרינצעסינס" און דורך די שדוכים מיט טעכטער פון „בירגער-קעניגן", דער נישט פּרייסישער גלאַנץ פון די הויף-בעלער און דאָס גייעג נאָך הויכע רעגירונגס-שטעלן, וואָס ווערן דערגרייכט נאָר אַ דאַנק דעם פּראָטעקציע-סיסטעם, „קיין גוטס וועט אָבער דערפון נישט אַרויס-קומען", איז געווען זיין שלוס-וואָרט. אָבער האַנט ביי האַנט מיט די שטאַרקע אָנפאַלן אויף די פון „אויבן" איז אויך געגאַנגען די שאַרפסטע קריטיק אויף יעדער קאַמפּס-פּראָבע פון יענע פון „אונטן". דער אידעאַל איז געווען די פּאַטריאַרכאַלע לעבנס-פאָרם, יעדער אָנגריף געגן איר איז אַ פאַרברעכן. אויף דעם אופן איז מיין פאָטער אויך געווען אַ פאַרביטערטער שונא פון דער גרויסער-אינדוסטרי. ווערטער ווי „עקספּלואַטאַציע" און „בלוטזייגער" פלעג איך פון אים אָפט הערן, — אָבער מיטן זעלבן גיפט האָט ער פאַראורטיילט די עקספּלואַטירטע און די אויסגעזייגטע, וואָס האָבן זיך אַליין געוואָלט נעמען זייערע רעכט. לויט זיין אויפפאַסונג, זיינען ביידע געשטאַנען אויפן זעלבן שטאַנדפּונקט פון מאַטעריאַלן לעבנס-געניוס; דער אונטערשייד איז נאָר דער, וואָס די איינע האָבן אים שוין און ווילן אים אויסזויגן ביז צום לעצטן טראָפּן, די אַנדערע קעמפן מיט אַלע מיטלען אים צודערגרייכן. דער אינהאַלט און דאָס ציל פון לעבן איז געווען דערזעלבער פאַר ביידען,—אַזוי האָט זיך מיר אויך געדוכט נאָך דעם אַלעם, וואָס איך האָב געהערט און געלעזן, און דע-ריבער האָב איך ביי מיין גאַנצער באַגייסטערונג פאַר די פּריי-

דהייטס דהעלדן פון דער געשיכטע, נישט געקאָנט — פאַר־גלייכן מיט זיי די סאָציאַלדעמאָקראַטן, און מיין ווידערווילן קעגן זיי דהאָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ פאַנאַטישן האַס נאָכדעם, ווי „האַדעל״ האָט געסטראַשעט און „נאָבילינג״ האָט פּאַרוואונדעט דעם דעם קייזער ווילדהעלם, וואָס איז פאַר אונז אַלע געווען דער הייליקער סימבאָל פון דייטשער איינהייטלאַכקייט און גרויס־קייט.

אויבן אויפן פּאָרט וויניאַרי, וואו זומער פלעגן זיך אין גרויסן קאַזינאָ־גאָרטן צונויפקומען די פויזנער אָפיצירס־קרייזן און איך די צופיעסטשעטע טאָכטער פון אַלמעכטיקן קאָרפּוס־שעף, האָט געשפּילט מיט די דערוואַקסענע אין קראָקעט,—זיינען מיר גראַדע דאַמאָלט געזעסן פריילאַך אַרום קאַווע־טיש, ווי אַ בלוט־יינגער לייטענאַנט און אַריינגעשפּרונגען אָן אַן אָטעם.

—הער אָבערסט, הער אָבערסט!

מער האָט ער נישט געקאָנט אַרויסריידן, און גרויסע טרערן ווי די באָב זיינען אים גערונען איבער די באַקן.

—דאָנערוועטער, וואָס איז געשען?—האָט מיין פאָטער אויס־געשריען מיט אַ הערשער־שטים.

—זיין מאַיעסטעט, אונזער אַלגנעדיקסטער קייזער.

ער האָט פּראָבירט שטיין פעסט, ווי ביי אַ מעלדונג, אָבער די קני האָבן אים געציטערט.

—איז—איז—דערשאָסן.

און ער האָט אויסגעבראָכן אין אַ שרעקלאַכן כליפּען. מיין פאָטער איז געוואָרן טויט, ווי קאַלך.

—דאָס איז נישט אמת—האָט ער געשריען.

שטום האָט אים דער אומגליקאָנזאָגער דערלאַנגט אַ צו־

קנייטשטן פאַפּיר — אַן עקסטרע בלאַט. פון גאַנצן גאָרטן זיינען זיך דערוייל צונויפגעלאָפן מענטשן, סאָלדאַטן און אָפיצירן, מענער און פרויען, יונג און אַלט. אַלע האָבן געוויינט. נאָר מיין פאָטער איז געשטאַנען, ווי פאַרשטיינערט צווישן זיי, אָבער דאָס שטאָל־בלויע פינקלען פון זיינע אויגן האָבן פאַראַטן וועגן דעם וואָס עס טוט זיך אינערן. שטום געטריבן פון יענעם געמיינזאַמען געפיל, וואָס באַהערשט אונז בעת מיר באַגעגענען זיך מיט פּלוצלונגע ערשיטערנדע געשעהענישן, אַז עפּעס מוז פאָרקומען—עפּעס אַזוינס, וואָס לעזט די שרעקלאַכע שפּאַנונג — זיינען מיר אַלע אָן אָטעם געלאָפן צום גאָרטן־טויער. אַז מיר זיינען צוגעקומען נענטער צום שטאָט—אויף די פענצטער פון די ערשטע הייזער זיינען שוין געוועזן שוואַרצע פאָנען. פון טורם אויף דער גאַרניזאָנקירך האָבן געקלונגען די גלאָקן—און אַז מיר זיינען אַרויף אויפן האַרמאַטן־פּלאַץ איז אונז אַנטקייגן געקומען אַ מאַן מיט אַ הילצערנעם פוס, אויפן אָפּגעטראָגענעם ראָק אַן אייזערנער קרייץ, וואָס ער האָט אין איילעניש אָנגעטשעפעט.

—דער קייזער לעבט, דער קייזער לעבט — האָט ער געשריען, האַלטנדיק אין דער הויך אַ נייע טעלעגראַם.

מיר האָבן נאָך די נייע בשורה כמעט נישט גוט פאַרשטאַנען און זיין אויסגעריבענער הוט איז שוין געווען הויך אין זיין מאָגערע הענט:

—ליבער פאָטער אין הימל.

אַלע היט זיינען געפלויגן פון די קעפּ, אַלע הענט האָבן זיך צונויפגעלייגט צום געבעט:

—באַשיץ אונזער גוטן קייזער!

מיין פאָטער איז אין יענע טעג געווען שרעקלאַך אויפגערעגט, אינמיטן ריידן, אָדער זאָגאַר אינמיטן לעזן פלעגט ער פּלוצלונג אויפשפּרינגען, קריצן מיט די ציין און מורמלען:

— אויפהענגען זאָל מען זיי די לומפּן, אַלע, איינעם נאָכן אַנדערן!

איך אָבער האָב זיך פאַרקליבן אין מיין צימער און האָב פּראָבירט באַשרייבן די גרויסע געשעהעניש.

אין שירים און אין פּראָזע האָב איך אויסגעדריקט מיינע געפילן אויפן פּאַפּיר און דאָס אויסגעשריבענע דהאָב איך אַוועקגעלייגט ביי מיין פאָטער אויפן שרייב־טיש. זיין שמחה איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט עס געלאָזט קאָפּירן און געוויזן זיינע פריינט און באַקאַנטע; אויך מיין לערער האָט געקריגן דערפון התפעלות און האָט זיך דערמיט אַרומגעטראָגן.

אַזויאַרום בין איך געוואָרן דורך מיינע פערזן באַקאַנט אויך אויסער דעם ענגן קרייז פון אונזערע פריינט. אויב מען האָט שוין אויף מיר פריער געקוקט מיט אַנדערע אויגן, ווי מען קוקט בכלל אויף דרייצן־יאָריקע מיידלאַך, ווייל איך האָב אויסגעזען עלטער, בין געווען שיין און דעם טאַטנס טאָכטער, דהאָט מען מיך יעצט אַרומגערינגלט מיט אַזאַ ספּעקטן־לופט, אין וועלכער פּוסטקייט און גאווה וואַקסן, ווי טראָפּישע פלאַנצן. אויף די טאַנץ־שעהן האָב איך געהערט פון די גימנאַזיסטן נישט נאָר קאָמפּלימענטן וועגן מיין פרישער יוגנט, נאָר אויך וועגן מיינע ליטעראַרישע פייאיגקייטן, וועגן מיינע אַרבעטן פון וועלכע איך בין דערגאַנגען, מיין לערער האָט כסדר גערעדט אין קלאַס. אין דער דהיימישער געזעלשאַפט און אויפן פּאָרט וויניאַרי האָבן די יונגע אָפיצירן געזוכט זיך צו אונטערהאַלטן מיטן „אינטערעסאַנטען" דרייצניאָריקער מיידל. און מיין איינציקע פריינדין מאַטילדע — מיין בלאַסע קוזינקע, וואָס האָט מיך אַזוי פריינדלאַך באַגעגנט ביי מיין אַהיימקומען—איז פשוט געווען אין מיר פאַרליבט. נאָר מיין מוטער איז געווען די איינציקע, וואָס

האָט געוואָלט אויף מיר ווירקן, אַז איך זאָל זיך נישט צופיל
איינריידן. אַלע מיינע אינטערעסן צוזאַמען גענומען האָט זי גע-
האַלטן פאַר „פורע נאַרישקייטן‟ און ביי איר סאַרקאַסטישער
קריטיק צו דעם ריינסטן פלאַם פון מיין באַגייסטערונג, האָט זי
דערגרייכט ריכטיק דעם היפך און איז מיר געוואָרן אינגאַנצן
פרעמד. און דאַריבער איז עס געווען מעגלאַך, אַז זי זאָל נישט
דהאָבן די קלענסטע אַנונג פון די שווערע קערפערלאַכע און גייס-
טיקע קאַמפן, וואָס האָבן מיר שיער נישט אומגעבראַכט.

מיין קראַנקייט דהאָט איבערגעלאָזן אויף מיין אָרגאַניזם
אַזעלכע שפורן, וואָס פון יאָר צו יאָר האָב איך פון זיי מער
געליטן. שטאַרקע אָנפאַלן פון שרעקלאַכע קאָפ-שמערצן און האַרצ-
קלאַפן האָבן מיך נאָך אין גרענוי געקוועלט. אינסטינקטיוו פלעג
איך דאַן לויפן אויף די בערג אָדער גאַנץ פרי זיך באָדן אין
די אייזקאַלטע וואַסער פון רויזן-אָזערע. אין פויזן אָבער בין איך
כמעט שטענדיק געזעסן אין דערהיים; די קליינע שפאַציר-גענג
און דאָס גליטצן זיך, וואָס צוליב מיין כראָנישער האַלז-קראַנקייט
איז דאָס מיר ערלויבט געווען נאָר בעת די זון דהאָט געשיינט
און קיין ווינט דהאָט נישט געבלאָזן, האָבן מיר, נאַטירלאַך, גאַנץ
ווייניק געהאָלפן; קיין גימנאַסטיק האָב איך נישט געטאָרט מאַכן,
ווייל די מוטער האָט געפונען, אַז דערפון ווערן בּרייט די הענט;
און די טאַנץ-שעהן מיטן „פונש‟, וואָס אָן דעם דהאָט עס זיך
נישט אָנגעהויבן, דהאָט נאָר פאַרערגערט מיין געזונד-צושטאַנד.
עפעס אַ מין היץ, אַ פייער פלעגט מיך אַרומנעמען, אין אָוונט פאַרן
שלאָפן גיין, זיינען ווי גליענדע ווערן געגאַנגען איבער מיין קערפער.
אָנשטאָט די פריערדיקע פרייהייטס-געזאַנגען האָב איך אָנגעהויבן
שרייבן ליבע-לידער, וואָס פון גרויס שאַנה און מורא פלעג איך
זיי פאַרוקן טיף אין מיין שרייב-טיש. דער געגנשטאַנד פון מיין
ליבע איז אין אָנהייב, ווי בעת מיין קינדהייט, געווען אַ פאַנ-

טאַזיע־געשטאַלט אַ גואל, ווי אַ לאָענגרין, באַלד אָבער זיינען פּשוטע מענטשן פון פלייש און בלוט. נישט פון דער מחנה־פריינד אויף דער טאַנץ־שעהן האָב איך זיי גענומען נאָר פון דעם קרייז באַקאַנטע, וואָס פלעגן קומען צו מיינע עלטערן. שיינקייט איז דאָ געווען דער דעצידירענדער פאַקטאָר, מיטן איבעריקן, ווי יחוס, היכער גייסט און גוטהערציגקייט האָט זיי שוין מיין פאַנטאַזיע אַליין רייך באַפּוצט. גאַנצע ראָמאַנען האָב איך איבערגעלעבט טרומענדיק אויפן וואָר. אַלע שטופן פון ליידנשאַפט האָב איך דורכגעפילט, צו שיידן זיך און ווידערזען, איי־פערזוכט און טריישאַפט, באַזיצן און פאַרלירן, און מיט פיבערהייסע הענט ד'האָב איך אָנגעשריבן גאַנצע ביכער פון מיין אויסגעטראַכטן גליק און ליידן.

אין אַרטיקע פערזן, מיט גוטערצייגענע געפילן האָב איך אין דער אייגענער צייט אויסגעניצט מיין אָרעמע מוזע פאַר פאַמיליען־פייערונגען, וואו איך פלעג פאַר מיין גרויסן טאַלאַנט באַקומען די אַלגעמיינע אַנערקענונג. נאָר איינע האָט צייטנווייז געוואוסט וועגן די סודות פון מיין שרייבטיש.

מאַטילדע, די בלייבע קוזינע, וואָס איז געקומען צו מיר יעדן זונטיק און צו וועלכער איך פלעג לויפן, אַז דאָס האַרץ איז מיר שיין צופיל געוואָרן. בעת איך האָב זי דערקענט, איז זי געווען אַ קינד לויט אירע יאָרן, לויט איר גייסטיקער און קערפּערלאַכער אַנטוויקלונג, און איך וואָלט אפשר מיט איר גאָר קיין מגע-ומשא נישט געהאַט, ווען זי זאָל מיר נישט אונטער געקומען גראַדע אין דעם מאָמענט, בשעת איך האָב געמוזט האָבן אַ מענטשן, ווי דער שניי, וואָס צוגייט אויף די בערג מוז האָבן אַן אָרט, וואוהין זיך אויסצוגיסן. איך האָב נישט געהאַט פאַר איר קיין אַנדער אינטערעס ווי דאָס, וואָס זי האָט מיך

אויסגעהערט. פֿאַרנאַכֿט, בין השמשות, אָדער אין די צײַטן, ווען איך פֿלעג ליגן אין בעט, אין דערהעלפֿט באַהאַלטן אונטער די ווײַסע פֿאָרהאַנגען, באַלויכֿטן פֿון רויטן אַמפּעל־שײַן, האָט זי גע־מוזט נעבן מיר זיצן. דעמאָלט האָב איך איר דערציילט פֿון מײַן ליבע, פֿון מײַן בייגקשאַפֿט. וואָס איך האָב איבערגעלעבט אין חלום, פֿלעג איך פֿאַר איר שילדערן אַלס ווירקלאַכֿקייט. זי האָט מיר אַלץ געלויבט און האָט געוויינט און געזיפֿצט צוזאַמען מיט מיר. און וואָט מער זי האָט מיר מיטגעפֿילט, אַלץ ווײַטער פלעגן פֿאַרשווינדן די פֿאַנטאַזיע און דאָס ווירקלאַכֿע לעבן, אַלץ טיפֿער פֿלעג איך פֿאַרקריכן אין די פֿאַרכֿישופֿטע ווענן מײַנע איינבילדונ־גען.

גראַדע אין דערזעלבער צײַט האָט מײַן מוטער צוגענומען אַ נײַע קאַמער־פֿריילין, וואָס האָט אויך מיך געדאַרפֿט אָנטאָן און קאַמען. דאָס איז געווען אַ שיינע, בלאָנדע מיידל, מיט אַן אומשולדיקן מאַדאָנען־געזיכֿט. איר מוטער, אַן אָנשטענדיקע אַלמנה, האָט אויסגעהאַלטן איר גרויסע פֿאַמיליע פֿון דעם, וואָס זי פֿלעגט פֿאַרדינגען צימערן. די קינדער האָט זי ערצויגן אין שטרייגגער פֿרומקייט און דעריבער האָט מען דאָס מיידל פֿאָרגעשטעלט פֿאַר מײַן מוטער זייער פֿון דער גוטער זײַט. אַננאַ — אַזוי האָט גע־הייסן אונזער נײַע הויז־פֿריילין — האָט מיך זייער ליב געקראָגן און טאָג־טעגלאַך האָט זי אָן אַן אויפֿהער גערעדט וועגן דעם ווי שיין איך בין. דערבײַ פֿלעגט זי לויבן מײַן יעדע מעלה באַזונ־דער און האָט מיך מחנך געווען, אַז איך זאָל פֿאַרשטיין, ווי מײַ־נע גרויסע אייגנשאַפֿטן אַרויסצעווײַזן, אַז זיי זאָלן זיך טאַקע וואַרפֿן אין די אויגן. איך בין געווען אַ פּוסטע מיידל, אָבער דאָך איז מיר קיינמאָל נישט אײַנגעפֿאַלן, אַז אַ גוטער גאָרסעט, איינגע שיך און שיינע זאָקן האָבן עפּעס אַ באַדייטונג. איצט בין איך געוואָרן אַננאַס פֿייאיקע תּלמידה און אונטערגעוואַרעמט פֿון איר

פֿלעגט מיר דאָס בלוט שטײַגן אין געזיכט, בעת זי פֿלעגט נישט מיד ווערן מיר צו דערציילן, אַז דער און יענער האָט מיך באַ־וואונדערט און אַז איך וועל אַמאָל אין שטורם עראָבערן אַלע הערצער. ביסלאַכאָוויטש האָט זי זיך צוגעוויינט מיט מיר צו בלייבן ווען איך האָב נישט געקאָנט שלאָפֿן און די עלטערן פֿלעגן נישט זײַן אין דערהיים. פֿלינק, ווי אירע געשיקטע הענט מיט דער נאָדל, פֿלעגט פֿון אַ גאָרנישט מאַכן אַ היבשע שיינע זאַך, אַזוי איז אויך געווען איר צינגל בעת זי פֿלעגט דערציילן. גע־קענט האָט זי אָבער נאָר איין טעמע: ליבעס־געשיכטן, וואָס זי האָט געלעזן אָדער אַליין דורכגעמאַכט. אַ דאַנק אירע צניעות איז איר עמפּערונג געגן דעם, וואָס זי האָט איבערגעגעבן, גע־ווען זייער אַן ערלאַכע, אָבער דאָך האָט זי נישט געקענט פֿאַר־מאַסקירן די תאווה־געפֿילן, וואָס זי האָט געשפּירט בעת אירע שילדערונגען.

און אַזוי האָט זי ביסלאַכאָוויטש אַראָפּגעריסן איינעם נאָכן אַנדערן אַלע שלייערס פֿון די זאַכן, וואָס זײַנען פֿאַר מיר דאָך געווען פֿרעמד, נישט קוקנדיק אויף די פֿאַרבאָטענע ביכער, מיט וועלכע איך האָב זיך אין דער שטיל אָנגעלעזן. שוין אַלס קינד פֿלעגט זי דורכן שליסל־לאָך אַרײַנקוקן אין די צימערן פֿון איר מוטערס לאָקאַטאָרן און זען די פֿאַרשידענע דאַמען, וואָס פֿלעגן צו זיי קומען. זי אַליין — דאָס האָט זי דערציילט דאָס מיט גרויס שטאָלץ — האָט זיך קיינמאָל נישט אונטערגעגעבן דער פֿאַרפֿירונג־קונסט פֿון יענע הערן, ווי די נאַרישע, יונגע מיידלאַך, וואָס זיי פֿלעגן מיטברייינגען אין די צימערן. אָבער אַלע גוטע זאַכן, ווי סעקט און ראַקעס פֿלעגט זי העלפֿן דערלאַנגען און נײַגיריק זיך צוקוקן ווי די מיידלאַך פֿאַרשכורן זיך מיט ליבע און אַלקאָהאָל. נאַטירלאַך, זײַנען זיי שפּעטער פֿאַר זייער נאַ־רישקייט פֿיין באַצאָלט געוואָרן; ווײַל ווי נאָר עס איז געקומען

דאָס קינד, האָבן שייַ די הערן די מיידלאַך געלאָזן לויפֿן...
—דאָס קינד!

איך פֿיל נאָך איצט ווי עפּעס אַ שרעקלאַכער סוד האָט פּאַראַליזירט מייַנע גלידער בעת איך האָב געהערדט אָסדאָזיקע וואָרט פֿון אַנגאַס מויל:

דאָס קינד!

אין דעם „באָטצאַן" האָב איך שוין גאַנץ לאַנג נישט געגלויבט, אָבער אַזוי ווי די ליבע איז אין מייַנע אויגן שטענדיק געווען אַרומגערינגלט מיט אַן איבערערדישן שטראַלן־גלאַנץ, אַזוי האָט אויך אַרום דאָס געהיימניס וועגן דאָס נייַע לעבן, וואָס ווערט געשאַפֿן דורך דער ליבע, געשוועבט אַ שייַן פֿון מיסטישער הייליקייט.

מיט וואָס פֿאַר אַ הילכעדיקן, געשמאַקן געלעכטער האָט זיך אננא פֿון מיר אויסגעלאַכט, בעת איך האָב זיך פֿאַרשעמטערהייט מודה געווען אין מיין נישט וויסן! און ווי אַזוי האָט מיך די יונגע סחורה מיט די נאַאיווע בלויע אויגן אויפגעקלערט! — —

זי איז געווען אַזוי פּאַרטיפּט אין אַלע איינצעלהייטן פֿון דער באַשרייבונג, אַז זי האָט גאָרנישט באַמערקט, ווי פֿון שרעק האָב איך זיך געטרייסלט און מיין האַרץ האָט זיך געהויבן פֿון איינגעהאַלטענעם וויינען, דער פֿרייליכער געלעכטער מיט וועלכן זי האָט באַגלייט איר דערציילונג האָט פֿאַראַטן איר שמחה, איר הנאה וועגן איר אויפטו. וואָס האָט זיך איר אַזוי גוט איינגעגעבן, באַלד איז די כלומרשט געווען איבעראַשט פֿון דער פֿאַרצווייפלונג, וועלכע זי האָט ביי מיר אַרויסגערופֿן.

און מיט נאָך אַ פֿיל געשליפֿענער צונג האָט זי דערציילט וועגן די פֿאָרזיכטיקע און קלוגע, וואָס פֿאַרשטייען זיך אָפּצוהיטן

פון אַזעלכע קאָנסעקווענצן, און פון די פּראָסטיטוטקעס. וואָס זיי האָבן זיך פאַר דערדאָזיקער געפאַר גאָרנישט מורא, און דאַרי־בער זוכן טאַקע די מענער זיי אַמיינסטן.

איך האָב אויפגעהערט וויינען און האָב זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט. אָ, זי איז געווען גוט אָריענטירט! נישט אומזיסט האָט מען איר אַזוי אָפט באַנוצט אויף פאַרשידענע שליחותן, זי איז טאַקע געווען גאַנץ באַהאַווענט אין די אינטימסטע אָנגעלעגנהייטן פון דער מאָדערנער האַלבוועלט!

פיינע דאַמען זיינען דאָרט דאָ, וואָס גייען אין סאַמעט און זיידנס און לאָזן זיך גוט באַצאָלן:

—באַצאָלן ? !

ווידער האָב איך געקעמפט מיט די טרערן.

—פאַר ליבע באַצאָלן? !

אננאַ האָט זיך געשטיקט פאַר געלעכטער.

—ליבע ! און ווידער האָט זי אָנגעהויבן די דעטיילשילדע־רונגען.

—פע ! פע !—האָב איך אויסגעשריען און זיך אַ כאַפּ געטון מיט די הענט פאַרן קאָפּ.

מיר האָט זיך געדאַכט, אַז די ווענט פון שטוב פאַלן איין אויף מיר, האַלב משוגע האָב מיך אַ שטעל געטאָן אין בעט און דערלאַנגט דער מיידל אַזאַ טראַסק מיטן פויסט, אַז מיט אַ ווילדן געשריי איז זי אַראָפּגעפאַלן פון שטול.

אויפן צווייטן טאָג האָט זיך מיין מוטער שטאַרק פאַר־אינטערעסירט צו וויסן די סיבה פון איר אָנגעשוואָלענעם פּנים: אננאַ האָט געזאָגט, אַז דאָס איז פון „ציינווייטאָק״ און איך האָב געשוויגן. ווען איך זאָל זאָגאַר וועלן דערציילן, וואָלט איך נישט

געווען אומשטאַנד איבערצוזעבן קיין איינציק וואָרט פון דעם, וואָס עס איז געשען.

איך בין אַרומגעגאַנגען און די שאַנדע פאַר זיך אַליין האָט ווי אַ גליענדער מאַנטל אַרומגעוויקלט מיין גאַנצן קערפּער. איך ה'האָב נישט געקאָנט לייז ווערן פון די בילדער און אַ שרעקלאַכער עקעל ה'האָט מיר קראַמפּהאַפּט געשטיקט אין האַלז. דאָס — דאָס איז געווען ליבע, ליבע וועגן וועלכער איך האָב געטרוימט, וואָס האָט צעפלאַקערט אַלע מיינע געדאַנקען, וואָס אַלע דיכטער באַזינגען עס אַלס דאָס שענסטע און ערהאַבענסטע. איך האָב מער נישט געוואָלט וועגן דעם טראַכטן, איך האָב נישט געוואָלט. אָבער דאַן זיינען אויפגעשטיגן נייע פראַגן, און ספקות, און די אַלטע אידעאַלן האָבן זיך אָנגעכאַפּט אָן שטילע ה'האָפנונגען. און צו וועמען זאָל איך מיך ווענדן, אַז נישט צו אַננאַן, וואָס פאַר איר האָט מען זיך אַמווייניקסטן געדאַרפט שעמען?

נאָר די זייער שלעכטע, די גאַנץ געמיינע מענער, נאָר די פאַרברעכער זיינען — אַזעלכע?

וואָס פאַר אַן ערלייזונג וואָלט פאַר מיר געווען, אַז זי זאָל ענטפערן דערויף מיט אַ „יאָ" אָבער אַננאַ האָט אונטערגעשטראָכן און קאָמענטירט דאָס „ניין" טאָפּלט און דרייפאַך.

און נאָר אינגאַנץ ליכטיקע, פריילאַכע צייטן — זיי זיינען אָבער געווען גענוג זעלטן — האָט מיין אידעאַליזם טריומפירט און די אַלטע שיינע קראַפט פון מיין פאַנטאַזיע האָט געשאַפן ריינע ליכטיקע־געשטאַלטן.

ביינאַכט אָבער בעת מיין האַרץ און מיין בלוט האָבן מיך נישט געלאָזט רוען, האָבן מיך פאַרפאָלגט אָן אַן אויפהער די שרעקלאַכסטע חלומות. פאַרצווייפלט האָב איך זיי באַקעמפט, — ווי כדי מיך אויסצולאַכן, זיינען זיי אָבער מיט טאָפּלטער שטאַר־

קייט צוריק געקומען. ביי טאָג בין איך געווען טויט מיד, אַרום די אויגן שוואַרצע רינגען און די איבערצייגונג וועגן מיין פאַרדאַרבנקייט האָט מיך, וואָס ווייטער געמאַכט אַלץ שרעקעדיקער און פאַרשלאָסענער. אַז מיין מוטער פלעגט אַין אָווענט צו־קומען צו מיין בעט און רויט, ווי פייער, מיט אַ דראָענדער שטי־מע זאָגן:

—היט זיך פון דער געהיימער זינד!

איך האָב זאָגאַר גאָרנישט פאַרשטאַנען, און דאָך פלעג איך, ווי אַ שולדיקע אַראָפּלאָזן די אויגן.

מער ווי שטענדיק בין איך דעמאָלט געווען כמעט אייגע אַליין, אָבער נאָר דורך אַ צופאַל בין איך דערגאַנגען די סיבה דערפון. דאָס שושקען זיך פון די שטוביקע, די פּילזאָגנדע שמייכ־לען, די ווייסע קינדערוועש, וואָס מען האָט גענייט און פון מיר שטאַרק באַהאַלטן, אַלץ האָט מיך געמאַכט זייער נייגעריק. וואָס די מוטער איז אָפט ליידנט, און אַז מען פרעגט איר, ענטפערט זי אָדער גאָרנישט און ווערט אינגאַנצן רויט, ווען זי מוז ענט־פערן, האָט מיר עפּעס אויך אויסגעזען פאַרדעכטיק. איין זאַך אין דער באַבעס אַ בריף, וואָס מען האָט מיר נישט באַקלערנדיק גע־געבן איבערצולעזן, האָט מיר אויפגעעפנט די אויגן. די מוטער האָט געהאַט גוטע האָפנונג. „גוטע האָפנונג"—כמעט קאָמיש האָט מיר געקלונגען דערדאָזיקער אויסדרוק, בעת איך פלעג זיך צו איר צוקוקן. שטענדיק פאַרטראַכט, קיין פריילאַכע מינע אויפן געזיכט, נאָר קלאָגן און זיפצן. ניין, די האָפנונג איז פאַר איר נישט געווען קיין גוטע. עס האָט זאָגאַר אויסגעזען, אַז זי שעמט זיך מיט איר, ווייל זי פלעגט עס שטאַרק באַהאַלטן. און קלערנ־דיק וועגן אַנגאַס מעשיות, פלעג איך אויך רויט ווערן, בעת די־

דאָזיקע געדאַנקען זיינען מיר אַרויפגעקומען אויפן זינען אין געגנ־
וואַרט פון מיינע עלטערן.

זיי האָבן קיין מאָל נישט גערעדט וועגן דעם אויף וואָס
זיי האָבן געוואַרט; און ערשט, אַז מיין שוועסטערל איז געבוירן
געוואָרן האָט מיר מיין פאָטער אָנגעזאָגט די בשורה. זיין אינער־
לאַכע שמחה האָט אויף מיר געווירקט אָנשטעקנדיק, און עס
זיינען געווען שעהן, ווען די געדאַנקען וועגן דאָס קליינע, הילפ־
לאָזע באַשעפעניש אין וויג איז טאַקע געווען פאַר מיר אַן ערליי־
זונג: דאָ האָב איך געהאַט פאַר זיך אַן אויפגאַבע, וואָס צוליב
איר האָב איך אָן זיך פאַרגעסן. אַז איך האָב געהאַלטן אויף די
הענט דעם קליינעם, ראָזן קערפערל, זיינען מיר שטענדיק די
אויגן פול געוואָרן פון צערטלאַכן ליבע־געפיל און אין דער
שטיל האָב איך מיר צוגעשוואוירן: דיך וועל איך אָפּהיטן פון
די אַלע צרות, וואָס איך לייד. אָבער די פוילישע אַם, אַ
ליידנשאַפטלאַכע בריאה, וועלכע האָט דיך צוגעבונדן צום
קינד מיט דער ליבע פון ווילדע חיות, האָט אָנגעווענדט אַלע
מיטלען, כדי מיך צו דערווייטערן פון קינד, אויך מיין מו־
טער האָט מיך זייער נישט גערן געזען אין קינדער־צימער און
אַזוי בין איך באַלד ווידער אַוועק אויף מיינע איינזאַמע אינער־
לאַכע און אויסערלאַכע וועגן. איין מאָל בעת איך האָב, ווי שטענ־
דיק פאַרשפעטיקט צום פרישטיק—איך פלעג ערשט אינדערפרי־
רויק און שטאַרק איינשלאָפן—האָב איך דערקאָנט אויף מיינע
עלטערן, אַז זיי האָבן זיך אַביסל איבערגעווערטלט. דאָס איז
אָפילו ביי מיר קיין נייעס נישט געווען, ווייל די לעצטע צייט
איז די מוטער אָפט געווען פאַרוויינט, און דער פאָטער פלעגט
זיך אויפרעגן פון דער קלענסטער נאַרישקייט — אָבער פון זייער
קאַלטן קבלת פנים האָב איך פאַרשטאַנען, אַז מען האָט זיך גע־

קריגט צוליב מיר.

—נאַ, לעז!—האָט געזאָגט מיין פאָטער דערלאַנגענדיק מיר אַ גאַנצע מגילה פון גייסטלאַכן פון אונזער גאַרניזאָן.

פויזן דעם 6סטן יאַנואַר 1879.

זייער געערטער הער אָבערסט!

„איר וועט אויף מיר קיין פאַראיבל נישט האָבן, וואָס אַלס נשמה־זאָרגער פון אונזער געמיינדע, וועלכע קלערט וועגן גליק פאַר אַלע אירע מיטגלידער, ווענדע איך זיך צו אייך מיט מיין בריף וועגן אייער טאָכטער.

שוין אַ לייגגערע צייט האָב איך אַליין באַמערקט, און אויך געהערט פון גאַנץ אַנשטענדיקע מענער און פרויען, אַז אַליקס איז אַוועק אין אַ קרומען, געפערלאַכן וועג. פאַרבלענדט דורך איר גרעסערן גייסטיקע פייאיגקייטן, האָט אפשר דאָס קינד פאַר־לאָרן די מיידלשע שעמעוודיגקייט און צניעות, וואָס איז דאָס צירונג פון יעדער קריסטלאַכער פאַמיליע, און האָט שוין אָנגע־הויבן אָפּצוגעבן איר יונגע נשמה דעם טייוול פון גאוה. איך וואָלט מיר אָבער נאָך נישט ערלויבט זיך אַריינצומישן אין איי־ערע פאַמיליען־אַנגעלעגנהייטן ווען נישט די לעצטע ידיעה, וואָס מען האָט מיר איבערגעגעבן און וואָס איך צווייפל נישט אין איר ריכטיגקייט. אייער טאָכטער האָט דערקלערט פאַר אַ יונגן נאָך נישט פאַרדאָרבענעם מאַן, אַז זי וועט נישט נתפעל פון דעם קרבן פון אונזער הער יעזוס. יעדער מענטש וואָלט געוועזן גרייט צו שטאַרבן, ווען ער זאָל וויסן, אַז דערמיט קאָן ער ברייגען די גאולה פאַר דער גאַנצער מענטשהייט. זי האָט נאָך זאָגאַר צוגעגעבן, אַז פיל מענטשן וואָלט אפשר צוליב קלענערע סיבות זיך אָפּגעזאָגט פון זייער לעבן. עס איז מיר, געלויבט דער אוי־בערשטער, געלונגען דעם יינגעמאַן, וואָס אייער טאָכטער האָט

געוואָלט מאַכן פאַר אַן אַפּיקורס, אַרויפצופירן צוריק אויפן דרך־הישר, איך האַלט דאָס אָבער פאַר מיין הייליקע פליכט אייך, זייער געערטער הער אָבערסט, צו בעטן, אַז איר זאָלט זען איי־ער פאַרפירטעס קינד איבערצוגעבן אין די הענט פון אַ נשמה־פאַרזאָרגער, וועלכער וועט דידאַזיקע מענטשן־בלום ענטוויקלען אין גאָטס וואָרט און זי באַפרייען פון די שלעכטע ווערם, וואָס האָבן זיך אין איר איינגעגעסן.

„איך וואָלט מיך פילן גליקלאַך, ווען איך זאָל אין אַ פער־זענלאַכן געשפּרעך קאָנען איבערגיין פון ווערטער צו מעשים."

מיטן גרעסטן דרך־ארץ.

עבערהאַרס, גייסטלאַכער.

—נו, וואָס זאָגסטו דערצו? — האָט געפּרעגט מיין פאָטער בעמבלענדיק אַזוי אומגעדולדיק מיט די פינגער איבערן טיש, אַז די גלעזער און טאַצן האָבן געטאַנצט.

—געמיין—איז דאָס געווען דאָס איינציקע, וואָס איך האָב געקאָנט אַרויסריידן.

—געננוי דאָס אייגנס, האָב איך אויך געזאָגט! — האָט דער פאָטער געליאַרמט, — אַ נעטער, נישט פאַרדאָרבענער בחור, וועל־כער גייט אַוועק מיט פרום פאַרגלאָצטע אויגן צום נשמה־פאַרזאָר־גער און פאַרמסרט פאַר אים מיין טאָכטער. איך וואָלט אים אויס־געפּאַטשט און דאָס וואָלט אויך געווען די בעסטע תשובה אויפן בריוו.

—דו דאַרפסט דאָך אָבער פריער הערן, ליבער האַנס, ווי ווייט אַליקס איז שולדיק—האָט די באָמע אַ שטאַרק איופגערעג־טע זיך אַריינגעמישט.

—אמת איך האָב געזאָגט דאָס אַלץ, וואָס ער שרייבט און

איך בין גרייט אים דאָס אין די אויגן צו זאָגן! — האָב איך אויסגעשריען מיט שטאָלץ.

די מוטער האָט פאַרביסן די ליפּן, וואָס האָט איר שיינעם געזיכט צוגעגעבן עפּעס אַ מין מוראַדיקן אויסדרוק.

—אָט הערסטו טאַקע— האָט זי געזאָגט, — אָט דאָס זיינען די פּרוכט פון דער ערציִונג אָן רעליגיע. דו האָסט אַנדערש נישט געוואָלט, און איך האָב דיר צוליב שלום-בית נאָכגעגעבן. איצט האָב איך שוין גענוג, שוין צופיל! דעם גייסטלאַכן הער עבערהאַרט וועל איך ענטפערן.

מיט די ווערטער איז זי אַרויס פון צימער. מיין פאָטער איז אויפגעשפּרונגען. איך האָב זיך דערשראָקן עס זאָל נישט אויסברעכן קיין נייע סצענע איך האָב זיך דערמאָנט אָן אַלע זינד, אין וועלכע איך האָב זיך פּאַקטיש געפילט שולדיק. איך האָב דעם פאָטער פאַרטראָטן דעם וועג.

—זיי נישט בייז, פאָטער, איך בעט דיך—האָב איך געבעטן מיט אַ חניפה — עס איז אפשר באמת גלייך, איך זאָל לערנען רעליגיע. איך בין שוין באַלד פערצן יאָר אַלט. קיין שאָדן וועט דאָס מיר געוויס נישט ברענגען!

מיין פאָטער, וואָס מיט אַ גוט וואָרט האָט מען ביי אים אַלץ געפועלט, האָט מיך אַרומגענומען, און איך, כּדי מיין ביטע צו באַטאָנען, האָב צוגעדריקט מיין באַק צו זיין האַנט.

— און דער פּלאָקן, דער פּלוידערזאַק?—האָט ער זיך נאָך אַלץ געכעסט.

— ער גייט מיך גאַנץ ווייניק אָן—האָב איך געזאָגט מיט אַ געלעכטער.

די מוטער איז צוריק צריק.

—אָט איז מײַן ענטפֿער—האָט זי געזאָגט:

זייער געערטער הער גייסטלאַכער!

„איר האָט מיט אײַער פֿאָרשלאַג זייער צוגעטראָפֿן. די געשווינטע אַנטוויקלונג פֿון אונזער טאָכטער פֿאָדערט אַ פֿריערדי־קע קאָנפֿירמאַציע ווי געוויינלאַך. מיר האָבן עס באַשטימט אויף דאָס אַנדערע יאָר און בעטן אײַך זייער, אונז גלײַך מודיע זײַן, ווען עס הויבט זיך אָן דער פֿאָרבערייטונגס־אונטעריכט, צו וועלכן מיר וועלן אײַך שיקן אונזער אַליקס. זיך רעכענען מיט דער פלוי־דערײַ פֿון יונגמאַן איז געגן אונזערע עלטערנס געפֿילן...

—איך האָב דערמיט נישט געמיינט צו פֿאַרטיידיקן דיך, נאָר אונזער גוטן נאָמען—האָט זי שנעל צוגעגעבן, זיך ווענדענדיק צו מיר.

אין אַ קורצע צײַט אַרום האָט זיך אָנגעהויבן דער אונטע־ריכט. זייער צופֿרידן, פֿול מיט אַ נײַער, פֿרײלאַכער האָפֿענונג, בין איך געקומען אַהיים פֿון דער ערשטער לעקציע.

—מײַן טיר און מײַן האַרץ איז פֿאַר אײַך אָפֿן צו יעדער צײַט—האָט דער גייסטלאַכער געזאָגט—איר קענט מיט אַלץ, וואָס אײַך דריקט, מיט אַלע אייערע לײַדן און ספֿקות קומען צו מיר. איך וועל מיך שטענדיק באַמיען אײַך צו פֿאַרשטיין און אײַך צו העלפֿן.

די רויקע קינדער־פּנימער פֿון מײַנע נײַע חברטעס—טעכטער פֿון אָפֿיצירן אַזוי ווי איך, וואָס האָבן זיך נאַטירלאַך געלערנט באַזונ־דער נישט חס וחלילה צוזאַמען מיט די איבעריקע געמיינדע־קינדער, האָבן מיר בעת די לעקציעס אינגאַנצן פֿאַרמאַכט דעם מויל. זייער שטאַרק האָט זיך מיר דעריבער געוואָלט גיין צו אים אַליין. מיט האַרצקלאַפּעניש בין איך צו אים דאָס ערשטע מאָל אַרײַן. און מיט גאַנץ קלאָרע אויסדריקן, וואָס נאָר אַן אמתר, גוטער פּיזיאָלאָג

וואָלט עס געקאָנט פֿאַרשטיין, האָב איך גערעדט פֿון די שלעכטע געדאַנקען און די הערלאַכע פֿאַנטאַזיעס, וואָס איך האָב אויסזיסט געזוכט צו פֿאַרטרײַבן.

אַן „אום, אום” און „אַזוי, אַזוי” און אַ מאָדנער שאָקל מײַן קאָפּ איז געווען דער איינציקער ענטפֿער.

אויפֿגערעגט איז ער אַרומגעגאַנגען איבערן צימער, נערוועז געריבן די הענט, זיך אָפּגעשטעלט בײַם פֿענסטער פֿאַרן בילד פֿון געקרייציקטן, איבער זײַן שרײַבפּולט און באַלד גאָר פֿאַר די פֿאַמיליען-בילדער, וואָס זײַנען געשטאַנען אויף אַן עטאַזשערקע, און פּלוצלונג, ווי אונטערן איינפֿלוס פֿון אַ ליכטיקן געדאַנק האָט ער זיך געווענדעט צו מיר. איבערן טיש האָט ער מיר דערלאַנגט זײַנע ביידע פֿליישיקע, ווייכע הענט, וואָס האָבן זיך געפֿילט, ווי זיי וואָלטן זײַן אָן ביינער און אָן מוסקולן. אַ פֿיזישער עקל האָט מיך אָפּגעהאַלטן אַרײַנצולייגן אין זיי מײַנע.

—נו, מײַן קינד,—האָט ער געזאָגט אָננעמענדיק מיר פֿאַר די הענט — האָב צוטרוי צו דײַן נשמה-פֿאַרזאָרגער! ווי איך האַלט איצט דיינע די הענט—זיינע רונדע באַסע פינגער האָבן זיך געלייגט אויף מיינע, ווי קלעבעדיקע זשאַבעס.—אַזוי וועט גאָט אָננעמען די בעטנדע הענט פון דיין נשמה און דיך אויפריכטן! דאָס איז דער יצר-הרע, וואָס לאָזט דיך נישט רוען, וואָס לעבעדיקער עס וועט ווערן דיין גלויבן, וואָס ערנסטער דו וועסט זיך אויסלערנען מתפּלל צו זיין, אַלץ זיכערער וועסטו אים גובר זיין.

פּאַמעלאַך האָב איך אַרויסגעצויגן מיינע הענט פון זיינע און שטילערהייט האָב איך זיי אונטערן טיש געריבן אָן מיין קלייד. ער האָט מיר אָנגעהויבן עקזאַמענירן אויב, ווי אָפט און

ווען איך דאַוון? און צו לעז איך פּלייסיק די ביבעל? נאָך אַ קורצן קאַמף מיט זיך האָב איך אים געענטפערט ווי דער אמת איז, עפּעס בין איך דאָך צו אים געקומען מיטן אויפריכ־טיקן וואונטש דערלייזט צו ווערן פון מיינע שרעקלאַכע ליידן, געטריבן פון דער בייגקשאַפט זיך אויסצובויען אַ נייעם, דוי־ערדהאַפטן טעמפּל, וואו איך זאָל קאָנען בעטן צו אַ לעבעדיקן גאָט.

ער האָט געקנייטשט דעם שטערן.

—דאָס איז דאָך אָבער זייער, זייער טרויעריק און אומגליק־לאַך פאַר אַ קריסטלאַכע פאַמיליע!—האָט ער אויסגעשריען.

איך האָב אָנגעהויבן פאַרטיידיקן די עלטערן, אַז מיר בעטן שטענדיק ביים עסן, די מוטער לעזט יעדן מאָרגן אַ געבעט און אין קירך גייען מיר אויך יעדן זונטיק.

—דעריבער איז עס טאַקע אַ וואונדער, וואָס אַזאַ יונג קינד, ווי דו איז אַריינגעפאַלן אין נעץ פון יצר־הרע.

אַ נייער געדאַנק איז אים וואַרשיינלאַך אַריינגעפאַלן, ער האָט מיך שטאַרק אָנגעקוקט.

—וואָס לעזטו אייגענטלאַך?—האָט ער געפרעגט.

איך האָב זיך דערשראָקן. זאָל איך אים אויסזאָגן דעם סוד פון מיינע שענסטע שעהן?! אַ טיפער, שמערצלאַכער זיפץ — עס מוז אַזוי זיין—עס מוז געשען צוליב מיין גליק.

—אין יענער צייט האָב איך אָנגעהויבן צו נעמען פון פאָטערס ביכער־שאַנק געטהעס ווערק,—איין באַנד נאָכן אַנדערן. בעת איך האָב זיך אין זיי פאַרטיפט, בין איך געווען אין זיכערסטן פאַר זיך אַליין: מיט איפיגעניען האָב איך זיך פשוט באַגייסטערט, דעם גרעסכן האָב איך באַוויינט, און ווערטערס ליידן האָב איך

מיר געקויפט און געטראָגן שטענדיק אין טאַש. איך פלעג זיי אַרויסנעמען ווי דער קאַטוילישער גלח זיין געבעט בוך בעת ער וויל זיך שיצן קעגן נסיונות.

—דאָס איז נישט געהערט געוואָרן, נישט וגעהערט געוואָרן!

— האָט דער גלח איבערגעריסן מיין וידוי, און זיין שטים האָט זיך אָפגעהאַקט, ווי אין קירך בעת ער פלעגט רעדן וועגן תאַוות. ווי עס שיינט, איז דיין ערנסטער ווילן זיך צו בע־סערן, — האָט ער דאַן געזאָגט מיט אַ קול, ווי ער וואָלט האָבן פאַר זיך די רעקרוטן פון גאַנצן גאַרניזאָן—וועסטו טון, וואָס איך מוז פון דיר פאַרלאַנגען: זאָלסט נישט אָנרירן מער די דאָזיקע פאַרפלוכטע ביכער אין דער גאַנצער צייט פון דער קאָנפירמאַצ־יע־אונטעריכט. דו וועסט לעזן נאָר דאָס, וואָס איך וועל דיר געבן... דו מוזט קומען יעדעס מאָל מיט אַ פערטל שעה פריער צו דער לעקציע, ווי אַלע אַנדערע קינדער, כדי יענע זאָלן חלילה נישט קאַליע ווערן. זאָגסט מיר דאָס צו?

שטום האָב איך אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ. נאָך אַמאָל האָבן זיך זיינע פינגער געלייגט אויף מיינע און ער האָט מיר אָפּגע־לאָזן. ווי אַ צוהרגעטע בין איך געקראָכן אַ היים, אָבער איך בין געווען פעסט אַנטשלאָסן צו טאָן וואָס ער האָט פאַרלאַנגט.

אויפן אַנדערן טאָג איז ביי אונז פאָרגעקומען אַ שאַרפע סצענע: דער גלח עבערהאַרד האָט איבערגעגעבן מיינע עלטערן אַ באַריכט וועגן מיין באַזוך און האָט זיי אויפגעפאָדערט איבם מיטצוהעלפן אין זיין שווערן „רעטונגס־ווערק". איך האָב גוט גע־זען, אַז מיין פאָטערס צאָרן איז געווען געווענדט מער קעגן גלח ווי קעגן מיר, אָבער ווי שטענדיק בעת די מוטער פלעגט אַרויס־טרעטן מיט איר גאַנצער ענערגיע, האָט ער איר אויך דאָס מאָל איבערגעלאָזן דעם שלאַכט־פעלד און האָט מיר מיט אַ שטאַרקן דריקן די הענט אין דער שטיל אַ זאָג געטאָן:

— דער פאַרפּלוכטער גלח.

אַלע מיינע שופלאָדן זיינען איבערגעטרייסלט געוואָרן, אַלע ביכער וועלכע זיינען נישט אַריין אין דער רובריק פון לער־ביכער און יוגנט ליטעראַטור האָט מען קאָנפיסקירט; דעם שליסל פון ביכער־שאַנק ד'האָט מען באַהאַלטן,—נאָר די פאַרבאָרגענע אוצרות אין סאָפע האָט מען נישט געפּאַקט. איך בין געווען אין אַ שרעקלאַכער אויפרעגונג: דער ערשטער מענטש צו וועלכן איך האָב זיך געווענדט נאָך הילף פאַר וועלכן איך האָב אויסגערעדט מיין גאַנצע האַרץ, האָט מיר אַזוי, ווייניק געטרויט, אַז ער האָט מיך געהייסן היטן ווי אַ פאַרבעכער. אויך מיט מיין לערער האָט מיין מוטער אין דעמזעלבן טאָג געהאַט אַ לאַנגן שמועס, נאָך וועלכן ער איז געקומען צו מיר אַ צוקאָכטער און אַ צושראָקענער, פון דעמאָלט אָן האָט ער נאָכמער אָנגעהויבן אויסמיידן יעדן געשפּרעך וועגן רעליגיע. ער איז בכלל געוואָר עפּעס שרעקעדיק און שטאַרק צורודערט.

די ערשטע פּרוב מיטן גייסטלאַכן האָט איבערגעלאָזן אין מיר אַ מאָדנע פאַרביטערונג; דער פערזענליכער צוטרוי איז פאַרשוואונדן געוואָרן אין גאַנצן, אָבער דאָך האָב איך געהאָפט, אַז דאָס וואָס ער לערנט מיר, וועט מיר אפשר ברייגגען די באַפרייאונג.

און איך האָב זיך אָנגעכאַפּט אָן דערדאָזיקער האָפנונג, ווי איינער, וואָס טרינקט זיך אָן אַ שטרויעלע. איך האָב געלעזן די ביכער, וועלכע ער האָט מיר געגעבן, די ביבעל, און איך האָב זיך אַליין באַשולדיקט, וואָס איך האָב בשום אופן נישט געקאָנט אַרויסרופן ביי זיך קיין פרומע שטימונג און האָב אָן אַן אויפהער געקלערט וועגן די סתירות און ספקות, וואָס איך האָב געפונען אויף יעדן טריט.

איז די ביבעל געווען אינספּירירט פון גאָט, מוז דאָך די געשיכטע פון דער בריאה זיין אמת, און אויב עס איז אַזוי צו וואָס לערנט מען אונז די נאַטורוויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען, באַווייזן פון די געלערנטע? אַלע וואונדער אין וועלכע איך האָב געזאָלט גלויבן, האָבן ביי מיר אַרויסגערופן דיזעלבע צווייפל, איך האָב בשום אופן נישט געקאָנט פאַרשטיין, אַז דער גאָט פון ליבע, דער פאָטער אין הימל קאָן זיין אידענטיש מיטן גרויזאַמען גאָט פון נקמה אין אַלטן טעסטאַמענט. צום שטאַרקסן אָבער האָט מיך געדריקט דער צווייפל אין דער דערלייזונג פון דער מענטש-הייט דורך קריסטעטוסעס ליידן און שטאַרבן. נישט די זינד און נישט די דאַגות זיינען פון יענער צייט אָן פון דער וועלט נישט פאַרשוואונדן און יעדערער האָט געליטן — איך האָב עס דאָך געשפּירט אויף זיך אַליין — פאַר זיינע אייגענע חטאים. מיינע ספקות האָב איך גאַנץ אָפן אַרויסגעזאָגט — דאָס האָט מען דאָך פון אונז אומבאַדינגט געפאָדערט — און אומגעדולדיק האָב איך געוואַרט, מען זאָל מיינע ספיקות אָפּשלאָגן, מען זאָל מיר אין אַ רויקער פאָרם אָנווייזן אַ בעסערן וועג. דער גלח עבערהאַרד איז געוואָרן וואָס ווייטער נערוועזער, ווי נאָר איך פלעג עפענען דאָס מויל, און די שילערנס פלעגן אויסגלאָצן אויף מיר די אויגן און לאַכנדיק שטויסן איינע דער אַנדערער מיט די עלנבויגנס, בעת איך האָב געשטעלט עפּעס אַ פראַגע. סוף כל סוף האָט מען מיר שטרייננג פאַרבאָטן נישט אַרויסצוזאָגן אָפן מיינע געדאַנקען אין דער גגנוואַרט פון מיינע חברטעס, איך האָב דאַריבער שטענדיק אויסגענוצט די פערטל שעה ביז די איבריקע פלעגן זיך צונויפ-קומען, כאָטש דער גלח האָט אָנגעהויבן זאָגן, אַז ער האָט קיין צייט נישט, און אַז מיינע ספקות האָבן מיר שוין ממש נישט גע-לאָזט רוען, בין איך צו אים געלאָפן נישט אין דער צייט פון דער לעקציע. פון איינמאָל צום אַנדערן איז ער געוואָרן אומגעדול-

דיקער, און האָט מיך שטאַרק געווידלט פאַר מיין „גייסטיקער גאוה" וואָס פאַרפירט מיך, צו וועלן באַגרייפן מיט קליינעם מענטש־לאכן פאַרשטאַנד די גרויסע געטלאַכע סודות. אויף אַלע מיינע פראַגן האָט ער געהאַט איין ענטפער:

—ועגן דעם טאָר מען נישט קלערן, ווייל דער גלויבן אַליין רוקט איבער בערג, דער גלויבן אַליין מאַכט גליקלאַך און אויב מיר וועלן נישט ווערן, ווי די קינדער, וועלן מיר דעם מלכות שמים נישט אָנקוקן...

אונזערע אונטערהאַלטונגען — דאָס האָב איך סוף כל סוף איינגעזען—פירן נישט צו קיין צוועק. איך האָב זיך טאַקע פון זיי אָפּגעזאָגט. פילנדיק אַ באַדערפניש זיך אויסצורעדן, האָב איך געמאַכט מיין קוזינע, וועלכע איך האָב מיט מיינע לעבנס־געשיכ־טען אַרויסגעבראַכט פון געדולד, אויך פאַר דער פאַרטרויטער פון מיינע רעליגיעזע קאַמפן. גאַנצע מאָנאָלאָגען האָב איך פאַר איר דעקלאַמירט, און איך בין געווען אַזוי שטאַרק פאַרנומען מיט זיך אַליין, אַז איך האָב גאָרנישט באַמערקט וויפל דאָס אָרעמע קינד האָט צוליב מיר געליטן. ווי אַ בלום איז זי געווען, וואָס וועלקט אין דער קנאָספע, בעת מען נעמט איר צו פרי אַוועק פון אונ־טערן שוץ פון שאָטן און פון קילער לופט. אָפטמאָל פלעגט מיר דער פאָטער פרעגן וועגן מיינע רעליגיע־שעהן; ער, וועלכער האָט אַ מענטשלאַכער און אַ פיינער געדיינקט, וואָס האָט מיך ליב געהאַט מער ווי אַלע, ער וואָלט מיר אפשר געקאָנט העלפן, ווען עס זאָל נישט האָבן אַריינגעטרעטן צווישן אונז אַ טיפע, אינערלאַכע פרעמדקייט.

און דער הערשער טאָן—מיט וועלכן ער האָט גערעדט — נישט צו מיר — האָט נישט דערלאָזן צו קיין באָנטקייט צווישן

אונז—פון יעדן הויכן וואָרט פלעג איך ווערן אַ פאַרציטערטע —
דערצו האָב איך זיך ביסלאַכווייז דערוואוסט וועגן אונזער שלעכ-
טער מאַטעריעלער לאַגע—וואָס דערין האָב איך נאָר אים באַשול-
דיקט—און דאָס האָט מיך שוין אינגאַנצן אָפּגעשטויסן פון אים.
איך האָב געזען, ווי די מוטער וויינט אָפט, בעת מען ברייגגט
אומ'ערעכטע רעכנונגען; איך האָב געלעזן צווישן די שורות אין
דער באָבעס בריף, וואָס די מוטער פלעגט מיר אַמאָל געבן, ווי
די געלטזאָרגן ליגן ווי אַ שווערע לאַסט אויף אונזער גאַנצער
פאַמיליע. איך האָב אָנגעהויבן צו פאַרשטיין פאַרוואָס די מוטער
האָט זיך נישט געפרייט מיטן מאַנס מתנות, וואָס פריער האָט עס
ביי מיר פשוט אויסגעזען גרויזאַם. עס האָט שוין זאָגאַר גע-
טראָפן, אַז איך האָב איר נאָכגעטאָן. און נאָר אַ בליק אויפן פאָ-
טערס טרויעריקן געזיכט, אויף זיינע ציטערדיקע ליפּן האָבן אויס-
געלייזט מיין נאַטירלאַכע פרייד מיט שיינע זאַכן. רחמנות איז
אָבער נישט קיין מיטל אויף צו דערוועקן צוטרויען, איבערהויפּט
ביי אַ קינד אָדער ביי אַ ווייב: דאָס קינד און די פרוי
דאַרף אָבער זען אין מאַן אַ העכערן מענטשן, צו וועלכן
זיי דאַרפן זיך דערהייבן און נאָר דאַן קאָן ער פאַרדינען זייער
גאַנצן צוטרוי. אַזוי בין איך געבליבן אַליין אין דעמדאָזיקן
שווערסטן קאַמף פון מיין קינדהייט. קיינער האָט מיר נישט גע-
האָלפן, אַפילו גאָט אַליין נישט, ווי אָפט און ווי פאַרצווייפלט
איך האָב אים נישט גערופן. גראַדע אין יענער צייט האָט מיר
מיין ענגלישע לערערן דערציילט וועגן שעלי, וואָס צו זעכצן יאָר
האָט מען אים אויסגעשלאָסן פון דער שולע פאַר זיינע אַנטי-
קריסטלאַכע אַנזיכטן און שפּעטער האָט ער צוליב דיזעלבע סיבות
געמוזט אַוועק פון ענגלאַנד און אַלס דרייסיקיעריקער מענטש האָט
ער געפונען זיין טויט אין די וועלן פון אַדריאַטישן ים. זיין
גורל האָט מיך שטאַרק באַרירט. מקריב זיין פאַר די איבערציי-

גונגען אַלץ: אַ שטעלע, אַ גוט לעבן, די פאַמיליע און די היימאַט— דאָס איז פאַר מיר געווען די שענסטע טאַט.

רעכענענדיק, אַז איך וועל זיי זאָ ווי זאָ נישט פאַרשטיין, האָט מיר די לאַנגע, בלאָנדע מיס.—וואָס ביז אַהער איז זי פאַר מיר געווען נאָר די פאַרקערפּערונג פון דער גראַמאַטיקע—ענדלאַך געגעבן שעלליס ווערק. „די קעניגן מאַב”, איז געווען דאָס ערשטע, וואָס איך האָב אויפגעמישט. אין איין נאַכט האָב איך עס צוויי מאָל איבערגעלעזן. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך בין אַליין זשאַנטיי, דער גייסט, וואָס די פעען־קעניגין ווייזט אים די וואונדערפולע שיינקייט פון דער וועלט, דעם פּחד פון דער פאַרגאַנגענהייט, דאָס עלנט פון דער געגענוואַרט און דאָס ליכטיקע בילד פון דער שיינער צוקונפט. איך האָב געזען ווי רייכע באָדן זיך אין גוטס, ווי די אָרימע הונגערן; די טויטע האָב איך געזען אויף די שלאַכט־פעלדער, געהרגעטע צוליב די גייציקייט פון די מלכים, און האָב געזען ווי די מענטשן צורייסן איינער דעם אַנדערן ווי ווילדע חיות אין נאָמען פון זייערע געטער!

—צו דען האָט זיך די קעניגן מאַב—נישט געווענדט צו מיר מיטן דאָזיקן רוף? צו דען האָט זיך מיר נישט געוואָרנט: האָב זיך נישט מורא פיר דעם קריג קעגן הערשאַפט און פאַלשקייט און נויט, טרעט אויס דורכן מדבר אַ וועג צו דער וועלט, וואָס דאַרף קומען!

איך האָב שעלליס אַטעאיזם נישט געשפּירט. איך האָב נאָר געפילט, אַז ער לייקנט אָפּ דעם גאָט, אין וועלכן איך האָב אויך נישט געקאָנט גלויבן. און ווי באַרויקט האָט אויף מיר געווירקט זיין לעבנסשטאַרקער, האָפנונגסרייכער אידעאַליזם, זיין גלויבן אין דער אייגענער קראַפט פון די מענטשן, זיין רוף צו דער מאַכט פון ווילן.

אין די לאַנגע נעכט, פול אינערלאַכע קאַמפן האָב איך מיר געוואָלט קלאָר מאַכן דעם וועג אין וועלכן איך דאַרף גיין, און לאַנגזאַם, צוגויפלייגנדיק אַ שטיין נאָך אַ שטיין, האָב איך מיר אויפגעבויט דעם טעמפל פון מײַן רעליגיע. אַ וואַרעמער געפיל פון גליק האָט מיך דורכגעדרונגען, בעת איך האָב געזען, אַז מײַן בנין איז פאַרטיק, און מײַן אַנטשלוס איז געווען פעסט, אַז איך וועל זיך נישט לאָזן צווינגען צו קײַן שום גלויבנס-צערעמאָניע אויסער צו מײַן אייגענער, — עס מעג זײַן וואָס עס וויל זיך.

אין ווײַנאַכט פון יאָר 1879 האָב איך געמאַכט אַ וויזיט דעם גלח עבערהאַרד און האָב אים ערקלערט, אַז איך בין בשום אופן נישט אים שטאַגט מיך צו באַקענען בײַם אַלטאַר פאַרן קריסטלאַכן גלויבן און ער זאָל גיין דעריבער באַפרײַען פון דער קאָנפירמאַציע. גלײַכצײַטיק האָב איך אים דערלאַנגט אַ שריפטלאַכע דערקלערונג מכּח מײַנע רעליגיעזע אַנשויאונגען, — וואָס יעדער פון די שילערנס איז געווען מחויב אים צוצושטעלן.

מײַן דערקלערונג איז געווען פאָלגענדע:

— איך גלויב נישט אין אַלע ניסים ונפלאות, וואָס ווערן דערציילט אין תנ"ך און אין יעוואַנגעליע. איך גלויב אָבער אין אַ העכערן כּח, וואָס מיר רופן גאָט. וואָס איז די סבה כל הסבות פון ערשטן לעבן, וואָס האָט אַרײַנגעלייגט די קראַפט פון שאַפן אין ערשטן אַטאָם. — מײַן גייסט איז אַ טייל פון דערדאָזיקער געטלאַכער בריאה. אויב די קריסטלאַכע רעליגיע, וועלכע מען לערנט מיך, איז באמת די אמתע, האָף איך, אַז מיט דער צײַט וועל איך זי באַגרייפן. אויב עס איז אַ פאַרברעכן, וואָס איך זאָג מיך איצט אָפּ פון איר, איז'ס, לויט מײַן מיינונג, נאָך אַ גרעסערע זינד, איך זאָל מיך צו איר באַקענען, בעת פאַר מײַן האַרצן

איז זי אינגאַנצן פרעמד.

ווען דער גלח האָט איבערגעלייענט מײַן דעקלאַראַציע האָט ער אינגאַנצן פאַרלאָרן דעם לשון. באַלד אָבער איז ער מיר באַפאַלן מיט אַ שרעקלאַכן צאָרן. פאַרלירנדיק אינגאַנצן דאָס גלײַכגעוויכט האָט ער אויסגעגאָסן אויף מיר אַ גאַנצן מבול מיט באַשולדיגונגען, פאָרווורפן, און דראָהונגען.

אָבער איך האָב זיך נישט אונטערגעגעבן. וואָכן און הדשים לאַנג האָט געדויערט אונזער קאַמף, פון וועלכן קיינער אויסער מיר ביידע, האָט קיין אַנונג נישט געהאַט. צו האָט ער זיך גע־רעכנט מיט מיר, צו איז עס געווען די מורא זיך מודה צו זײַן אין זײַז אייגענעם דורכפאַל — אַפילו מײַנע עלטערן האָט ער עס דאָסמאָל נישט איבערגעגעבן. פון איין דיסקוסיע ביז דער צווייטער, האָב איך געזאַמלט געווער פון מײַן פאַרבאָרגענעם ביכער־אוצר, וואָס איז שטאַרק אויסגעוואַקסן, און האָב זיך אין דער־זעלבער צײַט געגריבלט וועגן דער אויספירונג פון פאַנטאַסטישע פלענער.

ווען דער גלח נישט נאָכגעבן,—האָב איך באַשלאָסן צו אַנט־לויפן. כדי צו שאַפן דאָס נויטיקע געלד, האָב איך געשיקט שירים און אַרטיקלען אין פאַרשידענע צייט־שריפטן — נאַטירלאַך אַן ערפאָלג! — און פאַרקויפט אַן אומבאַקאַנטע געוועלבער איין צירונגשטיק נאָכן אַנדערן. האָבנדיק בדעה אַוועקצוטראָגן פאַר־קויפן דאָס טײַערסטע — אַ בריליאַנטענע בראָש, וואָס איך האָב אַמאָל געקריגן אַ מתנה פון מײַן באָבן—האָב איך פאַרבײַגייענדיק דערהערט אַ העפטיקן געשפרעך צווישן מײַנע עלטערן. נײַגיריק בין איך שטיין געבליבן. ווידער אַמאָל איז געווען די רייד וועגן אַ בעל־חוב. די מוטער האָט געכליפעט; דער פאָטער האָט אויפגע־רעגט געשריען:

—איך בין גאָרנישט מחויב דיינע מוסר־טענות אויסצוהערן. איך טרינק נישט, איך רויכער נישט, שפּיל נישט אין קיין קאָרטן, האָב נישט קיין ווייבער־געשיכטן — וואָס ווילסטו אייגנטלאַך פון מיר?!

—דו האָסט נאָך אַלץ צוויי איבעריקע פערד אין שטאַל — האָט די מוטער מיט כעס געענטפערט — און אַליקס פּריוואַט־ער־ציונג, וואָס האָט אָפּגעקאָסט טויזנטער, איז אויך געווען אַן אי־בעריקע זאַך.

—לאָז צורו דאָס קינד! — האָט דער פאָטער אויפגעברומט — די איינציקע פרייד, וואָס איך האָב, וועל איך מיר נישט לאָזן פאַרביטערן — —

יעדעס וואָרט האָט מיר געגעבן אַ שטאָך אין האַרצן; פאַר מיר האָבן זיי געבראַכט אַזעלכע גרויסע קרבנות. פאַר מיר, וואָס איך ברייננ ערשט אויף זיי דעם גרעסטן אומגליק; איך בין געווען מיין פאָטערס איינציקע פרייד — איך, וואָס האָב אים געוואָלט צוברעכן דאָס האַרץ! — איך בין געלאָפן, האָב פאַרקויפט די בראָש און רויט, ווי פייער, אָן אַ אָטעם בין גע־געקומען אַהיים, געטריבן נאָר פון דעם איינציקן געדאַנק. אַראָפּ־צונעמען פון מיינע אומגליקלאַכע עלטערן די שווערע לאַסט. פרידלאַך זיינען זיי געזעסן איינער נעבן אַנדערן און האָבן מיך פאַרוואונדערט אָנגעקוקט, אַז איך האָב אַריינגערוקט מיין מוטער אין האַנט אַ פּאָר גאָלדשטיק.

—וואָס איז דאָס אַזוינס? — האָט די מוטער געפרעגט.

—פון וואַנען האָסטו דאָס געלד? — האָט געפרעגט דער פאָ־טער.

איך האָב זיך דערשראָקן. זאָל איך זאָגן דעם אמת? דאָס האָט געהייסן אויפדעקן אויך מיינע מכירות און פּשוט שוין

אומעגלאַך מאַכן מײַן אַנטלויפֿן. איך האָב דערזען די צײַט־שריפֿט „אין דערהיים" מיט אַן אָנהויב פֿון אַ נײַער ערציילונג.

— דאָס איז — דאָס איז — דער האָנאָראַר פֿאַר — פֿאַר דער געשיכטע—האָב איך קוים אַרויסגערעדט.

איצט בין איך אַרײַנגעפֿאַלן אין דער נעץ פֿון מיין אייגענעם ליגן און די מורא פֿאַר די פֿאָלגן האָט מיר געשטערט זי צו צערייסן. די עלטערן האָבן געגלויבט; מיין פֿאָטער האָט מיך מיט ליבע אַרומגענומען, און כאָטש ער האָט נאָכגעגעבן מיין ביטע צו באַהאַלטן דעם סוד פֿון מיין אויטאָרשאַפֿט, איז ער דאָך געווען צו שטאָלץ מיטן ערפֿאָלג פֿון זיין טאָכטער, אַז ער זאָל עס נישט איבערגעבן וויניקסטנס זיינע נאָנסטע קרובים און בעסטע פֿריינט.

די אויפֿקלערונג האָט נישט געלאָזן אויף זיך לאַנג וואַרטן.

מיין פֿאָטערס אַ קוזינע איז געווען באַפֿריינדעט מיט דער פֿאַרפֿאַסערן פֿון ראָמאַן, וועלכן איך האָב כלומרשט געזאָלט שרייבן, און האָט אָנגעפֿרעגט אין אַ בריף, נישט וויניק ערשטוינט וועגן דעם צוזאַמענהאַנג פֿון דערדאָזיער זעלטזאַמער מעשה. עס איז אויסגעבראָכן אַ שרעקלאַכער סקאַנדאַל. מיין פֿאָטער איז אַרויס פֿון די כלים.

—מיין גוטער נאָמען! מיין גוטער. נאָמען!— האָט ער געקרעכצט און איז געלאָפֿן איבערן צימער ווי משוגע—איך מוז זיך דערשיסן! איך קען די חרפה נישט איבערלעבן!—האָט ער געשריען בעת די מוטער האָט זיך אין דער שטיל באַגאָסן מיט טרערן.

שטים און ווי פֿאַרשטיינערט בין איך געשטאַנען אין מיטן צימער און האָב זיך נישט גערירט פֿון אָרט, אַפֿילו דעמאָלט, ווען

דער פּאָטער איז מיט פייערדיקע, מיט בלוט פאַרלאָפענע אויגן צוגעשפּרונגען צו מיר און האָט מיט דער אויפגעהויבענער פויסט דערלאַנגט אין באַק, אַז עס האָט אָפּגעהילכט אין צי־מער.

נידערגעשלאָגן, פאַרמרה־שחורעט בין איך אַ פּאָר טעג געלעגן אין בעט. קיינער האָט זיך מיט מיר נישט אינטערעסירט, אויסער אַננאַ, וועלכע האָט מיר מיט אַ רחמנות־פּנים געהאָלפן אָנ־טאָן זיך, און מען האָט מיר געמאָלדן וועגן גלחס וויזיט. מיט פאַרבראָכענע הענט און אַ טיף טרויעריגער מינע איז ער אַריין אין צימער. אַז דאָס איז נישט קיין אויסדרוק פון אויפריכטיגן געפיל, האָב איך דערקענט אָן די פייערלאַך פון שטילן נצחון, וואָס האָבן געגלאַנצט אין זיינע אויגן: דער נצחון איז פּאָרט אויף זיין זייט! ער האָט געהאַלטן פאַר מיר אַ גוט אויסגעשטודיר־טע רעדע, וועלכע איך האָב מיט קיין איינציגע זילבע נישט אי־בערגעריסן. דאָס שרעקלאַכע געשעעניש האָט וואַרשיינלאַך, אַזוי האָט ער געזאָגט, איינגעבראָכן מיין גדלות און האָט מיר געוויזן אַז מיט גאָט טרייבט מען נישט קיין קאַטאָוועס. איך דאַרף נאָך אָבער צייט צו ווערן אַ בעל־תשובה, פאַרלאָזן דעם וועג פון זינד און הכנעהדיק זיך קערן צו דעם, וואָס איז אַליין דער אמת, ליכט און לעבן.

— נאָך די אַלע קריינקונג, וואָס דו האָסט פאַרשאַפט דיי־נע עלטערן, וועסטו זיי געוויס נישט אָנטאָן די שאַנד און נישט גיין צום אַלטאַר פון גאָט דעם האַר.

נישט קוקנדיק אויף דער לאַנגער הפסקה, וואָס ער האָט געמאַכט, האָב איך נאָך אַלץ געשוויגן.

— דו מוזט איצט אויסנוצן די צייט ביז צו דער קאָנפיר־מאַציע אויף תשובה, תפילה און חרטה.

—און אזוי ווי גאָט אין הימל וועט ניכט אָפּטאָן פון דיר

זיין חסד און יעזוס קריסטוסעס בלוט וועט אויך דיך ריין וואשן פון דיינע זינד, אַזוי ווען דיר דיינע גוטע עלטערן אויך מוחל זיין. איך וועל מיט גאָטס הילף זיי די שווערגעשטראָפטע אויפ־ריכטן און דו וועסט ווידער ווערן זייער קינד.

איך האָב נאָך אַלץ געשוויגן.

—וועסטו טאָן דאָס, וואָס איך, דער דינער פון דיין האַר און גואל, פאָדערט פון דיר?

אַ מעכאַנישעס „יע" איז געווען מיין תשובה.

אין פאַרלויף פון די עטלעכע וואָכן ביז צו מיין קאָנפירמאַציע האָב איך געלעבט, ווי אַן אויטאָמאַט. איך האָב נישט געשפּירט נישט קיין חרטה און נישט קיין צער, און די געדאַנקען זיינען געווען, ווי אַטראָפירט. נאָר בעת איך האָב דעם ערשטן מאָל אָנגעמאָסטן דאָס לאַנגע, ווייסע קאָנפירמאַציע קלייד, האָט אַ קראַמפּהאַפטער שמערץ אַרומגעכאַפּט מיין גאַנצן קערפּער. מיט אַ געקינסלטן שמייכל האָב איך באַגריסט אַלע קרובים וועלכע זיינען זיך צונויפגעפאָרן קיין פויזן אויף דערדאָזיקער וויכטיקער פאַמיליען־פייערונג. עס איז געקומען דער פעטער וואַלטער פון פירגאַלען מיט זיין יונגער פרוי, וואָס האָבן יעצט געמאַכט זייער האָכצייט־רייזע, הער פעטער קלעווע פון באַיעראָן, די מומע קלאָטילדע פון אויגסבורג, וואָס איז געווען זייער באַפרידיקט מיט דער „ווירדיקער שטימונג" פון איר ברודערן טאָכטער. דאָס איז געווען אין אַ זונטיק, אין אַ שיינעם לאַכנדיקן מאַי־טאָג, אַ דערשראָקענע פאַר דעם העלן זונען־שיין האָב איך זיך באַהאַלטן אין מיין פינסטערן צימער, פּלוצלונג האָט זיך ברייט אָן עפנגעטאָן די טיר, און ווי געטראָגן פון אַ גרויסן ליכט־שטראָם האָט זיך אין איר באַוויזן מיין באָבע, ערשטן אין דעם מאָמענט האָב איך דערשפּירט, ווי עס פאַלט פון מיר אַראָפּ אַ שווערער, אייזערנער פאַנצער, וואָס האָט מיך געדריקט און געקוועלט.

—באָבע, ליבע באָבע—האָב איך אויסגעשריען און מיט אַ געוויין איר אַרויפגעפאַלן אויפן האַלז — אוי, פאַרוואָס בין איך נישט אַנטלאָפן צו איר, פאַרוואָס איז זי ערשט יעצט געקומען,— יעצט ווען ס׳איז שוין צו שפּעט?!

אַ שטאַרק אויפגערעגטע האָט זי מיך געהאַלטן אין די אָרעמס, און איך האָב זיך אויסגעוויינט. אָבער באַלד איז אַריין די מוטער, און דער אָוונט און פאַמיליען-קרייז, אין די נאַכט...

גאַנץ גליקלעך האָב איך זיך אויף צו מאָרגנס געלאָזט פאַרפוצן, גענומען אין האַנט דעם בוקעט ווייסע רויזן און זיך געזעצט מיט די עלטערן אין דער קאַרעטע. די גאַנצע גאַס איז געווען פול מענטשן, ווי אויף אַ לויה, האָב איך געקלערט. אויך פאַר דער קירכע האָבן זיך צונויפגעקליבן נייגיריקע אין זייערע בונטע פריילאַכע יום-טוב-קליידער. דורך די פענצטער האָט געשטראַלט די זון, אַזוי אַז איך האָב פאַרמאַכט מיינע פאַרוויינטע רויטע אויגן, טרעטנדיק צווישן דעם פאָטער און דער מוטער אויפן רויטן דיוואַן דורך די גרויסע, ווייסע זיילן-האַלעס. די גלאָקן האָבן געקלונגען, דער אָרגאַן האָט ברויזנדיק געשפּילט, הויך האָבן איבער מיר געקלונגען די שטאַרקע שטימען פון זעלנער-כאָר. יעדער טאָן האָט מיר, ווי מיט אַ שאַרפן מעסער געשניטן אין דער נשמה. געבליצט און געפינקלט האָט אַרום און אַרום פון די מונדירן און די אָרדנס, געראַשט פון די זיידענע קליידער. איך האָב די אויגן נישט אויפגעהויבן. אַ שטילער, ווייכער טאָן, ווי „אַליקס" האָט מיר אַ קלאַפּ-געטאָן אין אויער. איך האָב אויפגעהויבן דעם קאָפּ. דאָס איז געווען מיין לערער, וואָס האָט מיך אָנגעקוקט מיט אַ בליק—מיט אַ בליק, וואָס איז פאַר מיר געווען אַ רעטעניש און באַלד זיינען מיר געשטאַנען פאַרן אַלטאַר, וועלכער איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ וואַלד פון פאַלמען-ביימער אָן איין איינציקער בלום. „ווי ביי אַ לויה" האָב איך נאָך אַמאָל אַ קלער

געטאָן. איך האָב נישט געהערט, וואָס דער גלח האָט גערעדט. איך האָב זיך פּלוצלונג געשפּירט אַזוי ווי איך וואָלט שטיין פאַרן פעלזן־טויער פון גיהנום און אַ בראַיזנדער תהום וויל מיך איינ־שלינגען. מיין בוקעט איז מיר אַרויסגעפאַלן פון האַנט, אויפגע־הויבן האָט אים מיין לערער; אונזערע אויגן האָבן זיך באַגעגנט, עפּעס מאָדנע האָט ער מיך אָנגעקוקט! ווי אַ צוטומלטע האָב איך מיך אַרומגעקוקט, מיינע חברטעס האָבן שוין געזאָגט דעם אַפּאָס־טאָליקום, און דעם גלחס שטרייענגער בליק האָט מיך דערמאָנט אָן מיין פליכט. ווי אַן אָנגעצויגענער זייגער האָב איך אָפּגעזאָגט אין איין אָטעם די דריי פּאָסטולאַטן, און בעת־מעשה האָב איך געפילט די הונדערטער אויגן, וועלכע האָבן אויף מיר געקוקט,— מיט שפּאַנונג, מיט איראָניע און מיט נצחון. נאָך אַ מאָמענט פון אַ טויטער שטילקייט האָט דער גלח אָפּגענומען פון יעדערער באַ־זונדער די פערזענלאַכע באַקענטניש פאַר די אַרויסגעזאָגטע עקרים און האָט יעדערן געבענשט.

איך בין געווען די לעצטע. אַז ער איז צוגעגאַנגען צו מיר האָט ער גערעדט מיט אַ סך אַ העכערן קול.

—זאָג ביין, זאָג ביין!—האָב איך געהערט אַן אינערלאַכע שטים.

צושראָקן, ווי זוכנדיק הילף האָב איך זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן: מיין בליק איז געפאַלן אויפן גוטן, פאַרצייענדיקן שמייכל פון מיין פאָטער אויפן שטילן ליבן בליק פון מיין מוטער — — —

—באַקענסטו זיך מיטן גאַנצן האַרצן צו אונזער הייליקסטן גלויבן, טאָ ענטפער יאָ— — —

ערגעץ־וואו איז געפאַלן אַ שירם—אַ שווערד האָט אַ קלאַפּ געטאָן—עמיצער האָט געכליפּעט, — און אַ סך, אַ סך אויגן האָבן מיך דורכגעשטאָכן.

— יאָ! — האָט עס אָפּגעהילכט הויך און שטאַרק אין דער קירכע. איז עס באמת געווען מיין קול?! מעכאַניש בין איך געפאַלן אויף די קני, ווי אַלע אַנדערע. צו ליגט כאָטש רי שלעפּ, ווי געהעריק, האָב איך שטומפּזיניק געטראַכט און עפּעס אַ מין נייגיריקייט האָב איך דערשפּירט צו די ווערטער. וואָס דער ילח וועט מיר דאָ באַלד זאָגן.

—דערמיט פרייד זיך נישט וואָס די גייסטער זיינען אייך אונטערטעניג, נאָר וואָס אייערע נעמען זיינען אָנגעשריבן איז הימל.

ווי מען זאָל מיר דערלאַנגען מיט אַ קנוט איבערן קערפּער. מיין נאָמען—און פאַרשריבן אין הימל! צו דען האָב איך נישט אָפּגעגעבן פאַר גאָטס אַלטאַר אַ פאַלשע שבועה?! ———

באַלד האָבן מיך אַלע אַרומגערינגלט מיט טרערן, גליקווואונשן און חניפות. אין דערהיים האָט מען מיר מקבל פּנים געווען מיט אַ גאַנצן באַרג טייערע מתנות און שמעקעדיקע בלומען; מיליטער־מוזיק האָט געשפּילט אונטער די פענצטער און זרום פאַרפּוצטן טיש האָט זיך צונויפגעקליבן אַ גלענצנדע געזעלשאַפט, אַלע רעדעס און טאָסטן זיינען געווען אויסשליסלאַך פאַר מיר און אָן אַן אויפהער האָט געפּערלט אין מיין גלאָז דער סעקט. האַלב פאַרשכורט בין איך אין אָוונט אַריין אין מיין צימער; דער רויטער אַמפּעל האָט געברענט איבערן בעט; מאָדנע דריקענד איז געווען די שטילקייט נאָכן שרעקלאַכן טומל פון טאָג. פּלוצלונג האָב איך דערזען אַ קליין פּעקעלע און אויפן שנירל אַ פּאָר געלע רויזן. פאַרוואונדערט האָב איך אויפגעעפנט די מתנה וואָס איז נישט געלעגן אויפן טיש מיט אַלע מתנות צוזאַמען, דאָס איז געווען אַ שמאָלער בוך אין אַ בלויען איינבונד: „דייטשישע ליבע" פון מאַקס מילער און דערצו אַ בריף:

גנעדיקע פֿרייליין!

„אַזוי ווי איך בין געצוואונגען שוין מאָרגן צו פֿאַרלאָזן פּויזן און פֿאַר אײַער אָפּפֿאָרן וועל איך נאָך צוריק נישט קומען, בעט איך אײַך מיר ערלויבן זיך שריפֿטלאַך מיט אײַך צו געזע־גענען. און איבערגעבן אײַך צום אָנדענקען דאָס בייגעלייקטע בוך. איך ווינטש אײַך פֿיל, פֿיל גליק!

מיט אויפֿריכטיקער פֿרײַנטשאַפֿט

הוגא מ״ר.

איך האָב זיך אַ כאַפּ געטאָן פֿאַרן קאָפּ — צו איז עס אַ חלום? אָבער ניין. דאָס בוך, וואָס איך האָב געלעזן, האָט אונ־טערגעשטראָכן דאָס, וואָס איך האָב פּלוצלונג פֿאַרשטאַנען אין זײַן בליק אין קלויסטער. און איך—איך בין ווי אַ בלינדע אַרומגעגאַנגען נעבן אים, האָב נישט אָנגענומען די האַנט, וואָס וואָלט מיר אַרויסגעצויגן פֿון טיפֿן אָפּגרונט, אין וועלכן איך זינק אײַן! פֿינסטער, חושך איז געוואָרן אַרום מיר: איך האָב הײַנט פֿאַלש געשוואָרן, — און מײַן פֿרײַנט, מײַן אײנציקער פֿרײַנט האָט מיך פֿאַרלאָזן!

V.

דער זומער אין זאַמלאַנד קומט נישט, ווי אַ שעמעוודיקער חתן, וואָס וויל מנצח זיין די ערד ביסלאַכווייז מיט דערעקשנותדיקער טריישאַפט; ער קומט, ווי אַ פייערדיקער, יונגער העלד און וואַרט נישט אויף דעם שדכן־פרילינג, ער זאָל אים צוגרייטן דעם וועג. די זון, וואָס האָט דאָ נישט לאַנג געקעמפט מיט די נעפּלדיקע ווינטער־וואָלקנס, שיסט פלוצלונג פון בלויען הימל, ווי נאָר ז'ער פרילינג דערנענטערט זיך, מיט גליענדע פיילן. מיט אַמאָל כאַפּן זיך אויף פון זייער ווינטער־שלאָף וואַלד און פעלד און לאָנקע און ליידנשאַפטלאַך גיבן זיי זיך אָפּ דעם ווילדן ליבהאָבער. די בלומען בליען דאָ מיט אַ מאָל און מאַסנווייז.

ווייט אַראָפּ ביז צו די גרוי־בלויע וועלן פון קורישן ברעג ציען זיך די זאַפטיקע, גרינע לאָנקעס און די געלע קאָרנפעלדער; ווען עס שמייכלט זיי דער ווינט זעען זיי אויס, ווי אַ רוישנדער ים, פון וועלכן עס קוקן אַרויס וואו נישט וואו די שטרויענע דעכער פון די פויערשע הייזלאַך. די שטילקייט אַרום איז ווי אַ פאַרכּשופטע נאָר וואו נישט וואו ווערט זי געשטערט דורכן קלאָ-

גערדיקן יאָמער פון קינד, וואָס איז אַליין אין שטוב געבליבן. אַלץ, וואָס קאָן נאָר רירן מיט די הענט און מיט די פיס איז אַוועק צו דער אַרבעט: ווער מיט דער גראַבלע, ווער מיט דער קאָסע, מיטן רידל, מיטן האַק, מיט דער וויאָסלע אָדער מיט דעם פישנעץ. דער הייסער זומער האָט אויפגעוועקט יונג און אַלט פון פרימאָרגן ביז שפּעט אין אָוונט ווערט געאַרבעט, געשאַפן, כּדי געשווינט איינצוזאַמלען, צו באַהאַלטן דעם גרויסן רייכטום פון געשענקען און מתּנות, וואָס ער, דער זומער, דהאָט געבראַכט. ווי לעבעדיק זיי זיינען אַלע געוואָרן, דידאָזיקע שווערבלוטיקע מענטשן: זיי גייען נישט — זיי שפּרינגען — זיי לאַכן נישט — זיי קייכן זיך — און דער ים־ווינט, דער געטרייער קנעכט פון זאַמלענדישן זומער, — שמייסט זייערע שטרוי־געלע דהאָר און שטיפט מיט די רויטע קליידער פון די פרויען, אַז ביי יעדער באַוועגונג זעען זיך די נאַקעטע פיס. זיי זיינען נאָך צונויפגעוואָקסן מיט דער נאַטור די־ דאָזיקע מענער און פרויען: זיי שלאָפן אויך מיט איר צוגלייך דעם ווינטער־שלאָף, אָבער איצט נאָכן לאַנגן אַרבעטס־טאָג קלינגט און זינגט מען די גאַנצע ליכטיקע, וואַרעמע זומער־נאַכט, מ׳שטיפט, מ׳רוישט, צווישן די גאַרבן, מ׳אָטעמט הייס און שווער אין די גרינע בלעטער־אַלטאַנעס. פון דער דאָרף־קנייפּע אָבער טראָגט זיך אַהער אַריבער דער טומל און גערויש: דאָ זיצן זיי פּאַרן רויכיקן לאָמפּ, פאַרשכורן און פאַרשפּילן זייער דהאָב און גוטס, און אַז זיי קערן זיך אום אַהיים צוברענטע, צופלאַקערטע פון בראָנפן, קומען נאָך צו די ווייגעשרייען פון די ווייבער־העלזער צו די פאַרשיידענע משונהדיקע נאַכט־קולות.

אין דאָסדאָזיקע קאָכעדיקע לעבן פון אַזאַ מין זומער איז געקומען דאָס בלייכע שטאָטישע קינד מיט אירע אומעטיקע אויגן און דעם מידן געלעכטער. ווידער האָט איר אויפגענומען אין פאָר־ גאַלן דער טורם־צימער וואו זי האָט צום ערשטן מאָל דורכן

אַלטן לינדבוים פאַרן פֿענצטער דערזען דאָס גרינע פאַרשלייערטע פון טעג.

—דאָ וועט מיין אַליקסכען צוריק ווערן רונד און באַקומען רויטע באַקן—האָט געזאָגט די באָבע, בעת זי האָט אונז מקבל פּנים געווען און באַטראַכט איר אייניקל מיט שטאַרק פאַרזאָרגטע אויגן.

— און די גאַנצע חכמה און תורה וועט זי דאָ פאַרגעסן—האָט צוגעגעבן דער פעטער וואַלטער מיט אַן איראָניש שמייכל.

— און טרינקען און טאַנצן וועט זי ביז קאָפּ־שווינדל, — האָט אויסגעשריען די מומע עמאַ, זיין פרוי, בעת אין אירע לוסטיקע ברוינע אויגן האָבן די פאַרשיידנסטע תאוות־שדים אָנגעצונדן אַ גאַנצן פייערווערק.

זינט זי איז אַהער מיט אַ האַלב יאָר צוריק אָנגעקומען איז ממש נישט צו דערקענען דעמדאָזיקן אַלטן שלאָס: געסט קומען און גייען, אין די תמיד שטילע קאָרידאָרן רוישן העלע פאַרשידנפאַרביקע קליידער, די ווענט הילכן פון לאַכן און שטיפן. פרימאָרגנס, בעת די לאָנקע פון הינטערן שלאָס ביז צום וואַסער האָט נאָך געגלאַנצט און געבלאַנקט, ווי אַ ריזן־שמאַראַגד פון די טוי־פערל און די זונענשטראַלן, ערשט דעמאָלט פלעגן זיך די געסט אַ לאָז טאָן פון דער ברייטער טעראַסע איבער די הויכע שטיינערנע טרעפ און אַוועק אין פאַרק און וואַלד; איינע האָבן שטיל געחלומט אין די האַמאַקן, די אַנדערע האָט דער ברעג, וואָס זיינע ווייסע שוימבלאָזן האָבן אַריבערגעגלאַנצט פון האָריזאָנט, געצוינגן און געלאָקט צום באָדן אָדער צו שיפן זיך. די רויקע האָבן געהאַט הנאה פון זוכן אויפן שטראַנד מושלען: די דרייסטע די טעמפּראַמענטפולערע פלעגן זיך פאַרוועטן מיט

די קוטשערס און רייטקנעכט, אַז זיי וועלן בענדיקן יונגע פערד־באַוועגונס־פרייהייט איז געווען אַ געזעץ פאַר אַלע.

דער טונקעלער שפּייזע־זאַל, וואו די מוטער און דער זון זײַנען יאָרנלאַנג געזעסן שווייגעדיקע איינער קעגן אַנדערן, פּלעגט איצט יעדן אָוונט זײַן פול מיט לעבנסלוסטיקער יוגנט; די ראַפּינירטע מאכלים פון פראַנצויזישן קוכער, דער רוישענדער סעקט וועלכן דער שר־המשקים האָט אָן אַן אויפהער געגאָסן אין ד' גלעזער, האָט שטאַרק געהויבן די לעבעדיקע שטימונג. ווי נאָר עס פלעגט זיך דערהערן די צערטלאַך אָנציִענדיקע טענער פון דונאַי־וואַלס, תיכף האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטאַרקער רוקן פון שטולן און צענדליקער פּאָרלאַך האָבן זיך געטראָגן אין דער לופט איבערן הויכן ווײַסן זאַל. אַ סך שמאָלע שפּיגלען, אײַנגעפאַסט אין גאָלדענע ראַמען, באַקרוינט מיט אַמאָרעטן (ליבעסגעטער) האָבן אָפּגעשפּיגלט דאָס בילד פון משונהדיקע ווילדע טענצער, בעת עטלאַכע פון אַלטקײַט בלינד געוואָרענע שויבן האָבן נאָך כלומרשט אין דער שטיל באַהאַלטן די זכרונות אָן די ראָקאָקאָ־פּאָרלאַך, וועלכע האָבן זיך דאָ אין זעלביקן זאַל געדרייט און געוויקט אין מענועט (אין דעם לאַנגזאַמען טריט בײַ טריט טאַנץ). מיט אַ שטילן קלאַנג האָבן זיך די קרישטאָלענע קאַנטן פון די היינגלײַכטער געקלאַפּט איינער אָן אַנדערן און די ליכט האָבן געפלאַקערט אין טאַקט, ווי אויך אין זיי זאָל דער טאַנץ האָבן אַרײַנגעבראַכט לעבן: אַ צײַט לאַנג האָבן זיי זיך נאָך באַוועגט אַהין און אַהער נאָך דעם ווי די הייסע אָבער ריחות־פולע זומערנאַכט האָט פאַרנאַרט די טענצער דורך די ברייט פונאַנדערגעעפנטע טירן אין דעם האַלב פינסטערן פּאַרק. דאָ זײַנען געווען שיינע גאָרטנבײַדלאַך און ווײַסע ביינק צווישן די זשאַסמין־ביימלאַך און אויף די שטילע פישטײַכן קליינע שיפלאַך. ערשט שפּעט אין דער נאַכט, בעת דער פײַכטער

נעפּל האָט געמאַכט ציטערן די באַקעטע אַקסלען פֿון די פֿרויען אונטער די שפּיצן־קליידער, ערשט דעמאָלט זײַנען די פֿורגאָ, לענער איינוואָנער געגאַנגען שלאָפֿן.

מיט דער גרעסטער קראַפֿט האָט מיך דאָס לעבן אָוועקגע־ריסן אין זיין ווירוואַר. די יוגנט און די לעבנסלוסט האָט טאַקע באַלד מנצח געווען, און דער גענוס איז געוואָרן דאָס ציל, דער זעלבסט צוועק. קוקנדיק אויף דער גרויסער רייפער מיידל האָט קיינער נישט געקלערט מכח אירע פערצן יאָר, אַלע האָבן מיך באַטראַכט אַלס אַ דערוואַקסענע יונגע פרייליין, דערצו נאָך די הויז־טאָכטאָר, און די גאַנצע מענער־יוגנט, וועלכע איז געקומען אין שלאָס דהאָט געטיילט די קאָמפּלימענטן און די ליבע־אויס־דרוקן צווישן דער לוסטיקער הויז־פרוי און איר שוועסטערן־טאָכ־טער. צייטנווייז, דאָס האָב איך גוט געזען, בין איך געווען פאַר דער מומע, — וועלכע איז געוואוינט געווען צו זיין דער מיטל־פּונקט פון דער געזעלשאַפט—ווי אַ דאָרן אין אויג. דאַן האָט זיך אָנגעהויבן יענער שטילער פרויען־קאַמף פאַרן ערשטן פּלאַץ, וועל־כער ווערט געפירט מיטן גאַנצן געווער פון דער קאָקעטעריע און רעגט נישט ווייניקער אויף ווי דער קאַמף פון די מענער און פעכטזאַל אָדער ביים האַזאַרד־שפּיל. האָט מיין יוגנט טריומפירט איבער איר גראַציע און איר וויץ, פלעגט זי מיך פלוצלונג באַ־האַנדלען, ווי אַ קינד, וואָס אַלס שטראָף נעמט מען איר נישט מיט בעת די גרויסע אַמוזירן זיך: „דאָס קינד״ אָבער האָט גאָר גע־שווינט איבערגענומען אירע פעדאַגאָגישע איינפאַלן. אייזמאָל האָט מען מיך אויסגעשלאָסן פון אַ דאַמפער־אויספלוג ווייל ס׳איז כלומרשט קיין פלאַץ נישטאָ, האָט זי געזאָגט. אין מאָמענט אָבער, וואָס דאָס שיף האָט פאַרלאָזן דעם ברעג, בין איך אָנגע־קומען רייטנדיק אויף אַ פערד אין דער באַגלייטער פון דעם

געשיקסטן קיראַסירער־לייטענאַנט, צו וועלכן — דאָס האָב איך גאַנץ גענוי געוואוסט — מיין מומע איז שוין גאָרנישט געווען גלייכגילטיק — אָן אַנדער מאָל — בעת זי האָט מיך געוואָלט איבער־ראַשן מיט איר נייער פּאַריזער טואַלעט, האָב איך מיר גאַנץ געשווינט צונויפגעשטעלט אַ פאַנטאַסטישן שמוק פון ברושניצעס אויף מיין ווייסן קלייד און אין מיינע שוואַרצע האָר און האָב דערמיט געצויגן אויף זיך די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט ס'האָט זיך גראָדע דאַמאָלט געערעדט מכּח אַ גרויסע דאַמפּפער־רייזע, וואָס דער קאָנסערוואַטיווער פאַריין פון אונזער קרייז האָט גע־זאָלט צוזאַמען מיט זיינע דאַמען מאַכן דורכן פרידריכס־קאַנאַל צום מאָרברוך. מיר האָבן זיך אַלע זייער געפרייט צו האָבן די מעגלאַכקייט זיך צובאַקענען מיט אַ שטיק אַלטליטווישן לאַנד און לעבן.

— אַ שאָד, וואָס אַליקס מוז בלייבן אינדערהיים — האָב איך פלוצלונג דערהערט די הויכע, שאַרפע שטים פון מיין מו־מע — נאָר פערזענלאַך איינגעלאַדענע קאָנען זיך אין דעמדאָזיקן אויספלוג באַטייליקן.

טרערן פון פאַרצווייפלונג און פאַרדרוס האָבן זיך מיר גע־שטעלט אין די אויגן. דער פעטער וואַלטער, וואָס האָט קיין אַנונג נישט געהאַט פון דעם גאַנצן צוזאַמענהאַנג, האָט מיך אָנגעקוקט און אַריבערגעשריען איבערן טיש:

—באַרויק זיך, אַליקס, ס'איז נישט מער, ווי אַ פאָרמאַליטעט און איך וועל עס גאַנץ געשווינט ערליידיקן.

דער מומעס געררייצטע שטימונג אויפן אַנדערן טאָג האָט מיר דייטלאַך באַוויזן, אַז צווישן פּאָר פּאָלק איז פאָרגעקו־מען אַ סצענע און דער נצחון איז געווען נישט אויף איר זייט. די אָפיציעלע איינלאַדונג האָט מען מיר איבערגעגעבן מיט אַ

מין איראָניע, און איך האָב נישט געקאָנט פאַרבאָרגן דעם לייכטן שמייכל מיט וועלכן איך האָב דערביי אַ קוק געטאָן אויף מיין מומע.

אינדערפרי פון גרויסן טאָג זיינען מיר אין צוויי פורשפּאַניקע קאַרעטעס געפאָרן אין דער קרייזשטעט לאַביאו.

קוים האָט זיך דערהערט דאָס קלאַפּן פון די קאַרעטעס איבערן צובראָכענעם ברוק, האָבן זיך גלייך אויפגעריסן אַלע פענצטער פון רעכטס און פון לינקס און נייגיריקע אויגן האָבן לאַנג נאָכגעקוקט נאָך די באַרימטע פירגאַלענער געשפּאַנען. די מענטשן אויף די גאַסן האָבן זיך אויפגעשטעלט, אַראָפּגענומען די היטלען אָדער זיך געבויגט אין דרייען מיט גרויס רעספּעקט. ביים ברעג, וואו דער דאַמפער האָט זיך שוין געבלאָזן און געסאָפּעט האָט די גאַנצע מענגע איינגעלאַדענע געסט געוואַרט אויפן פאַרנעמסטן מאַן, אויפן פאָרזיצער פון קרייז, דעם גרויסן ערד-באַזיצער, וואָס איז נאָר וואָס געווילט געוואָרן אַלס קאַנדידאַט צום רייכסטאָג. אַלע האָבן אַרומגערינגלט אים און זיין פרוי, איך בין געשטאַנען אָן אַ זייט און מיט שטילער איראָניע באַטראַכט די גאַנצע געזעלשאַפט. די פרויען, כמעט אַלע, הויך און מאָגער אויסגעפוצט אין זיידענע שטאַטסקליידער, איבער די קאַנטיקע פנימער און גלאַטע פאַרקעמטע קעפ קליינע קאַפּאָטהיטעלאַך, מיט אַלע צייכנס פון אומבאַקוועמלאַכקייט בעת מען איז אָנגעטאָן נישט לויטן וועטער און נישט צוגעפּאַסט צו דער צייט. די מיידלאַך, שקאַרלאַטרויטע פון אויפרעגונג, און שטאַרק אָנגעקראָכמאַלעטע קאַרטאָנקליידלאַך, באַוולנע הענטשקעס אויף די הענט, קלינגענדיקע בראָסלעטקעס אויף די ברייטע אָרעמס, זיינען געשטאַנען צונויפגעפרעסט אין איין קופּע, צושראָקענע, ווי זיי וואָלטן זיך מוזן באַשיצן קעגן די אָנגריפן פון די מענער. יענע האָבן זיך אויס-

געשטעלט אַלע אָנגעטאָן אין שוואַרצן איינער קעגן אַנדערן, נאָר וואו נישט וואו האָט אַ מונדיר פון עפּעס אַ מין רעזערוו־לייטענאַנט געשטערט דידאָזיקע פינסטערע דהאַרמאָניע. אַ שוידער האָט מיך אַרומגעכאַפּט, גאַנץ אַנדערש האָב איך זיך פאָרגעשטעלט די גאַנצע זאַך, האַסטיק האָב איך גלייך ווידער געוואָלט אַריינשפּרינגען אין אונזער קאַרעטע, אין דעם מאָמענט האָט זיך אָבער דער פעטער וואַלטער אויסגעדרייט צו מיר און געזאָגט:

—דערלויב מיר דיר פאָרצושטעלן עטלאַכע פון די הערן: הער פאָן טרעבין, פאָן וואוזעלאַוו, פאָן וואַרען־לויקישקן.

—אַזעלכע אַלטע מענער און אַזוינע פויערים!—האָב איך אַ טראַכט געטאָן בעת מיין בליק האָט סעקונדענלאַנג געקוקט אויף זייערע רויטע הענט.

—אַ, איר זיינט אויך דאַ, מיין ליבער ראַפּ, — האָב איך דערהערט דעם פעטערס אויסרופן מיט אַ געלעכטער, — סוף כל סוף האָט איר זיך דאָך געפּאַסט און געקומען אין אַ דאַמען־געזעלשאַפט ?!

געשווינט האָב איך מיך איבערגעדרייט צו דעם בעל־דבר: דאָס איז, הייסט עס דער פרויען־פיינט, מיט וועלכן די מומע עממאַ האָט נאָר וואָס געזאָגט אין קאַרעטע, אַז ער איז דער איינציקער, וואָס אינטערעסירט איר. זי האָט זיך אָן שום ספק פאָרגענומען אַרויפצופירן דעמדאָזיקן וואונדערלאַכן בזיר אויפן דרך־הישר און אָנצוקניפּן מיט אים פריינטשאַפטלאַך — שכנישע באַציונגען. מיר איז שוין לגמרי נישט אַרויפגעקומען אויפן געדאַנק פון דאַנען צו אַנטלויפן און צוזאַמען מיטן גאַנצן מענטשן שטראָם האָב איך זיך אויך געטראָגן איבערן שיף־שטעג צום דאַמפער, די לאַביוער שטאָט קאַפּעלע דהאָט קאָנצערטירט און

עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי אַלע שטומע, פֿאַרטעמפּטע פֿלייטן, טרומייטערס און אַנדערע מוזיקאַלישע אינסטרומענטן זיינען זיך צונויפגעקומען דאָ אויף אַ „ראַנדעי-וואו" און פֿון צווישן די גרינע בלעטער קרענץ האָבן אַרויסגעקוקט די פּיל-פֿאַרביקע פּאַפּיר-בלומען. דער קליינער שיף האָט קוים געקאָנט אַרויפֿנעמען אַלע איינגעלאַדענע געסט. די מיוחסים, צווישן זיי אויך מיינע קרובים, האָט מען פֿאַרבעטן צו אַ געדעקטן טיש, אויף וועלכן עס איז געשטאַנען אַ רונדער בלומענטאָפּ איינגעוויקלט אין ווייסן פּאַפּיר. אַלע איבריקע האָבן זיך אין איילעניש פֿאַרכאַפּט פּלעצער. ווי איבערגעשראָקענע פֿייגל זיינען די מיידלאַך אַרומגעלאָפֿן הין און צוריק, ביז זיי האָבן סוף כּל סוף געפֿונען עפּעס אַ ווינקל און זיך צוזעצט צוגעפּרעסט איינער צו דער אַנדערער. איך בין רויק שטיין געבליבן. לויפֿן און שמאַיען איז מיר תּמיד געווען אַנטיפּאַטיש און אַריינשפּאַרן זיך אַבי וואו, האָב איך אויך נישט ליב געהאַט. דאָס שיף האָט זיך שוין גערירט פֿון אָרט בעת איך האָב דערזען נעבן מיר דעם הער פֿאָן ראַפּ, וועלכער האָט זיך ווי עס שיינט נישט געקאָנט אַנטשליסן אין וואָס פֿאַר אַ ווינקל צו אַנטלויפֿן פֿון זיינע דם-שונאים—די פֿרויען.

—מיר זיינען ליידנס-חברים, — האָב איך זיך צו אים געווענט—מיר שיינט, אַז אין קאַיוטע זיינען פֿאַראַן שטולן, ווילט איר אַזוי פֿריינטלאַך זיין מיר איינעם ברייננען ?

ער איז צוריקגעקומען מיט צוויי, אַלס העפֿלאַכער מאַן האָט ער מיר נישט געקאָנט לאָזן אַליין. מיר האָבן זיך אונטערגעהאַלטן אין אָנהייב אַ ביסל שטייף און באַלד אָבער גאַנץ לעבעדיק. דער קליינער מאַן מיטן פּריצייטיקן פּליך האָט גוט אויסגענוצט זיין דאָרפֿישע איינזאַמקייט: ער איז געווען באַלעזן — און וואָס ס'איז נאָך מערקווירדיקער פֿאַר דערדאָזיקער סביבה — ער

האָט אָריגינעל געדיינקט איבער וועלט און מעגטשן. וואָס איך האָב געפּלאָנעוועט—כדי צו דערצערנען דער מומע און גוט פאַרברייינגען די צייט—האָב איך תיכף פאַרגעסן,—אַזוי שטאַרק האָט מיך פאַר אינטערעסירט אונזער געשפּרעך. אונטערן העלן זונענשיין האָבן מיר זיך לאַנגזאַם געטראָגן לענגאויס דעם פרידריך-קאַנאַל דורכן טונקל-גרינעם מאָברוך, פאַרביי נידעריקע הייזלאַך, אַרום זיי פאַרדאַרטע פּרוכטביימלאַך פאַרביי אַגילא און אינוועגט, אוראַלטע ליטווישע ישובים, וואו די שטרויענע דעכער זיינען כמעט גלייך מיט דער ערד און די קליינע סטרופיקע פערדלאַך, וואָס זיי גיט אָפּ דער ליטווינער זיין גאַנצע צערטלאַכקייט, שפּרינגען לוס-טיק אַרום צווישן די מחנות שמוציקע באָלאָנדקעפּיקע קינדער. מיין שכן האָט גוט געקאָנט דאָס לאַנד און די מענטשן. ער האָט געוואוסט צו דערציילן מכח די האַרטע קאַמפן קעגן די אָרדנס-ריטער—וועלכע האָבן זיך געענדיקט מיט דער הכנעה פון די ליט-ווינער ערשט דאַן, בעת די צאָל פון זייערע מענער האָט דער-גרייכט דאָס קלענסטע מינימום. ער האָט געקאָנט אַלע זייערע וואונדערלאַכע מנהגים וועלכע זיינען נאָך געבליבן פון די צייטן פון געצנדינעריי. אַ העפטיקער שטויס, פון וועלכן אונזער דאַמ-פער האָט אַ ציטערגעטאָן האָט איבערגעריסן זיינע שילדערונגען. מיר זיינען שטיין געבליבן, אומזיסט האָט געאַרבעט די מאַשין, דער קאַפּיטאַן, וואָס האָט זיך מודה געווען, אַז ער איז דאָ נאָך קיינמאָל נישט געפאָרן, האָט פאַרלוירן דעם קאָפּ און דער גוואַל-דיקער ליאַרם האָט קיינעם נישט צוגעצויגן צום ברעג נאָר די קליינע קינדער.

— זעצט זיך אויף אַ שיפל און פאָרט אַריבער אויף יענער זייט — האָט מיין פעטער געעצהעט דעם קאַפּיטאַן. מיטן אויסרייד, אַז ער וועט זיך מיט ליטווינער נישט קאָנען פאַרשטענ-דיקן.

—לאָמיר אים באַגלייטן — האָב איך אַנטציקט געזאָגט פֿון דער אויסזיכט אַ ביסל אַ שסיף צוטאָן, גאַנץ שטיל צו ראַפֿן, וועלכער האָט פֿאַר מיר בעת־מעשה דעקלאַמירט ליטווישע פֿאָלקס־לידער.

תּיכּף האָט ער זיך פֿאַרשטענדיקט מיטן קאַפּיטאַן און מאָמענטאַל בין איך שוין געווען מיט די מענער אויפֿן שיפֿל, באַגלייט פֿון אַ בייזן מורמלען פֿון די איבערגעבליבענע. צוקומענדיק צום ברעג זײַנען מיר צוגעקומען צו איינע פֿון די ערשטע הײַזער און אַז מ׳האָט זיך נישט אָנגערופֿן אויף אונזער קלאַפּן, האָבן מיר אויפֿגעריסן די טיר.

דאָס צימער איז כּמעט געווען ליידיק און אַ ביטערער רויך האָט נעשטערט אויפֿצועפֿענען די אויגן, אַ פּאָר הינער זײַנען פֿאַר אונז אַנטלאָפֿן, פֿון אַ ווינקל האָט זיך געטראָגן דאָס כרוקן פֿון חזירים, דערנאָך האָבן זיך דערהערט טריט. אַ נקבֿה מיט ווײַסע לאַנגע האָר צופֿלאָסן איבער די אַקסלען איז צו אונז צוגעגאַנגען, פֿאַרלייגט די הענט און מיט אַ מינע פֿון אַ הכנעדיקן קנעכט האָט זי געקושט דעם זיים פֿון מײַן קלייד. ראַפֿ האָט איר גאַנץ קורץ דערקלערט נאָך וואָס מיר זײַנען געקומען. זי האָט אָנגעוויזן אויף אַ באַנק אין ווינקל אויף וועלכער עס איז געלעגן אַ מאַנספאַרשוין און האָט שטאַרק געכראָפּעט.

—בעת דער ליטווין טרינקט נישט, גנבֿעט ער, און אַז ער גנבֿעט נישט, שלאָפֿט ער—זאָגט דאָס שפּריכוואָרט.

ראַפֿ איז געוואָרן אומגעדולדיק און האָט גערעדט בקול־רם.

בינו לבינו האָבן זיך די קינדער אַרײַנגעכאַפּט פֿון עפּעס אַ הינטער טיר און אַרומגערינגלט דער מוטער. און גראָבלוי אויגן ווי דער ברעג, האָבן געטאַנצט פֿיינדלאַכע פֿײַערלאַך. און וואָט בייזער ראַפֿ איז געוואָרן, אַלץ חוצפּה־

דיקער האָט זיך דאָס פֿרויענצימער אויסגעגלײַכט ביז איר קאָפּ האָט כמעט דערגרייכט דעם באַלקן פֿון שטוב.

— ווי אַ פֿאַרשאָלטענע מכשפה — האָב איך אַ טראַכט געטאָן און אַ צעשראָקענע בין איך פֿון איר אָפּגעשפּרונגען.

ראַפּ איז אָבער נישט קוקנדיק אויף איר שרעקלאַכן אויס־זען, צוגעגאַנגען צום קוימען און האָט אַ שלעפּ געטאָן דעם קאָכנדיקן קעסל צום ליכט.

— הירשן בראָטן! — האָט ער אויסגעשריען — איצט פֿאַרשטיי איך שוין, וואָס דאָ איז! איר זענט אַלזאָ יאַגד־גנבים.

מאָמענטאַל האָט זיך שוין די פֿרוי יאָמערנדיק געוואַלגערט פֿאַר זײַנע פֿיס און פֿון ליאַרם איז הער מאַן, זיך רײַבנדיק די אויגן, אויפֿגעשפּרונגען פֿון זײַן געלעגער, ס'האָט גאָרנישט לאַנג געדויערט און זיי האָבן געטאָן אַלץ, וואָס מ'האָט זיי געהייסן. אַז מיר זײַנען צוריקגעקומען צום דאַמפֿער האָט זיך פֿאַר אונזערע אויגן אַנטוויקלט אַ מערקווירדיקע פֿאָרשטעלונג: לאַנגע, שמאָלע שיפֿלאַך האָבן אַרומגערינגלט אונזער דאַמפֿער פֿון אַלע זײַטן און אין יעדער שיפֿל איז געשטאַנען אַ פֿרויענצימער און האָט גערו־דערט מיט אַלע כּוחות. אַלע האָבן זיי געהאַט איין געשטאַלט: גרויס, שלאַנק, העלע אויגן, פֿילפֿאַרביקע קליידער, אַ העמד מיט רײַכע שטיקערײַען און אַ קאָלירטע טוך אַרומגעוויקלט אַרום די ווײַסבלאָנדע האָר. זיי האָבן אַזוי גוט געקענט זייערע היימיש וואַסער, ווי דער בעסטער מאַטראָס און באַלד האָט זיך די שיף ווידער אַ לאָז געטאָן און איז רויק נאָכגעגאַנגען נאָך די שיפֿלאַך געפֿירט פֿון די פֿרויען. ביסלאַכווייז איז זייער צאָל אַלץ קלענער געוואָרן און געבליבן איז בלויז די גרויהאָריקע אַרורה, אויף אָנצעווייזן דאָס אָרט וואו ס'האָט געוואַרט אויף אונז אַ גוט איינ־געאָרדענטער מיטאָגס־טיש. באַלד איז זי אויך נעלם געוואָרן פֿאַר־זיכערנדיק אונז, אַז איצט וועלן מיר שוין אַליין געפֿינען דעם

דיכטיקן אָרט. פון דערוויַיטנס האָבן מיר נאָך שפּעטער געהערט די געשרייען און געלעכטער מיט וועלכע די פֿאַרבליבענע האָבן מקבל־פּנים געווען זייערע צוריקגעקומענע חברטעס. צו אונזער מיטאָג עסן זייַנען מיר אָבער נישט צוריקגעקומען—די אַלטע האָט זיך נוקם געווען דערפֿאַר, וואָס מיר ד׳האָבן געכאַפּט די יאַגד־גנבות. אונזער שיף האָט אמת געהאַט פּראָוויאַנט; מ׳האָט אָבער מער געטראַכט מכח דורשט, ווי מכח דעם הונגער פון די פּאַ־סאַזשירן. שטיל און לאַנגזאַם האָט זיך אונזער דאַמפּער געגליטשט אין דער פֿאַרחלומטער שטילקייט פון דער ענדלאָזער גלייכמעסיק גרינער איינזאַמקייט.

אַ מאָדנע זאַך, ווי ווייניג מענטשן ס׳קאָנען געניסן שווייגנדיק. דער באַגריף זיך אַמוזירן דריקט זיך ביי ס׳רוב מענטשן אויס אין פּלאַפּלען, און בעת דער צונג אָדער די הענט זייַנען נישט באַ־שעפטיקט רופן זיי דאָס לאַנגווייליק. שעהן לאַנג בין איך געזעסן שטיל און האָב זיך צוגעקוקט, ווי ווייט עס גיסן זיך צונויף דאָס גרינקייט פון די לאָנקעס מיטן בלויקייט פון ד׳הימל... און איך האָב געחלומט מכוח גאַנץ אַנדערע מענטשן, ווי די וואָס אַרום מיר, פון מענטשן, וואָס פֿאַרקערפּערן די קולטור פון זייער צייט, מענטשן וואָס נאַטור, קונסט און וויסנשאַפֿט איז דער וויכטיקסטער אינהאַלט געגנשטאַנד פון זייער לעבן, פון זייער דענקען און זייער אונטערהאַלטונג.

ראַפּס שטים ד׳האָט מיך אויפגעוועקט פון מייַנע חלומות. איך האָב געשמייכלט: דער קליינער מאַן מיטן פליך אויפן קאָפּ איז זיכער צווישן די אַלע געווען דער בעסטער, ער האָט אָבער אויסגעזען, ווי אַ פּויער, און צו מיין באַגריף וועגן מענטשן מיט קול־טור ד׳האָט מען געדאַרפֿט ד׳האָבן אַן אויסזען פון אַ בן־מלך.

ס׳איז שוין געווען בין־השמשות, אַז מיר זייַנען אַרויף אויפן

נעמאָניען, אַ ברייטער שטראָם, וואָס זיינע וועלן זיינען געפלאָסן אַזוי ווייך און מעלאָדיש, ווי זיין נאָמען. געפירט פון אַ מאַטראָס האָבן מיר דערגרייכט דעם ברעג. גרויס און רויט האָט זיך די זון פאַמעלאַך אַראָפּגעלאָזן הינטערן שמאָלן, געלן פּאַס פון טאָל, אויסמאָלנדיק אויפן וואַסער אַ לאַנגן גאָלדענעם וועג.

— דער וועג צום הימל — האָט געזאָגט ראַפּ, אַנטציקט נישט ווייניקער ווי איך פון דעם וואונדערבאַרן בילד. — צוויי פישער-קינדער פון נעמאָניען האָבן זיך איינמאָל אין אַן אָוונט אַוועקגעלאָזן אויפן דאָזיקן וועג. אין דערהיים פלעגן זיי כסדר כאַפּן קלעפּ און קללות, האָט זיך זיי פאַרגלוסט צום ליבן גאָט, צוריק זיינען זיי שוין נישט געקומען — צו האָבן זיי אים אָבער געפונען?!

ווי מיט אַ קויל אין האַרצן האָט ער מיר מיט דערדאָזיקער ספקות-פראַגע געטראָפן, אויפגעריסן מיינע אַלטע וואונדן.

—איך בין דערין מסופק—האָב איך געענטפערט און מיינע ליפן האָבן געציטערט.

און ווידער האָבן מיר ביידע געשוויגן.

די נאַכט האָט זיך אָנגערוקט, די שטערן האָבן געגלאַנצט פון בלויען ד׳הימל אַראָפּ און דער לבנה-סערפּ האָט געשאָטן אויפן ברעג לויטערע פּערל. צו אַזאַ לאַנגער נסיעה זיינען מיר נישט געווען צוגעגרייט, פאָן ראַפּ ד׳האָט מיך צערטלאַך איינגעוויקלט אין זיין מאַנטל און האָט מיר געבראַכט טיי און ווײַן.

נאָך האַלבע נאַכט זיינען מיר ווידער געווען אין פּאָרט פון לאָביאַי. איך בין געווען שטאַרק מיד און האָב בלויז געפילט ווי עמיצער דריקט מיר די האַנט און איך ענטפער דערויף גאַנץ הערצלאַך. שוויגנדיקע זיינען מיר אַהיים געפאָרן.

אויפן אַנדערן טאָג ד׳האָט זיך דער פעטער וואָלטער גע-

רייצט מיט מיר מכּה מיין גרויסן „נצחון“ בעת די מומע עממאַ האָט פאַרזיכערט, אַז איך האָב זיך קאָמפּראָמעטירט. נאָכמיטאָג איז צו אונזער טויער צוגעפאָרן אַ קאַרעטע און פון איר איז אַראָפּ פאָן ראָפּ אָנגעלאָדן מיט אַ בוקעט רויזן. ער האָט זיך געפילט אַ סך ערגער פון מיר און האָט אין דערדאָזיקער סביבה אויסגע־זען זייער דעמאָקראַטיש. אין משך פון דער גאַנצער וואָך איז ער כסדר געקומען יעדן טאָג. איך פלעג גאַנץ אָפט אַנטלויפן, אָבער אויף די אָפּגעלעגנסטע וועגן צו פוס און רייטנדיק פלעגט ער מיר אָניאָגן און סוף כּל סוף האָט מיר זיין נאָענטקייט אָנ־געהויבן צוגעפעלן. קומענדיק איינמאָל אינדערפרי אויפן טעראַסע צום פרישטיק האָב איך געפונען דעם פעטער און דער מומע ממש זייער לוסטיקע. דער פאָן ראָפּ האָט געבעטן מיין האַנט. האָבן זיי אויפגעשריען: איך בין געווען דערמיט זייער שטאָלץ, ס'האָט איינפאַך געקיצלט דער געפיל פון מיידלשער פוסטקייט. דער ער־שטער נצחון און נאָך פאַר פופצן יאָר!

דער מאַמעס מוסר־זאָגן האָט נאָך פאַרשטאַרקט מיין עגמת־נפש, מיין קאָקעטירן האָט זי געזאָגט איז שולדיק אין דער גאַנ־צער מעשה. איך בין געווען זייער אומגליקלאַך, און האָב זיך פאָרגעשטעלט דעם צושטאַנד פון דעם אָפּגעזאָגטן אין אַזעלכע פינצטערע פאַרבן, אַז איך האָב געהאַלטן פאַר מיין חוב אים צו ראַטעווען, איך האָב ביי אים געוואָלט מחילה בעטן, אין דער־שטיל מיט אים תנאים שרייבן, שווערן אים אייביקע טריישאַפט.

ווען גאָט איז נאָך געשלאָפן האָב איך געהייסן אָנזאָטלען די „ווייסע דאַמע“ און אין פייכטקאַלטן סעפטעמבער פרי־מאָרגן האָב איך זיך רייטנדיק אַוועקגעלאָזט צו אים. פאַר דער טיר פון שטאַל בין איך אַראָפּגעשפרונגען פון פערד, אַ וואָרף געטאָן די לייצעס דעם ערשטן דינער, וואָס איז צוגעלאָפן צו מיר אַ פאַרוואונדערטער, מיין האַרץ האָט ווילד געקלאַפּט בעת איך האָב

אַ צי געטאָן דעם גלאָק ביי דעם איינפאַכן איינשטאָקיגן באַלאַ-באַטישן הויז. ווי העלדיש בין איך מיר פאָרגעקומען, ווי אומגע-הייער גרויס איז געווען דער קרבן וועלכן איך האָב געבראַכט! אַ דיקע עקאָנאָמקע איז מיר אַרויס אַנטקעגן! זיך יענקענדיק האָב איך געפרעגט אויפן באַלעבאָס. מיט אַן אָפענעם מויל האָט זי מיך באַטראַכט פון קאָפּ ביז פיס און מאָמענטאַל איז זי פאַר-שוואונדן. כמעט אין דעמזעלבן אויגנבליק איז ראַפּ געשטאַנען פאַר מיינע אויגן. שרעקלאַך צוטומלט האָב איך בלויז געקאָנט אַרויסריידן די ווערטער:

—זייט מיר מוחל. — און געפאַלן אין חלשות.

ער האָט געבראַכט אַ גלאָז וויין, און בעת איך האָב גע-טרונקען האָט ער אין מיר אַריינגערעדט שטיל. אָבער מיט אַ שאַר-פער שטים:

—איך קאָן אייך נאָר ראַטן, וואָס גיכער אַריין צוריק אין קינדער-צימער שפילט זיך לעת-עתּה מיט ליאַלקעס און נישט מיט מענטשן!

לאַנגזאַם און צומאַטערט בין איך צוריקגעפאָרן קיין פּיר-גאַלען.

מיין שפּאַציר-רייטן און זיין ציל איז פאַר קיינעם נישט פאַרבליבן קיין סוד, אַפילו מיין פאָטער האָט דערפון געוואוסט, אַז ער איז אויף אורלויב געקומען קיין פּירגאַלען.

—צו האָסטו גאָר קיין חרפּה, קיין בושה נישט?—האָט ער געשריען מיט אַ ווילדן כעס.

די באָבע האָט פראָבירט מיך צו פאַרטיידיקן, אָבער איר שטענדיקע שטילע זאָרג וועגן מיר דהאָב איך תמיד געשפּירט, ווי אַ פאָרוואורף. איך האָך זיך אַזוי געשראָקן, אַז זי די פרומע קריסטן, וועט מיך באַלד אָנהויבן פרעגן מכּח מיין נשמה-צושטאַנד און דערמיט וועט זי ביי מיר אַרויסרופן אַזעלכע שמערצן און

זכרונות, וועלכע איך ד'האָב געוואָלט האַלטן טיף, טיף באַגראָבן אין זיך און דעריבער האָב איך אויך איצט אויסגעמיטן צו בלייבן מיט איר אַליין. דער טרויעריקער בליק מיט וועלכן זי האָט מיך אָנגעקוקט האָט מיר שוין גענוג וויי געטאָן.

איך האָב פריי אָ:געאָטעמט, אַז מיר האָבן פאַרלאָזן פיר־גאַלען. אין אַ קורצע צייט אַרום ד'האָב איך זיך צושיידט מיט מיינע עלטערן און איבערגעפאָרן קיין אויגסבורג צו מיין פאָטערס שוועסטער, וועלכע האָט גענומען אויף זיך די אויפגאַבע צו פאַר־ענדיקן „מיין ערציונג". מיר איז לגמרי געווען אַלץ איינס...

VI.

ווידער איז עס געוועזן אַן אָקטאָבער-אָוונט, ווי מיט ניין יאָר צוריק, בעת איך בין אָנגעקומען קיין אויגסבורג. דאָס מאָל אָבער האָט מיך די מומע אַליין מקבל פּנים געווען ביַים וואָקזאַל. איר הויכע, שטאַרקע פיגור האָט אויסגעזען באַצויבערט אין דער זילבער-גרויער קלייד; פון אונטער דעם גרויסן גרויען פעדער-הוט האָבן אַרויסגעקוקט די געדיכטע רויטע לאָקן, שטאָלבלוי האָבן געגלאַנצט אירע אויגן אין דעם וויַיסן געזיכט. קיינמאָל האָב איך נישט פאַרשטאַנען ווי איצט, אָפּצושאַצן די שיינקייט פון דערדאָזיקער רייפער פרוי. אַז אונזער קאַרעטע האָט דערגרייכט דעם קעניגספּלאַץ, וועלכן איך האָב אַמאָל געזען אַלס אַ ווילדן זאַמד-מדבר, די לעצטע גאָלדשטראַלן פון דער הערבסט-זון האָבן זיך געשפּילט מיט די פילפאַרביקע בלעטער פון זיַינע בוימער און פאַלנדיקע טראָפּנס פון זיַינע פאָנטאַנען און נישט אין דער שמאָלער גאַס, צום אַלטן פינסטערן הויז זיַינען מיר צוגעפאָרן, — נאָר פאַר אַ פּאַרק, וואָס זיַין בלומענפּרוכט האָט חוזק געמאַכט פון

הערבסט, האָבן זיך געעפנט די ברייטע טויערן און פון צווישן די אַלטע לינדענביימער האָבן אַרויסגעקוקט די העלע ווענט פון אַ בנין, וואָס האָט מיט זײַן גרויסאַרטיקייט דערמאָנט אָן די אַלט־איטאַליענישע ווילעס. קיינמאָל האָב איך נאָך דעמדאָזיקן בנין נישט געזען, געהערט אָבער האָב איך וועגן אים נישט ווייניק, ווײַל מײַן פֿאָטער איז לחלוטין נישט מסכים געווען דערצו, וואָס זײַן שוועסטער האָט פֿאַרקויפֿט דאָס אַלטע שטאָטישע הויז און האָט אַרײַנגעלייגט אַ גרויסע סומע געלט אין דעמדאָזיקן גוט, וואָס האָט ווי אַ סך אַנדערע ענלעכע לאַנדהייזער, געדינט אַלס זומער־וואוינונג פֿאַר שטאָטנאַראָנים, די אויגסבורגער פֿאַטריציער. גלײַך בײַם ערשטן אַרײַנטריט האָט מיך די אַטמאָספֿער פֿון שיינקייט און רײַכטום אַרומגעכאַפּט ווי אַ ווייכער, לײַכטער מאַנטל. דאָס שטראַלנדיק באַלויכטענע הויז מיט די עקזאָטישע פֿלאַנצן, האָט אויסגעזען, ווי אַ פֿאַלמען־גאָרטן, און דער זיסער ריח וועלכער האָט אָנגעפֿילט די גרויסע צימערן, האָט מיך פֿאַרשכורט. מיך האָט מען אַרויפֿגעפֿירט אויפֿן צווייטן שטאָק, אין מײַנע צימערן: אויך דאָ איז געווען בלומען און אַ סך ליכט אין פֿריילאַכע פֿאַרבן. אין די צימערן האָב איך פֿאַרגעסן אָן אַלע דאגות פֿון מײַן עלטערן־הויז און פֿון אַלע האַרץ־און געוויסנס־שמערצן, וועלכע האָבן מיך אַזוי געדריקט. צופֿרידן און דאַנקבאַר האָב איך זיך אין אָוונט געטולעט צו די ווייכע קישנס פֿון מײַן בעט.

ס׳האָט נאָר וואָס אָנגעהויבן צו טאָגן, האָט מען מיך אויפֿ־געוועקט.

—די באַראָנעסע פֿאַרלאַנגט, אַז דאָס גנעדיקע פֿריילין זאָל פֿרי אויפֿשטיין—האָט געזאָגט דאָס מאַמזל,

נישט ווייניק פֿאַרוואונדערט, האָב איך זיך אַ הייב געטאָן און צוגעהויבן אויספּאַקן מײַנע זאַכן. דער הונגער האָט מיך

באַלד אַראָפּגעטריבן אונטן; איך האָב מיר געגומען אין קיך אַ זעמל, ווײַל ביז צום פֿרישטיק האָט מען נאָך געדאַרפֿט וואַרטן אַ גאַנצע שעה. ענדלאַך איז געקומען דער דינער מיטן טײ־וואַסער און דאָס קלאַפּן פֿון הויכע אָפּצאַסן און דאָס רוישן פֿון זײַדענע רעק האָט געמאָלדן דאָס אָנקומען פֿון דער מומע, אָנשטאָט אַ גוט־מאָרגן האָט זי זיך מיר פֿונאַנדערגעלאַכט ממש אין פּנים אַרײַן.

—יאָ, אָבער ווי זעסטו אויס?! אַזאַ שנעק און זיך אויס־געדרעקסלט, ווי אַ יונגע ווייבל אויף דער האָכצייטס־רייזע.

טיף געקריינקט האָב איך זיך פֿון פאַרדרוס געביסן די ליפּן. איך בין געווען אַזוי שטאָלץ מיט מיין ווייכן מאָרגענראָק מיטן שלעפּ, וואָס מיין פֿאָטער האָט מיר געבראַכט אַ מתנה!

—מער זאָלסטו מיר דעמדאָזיקן טעאַטער־טואַלעט נישט אָנ־טאָן!—האָט געזאָגט די מומע קנייטשענדיק דעם שטערן, —דיינע צימערן האָסטו אויפגערוימט?

מיט דערדאָזיקער אומדערוואַרטעטער פֿראַגע האָט זי ווידער אַמאָל אָנגעהויבן אַ נייער געשפּרעך, אין וועלכן איך האָב זיך נאָך מיט קיין איינציקן וואָרט נישט באַטייליקט.

— מיינע צימערן, מיר האָט זיך געדוכט, אַז איך האָב נישט גוט געהערט—אין אַזאַ עלעגאַנטישער באַלעבאַטישקייט, מיט אַ גאַנצע מתנה באַדינטע פֿון ביידע געשלעכטער דאַרף איך אַליין רוימען מיינע צימערן?!—האָב איך געטראַכט ביי זיך.

— עס איז דאָך קלאָר, ווי דער טאָג, אַז קיין קאַמער־פֿרײַליין וועל איך פֿאַר דיר ספּעציעל נישט האַלטן. אויסער דער גראָבער אַרבעט מוסטו אַליין האַלטן דיינע צימערן אין אָרדנונג. און טאַקע פֿאַרן פֿרישטיק מוז אַלץ זיין פּיקס־און פּאַר־טיק.

דער ביסן איז מיר געבליבן שטעקן אין האַלז — אַזאַ מין מעשה האָט זיך מיר לגמרי נישט געחלומט. ס'איז נאָך אָבער עפּעס בעסערס געקומען, פון אַלע שאַפעס און שופלאָדן האָט מען מײַנע זאַכן אַרויסגעשלעפּט, קיין איין קלייד, קיין איין הוט האָט נישט געפונען קיין גנאָד און קיין לײַטזעליקייט אין די אויגן פון מײַן מומע און מײַן אופן, אײַנצולייגן די זאַכן האָט זי געפונען ממש פאַר סקאַנדאַליעז. שפּעטער ד'האָט זי געפאָדערט פון מיר דעם שליסל פון מײַן שרײַב־טיש.

— אַ קינד דאַרף קיין זאַך נישט פאַרשליסן.

און ממש אַ צוקאָכטע איז זי געוואָרן דערזעענדיק מײַנע פּאָעטישע מאַנוסקריפּטן, וועלכע זי האָט געפונען אין מײַנע ליב־לינגס־ביכער מיט וועלכע איך האָב זיך פאַר קיין פאַל נישט גע־קאָנט צו שיידן.

— אַ פײַנע דערציונג! — האָט זי געשריען, — און איך קאָן מקריב זײַן מײַן צײַט און מײַנע כּוחות כּדי פון אַזאַ, פון גרונד־אויס פאַרדאָרבענע באַשעפעניש, צו מאַכן אַן אָנשטענדיקן מענטשן! איך ד'האָב געציטערט פון אויפרעגונג, קיין איין וואָרט איז אָבער נישט געקומען איבער מײַנע ליפּן, — די אײנציקע מידה, וואָס איך האָב פון מײַן מוטערס דערציונג דערפירט ביז צו דער העכסטער שטופע איז געווען די זעלבסטבאַהערשונג. ערשט אין אָוונט, אין בעט, נאָך אַ גאַנצן לאַנגן טאָג, וואו איך האָב קיין אײנציקן מאָ־מענט נישט געהערט צו זיך אַליין — פלעגט מיך באַפאַלן דער יאוש, און טײַכן טרערן פלעג איך אויסגיסן אין מײַנע קישנס אַרײַן. באַלד האָט מען מיר אָבער אָפּגענומען אויך דידאָזיקע מעגלאַכקייט זיך אויסצעוויינען. קוים האָב איך אינדערפרי אויס־געזען פאַרוויינט, אָדער אונטער די אויגן ד'האָבן זיך באַמערקט בלויע רייפלאַך, פלעגט עס אַרויסרופן ביי דער מומען דעם שטאַרקסטן צאָרן.

—אַ יונג מיידל דאַרף אויסזען פריש און בליען ווי אַ רויז — האָט זי דערקלערט.

און אַזוי ווי דערדאָזיקער באַפעל אַליין האָט ווייניק, וואָס געהאָלפן, פלעגט זי יעדן אָוונט עטלעכע מאָל אַרײַנקומען צו מיר אין צימער קאָנטראָלירן צו איך שלאָף. אויף דעם אופן האָב איך זיך גאַנץ געשווינט אויסגעלערנט די קונץ פון וויינען אין זיך. ס'איז נישט אַריבער קיין טאָג אָן זידלערײַען: האָט זי מיט איר פינגער אין אַ הענטשקע געפונען אַ שטויבעלע אויף אַ לייסט אין מײַן צימער; איז מײַנע בינדע געווען נישט גוט אויסגעבונדן, מיינע הענטשקעס נישט גלאַט אויסגעלייגט אין שופלאָד, האָבן אירע שאַרפע אויגן באַמערקט אַ פלעקעלע אויף מײַן קלייד, אָדער איך האָב געלעזן און געשריבן אין דער צײַט ווען איך האָב געזאָלט צירעווען זאָקן—האָט מיר שוין קיין צרות נישט געפעלטמײַנע בריוו, פלעגט זי פריער עפענען און איבערלייענען, אויף דעם אופן האָט זי זיך דערוואוסט, אַז איך קלאָג אויס מײַן ביטער האַרץ פאַר מײַן קוזינע מאַטילדע.

—ס'איז זייער טרויעריק, וואָס דײַנע גייסטיקע באַדערפענישן ווערן נישט באַפרידיקט און דײַנע גרויסע פייאיקייטן געפונען נישט קיין אַנערקענונג—האָט מיר מאַטילדע געשריבן.

מיט אַ בייסנדער איראָניע האָט מיר די מומע דידאָזיקע ווערטער פאָרגעלעזן און דאַן דערקלערט:

—איך דערלויב דיר נישט קיין שום קאָרעספּאָדענץ אויסער מיט דײַנע עלטערן. ס'פעלט מיר נאָך, אַז עמיצער זאָל נאָך מער אַנטוויקלען בײַ דיר דײַן נאַרישע גאוה און איינבילדונג, אָנשטאָט דעם, אַז דו זאָלסט סוף כל סוף פאַרשטיין וויפיל דיר פעלט נאָך, כדי צו ווערן אַ גוטער דורכשניטלאַכער מענטש.

זי האָט נישט דורכגעלאָזן קיין איין מיטל, כּדי מיר צו

דערפירן צו דערדאָזיקער דערקענטעניס און מיט די שוואַרצסטע פאַרבן פלעגט זי שילדערן אַלע שוואַכע זייטן פון מיין אויסבי־ דונג: די מוזיקאַלישע, די מאַטעמאַטישע און מיינע ידיעות פון פרעמדע שפראַכן. שעהן לאַנג פלעג איך מיך טאָג איין טאָג אויס אָפּקווען ביים קלאַוויר, צוזאַמען מיט ענגלישע און פראַנצויזישע קאָנווערזאַציע־שטונדן האָב איך אויך גענומען לעקציעס פונקאָכן און נייען. מיט אַ פּאָר מוסטער־עקזעמפּלאַרן פון העכסט אויס־ געבילדעטע יונגע דאַמען האָט מיר מיין מומע עקסטרע באַקענט כדי זיי זאָלן מיר דינען אַלס גוטער ביישפּיל. זיי האָבן געקאָנט פּערפעקט אַלץ, וואָס איך האָב נישט געקאָנט. זיי האָבן געזונגען און געטאַנצט, געהאָפטן און גענייט און זייערע טואַלעטן זיי־ נען תמיד געווען מוסטערהאַפטע. ס'פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב זיי נישט געקאָנט אַריבערטראָגן און אויף זיך האָב איך אָנגע־ הויבן קוקן, ווי עפּעס אויף אַ מין פאַרשאָלטענע פּרינצעסן.

איך בין געווען געבוג קלוג כדי באַלד צו באַגרייפן, וואָס איז געווען די סיבה פון מיין מומעס האַנדלונגען בנוגע מיר: אַן אומבאַגרענעצטע, פּוסטקייט, וואָס אַלע מענטשן אַרום איר האָבן מיטגעהאָלפן דידאָזיקע אייטלקייט צו אַנטוויקלען און פאַרשטאַרקן. אַזוי ווי איר הויז און איר פאַרק זיינען געווען די שענסטע, אירע קאַרעטן און טואַלעטן די עלעגאַנטסטע—אַזוי דאַרף אויך איר ברו־ דערס טאָכטער—לויטן אויגסבורגער מאַסשטאַב – זיין די פיינסטע יונגע דאַמע.

אויב מיר איז געווען שווער צו לערנען די מדות טובות פון די בירגערלאַכע פרויען און נאָך שווערער צו באַקעמפן אין זיך יענעם טיף איינגעוואָרצלטן יחוס־באַגריף וואָס האָט בשום אופן נישט געוואָלט פאַרשטיין, אַז דער פאַבריקאַנט אָדער דער באַנ־ קיר איז דערזעלבער מיוחס, איז אָבער דערפאַר די פאָליטישע

און רעליגיעזע ריכטונג פון דער סביבה געווען אינגאַנצן צוגע־
פאַסט צו מיין אַנטוויקלונג.

אין דער הינזיכט האָט מיך אויגסבורג אינגאַנצן געוואונען
און סוף כל סוף בין איך געוואָרן אַ געהאָרזאַמע תלמידה פון מיין
מומע, ווי נאָר זי האָט פאַרענדיקט מיין אויסערלאַכע איבערמאָ־
דעלירונג—אַזוי האָט מען מיך תיכף אַריינגעפירט אין קרייז פון
אירע קרובים און פריינט. וואָס ס׳האָט מיר אַמיינסטן געוואונדער
איז געווען די אמתע פשוטקייט פון אויסערלאַכן לעבן נישט קוקנ־
דיק אויף זייער אומגעהייערן רייכטום. אין אַלטן הויכשפּיציקן הויז
ביים אויבסטמאַרק זיינען נאָך געווען געשייערטע פּאָדלאָגעס און
סערווירט האָבן נאָך דינסטמיידלאַך. אין דער צייט פון די רע־
בעסאַנסמעבל און טונקעלע גאַבעלין־פאָרהאַנגען האָבן נאָך דאָ
פאַרנומען אַ גרויסן אָרט די ווייסע מילגאַרדינען און די לייכטע
האָלצשטולן. ביי די שעצלער אין הויז, וואָס זייער פּראַכטפולער
ראָקאָקאָזאַל ד׳האָט געקאָנט קאָנקורירן מיטן שענסטן קעניגלאַכן
שלאָס, האָט די באַלאַבאָסטע אַליין געבאַקט די יומטובדיקע געבעקס
און געפרעגלט די איינגעמאַכטס. ביסלאַכווייז האָב איך זיך אָפּ־
געוואוינט איבער אַזעלכע זאַכן צו פאַרדרייען דעם נאָז, די פאַר־
אייניגונג פון פלייס, איינפאַכקייט און עשירות האָט שטאַרק אימ־
פּאָנירט, און די דערקענטעניס, אַז אויסער דער וועלט פון מיין
ביזאַהעריקער סביבה, זיינען נאָך פאַראַן מענטשן, מיט וועלכע
מ׳קאָן פאַרקערן, איז געווען פאַר מיר אַ נייע עפּאָכע. נאָך שטאַר־
קער אָבער איז געווען דער איינדרוק, וואָס ס׳האָט געמאַכט אויף
מיר דאָס גייסטיקע לעבן. צווישן די אינטימסטע פריינט פון מיין
מומע איז אויך געווען דער שעף־רעדאַקטאָר פון דער אַלגעמיי־
נער צייטונג ד״ר אָטטאָ ברוין, דער אויבערבירגער מייסטער פון
אויגסבורג, לודוויק פישער, און דער גלח אינאָ־קירך, יוליוס האַ־
בערלאַנד און נאָך אייניקע — די מענלאַכע יוגנט האָט דאָ קיין

צוטריט נישט געהאַט — פֿלעגן זיי זיך ביי אונז רעגלמעסיק צונויפֿקומען איין מאָל אין וואָך. דער מוזיק־זאַל מיט זיינע גאָלד־אַרנאָמענטן, מיט זיינע רויטע זיידענע מעבל, איז געווען געווידמעט דעם וואַגנער־קולט. אין גרינעם ראָקאָקאָ בודואַר פֿלעגן זיך די פֿלוידערער צוזאַמענטרעפֿן, אין דער ערנסטער טונקעלער ביבליאָטעק אונטער דער הויכער צימער־פּאַלמע פֿלעגט אָטאָ ברוין פֿאָרלעזן.

ער איז געווען אומגעוויינלאַך, לעבעדיק, זיינע אינטערעסן זיינען הויפּטזעכלאַך געווען ליטעראַטור און זיין באַגייסטערונג פֿאַר זיינע ליבלינגס־דיכטער האָט געמוזט ווירקן אָנשטעקנד. נישט קוקנדיק אויפֿן קעגנגעוויכט פֿון דער מומע, וועלכע האָט געוואָלט, אַז מיין לעזן זאָל באַשטיין אויסשליסלאַך פֿון קינדער־ביכער, האָט ער פֿאַרשטאַנען אַוועקצושטעלן מיינע צושפּליטערטע בייגונגען אויף אַ פֿעסטן פֿוס און האָט פֿאַר מיר געעפֿנט אַזעלכע געביטן פֿון דער ליטעראַטור, וואָס זיינען געווען לחלוטין פֿרעמד נישט נאָר מיר נאָר אויך דאָס רוב פֿון לעזנדן פּובליקום. אויב איך האָב ביז איצט מיט פֿיעטעט געשלונגען די ביכער פֿון די מאָדע־דיכטער, ווי אַ הייזע, דאַן אָדער עבערס, דהאָב איך זיי איצט פֿאַרביטן מיט די קינסטלער פֿון גאָטפֿריד קעללער, קאָנראַד פֿערדינאַנד מאַיער און מאַריע פֿאָן עבנער עשענבאַך. דאָס וואָס ברוין האָט נישט געהאַט קיין פֿאַרשטענדונגס פֿאַר די יונגסטע די מאָדערנסטע, וואָס ער האָט זיך נעגאַטיוו באַצויגן צו די ראַדיקאַלע אויסלענדער ווי זאָלאַ, איבסען און די אייניקע פֿון די גרויסע רוסן, האָט אויף מיר נישט געקאָנט האָבן קיין שעדלאַכע השפּעה.

באַלד האָבן זיך מיר צוריק אויפֿגעעפֿנט אַלע וואונדן פֿון מיינע פֿריערדיקע רעליגיעזע קאַמפֿן, זיי זיינען בלויז געווען פֿאַר־

צוּגן, אָבער נישט אויסגעהיילט, און מער ווי דעמאָלט האָב איך געזוכט אַ רפואה. לויט מיין וואונטש האָט מיין מומע געבעטן דעם גלח ער זאָל מיר געבן פּריוואַטע שטונדן פון רעליגיע, ער האָט עס גערן געטאָן און אַ פּאָר מאָל אין וואָך פלעג איך גיין אין זיין שטילע הויז אויף דער פוגגער-גאַס. שעהן לאַנג פלעג איך אָפּזיצן אין זוניגן שטודיר-צימער פון דעם רויקן גוטן מענטשן מיטן פיינעם געזיכט, און די שיינע בלאָנדע באָרד מיט די ווייסע, שמאָלע געפליגלטע הענט, און זייער, זייער שווער איז אים געלונגען אַרויסנאַרן פון מיין מוראדיק פאַרשלאָסענעם אינערן אַלע מיינע ספקות און פאַרצווייפלונגען. זיין קריסטענטום, וואָס האָט אויפגעפּאַסט דעם רעליגיעזן גלויבן מער אין זין פון פאַרטרויען, ווי פון „האַלטן פאַר אמת" האָט קודם כל אויף מיר געווירקט, ווי דער איינטריט אין דער פרייער נאַטור אויף אַ מענטשן, וואָס האָט לאַנגע יאָרן געלעבט אין די מויערן פון אייַגע גאַסן.

נישט געקוקט אויף אַלע מיינע ספקות — בין איך דאָך אַ קריסט. איך האָב נישט געדאַרפט גלויבן נישט אין די געטלאַכע ניסים פון תנך, נישט אין דער מיידלשאַפט פון דער מאַמען און דאָך האָט מיך די קירך נישט אַריינגעלייגט אין חרם. וואָס איך בין הערטלאַך געווען פאַרפליכטעט צו האַלטן פאַר אמת, דהאָט בלויז געקאָנט אויפגעפּאַסט ווערן אַלס הייליקער סימבאָל — דערי־בער האָב איך פאַרן אַלטאַר נישט געשוואוירן פאַלש! מיין פאַר־שטאַנד האָט זיך דערביי באַרויקט. אויך דאָ האָב איך דערגרייכט דעם גאָלדענעם מיטל-וועג, אויפן וועלכן ס'גייען אַזויפיל, אַפילו אַלטע לייט, וואָס דאַרפן דערביי נישט זיין קיין צבועקעס, וועל־כע זיינען אָבער באַהערשט פון יענער געפערלאַכער אייגנשאַפט פון אונזער דיינק - קראַפט — פון דער באַקוועמלאַכקייט און

מאַכן אַ פּונקט דאָ, וואו ס׳הויבט זיך איצט אייגנטלאַך אָן די אמתע אַרבעט.

די באַפרידיגונג פון שׂכל האָט אָבער נישט לאַנג געקאָנט שטילן דעם הונגער פון געמיט, אינעווייניק האָב איך דערשפירט אַ פוסטקייט, אַ סך גרעסערע ווי אין דער צײַט בעת דער אַלטער, שטרייגער גאָט פון דער אָרטאָדאָקסער קירך האָט זיך נאָך נישט געהאַט פאַרוואַנדלט אין אַזאַ מילדן, פאָטערלאַכן זקן, וואָס פאַר־שווינט כמעט הינטער די ווײַטע נעפל. דידאָזיקע טרייסטלאָזע פוסטקייט האָט מיך אײַנגעוויקלט אין אַ קאַלטן שוידער. וואָס לענגער איך האָב געוואוינט אין דעם פּראַכטפולן בלומענהויז אויפן קעניגספּלאַץ, וואָס מער איך האָב זיך אונטער די אומאויפ־ערלאַך מאָדעלירנדיקע הענט פון דער מומע, דערנענטערט צו דער אידעאַלע־געשטאַלט, וועלכע זי האָט זיך געשטעלט אַלס מו־סטער. קיינמאָל האָט זי מיר פאַר זיך אַליין קיין מינוט צייט נישט געלאָזן. מיין טאָג איז געווען אַזוי גענוי אײַנגעטיילט צווישן אַרבעט און דערהאָלונג, אַז פאַר מיינע פּערזענלאַכע ביי־גונגען איז מער קיין פלאַץ נישט געבליבן. פלעגן מיך אָבער אָפטמאָל, בעת איך בין שעהן לאַנג אָפּגעזעסן איבער וועלכע עס איז האַנטאַרבעט, פלוצלונג באַהערשן די געשטאַלטן פון מײַנע חלומות און איך האָב זיך אַנדערש נישט געקאָנט פון זיי באַ־פרײַען, ווי צו כאַפּענדיק זיך צום שרײַבן, כדי מיט שטאַרקן האַרצקלאַפּן אויסגיסן אויפן פּאַפּיר אין פּראָזע אָדער אין שירים דאָס, וואָס איך האָב געשפּירט.

איינמאָל, אין פרילינג איז עס געווען, האָט די מומע גע־דאַרפט פאָרן קיין מינכען, דעמאָלט האָב איך אויסגענוצט די דערלויבניש צו מאַכן אַ וויזיט איינער פון מײַנע חברטעס, און האָב זיך אַרומגעדרייט אין שטאָט וויפל מײַן האַרץ האָט גע־לוסט. דורכגעדרונגען דורך אַ טיפער אינערלאַכער באַדאַרפע־

ביש, וואָס האָט זיך מערקווירדיק צוזאַמענגעשטעלט פֿון קינסט־לערישע און רעליגיעזע מאָטיוון, איז שוין בײַ מיר געוואָרן אַ געוואָנהייט בעת איך פֿלעג נאָך אַרויסגיין פֿון שטוב, זיך אַרײַנצוכאַפּן אין איינע פֿון די אַלטע קירכן, וואו אין נעפּל פֿון שמעקעדיקן ווײַרייך, האָב איך ווייניקסטנס געקאָנט אַ קורצע צײַט זײַן אַליין. הײַנט האָב איך זיך געקאָנט פֿאַרגינען צו בלײַבן דאָרט אַ פּאָר שעה, ווײַל דעם וויזיט האָב איך מיט אַ כּיון פֿאַרקירצט. קומענדיק אַהיים אין מיין צימער, האָב איך האַסטיק אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך דעם הוט מיטן מאַנטל, זיך געזעצט צום שרייב־טיש און אָנגעהויבן שרייבן. איך האָב געשריבן און געשריבן—נישט געקוקט, וואָס מען האָט מיך עטלאַכע מאָל גערופֿן עסן אָוונטברויט און אָנגעשריבן אַ פֿאַנטאַסטישע געשיכטע. איך האָב נישט באַמערקט, ווי ס'לויפֿן די שעהן, איך האָב נישט געהערט דער מומעס טריט הינטער מיר, ערשט אַז זי האָט זיך צו מיר אַראָפּגעבויגן און איר וואַרעמער אָטעם האָט באַרירט מײַן שטערן, האָב איך זיך אין גרויס שרעק אויפֿגעכאַפּט פֿון מײַן חלום אויף דער וואָר.

— אַזוי, איך דאַרף זיך נאָך אַ ווײַלע אָפּדרייען און עס הויבט זיך ווידער אָן די אַלטע מעשה — האָט די מומע געשריען אויסער זיך פֿון כּעס, אַראָפּכאַפּנדיק פֿון שרייב־טיש די פֿאַרשריבענע זייטלאַך. — אָנשטאַט צו מאַכן די ענגלישע לעקציע, באַשעפֿטיקסטו זיך מיט נאַרישקייטן.

שרייענדיק האָט זי צוריסן אויף פּיץ־פּיצלאַך מיין נאָוועלע וועגן קאַרדינאַל איך האָב געשפּירט, ווי דאָס גאַנצע בלוט ווערט אין מיר פֿאַרגליווערט, זיך באַהערשן האָב איך שוין נישט געקאָנט.

— דו ווילסט מיך אומברענגען, אין דער ערד אַרײַנלייגן—

האָב איך געשריען נישט מיט מיין קול.—צו דען טו איך נישט אַלץ, וואָס דו ווילסט, איך לאָז זיך אַפילו איינשליסן און קאָנטראָלירן ווי אַ פאַרברעכער? פאַרגין מיר לפחות כאָטש וויפל עס איז צו לעבן מיט מיין אייגענעם לעבן—שיינק מיר אַ פּאָר שעה, אין טאָג. אויב דיר געפעלט נישט, וואָס איך שרייב טאָ לעז עס מיר וויינקסטנס איבער, איך וועל דאָך קיינעם דער מיט נישט קוועלן.

— דאָס פעלט נאָך, אַז דו זאָלסט עס מיר נאָך בלאַמירן אַרומטראָגנדיק ווייזן דייבע שמאַרגאַלעוון!—האָט זי געענטפערט.— קיין שום טינטקלעקסענטע פרויען - צימער וועל איך ביי זיך אין שטוב נישט האַלטן. און דו ווילסט נאָך איך זאָל דיר דערויף באַשטימען ספּעציעלע פרייע שעהן! אַ פרוי דאַרף בכלל נישט לעבן פאַר זיך נאָר „פאַר אַנדערע.“

פון גרויס פאַרדרוס האָב איך זיך צו לאַכט — איך האָב געקלערט מכח דעם, ווי די מומע האָט געלעבט פאַר אַנדערע.

—איך קאָן אָבער נישט אויסהאַלטן, איך מוז אַרויסשיטן, דאָס וואָס מיך דריקט. אַנדערע טראַכטן אָבער נישט ווי דו. די באָבע איז שטענדיק געווען דערפאַר, אַז איך זאָל פאָלגן דעם אינערלאַכן צוואַנג.

— דיין באָבע, — האָט די מומע איראָניש פאַרקרימט די ליפּן—איך וויל אייגנטלאַך מיט דער אַלטער דאַמע קיין גרויסע מגע-משא נישט האָבן, דו קאָנסט אָבער טאָן עפּעס בעסערס, ווי ברייגנען דיין באָבען אַלס עדות!

אויסער זיך פון כעס האָב איך געשריען:

— די באָבע איז די בעסטע פרוי אויף דער וועלט, דער איינציקער מענטש, וואָס האָט מיך ליב און פאַרשטייט מיך.

— איך גיב צו, אַז זי פאַרשטייט דיך, ווייל זי איז אויך

אַזוי עקזאַלטירט, ווי דו. איבעריגנס עס איז גאָר קיין וואונדער נישט—ביי אַזאַ פּראָבלעמאַטישער אָפּשטאַמונג.

פון זיך אַליין האָבן זיך מיר אויפגעהויבן די פויסטן, איך האָב זיי אָבער תיכף אַראָפּגעלאָזן און מיט די נעגל געריסן מיין אייגן פלייש. מיט גרויס שטאָלץ האָב איך אויפגעהויבן מיין קאָפּ.

—יאָ, מיט דיינע אויגסבורגער קרעמער קאָן זי זיך געוויס נישט פאַרגלייכן!

אַ פייערדיקער כעס האָט זיך אָנגעצונדן אויף מיין מומעס געזיכט׳

—די רגע מוסטו מיר איבערבעטן פאַר דערדאָזיקער חוצפה!

—האָט זי געליאַרעמט.

מיט אַ גאַנצן קורצן „ניין" האָב איך זיך אויסגעדרייט און בין אַוועק צו זיך אין שלאָפצימער.

אויפן צווייטן טאָג האָט מען מיר געגעבן צו וויסן, אַז איך זאָל בלייבן אויבן ביי זיך. אויך פאַר די דינסטמיידלאַך האָט מען מיר געדאַרפט פאַרשעמען, כדי מיך צווינגען צו בעטן „מחילה". אַז עס זיינען שוין אַוועק גאַנצע צוויי טעג און איך האָב נאָך גאָר בדעה נישט געהאַט נאָכצוגעבן, איז געקומען דער גלח האָבערלאַנד. ער האָט פאַר מיר געהאַלטן אַ גאַנצע דרשה מכח דער מומעס ליבע צו מיר, איר דאגען וועגן מיין צוקונפט, מכח די גרויסע קרבנות, וואָס זי ברייגגט מיר תמיד זיך אָפּזאָגענדיק אַפילו צוליב מיר פון אַ סך פערזענלאַכע באַקוועמלאַכקייטן, וועגן אירע אַלטע יאָרן און מיין יוגנט, וואָס פאַרפליכט מיך צו הכנעה.

—באַוויינז אַז איר זייט איצט ווירקלאַך אַ קריסטן!—האָט ער געזאָגט—גייט נאָך, אַפילו ווען איר זייט איבערצייגט, אַז מ׳האָט

אײַך געטאָן אַן עולה! ברײנגט מיט שמחה דעמדאָזיקן קרבן פֿאַר אײַער אײגענער טובה, איר באַקומט דערפֿאַר זיכער אַ גרויסן לוין!

— אפֿשר איז ער טאַקע גערעכט — האָב איך אַ קלער געטאָן.

און מיטן שטאָלצן באַוואוסטזײַן, אַז איך האָב מנצח געווען דעם יצר־הרע בין איך מיט אים אַראָפּגעגאַנגען און דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ סצענע פֿון שלום ווערן מיט טרערן קושן און ברכות ווידער אַמאָל האָב איך זיך אונטערגעוואָרפֿן. אַלס אַ חוזר בתשובה האָב איך מיטן גרעסטן חשק אויסגעפֿירט אַלע אומאַנגענעמע אַרבייטן: איך האָב געהאַפּטן „אַלטדײַטשישע טישטאַכלאַך, ווי איך וואָלט דערפֿאַר באַקומען באַצאָלט, איך האָב שעה׳ לאַנג געקעמפּט ביים קלאַוויר מיט מײַן טאַלענטלאָזיקייט, האָב געשטריקט אָן אַן אויפֿהער זאָקן פֿאַר די נעגער־קינדער, בעת די מומע פֿלעגט נאָכן אָוונט־ברויט שפּילן אָדער זינגען. אינעווייניק אָבער אין מיר איז געבליבן אַ פּוסטקייט, און בעת די נאַכטיגאַלן פֿלעגן אין אָוונט־צייט טרילערן פֿאַר מײַנע פֿענצטער און דער ריח פֿון די ווייסע אַקאַציע־בלומלאַך פֿלעגן אָנפֿילן מײַן צימער, דעמאָלט פֿלעגט מיך אַרומכאַפּן אַ בײַנקעניש, אַ טיפֿע, אַ הייסע — נאָך וואָס, אוי, נאָך וואָס?!

זומער זײַנען מיר געפֿאָרן קיין גרענוי. ווי אַ קליין קינד האָב איך זיך דערמיט געפֿרייט. די שטרענגע אָפּגעשלאָסנקייט האָט מיר אָבער פֿאַרביטערט מײַן גאַנץ לעבן. מיט סעפּן שפּאַצירן אויף די בערג האָב איך נישט געטאָרט, און אַז העלמוטס וועלכער איז פֿאַר דער צייט געוואָרן ,אַן אויסגעפּראַנטעוועטער גוואַרדיע־לייטענאַנט איז געקומען אויף אורלויב קיין פֿירגאַלען צו זײַן מוטער און האָט אונז געמאַכט אַ וויזיט, האָט אים די מומע

אָנגענומען אַליין. וואַרשיינלאַך האָט זי אים געגעבן צופאַרשטיין אַז זי פאַרלאַנגט נישט ער זאָל פאַרקערן מיטן „קינד" ווייל מער איז ער נישט געקומען.

טעגלאַך פלעגן מיר פאָרן שפאַצירן — מיט וואָס אַ קנאה האָב איך געקוקט אויף די טוריסטן מיט די פלעצאַקעס אויף די פליי-צעס, וועלכע מאַרשירן לוסטיק און פריילאַך איבער די וועגן אין דער וועלט אַריין!

קומענדיק צוריק קיין אויגסבורג — דערווייל בין איך שוין אַלט געוואָרן 16 יאָר — האָט מיר די מומע דערקלערט, אַז איצט האָט זי שוין קיין מורא נישט, אַז איך זאָל ווידער קאַליע ווערן און דעריבער קאָן איך זיך פרייער באַוועגן. קיין שרייבטיש און קיין שטוב-שליסל האָב איך אָבער נישט באַקומען און די גאַנצע „פרייהייט" איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס מ'האָט מיך ווייניקער קאָנטראָלירט, וואָס איך האָב געמעגט קומען אין געזעלשאַפטן נישט בלויז פון דאַמען און אַלטע הערן און גיין אין טעאַטער, וואו מיר האָבן יעדן אָוונט באַקומען צוויי פלעצער אין אַ לאָזשע. די קאָנסעקווענץ און ענערגיע פון מיין מומע, אירע שטענדיקע און פאַרשיידענע פאָרמען געהאַלטענע דרשות מכח די פליכטן פון אַן אַריסטאָקראַטישער יונגער מיידל האָבן סוף כל סוף געהאַט אויף מיר אַ ווירקונג, ווי אָפּיום, וואָס פאַרטעמפּט די נשמה. פלעגט פון צייט צו צייט אין מיר זיך ווידער עפּעס אויפכאַפּן אַ פונק האָב איך עס שוין אַליין געהאַלטן פאַר אַן אומרעכט און מיט אַלע קרעפטן זיך באַמיט דאָס ווידער איינצושלעפערן. צו מיין קוזינע האָב איך דאַמאָלט געשריבן:

— דו פרעגסט צי שרייב איך עפּעס? אין מיין קאָפּ און אין האַרצן לעבט זייער אַ סך, איך געפין אָבער קיין צייט און קיין אָרט דאָס שריפטלאַך אויסדריקן אין מיר קאָכט און ברענט

און איך בין זיכער, אַז איך האָב טאַלאַנט און עס מוז זיך אַרויס רייסן. און איך בין געצוואונגען צו בויען טאָפּלט הויכע באַר-יערן. איך מוז טאָן אַזויפיל פּראָזאאישע אַרבעטן — און אַז איך וועל קומען אַהיים, וואו איך דאַרף מיטהעלפן מיין מאַמען — דאַן בלייבט מיר פאַר זיך קיין מינוט פרייע צייט. יאָ, עס זיינען פאַראַן מענטשן, וואָס זיינען געבוירן פאַר דער פּראָזע פון לעבן, פאַר זיי זיינען די געוויינלאַכע פליכטן נישט שווער, פאַר מיר זיינען זיי פשוט אומערטרעגלאַך... די פאַנטאַזיע איז תּמיד געווען דאָס אומגליק פון מיין לעבן. אַרויסשניידן איר ביי מיר איז געווען אַ שרעקלאַך שמערצלאַכע אָפּעראַציע. און אַזוי ווי די דאָזיקע אָפּעראַציע האָט זיך דאָך איינגעגעבן וויל איך דאָס, וואָס ס'איז געבליבן באַנוצן דערצו אויסצופּיצן דערמיט מיין הויז און מיין לעבן כדי דערמיט צו דינען מיינע עלטערן און שפּעטער מיין מאַן.

און איך בין טאַקע געוואָרן אַ „יונגע דאַמע". איך האָב שוין אַפילו נישט געפילט, ווי מען טרעט ממש מיט די פיס די שטרעבונגען פון מיין גייסט.

— אַ יונג מיידל אורטיילט מען לויט איר אויסזען און נישט לויט איר בילדונג, — האָב איך געשריבן אָנגעשטעקט מיט די אָנזיכטן פון מיין מומע, — און נישט אומזיסט האַלט מען איר פאַר אַראָגאַנט, ווען זי וועט האָבן אַן אייגענע מיינונג.

מיין טאָג-בוך צו וועלכן איך האָב זיך אין אויגסבורג נישט געטאָרט צו רירן איז אויך איצט געלעגן גאַנץ רויק כאָטש קיי-נער האָט מיך נישט געשטערט. די באָבע האָט זיך איינמאָל אין אַ בריוו מכח דעם אָנגעפרעגט און איך האָב איר דאַריף מיט אַ גאַרישן באַוואוסטזיין געענטפערט:

—איך שרייב נישט מער, ווייל איך געפין, אַז אין מיין

עלטער טראַכט מען אויס אַזעלכע זאַכן, וועלכע מען האָט גאָרנישט אין זינען און מען האַלט פאַר זייער וויכטיק אַזעלכע געשעענישן, וואָס מען האָט זיי אַמבעסטן באַדאַרפט פאַרגעסן, מיין לעבן דאַרף איך נישט אויפשרייבן, ווייל די קומענדיקע דורות וועט עס נישט אינטערעסירן. איך פאַרנעם זיך כיט געמאָלטע טעלער און שאַכטלאַך געהאָפטענע דעקן און אַ שלעכט קלאַוויר-שפּילן—כדי איך זאָל אַמאָל קאָנען שאַפן פאַר מיין מאַן אַ שיינע, באַקוועמע היים.

מיין מאַן! די מומע האָט שטאַרק געזאָרגט וועגן דעם, אַז מיינע חלומות זאָלן זיך כסדר דרייען אַרום אים, אין מיין פאַנטאַזיע, וואָס מען האָט געהאַלטן פאַר טיף באַגראָבן, האָט זיך שטאַרק צושפּילט אין דערדאָזיקער ריכטונג, צו דען איז נישט געווען דער מאַן, דאָס ציל פון אַלע אירע דערציונס-קונסטשטיק? צי איז עס נישט געווען אַ פשוטע רעכן-אויפגאַבע בעת זי פלעגט מיט מיר איינקנעלן פאַרוואָס און ווען און ווען איך דאַרף חתונה האָבן?

—אַזוי ווי איך האָב קיין קינדער נישט, ביסטו שוין גוט פאַרזאָרגט,—האָט זי מיר אַמאָל געזאָגט בעת אַ שפּאַצירגאַנג אין זיבענטישוואַלד, — אָבער, נאַטירלאַך, נאָך מיין טויט. לעת-עתה ביסטו אָרעם און ביי דער שלעכטערווירטשאַפט פון דיינע עלטערן קאָנסטו נישט רעכטן אויף קיין נדן. טו דאַריבער נישט קיין נאַרישקייטן. דאַגות טרייבן געוויינלאַך אַרויס די ליבע פון שטוב. און אויב איך האָב פּראָבירט דיך אַראָפּצובידערן פון דיינע הויכע הימלען צו דער ניכטערער אַלטעגלאַכקייט איז עס נאָר געווען צוליב דעם, כדי דו זאָלסט זיך נישט פאַרדרייען דעם קאָפּ מיט וועלכער עס איז נאַרישער ליידנשאַפט. דו קאָנסט איצט טאָן דעם בעסטן שידוך—זע נוץ אויס די געלעגנהייט.

רויק האָב איך אַלץ אויסגעהערט, איך בין געווען אַזוי גוט דערצויגן, אַז אַלץ איז מיר געווען גאַנץ פאַרשטענדלאַך.

איינמאָל איז עס געשען, ווי אַ טונקעלער שלייער וואָלט זיך פון מיינע אויגן אַראָפּגעריסן, און פּלוצלונג האָב איך דער־זען די טיפע, פינסטערע, קאַלטע פוסטקייט פון מיין האַרצן.

איינמאָל שפּעט אין אָוונט האָב איך געזוכט אין פּאַרק אַ טוך, וואָס איך האָב דאָרט פאַרגעסן און פּלוצלונג האָב איך דער־זען גיין צוויי מענטשן שטאַרק צוגעדריקט איינער צום אַנדערן. אונזער לינא, די שטובמיידל און יאָהאַן, דעם קוטשער. פון צייט צו צייט פּלעגן זיי זיך אָפּשטעלן און זיך קושן—אָן אַ סוף.

—אָ, מיין גאָט!—האָט לינא אויסגעשריען, אַז זי האָט מיך דערזען—דאָס גנעדיקע פריילײן!

מיט באַקן, וואָס האָבן געגליט און אויגן, וואָס האָבן גע־גלאַנצט, מער פון גליק ווי פון שאַנד, האָט זי אויסגעשטרעקט צו מיר די הענט:

—גנעדיקע פריילײן, איר וועט דאָס דער באַראָנעסע נישט דערציילן, יאָ?—האָט זי מיר געבעטן, זיך חנפּענענדיק צו מיר—די ליבע איז דאָך נישט קיין זינד. ווער ס'קאָן דאָס האָבן אַזוי גוט און פיין ווי דאָס גנעדיק פריילײן קאָן רויק זיצן און וואַרטן אויף אַ פּרינץ, וואָס קומט מיטן קדושין־רינג און פירט אַוועק אין קירך, אָבער מיר—דערביי האָט זי זיך געחנדלט און צערטלאַך געשמייכלט צו יאָהאַנען—מיר האָבן נישט מער ווי דאָס ביסל לי־בע, און דאָס, דאָס מוזן מיר האָבן... אָבער רעד דו אויך עפּעס האַנסל!—און דערביי האָט זי אים אַ שטויס געטאָן אין זייט.

—דו האָסטו רעכט!—האָט ער זיך געיענקעט,—אַ פרייד מוז אַ מענטש האָבן, עפּעס אַ רעכטע פרייד, אַז דאָס האַרץ זאָל קלאַפּן!

מיר איז געוואָרן פינסטער אין די אויגן און עס האָט זיך מיר געוואָלט וויינען, וויינען אויפן קול. ווי אָרעם, ווי שרעקלאַך אָרעם בין איך געווען! דערפאַר בין איך אָבער געווען גוט דער־צויגן!

איך האָב צוגעזאָגט דעם פאַרליבטן פּאָרל, אַז איך וועל זיי נישט אויסגעבן און בין אַוועק צוריק אין מיין „אַריסטאָקראַטישע תפיסה.

אין משך פון די עטלאַכע שפּעטערדיקע חדשים אין אויגס־בורג איז מיין דערציונג באַשטאַנען אין דעם, וואָס מ'האָט מיר אַריינגעפירט אין דער גוטער געזעלשאַפט פון די פילאַנטראָפּישע דאַמען. מיין מומע איז געווען אַ מיטגליד אין קאָמיטעטן פון די פאַרשיידנסטע פאַריינען און האָט געגאָלטן אַלס איינע פון די טיכטיקסטע אַרבעטאָרינס. איך פאַרזעגלאַך האָב אין דעם שטאַרק געצווייפלט. מיין מומע האָט אָבער פאַרשטאַנען צו שילדערן מיט אַזעלכע פאַרבן די גרויסאַרטיקייט פון דער האַבסבורגער פילאַנ־טראָפּיעס — פון דער קאָמונאַלער ווי פון דער פּריוואַטער — אַז איך האָב אַוועקגעוואָרפן מיינע ספקות און בין געווען אַנטציקט פון אַלץ, וואָס מען טוט דאָ אויף. שוין מיין ערשטע באַטייליג־גונג אין דער זיצונג פון אַ פילאַנטראָפּישער אַנשטאַלט פאַר קליי־נע קינדער האָט מיר פאַרגעשטעלט די גאַנצע זאַך אין אַ גאַנץ אַנדער ליכט. מען האָט באַשלאָסן איינצואָרדנען אַ פאַנטאָווע לאָ־טעריע.

פאָרנדיק אַהיים האָט שוין מיין מומע געקלאָגט אויף די גרויסע מי און אַרבעט, וואָס איר שטייט באַפאָר; אויף דעם וואָס אַלס פאַרקויפערן מוז איך האָבן אַ ניי קלייד, אַ נייעם הוט מוז זי האָבן דוקא פון מינכן — בקצור, איך האָב זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און האָב געשטעלט די פראַגע: צו וואָלטן די קאָסטן

נישט געווען אַ סך קלענערע ווען יעדע דאַמע, למשל, זאָל געבן פּופּציק מאַרק אַ נדבה און אויף דעם אופן וואָלט דער גאַנצער ענין שנעל און גלאַט ערליידיקט געוואָרן. נו, נו, מער האָט מיר שוין נישט געפּעלט.

—דו האָסט אָבער נישט דעם מינדסטן באַגריף נישט וועגן געלט און מכח דעם ווערט פון געלט — האָט די מומע געזאָגט — אויב דו קלערסט, אַז מיר קאָנען יעדן אויגנבליק געבן אַזעלכע סומען. דאָס, וואָס מיר טוען פאַר זיך און פאַר אונזערע טואַלעטן דאָס איז אונזער זאַך, פאַר די נויטבאַדאַרפטיקע אָבער מוז צו־געצויגן ווערן די גאַנצע באַפעלקערונג.

אויסצופאָרשן די לאַגע פון די הילפסבאַדאַרפטיקע פלעגט מיר אויך די מומע מיטנעמען און אָפטמאָל אַפילו דערלויבט אַליין גיין. איינמאָל בין איך געקומען צו אַן אָרעמער אַלמנה מיט פיר קינדער, אַ נייטאָרן, וועלכע האָט געבעטן שטיצע. איך בין גע־גאַנגען דורך אַ שמאָלן, פינסטערן קאָרידאָר, וואָס אין זיין פאַר־דומפּענער קעלערלופט האָבן זיך אַרומגעדרייט אַ מחנה בלאַכע, קליינע יונגלאַך און מיידלאַך. מיט אָפענע מיילכלאַך האָבן זיי זיך אַלע אַרומגעקליבן אַרום מיר, אַז איך האָב אַ פרעג געטאָן: וואו ס׳וואוינט דאָ די פרוי האַרד.

—לינקס, אויפן דריטן שטאָק וואוינט מוטטאַ — האָט געזאָגט אַ בלייכער יונגל מיט אַן ערנסטן פנים פון אַן אַלטן מאַן, און זיין שוועסטערל, וואָס האָט אַזוי געוואוסט פון לאַכן ווי דערדאָזי־קער הויף פון זונענשיין, האָט מיך אַהין אַרויפגעפירט.

מיט יענעם מוראדיק נערוועזן אויסדריק פון צערייצטע חיות, וואָס ליגט אויפן פנים פון מענטשן, וועלכע פירן טאָג איין טאָג אויס דעם שאַרפן קאַמף פאַרן שטיקל ברויט, האָט מיך די אָרע־מע פרוי באַגעגנט. אַרויסציענדיק די פאַסטריגעס פון די פאַר־

שיידענע נײַע וועש, וואָס האָבן כּמעט אָנגעפּילט דעם גאַנצן צימערל, לויפֿנדיק אַלע מינוט אַהין און צורק אין דער פֿינסטערער קיך דערבײַ פֿון וואַנען ס'האָט זיך געשפּירט אַ גערוך פֿון שלעכטע פעטס, האָט זי מיר דערציילט איר ליידנס-געשיכטע.

איר מאַן איז מיט דרײַ יאָר צוריק געשטאָרבן פֿון שווינדזיכט.

אין מיין לעבן האָב איך מיר נישט געקאָנט פֿאָרשטעלן אַזאַ מין אָרעמקייט איך האָב זיך צעוויינט. אַ לייכטער שמייכל האָט זיך באַוויזן אויפֿן געזיכט פֿון דער אָרעמער פרוי. זי האָט אַרויסגעלאָזט די אַרבעט און האָט מיר געגלעט די הענט:

—אַזאַ גוט הערצעלע, דאָס האָט זיך גאָט אויף מיר דערבאַרעמט.

ווי מעסערס האָבן מיר דיזאָזיקע ווערטער געשטאָכן:

—יאָ, צו דען איז עס מעגלאַך, אַז גאָט זאָל קאָנען צו זען אַזאַ עלנט?! וואָס האָט די מוטער, וואָס האָבן די קליינע קינדער געזינדיקט, וואָס זיי דאַרפֿן אַזוי פֿיל ליידן ? צו וואָס האָבן זיי אייגנטלאַך געלעבט, אַז זיי ד—האָבן גאָרנישט פֿון זייער לעבן? און ווי אַזוי בין איך געקומען דערצו, וואָס איך בין נישט אַזוי ווי זיי ?

פֿאַרשעמט האָב איך געקוקט אויף מיינע עלעגאַנטע קליידער און מיינע בליקן זיינען געפֿאַלן אויף די אָרעמע, געלאַטעטע קליידלאַך פֿון די קינדער, וועלכע זיינען ווידער צוגעקומען צו דער טיר, כּדי מיך צו באַוואונדערן. און פּלוצלונג האָב איך דערפֿילט, ווי די שפּיצן פֿון מיין העמד ברענען אויף מיין קערפּער—צי דען האָבן זיי אויך נישט געבייט אַזעלכע אָרעמע, דורכגעשטאָכענע פינגער, ווי די פֿון דער אַלמנה דאָ פֿאַר מיינע אויגן איך האָב זיך פּשוט געשעמט. ווען די קינדער זאָלן מיר איצט

באַפּאַלן און אַראָפּרייסן פון מיין קערפּער דאָס ווייכע טוך פון מיין קלייד, ווען די אַלמנה זאָל ווענן אָנטאָן מיין מאַנטל, — איך וואָלט עס אין דעם איצטיקן מאָמענט געפונען פאַר גאַנץ נאַטירלאַך. אָנשטאָט דעם האָבן די אויגעלאַך פון די קליינע קינ־דער אויסגעדריקט בלויז באַוואונדערונג און די מוטער האָט אָן אַן אויפהער געלויבט מיין „גוט הארץ".

איך האָב ארויסגענומען פון קעשענע דעם געדריקטן בויגן פּאַפּיר כדי דאָרט צו מאַכן די נויטיקע באַמערקונגען, מעכאַניש האָב איך געשטעלט מיינע פראַגן.

— ווי אַלט זענט איר?

— זעקס און צוואַנציק.

מיט שרעק האָב איך איר אָנגעקוקט: דערדאָזיקער געלער געקנייטשטער פּנים, דער קרומער רוקן, די שיטערע האָר, דער אויסגעלאָשענער בליק,—און זעקס און צוואַנציק יאָר!

פּלוצלונג האָב איך דערזען פאַר מיר מיין מומען, דער פערציק־יאָריקער—און אַ שרעקלאַכער צאָרן האָט זיך אין מיר צו־פלאַקערט.

— וויפל שעה אַ טאָג אַרבעט איר?

— איך שטיי אויף פינף אינדערפרי און לייג זיך צוועלף ביינאַכט שלאָפן,—און דאָס אַלץ נאָר כדי אויפן צווייטן טאָג ווי־טער צו שלעפּן דאָס אומגליקלאַכע לעבן.

—וויפל פאַרדינט איר אַ וואָך?

—זעקס מאַרק, און אַז עס גייט גוט, גאַנצע אַכט. אין דער

שטילער צייט אָבער קוים דריי אָדער פיר. און פינף זעקס וואָכן אין יאָר, איז כמעט קיין ארבעט אינגאַנצן נישטאָ.

— אויף דעם אופן האָט זי פאַר זיך און אירע קינדער חייניקער, ווי איך אויף מיין טאַשנגעלט, — און איך גיב אויס אויף קלייניקייטן צו מיינע טואַלעטן מער, ווי זי האָט צום לעבן פאַר זיך מיט אירע קינדער.

און לייגער דהאָב איך עס נישט געקאָנט אריבערטראָגן. דאָס וועלטבילד האָט זיך אָוועקגערוקט, זיינע פאַרבן האָבן זיך צונויפגעגאָסן, אַזוי אַז עס איז געבליבן נישט מער, ווי אַ שמו־ציקע גרויקייט. איך האָב אריינגעשטעקט מיין האַנט אין טאַש אַריין, און שפּירנדיק, אַז איך טו עפּעס אַזוינס, וואָס עס איז פאַר מיר אַ גרעסערע חרפה, ווי פאַר דער אָרעמער אַלמנה, האָב איך איר אויסגעשאָטן אין שויס אַריין דאָס גאַנצע געלט פון מיין בייטעלע און בין אַנטלאָפן, ווי עמיצער וואָלט מיר נאָכיאָגן. אַז איך דהאָב נישט געקוקט אויף מיין אָנשטריינגונג זיך צו באַהערשן, איבערגעבן דער מומע אַלץ, וואָס איך האָב איבערגע־לעבט, דהאָט זי מיר דערקלערט, אַז איך בין אַביסל „איבער־שפּאַנט״.

— ווי אַזוי קאָנסטו אָפּשאַצן די זאַכן בלויז פון שטאַנד־פּונקט פון אונזערע געפילן. דידאָזיקע לייט זיינען בעסער נישט געוואוינט, און אַז מען באַזאָרגט זיי מיטן נויטווענדיקסטן, זיינען זיי זייער צופרידן. זיי צו שטאַרק באַדויערן הייסט זיי מאַכן פאַר סאָציאַל דעמאָקראַטן.

אַן אַנדערט מאָל בין איך געקומען צו אַן אַלטן מאַן, וואָס זיין טאָכטער איז געווען אַ פאַבריק־ארבעטאָרן. די שטיצע, וואָס ער האָט באַקומען איז געווען פאַר אים צו ווייניק צום לעבן

און די טאָכטער האָט דערקלערט, אַז פון איר לוין בלייבט איר גאַנץ ווייניק. אַז איך בין אַריין איז דער אַלטער געזעסן ביים פענצטער אין אַ קליין ריינלאַך צימערל, ער האָט כסדר געהוסט, נישט קוקנדיק דערויף אָבער געריוכערט די ליולקע און איז געווען איינגעהילט אין אַ געדיכטן אומדורכדרייגלאַכן וואָלקן. מיין פאַרלאַנג צו עפענען אַ פענצטער האָט ער בשום אופן נישט נאָכגעגעבן.

—איך לייד אויף די לונגען און פאַרטראָג נישט קיין צוק-ווינט—האָט ער געזאָגט.

נישט ווילנדיק און הוסטנדיק האָט ער געענטפערט אויף מיינע פראַגן. איבערהויפט האָט ער זיך געקלאָגט אויף דער טאָכטער, וועלכע פאַרדינט שטיקער געלט, און קלערט אָבער מער מכח איר פוץ ווי וועגן איר אַלטן טאַטן, פאַרברייגגט בעסער די אָוונטן אין טאַנצקלאַס איידער מיטן אַלטן טאַטן, וואָס האָט איר געבראַכט אויף דער וועלט. אין דעם מאָמענט האָט זיך אָן עפן געטאָן די טיר און אין שטוב איז אַריין „רעזי" אַ שמאַלברוסטיקע יונגע מיידל מיט אַ קריינקלאַכער רויטקייט אויף די באַקן און פיבערדיק גלאַנצעדיקע אויגן, זי האָט געהוסט.

—קאָנסט נישט עפענען אַביסל דאָס פענצטער, — האָט זי געבעטן שעמעוודיק באַגריסנדיק,—אַז מען שלינגט דעם גאַנצן טאָג נישט מער ווי שטויב.

אָבער דער אַלטער האָט נישט נאָכגעגעבן, און האָט גע-האַלטן אין איין קלאָגען אויף די אומגעראָטענע קינדער.

אין מיינע צייטן האָבן די מיידלאַך נישט געהאַט קיין אייגענעם ווילן. איצט ווייסן זיי לגמרי נישט פון קיין „כבוד-אב".

רעזי האָט מיך אַריינגעבעטן מיטן פראַגעבויגן אין קיך אַריין. דאָרט האָט זי אויפגעריסן דעם פענצטער אין אַ שטאַרקער הוסטן האָט דערשיטערט איר ברוסט, אַזוי אַז פון אָנשטרענגונג זיינען איר אַרויס שווייסטראָפּן אויפן שטערן.

פיר יאָר אַרבעט זי שוין—און אַלט איז זי אינגאַנצן אַכצן יאָר—אין דער גרויסער שפּינעריי, וואָס צו אירע אַקציאָנערן געהערט אויך מיין מומע. זי פאַרדינט זיבן מאַרק אַ וואָך און אַ העלפט דערפון גיט זי אָפּ דעם פאָטער.

— מער קאָן איך נישט, פריילין, — האָט זי צוגעגעבן— איך דאַרף אַביסל אויף קליידונג און דאַן—זעט ווי דוקא איצט האָט עס מיר געפּאַקט — אַזוי באַפאַלט עס מיך אַ פּאָר מאָל אין טאָג—דער הער דאָקטאָר האָט געזאָגט איך זאָל טרינקען אַ סך מילך, און איך קויף מיר בסוד אַ האַלב ליטער אַ טאָג — פון אַ ווינקל אין שענקל האָט זי אַרויסגענומען אַ טעפּעלע קוקנדיק דערביי אויפן טיר, אַז דער פאָטער זאָל עס חלילה נישט באַמערקן.—איך דאַרף אויך האָבן, מיינט דער דאָקטאָר, גוטע לופט. —אַ ביטערער שמייכל האָט געשוועבט אויף אירע ליפּן—איר זעט אַליין, וואָס פאַר אַ לופט דאָ איז און שלאָפן מוז איך מיט אים דאָרט! וואָס אין דער פאַבריק איז, דאָס ווייסט איר געוויס נישט? דאָרט שלינגט מען כסדר באַוול.

אין דערהיים האָב איך געזאָגט, אַז צום בעסטן וואָלט געווען ווען דער אַלטער גייט אין שפּיטאָל אַריין. די מומע האָט מיר געזידלט פאַר מיין האַרצלאָזיקייט.

—אַ קינד געהערט צו די עלטערן — האָט זי געזאָגט — און נאָכמער דאַן ווען זיי זיינען אַלט און קראַנק.

נאָך אַ נייער, „נאָכפאַרשטענדיקער” קאָנטראָלע, האָט מען פעסטגעשטעלט, אַז רעזי איז יעדן שבת אין טאַנצקלאַס און אויף

פילפּאַרביקע בענדער האָט זי געלט געגוג. דידאָזיקע אַנדעקונג האָט מען מיר איבערגעגעבן מיט דער גרעסטער אויפגעבראַכט־קייט, וואָס איך האָב אָבער ביים בעסטן ווילן נישט געקאָנט באַגרייפן.

—מיר גייען דאָך אויך אין געזעלשאַפטן—נישט אַרבעטנדיק דערצו אַ גאַנצע וואָך—האָב איך נאַאיוו געזאָגט—און רעזי איז יונג פונקט ווי מיר און דערצו נאָך אָרעם און קראַנק — פאַרגינט איר לכל הפחות דאָס ביסעלע לעבנספרייד.

פון דעמאָלט אָן האָט מען מיר פאַרווערט צו באַזוכן די אָרעמעליַיט, נאָר צו „כאַינקע" האָט מען מיר דערלויבט זיך צו באַטייליקן און געבן מתנות די קינדער פון פאַריין.

אויף די זיצונגען פון די פאַריינען האָב איך מער נישט געוואָלט קומען כאָטש מען האָט מיך שטאַרק איינגערעדט איך זאָל אויסנוצן די געלעגנהייט אַזויפיל צו לערנען. איך האָב אָבער נישט געוואָלט מער הערן און זען דעמדאָזיקן גיהנום וואו די אָרעמע לייט האָבן זיך געברענט אויף אַ לאַנגזאַמען פייער.

איך בין געגאַנגען זיך גליטשן, באַזוכט געזעלשאַפטן און טעאַטער און וואָס מער איך האָב באַפרידיקט די נאַטירלאַכע לעבנס לוסט, געשטילט די פוסטקייט, אַלץ לייכטער איז מיר געוואָרן אויפן האַרצן. פלעגן מיר פאָרן שפּאַצירן, איך און די מומע און אונזער בלויער קאַרעטע האָט זיך געטראָגן איבער דער פאַר־שטאָט דוקא אין דער צייט בעת די אַרבעטער גייען פון דער אַרבעט, פלעג איך פאָרנדיק פאַרמאַכן די אויגן, ווייל מיין ביטע אויסצומיידן דידאָזיקע געגנט האָט מען געפונען פאַר סענטימענטאַל און דעריבער איר נישט דערפילט. און דוקא בעת איך האָב אַהין נישט געקוקט און נאָר דערהערט די מידע טריט און דעם אוי־מעדיקן געמורמל פון דער גאַנצער מאַסע שטימען, האָט זיך

מיר אויסגעדוכט, אַז איך בין דאָרט צוזאַמען מיט זיי און זע מיין שונא אָנגעלענט אויף די זיידענע קישנס פאַרביילויפן פאַר מיר און דאָ פלעגט מיך באַפאַלן אַ ווילדן צאָרן, אַ ברענעגדיקער שנאה אַזוי אַז איך וואָלט אַ כאַפּ טאָן דעם ערשטן בעסטן שטיין און אים געשליידערט אין פנים אַריין די מיוחסדיקע ליידיקגייער.

האָב איך פּלוצלונג, ווי אויפכאַפנדיק זיך פון אַ וויסטן חלום געקוקט אַרום, האָב איך בלויז באַגעגנט גלייכגילטיקע אָדער גאָר באַוואונדערונגס מינעס — עס זיינען זאָגאַר געווען מענער, וואָס האָבן אַראָפגענומען פאַר אונז די היטלען. יעדעס מאָל פלעג איך אָפדרייען דעם קאָפּ.

אין מאַי איז געקומען מיין פאָטער מיך אָפנעמען אַהיים. ער איז געווען פול פרייד און צערטלאַכקייט און איך בין דערפון געווען שטאַרק גערירט און זייער דאנקבאַר, זיין שוועסטער האָט מיר גערימט אַלס פּראָדוקט פון איר גוטער דערציונג, דערמאָנענדיק דערביי מכח איר אַרבעט און אירע קרבנות, עס האָבן אויך נישט געפעלט קיין שטעכווערלאַך אויף רעכענונג פון מיינע עלטערן, וואָס האָבן מיר איבערגעגעבן אין אירע הענט אין אַזאַ „פאַריתומטען״ צושטאַנד. מיר איז ממש געווען אַ וואונדער מיט וואָס פאַר אַ געדולד מיין פאָטער האָט דאָס אַלץ אויסגעהערט; אמת גאַנץ אָפט זיינען אים אָנגעשוואָלן די אָדערן אויפן שטערן, אָבער ער האָט געשוויגן. איך האָב זיך געטרייסט דערמיט וואָס איך פאָר שוין אַהיים, מיט דער ליבע, וואָס מען רינגלט מיך אַרום, מיט דער פרייהייט, וואָס איך וועל באַלד באַקומען מיט די פליכטן, וואָס זייער דערפילונג וועלן מיר ברענגען אַ שטאַרקע באַפרידיגונג. איך האָב געוואָלט, אַז די עלטערן זאָלן אַ דאַנק מיין אַרבעט פאַרגעסן אַלע ליידן, וואָס איך האָב זיי אַמאָל פאַר-

שאַפּט. מייגע געדאַנקן און מיינע געפילן זיינען שוין אַסך עריער פאַר מיר געווען אין דערהיים.

—אויב דו ווילסט נאָך, בלייב, מיין גוט קינד, ביי אונז— האָט די מומע געזאָגט ביים געזעגענען זיך, שטאַרק באַטאָנענדיק די יִדאָזיקע ווערטער.

איך האָב געשוויגן...

VII.

אין אַ ליכטיקער מאַי-נאַכט בין איך מיט מיין פאָטער געקומען קיין בראַנדענבורג. די גרויסע אַלטע געדונגענע קאַרעטע האָט שטאַרק געקלאַפט איבערן ברוק פון דער שלאָפעדיקער שטאָט. דער שטיינערנער ראָלאַנד ביים ראָטהויז האָט געוואָרפן אַ לאַנגן, שוואַרצן שאָטן אויף דער איינזאַמער גאַס און אין גרינעם בלעטערקריינדל האָט רויק געשפילט דער ווינט.

דורך אַ שמאָלן טויער איז דער וואָגן אַריינגעפאָרן אויפן קירך-הויף. טונקל און פעסט ווי אַ פעסטונג האָט זיך געשטרעקט צום הימל דאָס אוראַלטע געבעט-הויז, ווי ער וואָלט וועלן דערדריקן מיט זיין שאָטן דעם פלאַץ און די איינשטאָקיגע הייזלאַך אַרום, וואָס פון זייערע טיפע רויטע דעכלאַך האָבן אַראָפגעקוקט פאַרוואונדערטע און פאַרשלאָפענע פענסטעראויגן. נאָר דאָס גרעסטע פון די געביידעס, וואָס האָט זיך געפונען אויף דער צווייטער זייט פון הויף, איז געווען וואַך: פון דאָרט האָט געשטרוימט העלע ליכט און פאַרטריבן די שאָטנס. אַרום ברייט-פונאַנדערגעעפענטן טויער איבער די גרויסע שטיינערנע טרעפ

האָט זיך געשלענגלט אַ קראַנץ פילפאַרביקע פרילינגסבלומען, און אויפן אויבערשטן טרעפל האָט זיך באַוויזן, ווי דאָס גרעסטע פון זיי זאָל זיך האָבן אויסגעריסן און אויפגעוואַקסט צום עלפן־לעבן, אַ קליין שנייוויים באַשעפעניש מיט גאָלדענע לאָקן אויפן שטערן און אויף די באַקן. ערשט, אַז אירע קליינע הענטעלאַך האָבן וואַרעם אַרומגעכאַפט מיין האַלז, האָב איך געפילט, אַז דאָס איז אַ מענטשעלע, וואָס באַגריסט מיך: מיין שוועסטערל. מיט אַן אומ־געוויינלאַכע צערטלאַכקייט האָט מיר באַגעגנט מיין מוטער מיט די ווערטער:

—נו, סוף כל סוף ביסטו ווידער אין דערהיים.

מיט די ווערטער אין וועלכע עס האָט געקלונגען די גאַנ־צע פאַרגאַנגענע בייענקשאַפט, האָט מיר דער פאָטער געקושט אין שטערן, און דידאָזיקע פרייד האָט מיך נישט געלאָזן איינשלאָפן בעת איך בין שוין אַ צייט לאַנג געלעגן אויף די ווייכע קישנס פון מיין באַקוועמער בעט.

ווי נאָר עס איז טאָג געוואָרן האָט מיר שוין די אויפרע־גונג אַרויסגעטריבן צום טויער אַרויס. שטיל און פאַרחלומט איז געלעגן דער הויף אין מאָרגנגלאַנץ און די שטומע שטיינער פון די ווענט האָבן דערציילט וועגן דער פאַרגאַנגענהייט. אויפן פלאַץ פון אונזער הויז זאָל האָבן געשטאַנען דער פירשטענפּאַלאַץ פון פּריביסלאַוו, דעם לעצטן ווענדענהערצאָגס, בעת ער האָט איבער־געלאָזן אַלברעכטן, דעם אָסקאַנישן בער, די קרוין און דאָס לאַנד און לכבוד דעם קריסטענגאָט האָט ער פאַרברענט טריגלאַפן, דעם דרייקעפיקן געץ. זיבן יאָרהונדערט האָבן צוזאַמען געווירקט און געאַרבעט, כדי אויפצושטעלן דאָס הויז פון געקרייציקטן, און פיל ווילדע קאַמפן פאַרן גלויבן און פאַר דער מאַכט, — וועלכע האָבן זיך אויסגעלאַכט פון זיינע פרידנס־שליחות און ליבע־דרשות,

האָבן זיך אָפּגעשפּילט אויפֿן דאָזיקן פּלאַץ ביי זיינע פּיס. איצט האָבן די שוואַלבן געבויט זייערע נעסטן אויפֿן שפּיץ און אויפֿן דאַך, און אויפֿן הויף, וואו פאַרצייטנס האָבן געהילכט די שפּאָרן און קייטן פאַנצערס, האָבן איצט ווייסע טויבן געפּיקט די קערנדלאַך וועלכע האָבן זיך פאַרלאָרן אין גראָז צווישן די ברוק-שטיינער.

אין טויזנטער ליכט האָט געטאַנצט די מאָרגן-זון אויף די בלויע וואַסערן פון דער האַוועל אַרום דער קירך-אינזל אויסמאָלנדיק אַלע פאַרבן פון רעגנבויגן אויף די טוי-טראָפּנס פון גראָז אויף די לאָנקעס. דער גאָרטן הינטער אונזער הויז, וואו די פרוכטביימער האָבן געבליט ווייס און רויזנראָט, האָט דערגרייכט ביז צום טייך-ברעג.

כמעט אינגאַנצן אַרומגערינגלט פון ווילדע געוויקסן האָט זיך געוואַלגערט אַ קליינער אַמאָר פון גרויען זאַמדשטיין. ווער ווייס? ווי לאַנג מען האָט אים שוין אַראָפּגעוואָרפן פון זיין געשטעל און זיינע כיטרע בליקן זיינען כסדר געווען געווענדט צום הימל. מיט גרויס רחמנות האָב איך אים אַוועקגעשטעלט אויף זיינע קיילעכדיקע פיסלאַך און אָנשטאָט דעם פאַרלוירענעם פייל האָב איך אים אַריינגערוקט אין קליינעם פויסט אַן אָלענדער צווייג. מיר האָט זיך געדוכט אַז ער לאַכט — אַ העלער, זונגענדיקער געלעכטער — אפשר זיינען דאָס גאָר געווען די לוסטיקע פויגל-שטימען אויף די צווייגן. אַ פייכטער ווינט, וואָס האָט געבראַכט מיט זיך דעם ריח פון דער פרישער, לעבנסט-טראָקעדיקער ערד, האָט מיר מילד געשטאָכן איבערן שטערן. דאָס איז געווען דער מאַי, וואָס האָט מיר געגריסט, דער מאַי, וואָס מיין האַרץ האָט פאַר אים אַזוי שטורמדיק געקלאַפּט.

דער זייגער אויפֿן קירך-טורם האָט פאַמעלאַך אויסגע-

קלאַפּט זיבן פייערלאַכע קלעפּ. און מיט איינמאָל איז געוואָרן לע־
בעדיק: די שפּעטערדיקע יורשים פון די מאָנאַרכן און קלויס־
טער קעגנאיבער, וואָס האָט זיך אין פאַרלויף פון יאָרהונדערטן
פאַרוואַנדלט אין אַ ריטער־אַקאַדעמיע, האָבן זיך מיט שטורם אַ לאָז
געטאָן איבערן הויף, — לויטער חוצפּהדיקע בראַנדענבורגישע
יונקער, וואָס זייערע האַרטע שאַרבנס האָבן חוזק געמאַכט איבער
דער חכמה פון די מאַגיסטער, פּונקט ווי זייערע אָבות האָבן
אויסגעלאַכט די פרידלאַכע בירגער. זיי זיינען אָפּגעשפּרונגען, ווען
זיי האָבן מיך דערזען—די נייע שכינה—און האָבן מיך באַטראַכט
פון קאָפּ ביז פיס האַלב נייגיריק האַלב פאַרוואונדערט. איינער
אַ לאַנגער, אַ בלאָנדער, האָט מיר אויסגעשטרעקט זיין האַנט און
מיט דער אַנדערער האָט ער מיר לאַכעדיק אַ וואָרף געטאָן אַ
גאַנצן בונט „פאַרגעסמיכנישט" אַזוי, אַז די בלויע שטרענדלאַך
זיינען מיר געבליבן הייגנען אין די האָר און אויפן קלייד. האָט
זיך מיין שוועסטערל מיר געוואָרפן אין די אָרעמס, און פאַרן
טויער האָבן זיך באַוויזן בליטשצעדיקע היטלען: דער מוזיק־קאָר־
פּוס פון מיין פאָטערס רעגימענט האָט מיר מקבל פּנים געווען
און אַלע לידער איבער גליק און ליבע, וואָס זיי האָבן געשפּילט
האָבן גערעדט צו מיין האַרצן, און די וואַלס־מעלאָדיען זיינען
געווען, ווי אַ שטאַרקער ריח פון זשאַסמין, וואָס האָט מיך איינ־
געהילט אין אַ שלאָף פון גליקלאַכע חלומות. דאָס איז געווען דער
מאַי, דער מאַי, וואָס האָט מיך באַגריסט!

אינדערפרי האָב איך מיך געשפּילט מיט מיין שוועסטערל
אויפן הויף און אין גאָרטן. ווי דערשטוינט אין גלויביק האָט זי
פאַנאַנדערגעעפנט אירע בלויע אויגן, ווען איך האָב איר געוויזן די
שטילע ווינקעלאַך, וואו ס'הויזן די קאַרליקלאַך און אין יעדן
בלומעלע האָב איך איר געהייסן זוכן די עלפן. אָנגעלאָדן מיט

אַלע מינים בלימעלאַך, וואָס עס האָבן געשמעקט און געשטראַלט אין גאָרטן און אויף דער לאָנקע, זיינען מיר דאַן איבער די ווייסע טרעפ אַרויף אין דער הויך און אָנגעפילט מיט זיי וואַזן און גלעזער, וואָס האָבן געזאָלט באַציערן די צימערן. קענן איבער, ביי די פענצטער פון דער ריטעראַקאַדעמיע, פלעגן זיך אין דערזעלבער צייט באַווייזן אַ סך יינגלשע קעפּ, און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ לוסטיקער געלעכטער און אַ שאָקלען מיט די קעפּ אַהין און אַהער. באַלד האָב איך שוין געקאָנט די, וואָס פלעגן אין די פרייע שטונדן אָנשטאָט שפּילן אין קאָרטן בעסער שטיין ביים פענצטער. דאָס רוב פון זיי זיינען געווען אונזערע זונטאָקדיקע געסט, און דער לאַנגער, דער בלאָנדער פּריץ, וואָס האָט מיר צוגעוואָרפן די „פאַרגעסמיכנישט" איז געווען מיין פעטער. נישט קוקנדיק אויף זיינע אַכצן יאָר האָט ער נאָך אַלץ געשטעקט אין דער דריטער קלאַס, זיין קליינינקער מוחל איז, ווי ס'שיינט, נישט געווען דער אָרט פון זיין בעסטער קראַפט. אָבער רודערן און רייטן, טאַנצן און זיך גליטשן האָט ער דערפאַר געקאָנט בעסער, ווי אַנדערע, און צום פענצטער קלעטערן אַרויס און אַריין האָט ער געקאָנט, ווי אַ קאַץ, אַז מען האָט געדאַרפט אין די פאַרבאָטענע אָוונטשטונדן צו קומען צו אונזער גאָרטן, אָדער רייסן פאַר מיר בלומען אויף די לאָנקעס נאָך פאַר זונענאויפגאַנג איז ער געווען דער ערשטער. אַלע מיינע קאַפּריזן פלעגט ער געדולדיק אַריבערטראָגן, און וואָס מער איך האָב פון אים געפאָדערט אַלץ דאַנקבאַרער איז ער מיר געווען. מיט גרויס געדולד פלעגט ער אָפּהיטן מיין שוועסטערל, אַז איך האָב געוואָלט רויק לעזן, מיט סכנות-נפשות פלעגט ער קלעטערן איבערן פאַרקן רייסן פאַר מיר רויזן פון שכנישן גאָרטן, וועלכע האָבן מיר אויסגעזען שעמעוודיקער ווי אונזערע. ווייט איבער די פעלדער איז ער גע-

לאָפן רייסן קאָרנבלומען, איבערגעבונדן זיי מיט אַ זיידענער סטייג־גע און פּרימאַרגנס, איידער איך פלעג זיך אויפכאַפּן, האָט ער זיי אַריינגעוואָרפן אין מיין אָפענעם פענצטער. פון דער שטאַרקער הנאה צו רייכערן בגנבה פּאַפּיראָסן האָט ער זיך אָפּגעזאָגט, כדי פאַרן געלט קויפן פאַר מיר פאַרשיידענע נאַשוואַרג, וואָס איך האָב אַזוי ליב געהאַט.

יעדן זונטיק אין דערפרי פלעגט אים מיין פאָטער דער־לויבן זיך באַנוצן מיט איינעם פון אונזערע פערד. נאָך איידער איך פלעג אַראָפּגיין פון די הויכע טרעפּ, שלעפנדיק מיט שטאָלץ דעם לאַנגן שלעפּ פון מיין רייטקלייד, איז ער שוין געשטאַנען אַ רויטער פון אויפרעגונג, וואַרטנדיק אויפן הויף, און זיינע הענט, וואָס ער פלעגט מיר אונטערשטעלן אונטער די פיס כדי מיר צו העלפן זיך אַרויפזעצן אויפן זאָטל, האָבן יעדעס מאָל געציטערט. אינטערוועגנס האָט ער געשטראַלט פון שמחה, אַז אַנשטאָט מיר, פלעגט מיין פאָטער אויסלאָזן דעם כעס אויף אים. אויב איך האָב מיך תמיד באַמיט אייסצומיידן יעדע אומגעשיקטקייט, ווייל דאָס פלעגט אַרויסרופן אַן אומפאַרמיידלאַכן שטורם, האָב איך דוקא, בעת פריץ איז געווען דערביי אָפּט בכיון אַראָפּוואַרפן דעם בייטש, כדי צוזען ווי זיין שלאַנקע בחורשע פיגור לאָזט זיך אַראָפּ פון זאָטל, כדי מיר צוריקצובריינגען דאָס, וואָס איך האָב פאַרלאָרן. האָט זיך אונוער חבריא פאַרגרעסערט, פלעגן זיך זיינע מוילווינקלען פאַרקרימען ווי ביי אַ קליין קינד ווען דאָס וויל וויינען, און נישט רעדנדיק קיין וואָרט, האָט ער זיך אַ דריי געטאָן, און אין גאַלאָפּ געמאַכט אַ ויברח אַהיים.

די אַלטע שטעטעלע איז געווען פול מיט יוגנט. איך מיין, אַז קיין אַלטע לייט זיינען דאָרט בכלל נישט געווען; אפשר פלעגן זיי, ווי די מוילוואורפן, פאַרקריכן אין די לעכער

מוראַהאָבנדיק פֿאַרן לאַכנדיקן טאָג. אויך גאַנץ ווייניק יונגע מיידלאַך זײַנען געהוען אין אונזער סביבה.

אין מײַן פֿאָטערס רעגימענט בין איך געוועזן די איינציקע אין מײַן אַרט און אַז אַלע לייטענאַנטן האָבן געטאַנצט אַרום דעם רעגימענטס־טעכטערל איז זעלבסטפֿאַרשטענדלאַך. אַלע זײַנען זיי ס׳רוב געוועזן בערלינער סוחרישע זין, ווײַל נישט קוקנדיק אויף זייער גרויסן יחוס, איז דאָך די גוואַרדיע פֿאַר זיי געווען פֿאַרשלאָסן. אַ סך פֿון זיי האָבן זיך געהאַלטן אייגענע פֿערד און האָבן זיך באַמיט מיט זײַער פֿאַרשווענדונג און מיט זייער גאווה איבערצושטײַגן די פֿעאָדאַלע חברים פֿון דער קאַוואַלעריע. פֿאַרקערט זיינען די אָפֿיצירן־קאָרפוסן פון די קיראַסירער דוקא געווען צונויפֿגעשטעלט פֿון אַלטן אַדל פון בראַנדענבורג און פּאָמערן און צווישן זיי און די פּיעכאָטע זײַנען אין אונזער צײַט כמעט נישט געווען קיין שום געזעלשאַפֿטלאַכע באַציונגען. די מיוחסים האָבן פֿאַרקערט מיט די ריטער, די גוטסבאַזיצער אין דער אַרומיקער סביבה, מיט וועלכע זיי זײַנען אַגב אויך געווען צונויפֿגעבונדן דורך פֿאַמיליען־באַציונגען, די פּיעכאָטע האָבן זיך געפּילט בעסער אין געזעלשאַפֿטסקרייז פֿון די סוחרים און פֿאַבריקאַנטן. דערדאָזיקער צושטאַנד האָט זיך לגמרי געענדערט, אַז מײַנע עלטערן זיינען אָנגעקומען קיין בראַנדענבורג. אויב מײַן פֿאָטערס יוחס־שטאָלץ איז געווען באַליידיקט דורכן בירגערלאַכן רעגימענט, האָט אים אָבער דאָ אַרויסגעהאָלפֿן זײַן אַלט־פּרײַסישע אויפֿפֿאַסונג מכח דער גרויסאַרטיקייט פֿון אָפֿיציר אַלס אַזעלכן, און ער האָט געטאָן אַלץ, וואָס ער האָט נאָר געקאָנט אַרײַנצופֿירן דידאָזיקע אידעע אויך אין די אויסערלאַכע פֿראַגן פון געזעלשאַפֿטלאַכן פֿאַרקער. לײַכט איז עס נישט אָנגעקומען, ווײַל דער בירגערשטאָלץ איז אָפֿט אַזוי פֿאַר־

עקשענט ווי דער אַדל-שטאָלץ און די בעסערע פּלעגן זיך אָפּט פּילן באַליידיקט, וואָס מען חברט זיך מיט זיי בלויז ווײַל זיי זײַנען אָפּיצירן, כאָטש מען איז אַליין אפשר נישט קיין גרעסערער מיוחס. דער ווידערשטאַנד, וואָס איז קעגן מײַן פּאָטערס וואונש אַנטשטאַנען פון דידאָזיקע באַציונגען, איז אָבער באַלד אָפּגעשוואַכט געוואָרן אַ דאַנק יענער באַוואונדערונג פון בירגלאַכן עלעמענט פאַרן אַריסטאָקראַט, וואָס איז פול קנאה און איז כמעט געבליבן ביז אויף הײַנטיקן טאָג.

מיין פאָטער האָט פון מיר געפאָדערט, אַז איך זאָל זיינע אָפיצירן באַגעגענען מיט דער זעלביקער פריינטלאַכקייט ווי די צנדערע.

— וואָס זיי הייסן מילער און שולץ דאָס דאַרף דיך נישט האַרן, זיי טראָגן אַלע דעמזעלביקן ראָק און חתונה האָבן דאַרפ־סטו דאָך מיט זיי נישט.

— ניין, געוויס נישט. דער געדאַנק גופא איז מיר פאָר־געקומען קאָמיש. חתונה האָבן! דער גרעסטער יחסן און דער שענסטער ד״האָט געדאַרפט זיין דער וועלכן איך האָב מיר פאָר־געשטעלט אין מיינע צוקונפטס - חלומות. צו וואָס בכלל טראַכטן מכח חתונה האָבן, בעת איך ד״האָב נאָך פאַר זיך אַ גאַנץ פריי־יוגנט-לעבן, וואָס לאַכט און לאַכט! גליקלאַך און זאָרגלאָזיק האָב איך זיך געלאָזן טראָגן פון די חניפהדיקע רייד פון יעדן פייער־דיקן בליק, פון יעדן הייסן האַנט-דרוק ד״האָט מיין האַרץ געצי־טערט פון פאַרגעניגן. איינער איז מיר ליבער געווען, ווי דער אַנדערער, איך האָב לגמרי נישט געקלערט צו באַהאַלטן מיינע געפילן ווייל איך האָב ליב געהאַט דאַנקבאַר שטראַלנדיקע אויגן און מיט גרויס פרייד פלעג איך אויסצייכנען דעם, וואָס האָט זיך מיט מיר אַמייסטן אַנטציקט.

ווי אַנגענעם פלעגט מיר זיין, בעת די יונגע בחורימלאַך פון דער ריטעראַקאַדעמיע האָבן זיך אין גאָרטן געשלאָגן פאַר אַ פלאַץ נעבן מיר, שטורמדיק האָט געקלאַפּט מיין האַרץ, אַז דער בלאָנדער פעטער פלעגט מיך, בעת מיר האָבן געשפּילט אין כאַ־פּעניש, רייסן צו זיך. ווייכע, זיסע געפילן האָבן אָנגעפילט מיין האַרץ בעת מיר פלעגן זיך אין שפּיל צודריקן איינער צום אַנדערן לויטער לעבנסלוסטיקע יוגנט און מיין האַנט פלעגט אין וואַסער גלעטן די האַנט פון מיין געטרייערסטן קאַוואַליער דעם לייטענאַנט מיט די שוואַרצע אויגן. טריומפירנדיקע נצחון־פרייד האָט ווילד געמאַכט פולסירן דאָס בלוט אין מיינע אָדערן, בעת מיין ברוינער פערד פלעגט מיך גאַנץ פריי אין מאָרגן נעפּל טראָגן איבער עקסערציר־פּלאַץ, וואו די רויטע זונענשטראַלן האָבן געבליצטשעט אויף די שטאָלענע היטלען פון די קאַראַסירער און בליקן האָבן מיר נאָכגעקוקט און שווערדן האָבן זיך פאַר מיר אַראָפּגעלאָזן, וואָס זייער גרוס האָט באַדייט אַסך מער ווי בלויזע העפלאַכקייט.

און איינמאָל איז געקומען אַ טאָג, אַ הייסער, די לופט פול עלעקטריע, וואָס האָט אונז אַלע אַ גרויסע לוסטיקע געזעלשאַפט, פאַרפּוצטע מיט בלומען אין פיל פאַרביקע קאַרעטן אַרויסגעפירט אין וואַלד, וואוהין עס האָבן אונז איינגעלאַדן אונזערע יונגע אָפיצירן. אונטער גרינע בוימער און העלע געצעלטן זיינען גע־שטאַנען געדעקטע טישן, שיס־ביידלאַך און אַ טאַנצפּלאַץ אַרומגע־צוימט מיט אַ גאַנצן וואַלד פענדלאַך. מיט פּאַראַד האָט אונז באַ־געגנט די מוזיק, און פרעדי, מיין געטרייסטער קאַוואַלער און מיין פאָטערס יונגסטער לייטענאַנט האָט מיך באַגריסט מיט אַ בוקעט טונקעלע, שמעקעדיקע רויזן. מער איז ער שוין פון מיר נישט אָפּגעטרעטן. איך האָב זיך געוואָלט באַפרייען אָבער —

צו איז עס געווען אַ צופֿאַל אָדער מיט אַ כיון—כסדר האָט מען אונז געלאָזן אַליין. קיינער, ווי ס'האָט געשיינט, האָט נישט גע־וואָלט אָפּנעמען ביים יונגן מאַן דעם פּלאַץ נעבן מיר. עס איז געוואָרן אָוונט. מיד פֿון לאַכן און שטיפֿן האָבן מיר זיך צעלייגט אונטער די ביימער און געטרונקען פֿון גרויסע קופּערנע קעסלען קאַלטן שמעקעדיקן יאַגדעס־קוואַס, וואָס האָט דעם דורשט נישט געשטילט און דאָס בלוט נישט געקילט, נאָר פֿאַרקערט געטריבן און געהאַקט אין די שלייפֿן. אַ האַלב פֿאַרוועלקטע געלע רויז איז אַראָפּגעפֿאַלן פֿון מיין פּאַסעק, דער מאַן נעבן מיר האָט עס אַ כאַפּ געטאָן, און איך האָב געזען ווי זיינע הענט האָבן געציטערט בעת ער האָט די בלום געדריקט צו זיינע ליפּן.

עס איז געוואָרן נאַכט. פֿון בוים צו בוים האָבן זיך גע־צויגן פֿילפֿאַרביקע פֿייערלאַך, ראַקעטן און פֿייערווערק זיינען גע־פֿלויגן צום הימל אַרויף ווי די לעבעדיק געוואָרענע, הייסע גע־פֿילן פֿון אונזערע הערצער. די מוזיק האָט אַלץ ווייכער און ביינקענדיקער געקלונגען. מיר האָבן געטאַנצט פֿעסט צוגעדריקט איינער צום אַנדערן; מיט אַ גליקלאַכע ציטער האָב איך געפֿילט דאָס קלאַפּן פֿון זיין האַרץ נעבן מיינער, זיין הייסן אָטעם, וואָס האָט באַרירט מיין שטערן. טיפֿער אין וואַלד אַריין האָב איך זיך געלאָזט פֿירן, האַלב פֿאַרחלומט ערשט, אַז עס איז שטיל געוואָרן, גאַנץ שטיל אַרום מיר, האָב איך אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ און דער־זען—צוויי אויגן, וואָס האָבן אויף מיר געקוקט, ווי זיי וואָלטן מיר וועלן אויפֿעסן. שטום האָב איך זיך אָנגעשפּאַרט אויפֿן אָרעם וואָס האָט מיך אַרומגענומען, און איך האָב געהאַט דאָס געפֿיל ווי איך וואָלט זיך אַראָפּגעלאָזן אין אַ ים פֿון רויטן פֿייער בעת צוויי ליפּן האָבן זיך צוגעדריקט צו מיינע. די באַטויבונג איז נאָר האַלב פֿאַרשוואונדן בעת עס האָבן זיך דערהערט דאָס ריידן

און לאַכן, דאָס קלאַפּן פון די פערד און דאָס קנאַלן פון די בײַטשן פון די אַהיימקערנדיקע קאַרעטעס. עס האָט שטאַרק גע־בליצט.

אַ ווינט און אַ שטאַרקער רעגן האָט געקנאַקט אין די פענסטער - שויבן און האָט מיך אויך געוועקט דעם אַנדערן פרי־מאָרגן.

אַן אומיטיקע וואָכעדיקע שטימונג האָט זיך פאַרשפּרייט איבערן הויז און איבערן גאָרטן און איך האָב געפּרוּווט ווי שטענ־דיק ווען עס פלעגט מיר פאַרלאָרן גיין אַ חלום. מיטאָגצײַט איז דער פאָטער אַרויפגעקומען פון ביורא. זײַן אויפגערעגטעס בלאָזן זיך, זיינע שווערע טריט זײַנען נישט געווען קיין סימן פון גוטע בשורות.

—יאָ, דו ביסט אַ פיין מיידל!—האָט ער געשריען קוים אײַ־בערטרעטנדיק דעם שוועל — אָן דעם וויסן פון דײַנע עלטערן־פלירטעוועסטו מיט מײַנע לייטענאַנטן און פאַרדרייסט זיי דעם קאָפּ. צו דען האָסטו גאָר קיין חרפה, קיין בושה נישט?!

נישט פאַרשטייענדיק קיין וואָרט האָב איך אים אָנגעקוקט ווי משוגע.

—מאַך זיך נישט אַזוי נאַאיוו—האָט ער געשריען אויסער זיך פון כעס—דו ווייסט גאַנץ גוט, וואָס עס איז געשען, און מיינסט אַוודאי, אַז איך וועל אַרײַנוואַרפן מײַן טאָכטער אין די אָרעמס פון ערשטן בעסטן קרעמערל!

איך האָב זיך פשוט דערשראָקן—צו דען איז עס מעגלאַך פרעדי האָט געבעטן מיין האַנט!

—אָבער איך וויל דאָס גאָרנישט!—האָב איך געמורמלט.

אַ שמייכל האָט זיך באַוויזן אויפן רויטן פנים פון מיין פאָטער.

—יאָ, צום טייוול, אָבער וואָס רעדט ער זיך אַזוינס איין, דער בחור—ער פאַרזיכערט דאָך, אַז דו האָסט אים שוין געגעבן דיין וואָרט!

איצט האָט שוין קיין זאַך נישט געהאָלפן—איך האָב זיך געמוזט מודה זיין אויף אַלץ. און אַז איך האָב ביים גרויען טאָג־ליכט געמוזט צושניידן מיט קאַלטע ווערטער, ווי מיט מעסערס, דעם הייסן חלום פון דער נאַכט, האָב איך דערשפּירט אַ טיפן האַס צו דעם מאַן, וואָס האָט מיך מיט זיין אומבאַרעכנטער האַנד־לונג דערצו געצוואונגען. איין קוש אין דער יולי נאַכט, — און אין דערפרי קומט ער אויסגעפּוצט אין דער גאַנצער אַמוניציע און באַגערט מיך פאַר אַ ווייב אויף אַ גאַנצן לאַנגן לעבן!

—מ׳קושט זיך דאָך נישט, אַז מען וויל נישט חתונה האָבן! האָט געזאָגט מיין מוטער שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, אַז דער שטורם פון פאָטערס צאָרן האָט זיך שוין אַביסל געהאַט איינגעשטילט.

—חתונה האָבן—מיט אַ ווילד פרעמדן מאַן!—האָב איך מיט אַ שוואַכער שטים אַרויסגעזאָגט.

די ווירקונג פון מיינע ווערטער איז געווען אַ וואונדערבאַ־רע: מיין פאָטער האָט זיך צולאַכט—און האָט געלאַכט אַזוי שטאַרק, אַז טרערן זיינען אים גערונען איבער די דיקע באַקן.

און אין אָוונט האָט ער מיר געבראַכט אַ מתנה אַ גאָלד געלן זונענשירם, וואָס איך האָב שוין גאָר לאַנג געוואָלט האָבן. כּדי אין קערן צו דערשטיקן וועלכע עס איז נישט איינגענעמע רייד... האָט מיין פאָטער פאַרלאַנגט פון אָפּגעזאָגטן חתן, אַז ער זאָל זיך באַנעמען ווי עס וואָלט קיין זאַך נישט געשען. פרעדי האָט געפאָלגט.

מיין פאָטער האָט געהאַט אַ שטאַרקן טעות: דער גלייכער ראָק מאַכט נאָך נישט אַלע גלייך! די קיראַסירער האָבן נישט נאָר

בעסער געטאַנצט און געריטן, זיי זײַנען אויך געווען פריילאַכער פּאַרטנערס בײַ יענעם שפּיץ מיט פײַער, —דעם איינציקן וואָס איך האָב טעגלאַך מיט וואַקסנדער לײַדנשאַפט געשפּילט, וואָס געפּערלאַכער דאָסדאָזיקע שפּיל איז געווען, און וואָס גרעסער דער נסיון. ווי אַ רויב־פויגל מיט אויסגעשפּרייטע שוואַרצע פליגל האָט געשוועבט די פאַנטאַזיע איבערן גרינעם לאַכעדיקן בלומענפעלד פון מײַן לעבן. שטאַרק גענוק וואָלט זי געווען מיך אויפצוהייבן און אַוועקצוטראָגן אין די הויכקייטן פון איר מלוכה, וואו איך האָב געקאָנט ווערן איר הערשער. מען האָט מיך אָבער אויסגעדרעסירט זיך מורא צו האָבן פאַר דערדאָזיקער נסיעה, און איצט האָט זי הונגעריק און נקמהדורשטיק געלויערט אויף טעגלאַכע רויב, און איך האָב זיך געמוזט איר אונטערוואַרפן.

דעם גלײַכמעסיקן קלאַפּן פון וואָכנטאָג האָב איך נישט געקאָנט פאַרטראָגן, אַ געשווינטערער האָט ער געמוזט ווערן ביז צו אַ פיבער־טעמפּאָ, אָדער פאַרהילכט פון טרומייטן־קלאַנג פון פרייד. בעת איך האָב דערפילט די הויז־פליכטן האָב איך זייער לאַנגווייליקייט אַרומגעפלאָכטן מיט בלומען, האָב איך געשפּילט מיט מײַן שוועסטערל, האָב איך באמת מיט איר נישט געשפּילט זיך אונטערוואַרפנדיק איר קינדישקייט, נאָר איך האָב פאַר איר אַנטוויקלט מײַנע פילפאַרביקע חלומות. מיר איז ווייניק געווען אַ קורצער, זאָרגלאָז אימפּראָוויזירטער טענצל, אַווילדער, אַ ליידנשאַפטלאַכער טאַנץ האָט עס געדאַרפט זײַן ביז צו אַנידערפאַלן. און איין שעה רײַטן אין קילן פרימאָרגן האָט בלויז אַרויסגערופן אין מיר אַ פאַרלאַנג צו אַ ווילדן רײַטן איבער שטאָק און שטיין.

איך מיין, אַז מײַן פאָטער האָט מיט קיין זאַך אַזוי נישט שטאָלצירט ווי מיט מײַן קונסט צום רײַטן, און קיין זאַך האָט ער מיר נישט אַזוי נאָכגעגעבן ווי אויפן געביט פון דערדאָזיקער

קונסט. שוין גאַנץ פֿרי פֿלעג איך אים באַגלייטן, אָבער נאָכמי־
טאָג האָב איך ווידער געמעגט אָנזאָטלען מײַן פֿערד אָדער דעם
גרויבן ברוינעם מיטן ווײַסן פֿלעק אויפֿן שטערן, וואָס זײַנע
אויערן פֿלעגן זיך קלוג אויפֿשטעלן פֿון יעדן שטילן צורוף, וואָס
פֿלעגט נאָכגעבן יעדן לײַכטן דרוק און ווי אַ פֿייל פֿון בויגן האָט
ער זיך געטראָגן איבער פֿאַרקאַנעס און גראָבנס. כמעט שטענדיק
האָב איך בײַם רײַטן געהאַט שמערצן, יענע אַלטע שמערצן אין
דער רעכטער זײַט, וועלכע האָבן זיך אין אויגסבורג אַזוי פֿאַר־
שטאַרקט, רער גענוס איז אָבער שטאַרקער געווען און איך פֿלעג
פֿאַרבײַסן די ציין. אויפֿן זאָטל האָב איך זיך געפֿילט פֿרײַ, און
אַזוי ווי מײַנע פֿיס האָבן נישט באַרירט דעם שטויב פֿון גאַס,
איז מײַן נשמה געווען ווײַט פֿון אַלץ וואָס עס ליגט אונטן גרוי
און שמוציק. קיינמאָל האָב איך זיך אין מאַרק גראַפֿשטאַט־בראַנ־
דענבורג נישט געפֿילט היימיש, בעת איר ווייכער זאַמד פֿלעגט
נאָכגעבן די קאָפּיטעס פֿון מײַן פֿערד, אַזוי אַז דאָס רײַטן איז
געווען ווי אַ זאַנפֿטער וויגן זיך און אירע לאָנקעס און וועלדער
האָבן זיך פֿאַר מיר געצויגן כמעט אָן אַ סוף, אַ וואונדערפולער
וועג פֿאַר אַ לאַנגן גאַלאָפּ,—דעמאָלט האָב איך זי ליב געהאַט,
דעמאָלט איז זי מיר געוואָרן היימיש און איך האָב זיך געהאַלטן
פֿאַר דער הערשערן פֿון באָדן אויף וועלכן מײַן ברוינער האָט גע־
טרעטן.

פֿרייהייטס—און הערשאַפֿטס־געפֿיל דאָס קען נאָר דער רײַטער
באַגרייפֿן, דעריבער איז רײַטן פֿון שטענדיק אָן געווען בלויז דאָס
רעכט פֿון די האַרן. בזעת אַפּיו, אין שווייס פֿון זײַן פּנים,
ווי אַ שקלאַף, אַרבעטנדיק שווער מיט די מוסקולן ווי ער, טרײַבט
דער פּורמאַן זײַן גרויען פערדל. נאָר אויף גלײַכע, ברייטע וועגן
קאָן דער משא־וואָגן קלאַפּנדיק און בלאָזנדיק זיך שלעפּן אי־

בער דער וועלט, בעת דער רײַטער טראָגט זיך לײַכט דורך טי=
פֿע וואַלד=איינזאַמקייטן און די איידעלע חיה אונטער אים שטערט
לגמרי נישט דעם ריינעם, רויקן געגוס פון דער נאַטור. ציט אים
די ווײַטקייט, וויל ער אויספּרובירן זײַן קראַפֿט, אויסשטודירן
זײַן אייגענעם מוט, איז געגוג איין דרוק פֿון זײַנע שפּאָרן,
און לאַכט זיך אויס פֿון אַלע שטערונגען. ער איז דער קינסט=
לער, דער פֿרײַער, דער שטאַרקער,—אָרעמע אַרבעטער אָבער
זיינען יענע די איבעריקע, אָפּהענגיק פֿון זייער מאַשין, איר
אונטערגעוואָרפֿן. אָפּט פֿלעגן מיר רייטן זייער ווייט: ביז קיין
ראָטהענאָוו, אויף יענער זייט, וואו דער משוגענער ראָזענבער
האָט דערצויגן זיינע הוזאַרן פֿאַר לויטער מייסטערס פֿון דער
רייטקונסט און נישט געקוקט אויף סעקט און מאָרפיום האָט אים
קיין איינציקער פון זיינע תּלמידים נישט איבערגעשטיגן; אָדער
אויף מערב=זייט צו די בלויע פּאָטסדאַמער האַוועל=אָזערעס, וואו
די בערלינער טוריסטן פֿלעגן אונז גאַנץ אָפּט איבערפירן די גו=
טע שטומונג. אַ מענטש, וואָס גייט צו פיס איז דער געבאָרענער
שונא פון דעם וואָס האָט אונטער זיך אַ פירפיסיקן פערד, און דער
שטרייגגסטער פּאָטער וועט נישט זאָגן קיין שלעכט וואָרט זיין
קינה, וואָס וואַרפט שטיינער אין די רייטער אָדער שרעקט דעם פערד
דורך ווילדע געשרייען. די אַמאָליקע אידענטישקייט פון רייטער
און ריטער איז געבליבן ביז אויף היינטיקן טאָג, און אונטערן
שוועל פון באַוואוסטזיין דרעמלט נאָך אפשר אַן אַלטמאַרקישער
זכרון אָן די קראַכטס און די קוויצאָוס, וואָס העלפט צו פאַר=
שטאַרקן די שנאה.

שפעט אין הערבסט איז עס געווען, אין איינעם פון יענע
ליכטיקע אָקטאָבער טעג, בעת די בוק=ביימער גלאַנצן אויסגעפוצטע
אין זייערע רויטע גאָלדענע בלעטער, און די טונקעלע סילועטן פון

פון די נאָדלביימער שלאָגן פאַנטאַסטיש אָפּ פון ליכטיקן הימל, אַ פּאָר ראַטעגאָווער הוזאַרן האָבן אונז באַגלייט, און די פּוסטקייט האָט מיך געררייצט צו ווייזן פאַר זיי וואָס איך קאָן. די אָפּגעשניטענע פעלדער האָבן פאָרגעשטעלט אַ פרייען וועג און איך האָב גוט געקענט אַלע שטערונגען אויפן גאַנצן שטח. ביז צום אַלטן דעמב אין פלויערשן וואַלד, האָב איך פאָרגעשלאָגן, זאָלן מיר רייטן.

—דער שלייער אויף אייער הוט וועט זיין די באַלוינונג!
—האָט לאַכנדיק געזאָגט איינער פון די אָפיצירן.

—איר פאַרגעסט, אַז איך וועל מנצח זיין!—האָב איך געענטפערט אויפהייבנדיק הויך דעם קאָפּ, און אויפמונטערנדיק אים האָב איך אַ קלאַפּ געטאָן מיין ברוינעם איבערן שלאנקן האַלז.

—פאַר אַזאַ נצחון, קאָנט איר רויק פאַרלאַנגען די קרוין פון כינעזישן קייזער!—האָט זיך געחיצלט דער צווייטער,

און מיר האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אין אַ ווילדן גאַלאָפּ.

גאַנץ נאָענט איינער נעבן אַנדערן האָבן מיר גענומען דעם ערשטן גראָבן,—אָבער איך בין שוין געפלויגן פאָרויס, און נישט וויט הינטער מיר—דער פוקס פון מיין פאָטער, וואָס האָט זיך שטורעמדיק געטראָגן אונטער דער לייכטער וואָג פון פעטער פריץ. איבער אַ וואַנט בין איך אַריבער און נאָך איבער איינער, וואָס האָט אַרומגערינגלט דעם הויפל פון אַן אָרימען פויער. איך בין געווען אַליין. אויסשרייען האָב איך געוואָלט שטאָלץ אויף מיין נצחון — אָבער דער טאָן איז מיר געבליבן שטעקן אין האַלז — אַ שטאַרקער ווייטאָג האָט מיך אָנגעכאַפּט. און נישט ווילנדיק האָב איך אַ שטאָך געטאָן מיין פערד מיט די שפּאָרן. איבעראַשט פון דער שלעכטער באַהאַנדלונג, האָט ער זיך אַ הייב געטאָן אין דער לופטן, ווילנדיק זיך ווייטער אַ יאָג טאָן מיט אַ

ווילדן לויף. יעדער שפרונג האָט פאַרשטאַרקט מיינע שמערצן, עס איז מיר פינסטער געוואָרן אין די אויגן—איך האָב נאָר בלויז געהאַנגען אויפן זאָטל. פאַרלירנדיק דאָס באַוואוסטזיין דהאָב איך געזען נאָנט פאַר מיינע אויגן אַ גרויסע, בלויע וואַסערפלאַכקייט: די פלויערשע אָזערע. עפּעס אַ בקשה האָט זיך אין מיר דער־וועקט: טראָג מיך אַריין אַהין, מיין טרייער פערד, טראָג מיך אַריין אַהין—כדי מיינע ברענענדיקע שמערצן זאָלן זיך אָפּקילן! און מיר האָט זיך געדוכט, אַז די וועלן שלאָגן שוין איבער מיר.

אויף אַ גרינעם פעלד בין איך צו זיך געקומען און האָב דערזען דאָס צושראָקענע געזיכט פון גוטן פעטער, וואָס האָט זיך צו מיר אַראָפּגעבויגן. זיינע אויגן זיינען געווען פול טרערן, פון אַ פאַרשטיקטן כליפּן האָט געציטערט זיין שטים בעת ער האָט אויסגעשריען:

—דו לעבסט! גאָט צו דאַנקען — דו לעבסט!

אַז מיין פאָטער איז געקומען בין איך שוין געשטאַנען אויף די פיס און מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג דהאָב איך זיך באַמיט אים צו באַגעגענען מיט אַ רויקן שמייכל.

אַ קאַרעטע פון פלויערשן שלאָס האָט מיך געבראַכט אַהיים און די מאָרפיום־איינשפּריצונג פון מאָמענטאַל געבראַכטן דאָק־טאָר האָט געמאַכט אַ סוף צו מיינע שרעקלאַכע יסורים.

פון דער צייט אָן האָט זיך מיין לעבן אָפּגעשפּילט צווישן בעט און ליגשטול. מיין ליבלינגס־פּלאַץ איז געווען אין דרויסן ביי דער וואַנט, וואו עס האָט געבליט דער אָלעאַנדער־בוים, בעת איך בין אין מאַי אַהער געקומען. דער קליינער אַמור איז נאָך אַלץ געשטאַנען גלייך אויף זיינע דיקע פיס, די פייגלאַך האָבן שוין אָבער אויף די בלעטלאַך נישט געפּישצעט. דער הערבסט האָט זיי אָפּגעפאַרבט מיט אַ טונקלרויטער פאַרב. אונ־

טערן דאָזיקן בוים בין איך געלעגן און האָב געקוקט אין הימל אַריין און געהערט ווי די בלעטער פאַלן. דער פעטער פריץ איז כמעט שטענדיק געווען נעבן מיר — אַזוי האָב איך פאַרלאַנג — ער האָט כמעט אינגאַנצן פאַרלאָזן זיין לערנען. מיטן פאַרשיכּורטע גיפּס, וועלכן איך האָב כּסדר אַלץ שטאַרקער פאַרלאַנגט, פלעגט קומען דער דאָקטאָר צוויי מאָל אַ טאָג און מאַכן מיר איינשפּריצונגען און זיסע פאַרחלומטע שעהן זיינען עס געווען, ווען דער קערפּער איז געווען אַלץ שווערער און שווערער, און דער גייסט לייכטער און לייכטער, איך האָב געשפּירט ווי מיין גייסט וואַקסט אויס צו אַן איבערערדישער גרויסקייט און נייע קרעפטן האָבן מיך דורכגעדרונגען וועלכע זיינען שטאַרק גענוג צו פירן אַ קאַמף מיט דער גאַנצער וועלט.

אַרומגעגורט מיט אַ פּאַנצער האָב איך זיך ווידער דערזען ווי אַמאָל בעת איך האָב געחלומט צו ווערן אַ „צווייטע יונגפרוי פון אָרלעאַנס", און איך האָב זיך געשעמט מיטן פּוסטן, פּילפּאַרביקן שפּיל, וואָס איך האָב ביז איצט געטריבן. עס זיינען אָבער געקומען אויך אַנדערע חלומות, וואָס האָבן מיר געגלעט אָדער געטריבן הייס בלוט אין מיינע באַקן; דעמאָלט האָב איך דערלויבט, אַז דער יונגל נעבן מיר זאָל קושן מיינע הענט און דערציילן נאַרישע מעשיות וועגן דעם פלאַם־פייער פון זיין גרויסער ליבע.

— דערלויב מיר נאָר, אַז איך זאָל דיך ליבן און דיר קאָנען דאָס זאָגן — פלעגט ער מיך בעטן — באַלד וועל איך דיך מער נישט טאָרן זען ווי איצט, ווייטער און ווייטער וועסטו מיר ווערן אַ באַל־דאַמע און איך — אַ שול־יינגל!

וויינענדיק פלעגט ער איינגראָבן זיין קאָפּ אין די פאַלבן פון מיינע קליידער, כּדי באַלד נאָך דעם מיך ווידער מיט הייסע אויגן אָנצוקוקן.

—אָבער ליבן, ליבן וועל איך דיך שטענדיק !

—שטענדיק?! צו דען וועט קיין אײנציקער הערבסט שטו־רעם ווידער נישט אַראָפּוואַרפן דעם קלײנעם אַמור פון זײן גע־שטעל ?

ווײמוטיק האָב איך געשמײכלט.

קיל האָט געבלאָזן דער ווינט פון וואַסער, וואָס די נעפּל האָבן אים שוין אָנגעהויבן אײנצווזינקן און פרווירענדיק האָב איך זיך שטאַרקער געוויקלט אין מײן טוך.

VIII.

— נו, איצט וועט זי שלאָפן — האָב איך געהערט האַלב פאַרחלומט—ווי דער דאָקטאָר האָט געזאָגט צו מיין מוטער, צומאַכנ־דיק שטיל די טיר.

פיר טעג נאָכאַנאַנד האָב איך זיך געדרייט ווי אַ שלאַנג פון יסורים, וואָס האָבן זיך שוין דעם מאַרפיום איינשפּריצונג אויך נישט אונטערגעגעבן. היינט האָט מען מיר כלאָראָפאָרמירט. דור־שטיק האָב איך איינגעזויגן אונטער דער גאַז־מאַסקע דעם זיסן ריח פון דער פאַרשיכּערונג. איצט בין איך געלעגן שווער, ווי געשמידט אין קייטן—אויף מיין בעט אָן שמערצן, אָן שלאָף. אַ מאַטע, רויזיק פלאַקערנדיקע ליכטיקייט האָט זיך פאַרשפּרייט איבערן צימער פון די נאַכטלעמפּלאַך נעבן מיר. די געלע בלע־טער אויף די וואַנט־טאַפּעטן האָבן זיך באַוועגט הין און צוריק— פון אָנהייב לאַנגזאַם, שפּעטער אַלץ גיכער, גיכער, אַזוי אַז מיר האָט אָנגעהויבן שווינדלען. איך האָב פאַרמאַכט די אויגן, אַזוי בין איך געוועזן מיד. פּלוצלונג האָט זיך אָן עפן געטאָן די טיר

און עפּעס האָט אַריינגעשוועבט, גרויס, ווייס און קאַלט; אויגן האָבן מיך אָנגעקוקט, אָן אַ פאַרב ווי לבנה-ליכט, — און אַנדערע זיינען אויפגעשוואומען, ווי פון נעפּל-שלייער אַרויס, אונטערגעשלאָגענע מיט בלוט-צייכנס,—און געזיכטער פאַרקרימטע פון יסורים,—הונגע-ריקע, וואָס האָבן גיריק געזוכט רויב, — תאוהדיקע אין וועלכע עס האָבן געטאַנצט קליינע, רויטע פייערלאַך. דערביי האָט גע-רוישט, ווי פון אַ סך מלבושים, און געהאַקט און געקלאַפּט, ווי מיליאָנען טריט... די ווענט האָבן זיך צורוקט פאַרן גרויסן באַ-וועגלאַכן המון, שרעקלאַכע געשפּענסטער... איצט איז די געשטאַ-גען פאַר מיר, גאָר, גאָר נאָנט, די ווייסע מיט די לבנה-אויגן און אַ האַנט ווי פון אייז און פּודיק-שווער, האָט זיך אַוועק, גע-לייגט אויף מיין האַרץ.

—קווין מאַב—האָב איך אויסגעשריען.

איצט איז זי שוין געזעסן אויף מיין בעט, און אירע פינ-גער האָבן געלעכערט מיין זייט... איך בין אָבער געלעגן גע-שמידט אין קייטן און האָב נישט געקאָנט איר אַוועקשטויסן.

טעג — וואָכן האָבן מיר ביידע געקעמפּט. מיין יוגנט האָט איר באַזיגט. עס זיינען אָנגעקומען גאַנץ שטילע צייטן רויק זיי-נען די שניישטערנדלאַך געפאַלן פאַר מיינע פענצטער און גאַנץ זעלטן פלעגט דערגיין צו מיין אויער אַ הויכער טאָן: דאָס קלאַפּן פון די פערד אין שטאַל, דאָס שלאָגן פון קירך-זייגער, דאָס לוס-טיקע לאַכן פון דער קליינער אילזע.

סוף כל סוף האָבן די דאָקטוירים דערגאַנגען, וואָס מיין קראַנקייט איז: די נירן-אָנצינדונג, וואָס האָט מיך אַזוי געמאַטערט האָט מער נישט אַרויסגערופן קיין שום ספק. איך האָב געמוזט ליגן אין בעט, גלייך אויסגעצויגן. אָן אַ שום באַוועגונג אַפילו נאָך דאַן ווען די ווייסע מיט די לבנה-אויגן האָט מיר שוין לאַנג

אַוועקגעוואָרפֿן. אָנשטאָט אירע שפּיציקע אייז־פֿינגער אין מיין קערפּער, האָבן איצט אַ סך קאַלטע געדאַנקען געלעכערט מיין מח. וואו בין איך געווען? צו דען האָט נישט די מאָרפֿיום־שכרות פֿון לייכטזיניקייט איינגעשלעפֿערט אין מיר אַל דאָס גוטע און שטאַרקע? צו בין איך נישט געוואָרן אומטריי אַלע מיינע גרויסע קינדער־האָפֿנונגען? אָדער: זיי מיר? ! טאַנצן, רייטן, לאַכן, זיך שפּילן מיט הערצער, ווי מיט פּילקעס — צערטלען אַביסל דאָס שוועסטערל, פֿאַרפּוצן דאָס הויז, — זאָל דאָס שוין זיין דער איינציקער לעבנס־אינהאַלט? צו דען בין איך נישט געווען רייכער צו זעקס יאָר, בעת איך האָב געחלומט וועגן אַ יונגע פֿרוי פֿון אָרלעאַנס, ווי איצט מיט גאַנצע צען יאָר שפּעטער? און דעמאָלט בין איך פֿיל רייכער געווען ווען איך האָב מיר געבויט דעם באַלדור־טעמפּל. און איך האָב זיך געגראָבן, אָן אַן אויפֿהער זיך געגראָבן אין די פֿאַרשאָטענע שיכטן פֿון מיין נשמה. האַלב פֿאַרהונגערט אין פֿינצטערסטן ווינקל איז זי געזעסן פֿאַרזונקען אין זיך מיין אָרעמע נשמה. ווי אָרעם, ווי עלנד בין איך געווען ! וואו איז געווען פֿאַר מיר אַ ציל, פֿאַר וועלכן עס זאָל ווערט זיין צו קעמפֿן? וואו איז דער גרויסער פֿלאַם אויף פֿאַנאַנדערצובלאָזן די טונקעלע אַש פֿון לעבן ?

אַ שמאָל, בלאַס פּנים, אַרום מיט שוואַרצע שפּיצן, האָט זיך צו מיר צוגעבויגן.

—באָבע—האָב איך געמורמלט.

און ווי די האָפֿנונג וואָלט מיר עפֿנען אַ טיר, וואָס פֿירט צו דער ליכטיקייט.

— נאָר רויק, מיין ליב קינד, גאַנץ רויק—האָט זי געזאָגט מיט אַ שמייכל, און אַ טרער איז מיר געפֿאַלן אויפֿן שטערן, אַ טרער פֿון פֿרייד.

מיט אַ מסירת־נפש, וואָס קיין זאַך אין דער וועלט קאָן איר נישט אָפּשוואַכן האָט מיר מיין מוטער געפּלעגט טאָג און נאַכט. די באָבע איז געקומען איר פאַרבייטן, זי איז עס אויך געווען וועלכע האָט, ווי תמיד, ווען דאָס איז נויטיק געווען פאַרן גליק פון אירע קינדער, געגעבן די מיטל. אַ דאַנק וועלכע איך האָב געזאָלט געזונט ווערן. אַז דער דאָקטאָר האָט מיר פאַר־אָרדנט אַ קאַרלסבאַדער קוראַציע, האָב איך גוט געוואוסט, פאַר־וואָס די מוטער האָט פאַרביסן די ליפּן און דער פאָטער האָט אומרויק געהוסט. וואָס זיי האָבן געהאַט האָט פאַרשלונגען מיין קראַנקייט.

ווי נאָר איך בין געוואָרן טראַנספּאָרט־פייאיק בין איך גע־פאָרן קיין קאַרלסבאַד מיט דער באָבען, וואו זי גופא האָט שוין אַזוי אָפט געפונען אַ רפואה. איר אַלטער דאָקטאָר, צו וועלכן זי האָט מיך געבראַכט, האָט געשאָקלט אויף מיר מיטן קאָפּ, אַ די־קער, פליכעוואַטער מאָנאַך־קאָפּ, וואָס איז געזעסן אויף אַ דאַרביי־ניקן קאַרליק־קערפּער — נאָר אַ גייסטיקער דערשיטערונג, אויב נישט די עלטער פירט צו אַזעלכע קערפּער־קאַטאַסטראָפן.

אַ פרעגנדיקער בליק פון קליינע בלישצענדיקע אויגעלאַך האָט זיך אויף מיר געווענדט. — ווי אַלט איז אייגנטלאַך דאָס פריילן?

—זיבעצן יאָר!

—זיבעצן יאָר!

ער איז אויפגעשפּרונגען פון שטול און האָט אויסגעמאָסטן דעם צימער מיט קליינע, האַסטיקע טריט און דערביי האָט זיך דער רונדער קאָפּ כסדר גענייגט פון איין אַקסל צום צווייטן.

—חולת־אהבה? ! ליבעס־שמערצן.

און זיין בליק האָט דורכגעשטאָכן מיינעם. איך האָב גע־לאַכט מיט אַ גיין און געשוויגן. צו וואָלט ער פאַרשטאַנען אַנדע־רע שמערצן אַפילו איך זאָל זיי אים דערקלערן?

מיט יענער טאַקטפולער צוריקהאַלטונג, וואָס מייט אויס יעדן דרוק אויפן פאַרטרויען פון אַ מענטשן,—אַפילו דעם נאָנטסטן — האָט אויך מיין באָבע מער נישט געפאָרשט און איך, נישט גע־וואוינט מיך אויסצורײדן, האָב זיך דערפאַר כמעט געשראָקן. אָבער אַז מיר פלעגן אין זונענשיין פון פרימאָרגן מאַכן אונזער שפּאַ־צירגאַנג אויף באַקוועמע וועגן, דורכן שמעקענדיקן טאַנענוואַלד, וואָס האָט גראָד אָנגעצונדן זײַנע פרילינגסליכטלאַך און מיר פלעגן דערגרייכן די שפּיצן פון די הויכע בערג, דאַן פלעגט מיך דורכ־נעמען די לינדע, ווייכע פרילינגס־לופט און טאַפּנדיק, ווי אין שרעק האָבן זיך אויסגעריסן פראַגן און ווידוים.

—איך קאָן נישט גלויבן, באָבע—האָב איך אַמאָל געזאָגט, בעת זי האָט גערעדט מכח דעם אינערלאַכן גליק, וואָס גיט דעם מענטשן דער גלויבן. מיר זיינען גראָד געזעסן פאַרן גרויסן אַלטן פיכטענבוים מיטן אָפּגעבליאַקירטן בילד פון ג א ָ ט ס מ ו ט ע ר, וואָס האָט אויפן וועג צום פריינדשאַפטס־טעמפל כמעט באַהערשט דעם גאַנצן וואַלד.

—טו לאָז איבער אינגאַנצן אַוועק די פראַגן וועגן גלויבן און האַנדל נאָר אין קריסטוסעס גייסט, דערפיל דיינע פליכטן, דין די מענטשן, אונטערדריק די שלעכטע תאוות אין דיר און פלעג נאָר די גוטע, דאַן וועט דער גלויבן פון זיך אַליין קומען און דו וועסט זיך באַרויקן.

איך האָב געשוויגן. מעכאַניש האָט מיין שירם געצייכנט קרייזן אין זאַמד. צו איז דער בוים, וועלכער האָט דאָ פאַר

מיינע אויגן אַזוי געוואַלדיק אויסגעוואַקסן אויפן רעכנונג פון די וועלכע ער האָט באַזיגט, ביי וועמען ער האָט צוגענומען די זון?

ווי אַ לעבעדיקער פּראָטעסט איז ער געשטאַנען קעגן דער מאַדאָנען-בילד מיט די שווערדן אין האַרצן, וואָס האָט זיך איינגעגראָבן אין זיין קאָרע. עפּעס בין איך געוואָרן שטאַרק אויפגעבראַכט אויף דער גוטמוטיקער אַלטער פרוי דאָ נעבן מיר. אויף קליינע קרבנות זאָל איך לאָזן מיין קראַפט טעגלאַך בלוטיקן, צו איז עס נישט סוף כל סוף אַ זעלבסטמאָרד? און דאָס איז גאָרנישט מיין ציל, איך האָב גאָרנישט געוואָלט רויק ווערן, איך האָב געוואָלט דעם קאַמף און דאָס שטאַרקע, פייעריקע לעבן. מיר האָט אָבער געפעלט דער מוט צו אַרויסזאָגן, וואָס איך האָב געקלערט. דעריבער האָב איך נאָר שטיל געפרעגט:

— און דאָס גליק, באָבע?

די האָט געשמייכלט, און אַ גאַנץ קליינער, שמערצלאַכער קנייטש האָט זיך באַוויזן צווישן אירע ברעמען.

— דאָס גליק! — מיר זיצן, ווען מיר זיינען יונג, שטענדיק, ווי פאַר אַ פאָרהאַנג און מיט שפּאַנונג קוקן מיר זיך צו איםצו און דערוואַרטן אַ צויבערמעשהלע פון מאָמענט ווען ער וועט זיך אויפהייבן. בינו לבינו פאַרשפעטיקן מיר אַלע אמתע מתנות פון גליק, וואָס זיינען פאַרשפּרייט אַרום אונז: די ליבע פון אונזערע נאָענטע, די מתנות פון גייסט, די פרילינגסבלומען אין דעם זומער הימל. עפן נאָר אויף די אויגן און שטרעק אויס דיינע הענט און דו האָסט זיי גלייך.

— און דאָס איז אַלץ?!

— ניין, מיין קינד — האָט געענטפערט די באָבע, און אַ פייערלאַכער ערנסט האָט זיך געלייגט אויף איר געזיכט.

— דו וועסט ווערן אַ ווייב און אַ מוטער, דו וועסט האָבן ליבע און טויזנט פאַרשיידענע דאגות. און דאַן וועסטו וויסן, אַז נעמען זיי אויף זיך און געבן ליבע מער ווי דו האָסט גענומען, דאָס איז גליק.

ווי נאָר איך האָב אָנגעהויבן געזינטער ווערן אַלץ ווייניקער זײַנען מיר געלאָפן פון מענטשן, און באַלד האָט זיך אַרום אונז צוזאַמענגעקליבן אַ גרויסער קרייז פון באַקאַנטע און קרובים, אָבער נאָר מיט עטלאַכע האָבן מיר שטענדיק פאַרקערט און צו־זאַמען שפּאַצירט. מיט איינעם פון אונזערע באַגלייטער האָב איך זיך באַקאַנט אין אויגסבורג: דאָס איז געווען דער באַראָן פראַנץ שטויפענבערג, וועלכער איז גראַדע דעמאָלט געוואָרן אַ באַרימטע פערזענלאַכקייט צוליב זײַן שאַרפער אָפּאָזיציאָנעלער שטעלונג קעגן ביסמאַרקס ווירטשאַפטס־פּאָליטיק.

די באָבע האָט נישט געהאַלטן פון אַזעלכע פּאָראורטיילן. גייסט און בילדונג האָבן איר צוגעצויגן, גלײַכגילטיק ווער עס זאָל נישט זײַן זייער טרעגער, און שטויפענבערג האָט געהערט צו יענע, וועלכע האָבן איר געקאָנט דערמאָנען אָן איר יוגנט. שטויפענבערג האָט אַפילו אויסגעמיטן צו רעדן וועגן פּאָליטיק, ער איז אָבער געווען באַהאַוואַנט אויף יעדן געביט, וועלכן מען זאָל נישט באַרירן.

קיינמאָל האָב איך זיך נישט געפילט אַזוי קליין און אומ־וויסענד ווי אין זײַן געגנוואַר. אין זײַן ליבע צו דער ענגלישער ליטעראַטור האָט ער זיך צונויפגעטראָפן מיט דער באָבען. דערבײַ האָבן זיך פאַר מיר געטראָגן אומבאַקאַנטע נעמען, און מען האָט גע־רעדט וועגן גייסטיקע שטרעמונגען, פון וועלכן איך האָב נאָך קיינ־מאָל נישט געהערט: ראָבערט בראָונינג, רעסקין, וויליאַם מאָריס. די בילדער־קונסט האָט מען אין די 80 יאָרן אויסער אין די מוזע־

אומס נישט געזוכט. די באַציִונג צו איר איז ביַים גרעסטן טייל געווען די זעלבע ווי צו דער רעליגיע: זי האָט אויפֿגעהערט ווי נאָר הינטער איר האָבן זיך געשלאָסן די טירן צו די גאַלעריַיען און די קירכן. אַז לעבן און קונסט קאָנען זיַין פֿאַרייניקט, איז גאָר קיינעם אין אונזערע קרייזן נישט איַינגעפֿאַלן. אַ געוויסע ליַיכטע עקזיסטענץ, אַ וואוילשטאַנד וואָס גייט איבער פֿון דור צו דור קאָן אפֿשר מעגלאַך מאַכן זייער צונויפֿגיסן זיך; פּריַיסן האָט נישט געהאַט קיין קינסטלערישע קולטור. דאָס וואָס איך האָב געהערט מכּח רעסקינען און באַזונדערס מכּח מאָריסן האָט אין מיר אַרויסגערופֿן פֿאַנטאַסטישע צויבער־בילדער: די ציַיטן פֿון פּעריקלן, די מעדיציער און אַז. וו. די ווירקלאַכקייט פֿול נויט, פֿול אומגערעכטיקייט און העסלאַכקייט, וועלכע די באָבע האָט געשילדערט אַלס היפּך דערפֿון וואָס עס האָט געזאָלט זיַין, האָט מיך אויפֿגעוועקט פֿון מיַינע חלומות. עס איז דאָ אַזויפֿיל, אַזוי שרעקלאַך פֿיל צו טאָן כּדי נאָר מעגלאַך צו מאַכן פֿאַר די מאַסן מענשטן דאָס פּשוטע, דאָס נאַקעטע לעבן, האָט זי געזאָגט, אַז זי האַלט פֿאַר נאַריש צו וועקן אין זיי באַדערפֿנישן נאָך שיינקייט בעת עס קאָנען אַפֿילו נישט באַפֿרידיקט ווערן די נויטוועדיקסטע באַדערפֿנישן פֿון עסן און אַ דאַך איבערן קאָפּ. איך בין אויך געווען אין גאַנצן אויף איר זיַיט, בשעת זי האָט שפּעטער אַרויסגייענדיק פֿון דעמדאָזיקן שטאַנדפּונקט, פֿאַרטיידיקט ביסמאַרקס סאָציאַל־פּאָליטיק, און איר אינערלאַכע אויפֿרעגונג קעגן שטויפֿענבערגס אַרגומענטן, האָט זיך אַרויסגעוויזן אין דער ליַיכטער רויטקייט, וואָס האָט באַפֿאַרבט אירע פֿיַינע, ווי העלפֿאַנדביין, וויַיסע באַקן.

עפּעס אַ קליינע נאַטורוויסנשאַפֿטלאַכע בראָשורע, וועלכע איז דעמאָלט, עטלאַכע מאָנאַט נאָך דאַרווינס טויט, דערשינען אין אַ זייער גרויסער צאָל, האָט אַרויסגערופֿן אַ געשפּרעך וועגן

דעם גרויסן פֿאָרשער. בײַם דערמאָנען זײַן נאָמען האָט מען דאָך תּמיד איראָניש געלאַכט, און דאָס וואָס נאָך אים שטאַמען מיר פֿון מאַלפּעס האָט בלויז געגעבן שטאָף אויף פֿאַרשיידענע וויטצן און קאַריקאַטורן. פֿאַר מיר פּערזענלאַך איז נאָך צוגעקומען דאָס וואָס איך האָב נישט געהאַט די קלענסטע אַנונג פֿון נאַטורוויסנשאַפֿטלאַכע ידיעות און כּדי זעלבסטשטענדיק מכח דעם נאָכצודיינקן האָט מיר געפֿעלט דאָס גייסטיקע געווער. דער באָבען איז אויך נישט פֿיל בעסער געווען: פֿאַר אירע צײַטן אַזוי ווי פֿאַר מײַנע איז די פֿרויען-בילדונג געווען אויסשליסלאַך אַ שיינליטעראַרישע. שטויפֿענבערג האָט פֿאַר אונז דעריבער געהאַלטן עטלאַכע קליינע רעפֿעראַטן וועגן דאַרווינסט שיטה ווי שטענדיק — אין אַ טאָן פֿון אַ גייסטפֿולן פּלוידערער, אָבער דאָך אַזוי קלאָר און דורכגעטראַכט אין געדאַנקן גאַנג, אַז קיין שום בוך וואָלט נישט ברײנגען מער נוצן.

אין אַ קורצער צײַט אַרום איז שטויפֿנבערג אַוועקגעפֿאָרן און אַן אַנדערער האָט ביסלאַכווײַז פֿאַרנומען זײַן אָרט. דאָס איז געווען קאַרל פֿון גערסדאָרף, מײַן באָבעס אַ שוועסטערן זון, וואָס האָט אויך געהערט צו יענעם מין „זעלטענע טיפּן”. פֿון וועלכן די אַריסטאָקראַטישע פֿאַמיליעס טרייסלען זיך אָפּ מיט הענט און פֿיס ווי אָפּט האָב איך אין פֿירגאַלען געהערט ווי מען האָט פֿון אים געלאַכט:

—ער זעט אויס ווי אַ מלמד, האָט חתונה געהאַט מיט „דער און דער מיידל” און חברט זיך מיט „גאַסן-יונגען”.

ווי גרינגשעציק פֿלעגן זיי הויבן די אַקסלען, אַז די באָבע האָט אים פֿאַרטיידיקט. ער איז געווען אַ באַגייסטערטער פֿרײַנט פֿון פֿרידריך ניטשע און איינמאָל האָט ער אים אַפֿילו—צום שרעק פֿון זײַנע קרובים — אָנגעבאָטן זײַן גוט אַלס מקום מקלט. דורך

ניטשעס אָפּקערן זיך פֿון וואַגנערן האָט זיך דידאַקטיש פֿרײַנטשאַפֿט אַ ביסל אָפּגעקילט, ווײַל גערסדאָרף איז כסדר געוואָרן אַ לײַדנשאַפֿטלאַכער וואַגנעריאַנער, וואָס מער דער מײַסטער האָט זיך דערנענטערט צו די אידעען פֿון זײַן פֿאַרציפֿאַל. בעת מיר האָבן זיך געטראָפֿן אין קאַרלסבאַד איז ערשט געווען אַ יאָר נאָך וואַגנערס טויט, אין זײַן מהות, זײַנע ווערק, זײַן וועלטאַנשויאונג זײַנען געווען דער אינהאַלט כּמעט פֿון אַלע געשפּרעכן. אויב זײַן מוזיק האָט מיך צוגעפֿירט צו יענעם צושטאַנד פֿון העכסטן עקסטאַז, וואו דאָס גאַנצע איך לײזט זיך אויס אין פֿאַרערונג און אַנטציקונג, האָבן מיך זײַנע געדאַנקען איבעראַשט און דאָך זײַנען זיי מיר נישט געווען פֿרעמד. זײַן טיפֿער האַס צו דער עקזיסטירענדער ציוויליזאַציע מיט איר אינהאַלט פֿון מאַטעריעלער און גײַסטיקער נויט, זײַן קריטיק איבערן געגנווערטיקן קריסטענטום אין פֿאַרגלײַך מיטן אמתן גײַסט פֿון דער עוואַנגעליע און זײַן אויפֿהויבן די קונסט צו דער הויכקייט פֿון אַ לעבעדיקער פֿרייער רעליגיע — צו האָט נישט דאָס אַלץ ערגעץ וואו, טיף פֿאַרבאָרגן, אויך אין מיר געדרימלט. איך האָב עס איצט באַגריסט מיט דער איבעראַשונג, מיט וועלכער מיר באַגריסן לאַנג־פֿאַרגעסענע פֿרײַנט, וועלכע באַווײַזן זיך אונז פּלוצלונג צווישן אַ גרויסער מאַסע גלײַכגילטיקע פֿרעמדע. אין דער שטיל האָב איך פֿאַראורטײלט ניטשן — וואָס זײַן נאָמען האָב איך איבעריגענס צום ערשטן מאָל געהערט — דערפֿאַר וואָס ער איז אומטרײַ געוואָרן דעם גרויסן פֿרײַנט און האָב נישט פֿאַרשטאַנען פֿאַרוואָס איז גערסדאָרף אַזאַ שטאַרקער אָנהײנגער פֿון אים.

אין אַ שײנעם מאַי־מאָרגן זײַנען מיר געזעסן אין אַ גרויסער געזעלשאַפֿט פֿון נאָר וואָס אָנגעפֿאָרענע קרובים אויף דער

„אַלטער לאָנקע" פאַרן „עלפאַנט". די באָבע האָט זיך מיט זיי אַרייַנגעלאָזן אין אַ טיפן שמועס מכח אַלטע און נייע פאַמיליען־מעשיות, וואָס זייַנען מיר תמיד געווען זייער לאַנגווייליק, גערסדאָרף האָט געלעזן איינעם פון די פיל ביכער, וואָס אָן זיי פלעגט ער קיינמאָל נישט אַרויס פון שטוב. איך האָב זיך אין דער שטיל לוסטיק געמאַכט איבער דער מאַסע געסט, וועלכע האָבן זיך פאַר אונז פאַרבייַגעטראָגן. אַלע זייַנען זיי געווען קורמעסיק אויסגעפוצטע, אָנגעלאָדן מיט ראָזע פאַפירענע ברויטזעקלאַך, רירעוודיקע ווי צום גרעסטן ערנסטן געשעפט האָבן זיי געשטרעבט צו זייער ציל, צום פרישטיק. מיר איז געווען זייער גוט, זייער פריילאַך אויפן האַרצן, ווי נאָר עס קאָן זייַן אַ יונגן מענטשן, וואָס איז נאָר וואָס געזונט געוואָרן און ציט אויס זייַנע קרעפטיקע גלידער אין דער וואַרימער פרילינגסזון, און אָט איז געפאַלן מייַן בליק אויף דער „פרייַלאַכער וויסנשאַפט" ניטשעס נייסטע ווערק, וואָס איז געלעגן נעבן גערסדאָרפן. אָפטמאָל פלעגט ער דערפון פאָרלעזן דער באָבען אייַנצעלע קאַפיטל, וואָס האָבן אין מיר אַרויסגערופן אַ געפיל פון שרעקלאַכער פרעמדקייט. מעכאַניש האָב איך אָנגעהויבן בלעטערן דאָסדאָזיקע בוך, ביז איין זאַץ האָט זיך מיר געוואָרפן אין די אויגן:

„דאָס לעבן זאָגט:

„—גיי מיר נישט נאָך;—נאָר דיר! נאָר דיר! לייַדנשאַפט איז בעסער ווי סטאָאיציזם און חניפה, ערלאַך זייַן אַפילו און שלעכט טאָן, איז בעסער איידער זיך פאַרלירן אין דער מאָראַל פון דער אָפשטאַמונג...

ווי אַן אייַזקאַלטער לופטשטראָם וואָס גייט דורך פלוצלונג ברייט אויפגעריסענע פענצטער און באַגעגנט איינע, וואָס זיצט אין וואַרעמען צימער, אַזוי איז מיר געווען צום מוט. צו דען האָב איך

נישט שטענדיק געקעמפט כדי זיך אונטערצוגעבן דעם לעבן און דער אָפּשטאַמונג? צו האָב איך נישט פּראָבירט זיך איינריידן, אַז יע־דער נצחון איבער מיינע אינערלאַכע שטרעבונגען איז אַ צייכן פון מיין העכערער מאָראַל? און דאָך איז מיין געוויסן דערביי קיינמאָל נישט רויק געווען!

לוסטיקע שטימען האָבן אָפּגעקלונגען אין מיינע אויערן:

—אויף ווידערזען נאָכמיטאָג ביים קאָנצערט...

—גייסטו היינט אין אָוונט אין פּאַריין? ...

—מיר גייען אין טעאַטער!..

האַלב אָפּוועזענט האָב איך געקוקט פון איינעם אויפן אַנ־דערן.

—אַליקס האָט טאָג־חלומות—האָב איך געהערט דער באָבען זאָגן.

צוטומלט האָב איך פאַרמאַכט דאָס בוך.

אין אָוונט ביים שלאָפנגיין האָב איך אַריינגעטראָגן דעם זאַך פון זכרון אין מיין נאָטיצבוך—צווישן לויטער אַדרעסן, שירים און רעצעפּטן. מיט דער באָבען האָב איך וועגן דעם קיין וואָרט נישט גערעדט, איך האָב פּשוט מורא געהאַט. ווי אַ גנב בין איך מיר פאָרגעקומען, וואָס היט מיט שרעק די געגנבעטע בריליאַנטן, און אינסטינקטיוו האָב איך געפילט, אַז עס קאָן גאָרנישט זיין קיין גרעסערע סתירה ווי צווישן דידאַזיקע ווערטער אין דער לערע פון נאָכטאָן קרוסטוסן, פאַר וועלכער די באָבע אַגיטירט. אַ שלייער איז צווישן אונז אַראָפּגעפאַלן, אַ שלייער וואָס צושיידט נישט, וואָס ווישט אָבער אָפּ די קלאָרקייט פון געזיכט. סוף מאַי האָבן מיר געמאַכט אונזער דאָקטאָר דעם לעצטן וויזיט.

— נו, גוט! — האָט ער געזאָגט מיט צופרידנהייט — ווידער רויטע בעקלאַך! אָבער איצט דאַרף מען זיין בראַוו און זיך פאָלגן

און דאָס הערצעלע צוהאַלטן פעסט!...

נאָכדעם ווי ער האָט אונז מיטגעגעבן אַ גאַנצע רייע פאַראָרדנונגען, האָט ער אַ פּאָר מינוט געשוויגן און דאַן ווייטער געזאָגט:

—און דאָס ערגערסטע איז איצט פאַר אַזאַ יונגע, שיינע פרייליין דאָס וואָס די ערשטע זעקס, אַכט חדשים איז פאַרבאָטן יעדע אַרט שטאַרקע באַוועגונג, נישט רייטן, נישט טאַנצן.

ער האָט, ווי עס שיינט, געוואַרט אויף מיין ווידערשטאַנד און מיט גרויס פאַרוואונדערונג האָט ער אויף מיר אַ קוק געטאָן דערהערנדיק מיין גוטמוטיקן:

—געוויס, הער דאָקטאָר.

—דו ביסט אַ וואויל מיידל! — האָט די באָבע געזאָגט, אַז מיר זיינען אַראָפּ פון די טרעפּ.

—דוקא נישט, באָבע! — האָב איך געענטפערט — ווייל איך וויל בלויז איין זאַך: רויקייט צום לערנען, צום לעזן און צום אַרבעטן.

אַ באַזוך קיין ווייטאַר, וועלכן מיר האָבן געהאַט בדעה צו מאַכן איידער מיר וועלן זיך פאַרקלויבן אויף אַ לייגערע צייט קיין פּירגאַלען, האָב איך דאַריבער אויסשליסלאַך געהאַלטן פאַר אַ שטערונג. אָבער וואָס נענטער מיר זיינען צוגעקומען צו געטהעס שטאָט, אַלץ גרעסער איז געוואָרן מיין שמחה. בעת די באָבע האָט פּראָבירט באַקאָנען איר אייניקל מיט די סיורפּריזן, וואָס וואַרטן אויף איר דאָרט פון זאַכן, האָט זי זיך לגמרי פאַרלאָרן אין די ערינערונגען פון איר יוגנט. און ווי לעבעדיקע האָב איך זיי געזען די מענער מיט די פּייגע, גלאַטע פּנימער איבער די פּאָטערמערדער, (אַזעלכע לייוועטענע קעלנער) די פרויען מיט די קונסט פיל פּריזירטע קעפּלאַך און די איינפאַכע טוללפּענדלאַך, ווי

זיי האָבן זיך אויף די לאָנקעס פון טיפור געשפּילט אין בלינדע קו און צירלאַך גרויסאַרטיק געטאַנצט אין שלאָס־זאַל די גאַוואָטע. איך האָב געהערט, ווי זיי האָבן מיט לאַמאַרטינען אין באַיראָנען געוויינט און פאַנטאַזירט איך האָב געפילט, ווי זייערע געמיטער האָבן זיך געעפנט פאַר טיפער פריינטשאַפט, ווי זייערע הערצער האָבן געקלאַפּט פון ליבעס־גליק און ליידן, צו געטעס פיס האָב איך געזען דער באָבע זיצן, שטום פול באַגייסטערונג—פאַרזונקען אין הערן, און שלינגען זיינע ווערטער. אין דייטשלאַנדס אָרעמסטער צייט,—ווי רייך איז זי געווען! און אַהיים האָט זי געהאַט, פון וועלכע אירע נשמה־וואָרצלען זויגן נאָך עד היום לעבנס־קראַפט.

איך בין געזעסן ביים קופּע־פענצטער אין בין־השמשות־צייט; די באָבע האָט קעגנאיבער געדרימעלט, אַ שמייכל פון די זכרונות האָט נאָך געשוועבט איבער איר פּנים. וועלדער און פעלדער, הייזער און גערטנער זיינען פאַר מיר פאַרביי געפלויגן. אַזוי איז מיין לעבן, האָב איך געטראַכט. אַלץ פאַרשווינט פון מיר אַז איך קאָן עס קוים באַטראַכטן, אין ערגעץ וואָרצל איך זיך נישט איין. דערביי זיינען מיר איינגעפאַלן פערזן און איך האָב זיי האַסטיק פאַרצייכנט אין מיין נאָטיץ־בוך.

אַ נע־ונדניק רופט מען מיך
און קיינער וויל פון מיר נישט וויסן,
איך האָב צעפּליקט מיינע שיך
און מיין וועסט שוין לאַנג צעריסן.

צו אַרבעט רופט מען מיך אומזיסט
איך האָב דערצו קיין שום פאַרלאַנגען,
איך שטיי ביי דער לערע אין גרויס גונסט
זי לאָזט זיך אויך נישט פאַנגען.

זי זינגט איר ליד אין פרייען פעלד
מיט פרייער לוסטיקער קעל
זי שמעטערט הויך אין דער גאַנצער וועלט
אַפילו דאָס הערט קיין זעל.

איינס אָבער מאַטערט מיך שווער
זי האָט אַ נעסט אַ קליינס,
איך וואַנדער איבער לענדער הין און הער,
וואו אָבער איז דאָס מיינס ?!

אין ווייםאַר האָבן מיר געוואוינט ביי דער באָבעס ברודער נעבן דער אַקערוואַנט, נאָנט ביים שטוב פון דער פרוי שטיין, וואו די לאָרבערבוימער און די גרויסע קובלען זיינען נאָך אַלץ געשטאַנען אויפן פּלאַץ פאַרן הויז ווי אין דער קלאַסישער צייט, בעת די „ליבע לאָטע" פלעגט אונטער זיי צום נאָכמיטאָג טיי אויפנעמען אירע פריינט. פון אונזערע פענצטער האָט זיך פון ווייטנס געזען דער פּאַרק.

דעם ערשטן פרימאָרגן, ווי נאָר די זונענשטראַלן האָבן זיך אַ וויַיז-געטאָן אויף די שפּיצן פון די אַלטעביימער בין איך שוין געווען אין דרויסן. שטיל און איינזאַם איז געווען אַרום. נאָר אויף דער גרינער לאָנקע פאַרן הויז פון אָבערפּריסטער האָבן גע-פינקלט די טויטראָפּנס אויפן גראָז. די רויטע און ווייסע, די גע-לע און בלויע קנאָספּען אויף די קליינע בוימעלאַך האָבן גע-שטראַלט אין גלאַנץ פון דער פּראַכט, וואָס האָט זיך נאָר וואָס אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען, ווייטער אונטן, פון וואַנען די קרומע טרעפּ און פעלזן פירן צום אילם-טאָל האָט זיך צו מיר געטראָגן אַ פייכטער, שמעקעדיקער ערד ריח. די פאַרמאַכטע פענצטער-אויגן פון דער איינזאַמער וואוינונג האָבן אויסגעזען, ווי אויגן פון אַ

שלאָפֿעדיקן ; מינוטנלאַנג בין איך דאָ געשטאַנען, פֿאַרחלומט און האָב געוואַרט אויפֿן געהיימניספֿולן באַוואוינער, וואָס וועט זיי עפֿע-נען. די הילם אָבער האָט געררישט ווי זי זאָל זיך פֿון מיר אויס-לאַכן.

איבער דער בריק, הינטער די טונקעלע קליינע קוסטעס און בוימער, איז געלעגן די ערד נאָך איינגעוויקלט אין אַ דורכ-זיכטיק-ווייסע נעפּלטוך, וואָס די חוצפּהדיקע זונענשטראַלן האָבן זיך באַמיט צו צערייסן. אין אַ העלע שטיבעלע האָט אָנציהענד געלויכטן פֿון בערגל אויף יענער זייט, וואָס האָט צו מיר אַרי-בערגעקוקט מיט פֿאַרטרויען, ווי איך וואָלט דאָרט אויבן געווען ביי זיך אין דערהיים. צו איז דאָס שטיבעלע נישט אַרויסגעטרעטן פֿון ראַם, וואָס איז אין פֿירגאַלען געהאַנגען אין דער באָבעס צי-מער? דאָרט האָב איך עס געזען פֿון קינדווייז אויף, און בעת מען האָט מיר דערציילט די מעשהלע פֿון אַ צוקער-שטיבעלע האָב איך מיר עס אַנדערש נישט געקאָנט פֿאָרשטעלן. צו זאָל איך מיך דורכן נעפּל דאָרט אַריבערטראָגן? דעם ערל-קעניגס טעכטער האָבן דאָ געטאַנצט, ווי אַמאָל בעת זיי האָבן זיך באַוויזן פֿאַר די אויגן פֿון דעם דיכטער און אָט בין איך אויף יענער זייט. אָבער די ווייסע טיר צווישן די גרינע בלעטערפֿלאַנצן האָט פֿאַרשלאָסן דאָס שטילע קעניגרייך הינטער איר. מוראַדיק האָב איך זיך אַרומגע-קוקט. קיין לעבעדיקער נפֿש אַרום און אַרום! דער נידריקער הילצערנער פֿאַרקאַן הינטער דער אַנדערער ברייטער טירל איז נישט געווען קיין שטאַרקע שטערונג—אַ פּאָר ריסן אין קלייד, אַ שראַם אויפֿן האַנט—און אָט שטיי איך אין געטעס גאָרטן. אַ גע-רויש פֿון קנאַקעדיקע וואָגן-רעדער האָבן מיר געטריבן אויפֿן לאַנגן, מיט ווילדע גראָז באַוואַקסענעם וועג הינטערן הויז. אַ גרינע פּרי-מאָרגן-ליכטיקייט האָט מיר מקבל פּנים געווען, קיין בלעטעלע אַרום מיר האָט זיך נישט באַוועגט, אויפֿן ווענטל פֿון אַ צופֿויל-

טער באַנק איז געזעסן באַוועגונגסלאָז, מיט הויך אויפגעשטעלטע פליגל אַ גרויסער בלוישוואַרצער שמעטערלינג. אַ שטילקייט האָט געהערשט—אַ שטילקייט, ווי די גאַנצע ערד וואָלט איינגעזונקען געוואָרן—און נאָר דערדאָזיקער שטח מיטן טויטן הויז פאַר אים שוועבט אין דעם אומגעהויערן מרחק פון וועלטרוים. איך האָב צוגעדריקט מיט די הענט מיין ווילדקלאַפּעדיקע האַרץ, און גרויסע טרערן האָבן אָן אַן אויפהער געטריפט פון מיינע אויגן, גאַנץ שטיל, אויף די שפּיץ פינגער, דאָס קלייד אויפגעהויבן, כדי איר גערויש זאָל נישט שטערן, האָב איך זיך פון דאַנען אָפּגעטראָגן.

אויפן שטאַרקן פירעק פון גראַניט מיטן גרויסן קויל אויף אים האָב איך זיך אָנגעשפּאַרט, פאַרגראָבן דאָס פּנים אין די הענט און ביטער געוויינט. דאָ האָט אַ פויגעלע איבער מיר אָנגעהויבן איר מאָרגנליד, און פון נאָענטן בוים האָט איר אַ צווייטע געענפערט ביז פון אַלע צווייגן האָט אָבגעקלונגען אַ צוויטשערן, אַ טרילען און אַ פלייטגעזאַנג,—אַ פריילאַכער גרוס פאַר דער זיגענדער זון. טיף אָפּאָטעמענדיק האָב איך אויסגעשטרעקט מיינע אָרעמס און אויסגעצויגן די ברוסט, און פלוצלונג האָב איך זיך געפרייט, געפרייט דערמיט וואָס איך בין נישט מער ווי אַ יונג מענטשנקינד מיטן גאַנצן, רייכן לעבן פאַר מיר. אין פאַנטאַסטישער התלהבות בין איך געפאַלן אויף די קני פאַרן אַלטאַר פון גוטן מזל און אויסגעגאָסן מיין געבעט פאַרן אומשטערבלאַכן, וואָס זיין אָטעם—האָט זיך מיר גערדוכט—שפּיר איך איבער זיך.

נאָך דעמזעלבן טאָג בין מיט דער באָבען אַוועק אין פרויען פלאַץ וואו מיר האָבן באַזוכט אירס אַ יוגנט־פריינט דעם לעצטן וואָס האָט געטראָגן געטעס נאָמען און האָט טאַקע געוואוינט אין געטעס הויז אין שטאָט. שטיל און צוריקגעצויגן, מוראהאָבנדיק פאַר דער באַרירונג מיט דער וועלט האָט געלעבט וואַלטער געטע אויבן,

אין די דאַך־שטיבעלאַך פון זיין מוטער. דעם דיכטערס אַ גרויסער בילד האָט געהאַנגען אין גאַסט־צימער און האָט דערדריקט די קליינע שטיבעלע און מער נאָך דעם קליינעם, אָרעמען אוראַיי־ניקל אין איר. איך האָב בשום אופן נישט געקאָנט משיג זיין אַז דאָס איז אַ געטע. ערשט, אַז די ביידע אַלטע פריינט האָבן זיך צורעדט, האָב איך דערשפירט יענע אַנדערע וועלט, פון וועל־כער זיי שטאַמען. ווי וואַרעם און אמתדיק זיינען געווען די עמפינדונגען, וועלכע זיי האָבן אויסגעדריקט דורך ווערטער, ווי לעבעדיק די אינטערעסן אין וועלכע זיי האָבן אַמאָל אַנטייל גע־נומען—אַזוי האָט מען איצט איינער מיטן אַנדערן נישט גערעדט, איצט וואו געפיל איז שפּאָט און טעמפּקייט איינע פון די מעלות.

וואָס לענגער מיר זיינען געבליבן אין ווייַמאַר, אַלץ מער האָב איך דערשפירט זיין גייסט. אמת, די מענטשן, מיט וועלכע די באָבע האָט פאַרקערט זיינען אַלע געווען אַלט, אַלץ אירע צייט־חברים און דאָך—ווייל זיי זיינען געבליבן טריי זייער יוגנט—האָבן זיי געהאַט יונגע נשמות. אָט איז דאָ, למשל, געווען דער פעטער ביי וועמען מיר האָבן געוואוינט, אַ מאַן פון יענעם איינ־פאַכער גרויסאַרטיקער יחוס, וואָס איז אַליין דאָס צייכן פון עכ־טער קולטור. אָט איז דאָ געווען דער גרויסהערצאָג מיט זיין ליידנשאַפטלאַכער ליבע פאַר ווייַמאַרס טראַדיציע, וועלכער ער האָט זיך באַשיידן אַליין אונטערגעוואָרפן. זוכנדיק אומעטום גייַ־סטיקע ווערטן און פרייענדיק זיך בעת ער פלעגט עפּעס געפינען ווי אַ זאַמלער מיט זיינע אוצרות. דאָ זיינען געווען פרויען וואָס פלעגן באַגייסטערטע און באַגייסטערנדיק אַנדערע נישט איינלאַדן צו גאַסט קיין מענער מיט הויכע נעמען, טיטלען און פּילפאַרביקע אוניפאָרמס, נאָר רייך־גייסטע־מענטשן, וואָס האָבן געהאַלטן אין ווערן אָדער זיינען שוין געוואָרן. איך האָב אין דערדאָזיקער סביבה פּשוט אויפגעלעבט און געלערנט, נישט מוראהאָבנדיק מען

זאָל מיך אויסלאַכן און נישט רעכענענדיק זיך מיטן פֿאַרוואונדערטן שווײַגן און צו הערן צו דעם וואָס מיר האָט אינטערעסירט, און פֿרעגן וועגן דעם, וואָס איך האָב באַגערט צו וויסן. איין זאַך האָב איך בײַ זיך באַשלאָסן: איך גיי נישט מער צוריק אין דער וועלט פֿון קאָנווענציאָן און פֿון קאַלטע פֿראַזן, וואו פֿעסטע שלעסער אויפֿן האַרצן און אויפֿן מויל זײַנען באַדינגונגען פֿון אַ גוטער דערציִונג.

די באָבע האָט גערעדט מכח אַ קינפֿטיקן פּאָסטן פֿון אַ האָפֿדאַמע פֿאַר מיר. אין גאַנצן נאָך מײַן געשמאַק איז עס לכל הדעות נישט געווען. פֿון אַלע מומעס און שוועסטערקינדער וועלכע האָבן געהאַט אַזעלכע פּאָסטנס, האָב איך געוואוסט מיט וואָס פֿאַר אַ דריקנדע באַדינגונגען ער איז פֿאַרבונדן. אָבער דאָך האָט מיר אויסגעזען אַ סך בעסער אין ווײַמאַר אָפּהענגיק צו זײַן, איידער צו לעבן אין דערזעלבער לייטענאַנס־אַטמאָספֿער פֿון איין גאַרניזאָן אין אַנדערן. מײַנע שטילע דיכטער־חלומות וואָלטן דאָ אפֿשר געקאָנט רײַף ווערן און גאַנץ פֿאַרבאָרגן האָט געלעבט אין מיר אַ ראָמאַנטישע האָפֿנונג: אים דאָ צו געפֿינען, דעם בן־מלך, וועמען עס וועט געהערן מײַן האַרץ.

פֿאַר מײַן אָפּפֿאָרן בין איך נאָכאַמאָל אַוועק מיט מײַן באָבען צו וואַלטער געטע. ער איז געווען מיט מיר אומגעוויינלאַך פֿריינטלאַך און האָט זייער גערן דערפֿילט מײַן וואונש מיך אַרײַנצולאָזן אַליין אין געטעס צימערן. איך האָב זיי אויפֿגעשלאָסן, געעפֿנט די קליינע לאָדנס און בין געשטאַנען שטיל און שטומיט צונויפֿגעלייקטע הענט נעבן שטול אויף וועלכן ער איז געשטאָרבן און בײַ זײַן בעט. אויפֿן האַרצן איז מיר געווען ווי איינעם וואָס געזעגנט זיך איידער ער גייט אַוועק צום קאַמף און איז נישט זיכער צו וועט ער נאָך אַמאָל צוריק קומען. נישט ווילנדיק איז מיר געקומען אויף די ליפּן געטעס געבעט: גיב

מיר גרויסע געדאַנקען און אַ ריינע האַרץ,

איך האָב געמוזט אויסזען בלאַס און פאַרוויינט בעת איך בין אָפּגעפאָרן, די באָבע האָט מיך שטאַרק פאַרזאָרגט אָנגעקוקט:

—פילסטו זיך נישט גוט, מײַן קינד?

און דאָ האָב איך באַגריפן וואָס איך האָב איר אַלץ צו פאַרדאַנקען: צום הייסן וואונדערקוואַל האָט זי מיר געפירט, וואָס האָט מײַן קערפּער געהיילט, און אויפגעעפנט האָט זי די קוואַלן וואָס האָבן מײַן נשמה געשפּייזט. מיטביידע הענט האָב איך געכאַפּט אירע דאַרע הענט און האָב זיי שטאַרק געקושט:

—איך בין אינגאַנצן, אינגאַנצן געזונט, באָבע!

IX.

אויפן וועג קיין פילגאַלען האָבן מיר אָפּגעשטאַט עטלאַכע וויזיטן ביי פאַרשיידענע קרובים. איך האָב געהאַט דעם איינדרוק ווי מען וואָלט מיך אַראָפּגעשליידערט פון לופטיקע באַרגהויכקייטן אין אַ טיפן טאָל.

— מיר האָבן געמאַכט אַ רייזע צו אונזערע קרובים, אין זאַקסן, אין דער מאַרק, אין פּאָמערן — אומעטום דערזעלבער טיפּ יונקערס. און ביי אַלע דיזעלבע פאַראַכטונג צו גייסטיקע ווערטן האָב איך געשריבן מיין קוזינע מאַטילדע.

אַ פּאָר פריינדינען פון מיינע קינדעריאָרן, וועלכע איך האָב איצט געזען און וואָס האָבן מיר מיט אַ צייט צוריק אַלס צייכן פון זייער טריומף—זיי האָבן מיר דאָך אין יאָגן זיך נאָך אַ מאַן אַ סך איבערגעשטיגן—אָנגעזאָגט די בשורה וועגן זייערע תנאים שרייבן, איצט גייען זיי שוין אַרום טראָגעדיקע, בלאַסע, פאַרקלאָגטע. איך וואָלט איצט זייער גערן פון מיין זייט טריומפירט, עס איז מיר אָבער אַ גרויס רחמנות אויף די אָרעמע ווערעמלאַך,

וואָס זיי טראָגן אין אַזאַ גיפטשטימונג אונטער זייערע הערצער. אַ פרוי, וואָס דאַרף געבוירן אַ קינד האָט געזאָלט זיין ווי אַ זייגערן.

איך האָב פריי אָפגעאָטעמט, אַז מיר זיינען שוין ענדלאַך געקומען קיין פירגאַלען, וואו איך האָב געהאָפט זיך לחלוטין אָפצוגעבן מיין שטודיום און מיינע אַרבעטן. פאַר דער צייט האָט זיך אָבער דאָרט אַ סך געענדערט. מיין פעטער האָט זיך געלאָזט אויסוויילן אין רייכסטאָג,—אונטער דער שטאַרקער השפעה פון זיינע פאַרטיי חברים, ווייל אין אים גופא לעבט נאָך צו שטאַרק דאָס הערשערגעפיל פון מזרח־דייטשן יונקער, ער זאָל ביי זיך קאָנען פועלן כאָטש אויסערלאַך אָנצודערקענען פאַר ריכטיק די פעסטגעזעצטע גלייכהייט אַ דאַנק דער אַלגעמיינער וואַלרעכט צווישן הער און קנעכט. אַז ער, וואָס זיין פאַרקערן מיט די אונטערטעניקע איז באַשטאַנען אויסשליסלאַך אין באַפיילן, זידלען און באַשטראָפן, ער זאָל איצט זיין אָפהענגיג פון זייער חסד, נאָך בעסער ער זאָל זיי גאָר אַפילו ווערבירן, דאָס אַלץ האָט אין זיינע אויגן אויסגעזען, ווי אַ שטאַרקע דערנידערונג. דערצו איז ער געווען אַזאַ ערלאַך־איבערצייגטער קאָנסערוואַטער, אַזוי דורכגעדרונגען דערמיט, אַז די קלענסטע פאַרברייטערונג פון פרייהייט און רעכט פאַר די אונטערשטע פאָלקסקלאַסן פירט צו זייער אייגענעם פאַרדאַרבן, אַז ער האָט זיך געהאַלטן פאַר פאָלקאָם באַרעכטיקט צובאַקעמפן אַפילו דורך אומגעזעצלאַכע מיטלען דעם איינפלוס פון ליבעראַלע אָדער גאָר סאָציאַלדעמאָקראַטישע שטרעמונגען. די ווערטער פון זיין אַמאָליקן פאַסטוך, אַ באַרימטער שכור, וואָס האָט געשטימט סאָציאַלדעמאָקראַטיש, ווייל דער הער באַראָן האָט פאַרבאָטן דעם קרוגווירט אים צו געבן מער ווי צוויי גלאָז שנאַפּס, פלעגט ער כסדר צוטירן פאַר זיין מוטער, בעת

זי האָט פּאַרטיידיקט דאָס רעכט אויף פּערזענלאַכער איבערציי־ גונג.

—קיין שום אָנונג האָט דער קערל נישט געהאַט פון דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע—האָט ער געטענהט. — ער קאָן נישט לעזן און נישט שרייבן. ווער עס גיט אים אַ שנאַפּס יענעמס איבער־ ציינונג האָט ער. שטעלט אייך פאָר, אַז אַלע פּאַסטוכער און שטימבאַרעכטיקטע אַנטיילנעמער שטימען ווי ער און באַקומען די מאַכט—אַ פיינע באַלעבאַטישקייט וואָלט דאָס געווען.

און אַז די באַבע האָט אַריינגעוואָרפן:

—טו גיט דעם פאָלק אַ בעסערע בילדונג.

האָט ער געענטפערט:

—כדי אַלע גראָבע יונגען זאָלן ווערן פּראָפעסאָרן און קיי־ נער זאָל מער נישט אַרבעטן! און מיר זאָלן אפשר אַוועקזעצן אונזערע פרויען צום מעלק־קובל און אַליין זיך נעמען צום אַקער־ אייזן?

—אַזאַ חלוף וואָלט טאַקע אפשר געווען צוגעפּאַסט צו דער געטלאַכער גערעכטיקייט—האָט מיין באָבע מיט אַ געלעכטער באַ־ מערקט—הונדערטער יאָרן האָבן זיי געשלעפּט דעם אַקעראייזן — איצט איז געקומען אייער צייט!

די אָדערן אויפן פּעטערס שטערן האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט בלוט, ער איז אויפגעשפּרונגען פון שטול און האָט אַ שרעקלאַכן האַק געטאָן מיטן טיר. ער איז געווען אויפגערעגט ווי שטענ־ דיק. צו דייטלאַך האָט די בייע צייט געקלאַפּט אין שווערן ביר־ גערטויער פון פירגאַלן, און ער גופא האָט פאַרוואַנדלט דעם פּאַ־ ראָם, די צוגבריק, וועלכע האָט פאַרשטעלט דעם אַריינגאַנג פאַר די אומגעוואונשענע געסט אין אַ פעסטע, אַן אייזערנע. ער גופא

האָט אויסגענוצט זיין גאַנצן איינפלוס ביי דער רעגירונג, אַז די אייזנבאַן זאָל פאַרבייגיין פאַר זיין הויז, אַז דער ברעג ביים קו־רישן ים זאָל געבויט ווערן אויפן גרעניץ פון זיין גוט. איצט האָט מען זיינע שטיינער געקאָנט אַוועקפירן פאַר די ווייטע גע־ביידעס איבערן מזרח־ים און די פּראָדוקטן פון זיין גוט האָבן אין בערלין געפונען אַ סך רייכע קונים—אָבער די פרעמדע אינ־זשיניערן און אַרבעטער האָבן אַריינגעפירט נייע געדאַנקען. ער גופא האָט געשטרעבט דערצו צו פאַרוואַנדלען זיין גוט, וואָס האָט זיינע עלטערן קוים געשפייזט, אין אַ קאַפּיטאַליסטישע אונ־טערנעמונג, וועלכע זאָל אים אַריינברייינגען מיליאָנען. אָבער צוזאַ־מען מיט די מאַשינעס, קאַנאַלן, מעליאָראַציע פון באָדן, מיט די נייע אַרבעטס־מעטאָדן, לויט דער גאַנצער אינטענסיווער ווירט־שאַפטס־פאָרם זיינען אָנגעקומען אין לאַנד מחנות נייע אַרבעטס־קרעפטן, פון וועלכע די תושבים האָבן גיכער געלערנט זייערע אַנזיכטן און באַדאַרפנישן ווי זייערע געשיקטקייט און פאַרשטענד־ניש. די אומצופרידנהייט איז געוואַקסן, און אַמייסטן אין די קליי־נע, מיט שטרוי געדעקטע הייזלאַך, וואָס זייערע איינוואוינער זיי־נען דורות לאַנג געשטאַנען אין דינסט ביי די גאָלצאָווס.

אין איינער פון די עלטסטע הייזלאַך האָט געוואוינט די אַל־טע מאַרושקע מיט קינדער און אייניקלאַך. אַ פאַרחושכטע, אויס־געדאַרטע פרוי. אירע באַקן און דער שטערן האָבן אויסגעזען ווי די ברוינע קאָרע פון פיכטנבוים, די אויגן איינגעפאַלן, וויַיס און געל ווי באַהאַלטענע באַרג־לעכער, נאָר בעת זי האָט דערזען דער באָבען פלעגט זי פאַרקרימען די דינע ליפּן ווי אויף צו וויי־נען.

מיט יאָרן צוריק, נאָך מיידלוויַיז, האָט זי געדינט אויפן גוט און איך פלעג איר זען זיצנדיק אין איינעם פון די טונקלסטע

צימערן, נאָנט בײַם וואַסערגראָבן, פֿון פֿרי ביז נאַכט בײַם אַלטן, מעכטיקן װעבשטול. אַלע דינסטן האָבן געטראָגן דעם שטאָף װאָס זי האָט געװעבט: אַ פֿעסטער, אַ האַרטער פֿון גראָבע בלויע און רויטע פֿעדעם. די יונגע באַראָנעסע האָט איר אַװעקגעזעצט אויף דער אָפּטיילונג פֿאַר די זקנים — זי האָט גערדאַרפֿט דעם צימער, און די שיינע דינסטמיידלאַך האָבן מער נישט געטראָגן דאָס אַלט־מאָדישע צייג און די אַלטע האָט פֿיינט געהאַט די נײַע צײַט און אַלץ װאָס זי האָט מיט זיך געבראַכט. איר רויכערדיקער פֿליט־קע אין דער איינגער שטיבעלע מיט דער גרויער ליימענער פּאָדלאָגע, װאו הינער, גענז, חזירימלאַך און קינדער האָבן איינער נאָכן אַנדערן געקװאָקטשעט, געכריוקעט און געשריען, איז געװען די פֿרײַשטאָט פֿון אַלע אומצופֿרידענע. זי פֿלעגט העצן די פֿרי־דנים, װאָס זײַנען נאָך אין בלינדער אונטערטעניקייט געװען צוגע־בונדן צו זייערע באַלעבאַטים, געלויבט די װידערשפּעניקע און נישט געקוקט אויף איר גרויסן דלות האָט זי תמיד געהאַט גרייט דעם שנאַפּס פֿאַר יענע װאָס האָבן בײַם פֿלעשל נישט געװאָלט זיצן צוזאַמען מיט די „נייע", די שטאָטישע.

איר יונגסטער זון, פֿראַנץ, איז געװען שטאַלקנעכט, און מײַן פֿעטער פֿלעגט אים אַ דאַנק זײַן געשיקטקייט גאַנץ אָפֿט אָנ־געטרויען זײַנע טײַערסטע פֿערד. איינמאָל אין אָװנט האָט ער דערזען אַז די „דלילה" װאָס פֿראַנץ האָט איר געזאָלט אַרויספֿירן שטייט אין שטאַל אָן אַ דעקע און דער שוױיס גיסט זיך פֿון איר, און ער, פֿראַנץ, ליגט זיך אויף זײַן בעט און ניכטערט זיך אויס פֿון זײַן שכרות. איידער איך, שטייענדיק דערבײַ, האָב צײַט געהאַט אים אָפּצוהאַלטן, האָט שוין מײַן פֿעטערס קנוט געטאַנצט אויף פֿראַנצס פּנים. פֿאַלנדיק פֿון די פֿיס האָט ער זיך אַ הייב געטאָן, אָנגעקוקט מײַן פֿעטער מיט שכורע אויגן און זיך אַ װאָרף

געטאָן צו זײַנע פֿיס. איך האָב זיך שוין געוואָלט אָפּווענדן — עמפּערט מער קעגן פּחדן דעם קנעכט, וואָס איז געלעגן און געוואָיעט, ווי קעגן פֿעטער—אָבער פּלוצלונג האָט מיר באַגעגנט אַ בליק פֿון אויגנווינקל פֿון דעם וואָס האָט זיך געוואַלגערט אויף דער ערד, ווי פֿון אַ ווילדער חיה. אויפֿן אַנדערן טאָג איז אייגער פֿון די צוכטפֿערד געלעגן אַ געפּגרטער אין שטאַל. קיינער פֿון אונז האָט נישט געצווייפֿלט, אַז דאָס איז פֿראַנצס אַרבעט, איך האָב עקשנותדיק געשוויגן כאָטש איך בין דערין געווען פֿעסט איבערצייגט. זײַנע אַלע אַרבעטסקאָלעגן זײַנען אָבער געווען אויף זײַן זײַט און האָבן אַרויפֿגעוואָרפֿן דעם חשד אויף די קאַנאַלאַרבעטער. עס זײַנען אָבער נישט געווען קיין שום באַווײַזן. דער פֿעטער וואַלטער האָט דעם קנעכט משלח געווען מיטן שטריינגן באַפֿעל מער נישט צו באַטרעטן דעם באָדן פֿון פּירגאַלן. מיר זײַנען גראָד אַלע געזעסן בײַם פֿרישטיק אין זאַל, ווי אויפֿן טרעפּ האָט זיך באַוויזן נישט געמאָלדן מאַרושקע, די פֿאַרדאַרטע פריינע הענט צונויפֿגעלייגט אויף דער קוליע אין זונטיקס-פּוץ, וואָס זי האָט אַליין געוועבט, דער אייזגרויער קאָפּ אַרומגעוויקלט מיט אַ שוואַרצע טוך, די קליינע געלע פֿינקלדיקע אויגן אויסגעשטירצעט אויף אונז ווי אַן אמתע וואַלד-מכשפֿה פֿון דער קינדער-מעשהלע.

—זייט מוחל, גנעדיקע הערשאַפֿטן,—האָט זי אָנגעהויבן מיט אַ פֿאַרהיקעוועטער שטים.

—וואָס ווילסטו, מאַרושקע?—האָט געפֿרעגט די באָבע אויסשטרעקנדיק איר די האַנט, בעת דער פֿעטער האָט זיך אומגעדולדיק געבלאָזן.

—אָ, מײַן טײַערסטע, בעסטע גנעדיקע פֿרוי.

מיט אַ געוויין האָט זיך די אַלטע אַ וואָרף געטאָן צו די

פּיס פון איר אַמאָליקער מאַדאַם און הכּנעהדיק געקושט איר קלייד.

—מײַן יונג האָט דאָס פערדעלע, דאָס ליבע גוטע פערדעלע נישט דערשטאָכן! טרײַבט אים נישט אַרויס אין דער פרעמד! מײַן טאַטע, מײַן זיידע, מײַן עלטערזיידע — אַלע, אַלע האָבן די גנעדיקע הערשאַפטן געדינט מיט לײַב און לעבן — טרייבט אונז נישט אַרויס!

איר שטים האָט געקרעכצעט ווי די שטימען פון די קראָען בעת זיי זיצן אין הערבסט אויף די אָפּגעשניטענע פעלדער.

— מיין זון שיקט אײַך דאָך נישט אַרויס, מאַרישקע — האָט געענטפערט די באָבע—נאָר איינעם פון דײַנע קינדער און — אויב ער וועט זיך אין דער פרעמד גוט אויפפירן— בעטנדיקע, האָט די באָבע אַריבערגעקוקט צום פעטער וואַלטער—וועט ער געוויס, מעגן צוריק קומען.

די אַלטע האָט זיך אויפגעהויבן, שטום האָט זי געקוקט פון איינעם אויפן אַנדערן.

—נעמט דער גנעדיקער הער צוריק זײַן באַפעל? — האָט די שטיל און מוראדיק געפרעגט.

—ניין! — אַ האַק מיטן פויסט אויפן טיש האָט באַשטעטיקט דעם פעטער וואַלטערס העפטיקער אַנטוואָרט—און איצט גייט, מאַ-רישקע. איר האָט געהערט מײַן לעצטן וואָרט!

פעסט אָנגעשפאַרט אויפן שטאָק. האָט די אַלטע אויסגע-גלײַכט איר קרומען רוקן און אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אַז די אָדערן אויף איר האַלז זײַנען אָנגעשוואָלן ווי ברוינגרויטע שטריק.

—די אַלטע מאַרישקע גייט. מײַן בעסטער האַרעלע — גייט ווײַט, ווײַט אַוועק און נעמט מער מיט, אַ סך מער ווי בלויז איין פערדעלע! אויף אָט דידאָזיקע אַלטע אָרעמס האָב איך געטראָגן

דעם יונגן הער — האָב אים געגעבן די ברוסט אָנשטאָט דעם אייגענעם יונגל. און געאַרבעט האָב איך אין אַ משך פֿון פֿערציק יאָר אויף פירגאַלען — און זין און טעכטער האָב איך געבאָרן און דערצויגן אין מורא פֿאַר דער הערשאַפֿט און אין גאָטספאָרכטיקייט, און זיי אַרבעטן אויך אויף פירגאַלן, פֿאַר די גנעדיקע הערשאַפֿטן.

אומגעדולדיק האָט דער פֿעטער איבערגעריסן איר דרשה.

— איך בין דער לעצטער וואָס האָט גישט אָנערקענט דיין געטריַיע אַרבעט און האָב איר ערלויך באַלוינט. אָבער אַ ווידערשפעניגן שכור — און ווען ער זאָל אַפֿילו צען מאָל זיין דיין זון — קאָן איך מער נישט האַלטן. מיין געדולד האָט געפלאַצט — היט זיך אַלטע, מיר נאָך מער אויפֿצוריַיצן. איך ווייס גאַנץ גוט, וואו עס געפינען זיך די אונטערהעצער!

— גאָרנישט ווייס דער הער באַראָן, גאָרנישט — האָט זי געענהט — אין שיינק, וואו עס זיצן די קאַנאַל אַרבעטער, ביַים ניַיעם אינספעקטאָר, וואו די פיינע הערן פֿון שטאָט טרינקען אין דער פֿרי און אין אָוונט וויין, אין דער באַדינטן־שטוב, וואו די גרויסאַרטיקע דינער שפילן זיך מיט די שטאָטמיידלאַך, דאָרטן זיַינען די אונטערהעצער — ביַי דער אַלטער מאַרישקן נישט! מיר האַלטן נאָך פֿון אַלטן אַרט לעבן שטייגער, מיר האָבן ליב דאָס ליבע לאַנד, דעם הויף, די קירך און די בודע, אָבער די אַנדערע דאָס זיַינען אויסלענדישע, וואָס קלערן נאָר מכה געלט און האָבן נישט קיין גלויבן. פֿאַרוואָס ברענגט זיי דער באַראָן אַהער און אונזערע יונגלאַך שיקט ער אַרויס, אַז זיי זאָלן אויך ווערן אַזוי ווי די פֿרעמדע? — — אין דערהיים ווילן מיר בליַיבן — איר שטים האָט געכריפעט — מיט די קינדערלאַך, אָבער וואו עס גייט אַוועק די רעכטע ליבע, גייט אויך אַוועק דער יראת־הכבוד און די געהאָר־

זאַמקייט... דעם קנוט איבערן פּנים — דאָס האָבן דער אַלטער מאַ־ רישקעס יונגלאַך פון די הערשאַפטן נישט פאַרדינט.

ווי אַ ווילדע חיה האָט זיך דער פעטער אַ הויב געטאָן:

—גענוג פאַר מיר די קאָמעדיע, טראָג זיך אַרויס פון דאַנען, צום טייוול.

מיט אויסגעגלאָצטע אויגן האָט אים די אַלטע אָנגעקוקט גישט באַמערקנדיק אַפילו דער באָבען וואָס האָט ליבלאַך אַרויף געלייגט איר האַנט אויף מאַרישקעס אַקסל.

—איך טראָג זיך אַרויס, טראָג זיך אַרויס, אָבער נישט צום טייוול! — האָט זי געשריען — דער טײַוול איז איצט אין דערהיים אין פּירגאַלן — אַלע בייזע גייסטער גייען דאָ אַרום, רוחות רעות! —אויפן טורם קנאַקט, דאָרט וואו די גנעדיקע הערשאַפט האַלט די אָרעמע אונטערטאַנען געשמידט אין קייטן, און פון ברעג שטייען אויף די טויטע פישער — די אַלטע מאַרישקען גייט — נייט זוכן דעם ליבן הער גאָט.

ווי אונטער אַ דרוק זייגען מיר אַלע פאַרשטומט געוואָרן.

פון די שטיינערנע טרעפּ איז זי אַראָפּגעקראָכן — האָט דעם קאָפּ נישט מער אויסגעדרייט—גאַנץ קליין איז זי איצט גע־ ווען און איינגעהויקערט. אויפן צווייטן טאָג איז איר שטיבל גע־ שטאַנען ליידיק,—אין דער פינצטערער נעפלדיקער נאַכט איז זי מיט אירע קינדער און אייניקלאַך פון דאַנען אַוועק, שלעפּנדיק איר אָרעמע באַלאַבאַטישקייט אויף צוויי הילצערנע וועגלאַך. אַ לאַנגע צייט נאָכדעם האָבן נאָך די איינוואוינער מיט שטילן שרעק דערציילט, ווי זי האָט שילטנדיק אויפגעהויבן איר קוליע בעת זי איז פאַרביי פאַרן שלאָס און ווי זי איז געגאַנגען פאָרויס אָן אַן אויפהער ריידנדיק צו זיך אַליין, אָפּגעשטעלט זיך נעבן יעדער הייזל, כדי צו דערציילן פאַר די פאַרן שלאָף איבערגעשראָקענע

באַוואוינער, אַז דער הער פון פירגאַלען האָט איר אַרויסגעטריבן פון איר היים. אויף מיר האָט די געשיכטע געמאַכט אַ שרעקלאַכן איינדרוק, גאַנץ אָפט פלעג איך אַוועק אין דאָרף און אויף די ערטער ביים שטראַנד און האָב זיך באַקאַנט מיט די האַרטע, איינזילביקע מענטשן, וואָס פאַר זייער שווערע אומאויפהערלאַכע אַרבעט האָבן זיי קוים אויף צו דערהאַלטן זייער עלנדן פריידלאָזן לעבן.

איך האָב באַמערקט, ווי דער פעטער איז געוואָרן אַביסל בלייכער און האָב זיך דערשראָקן צוזאַמען מיט אים. די לעצטע יאָרן איז ער געוואָרן זייער ערנסט. זיין לוסטיקע לייכטזיניקייט פלעגט אויסברעכן נאָר דאַן בעת זיין ווייב האָט זיך צו אים אונטערגעחנפעט מכח נייע טואַלעטן, נייע צירונג אָדער נייע הינט—און זיין דריי יאָריקער יונגעלע פלעגט זיך זעצן רייטנדיק אויף זיינע קני. דערדאָזיקער שטאַמהאַלטער איז געווען דער צענטער פון לעבן. ער האָט שוין געהאַט אַן אייגענע קליינע סחיטע אין צוויי מיניאַטור-פערדלאַך—וואָס זיין טאַטע האָט פאַר אים דירעקט אַראָפּגעבראַכט פון זעלאַנד און אַז ער פלעגט פאָרן אין זיין קליינעם וועגעלע איבערן פאַרק האָבן זיי שוין געשפּירט אויף זיך דעם קנוט פון דעם קליינעם יונקער. אַלעמען האָט ער טיראַניזירט. פאַר מיין שוועסטערל, וואָס איז אַליין געוואוינט געווען אַז אַנדערע זאָלן איר נאָכגעבן, איז ער געווען דער שרעקלאַכסטער מענטש און אַנטלויפנדיק פון אים פלעגט זי זיך ליידנשאַפטלאַך אַרומכאַפּן אַרום מיר. פאַר מיין ליבעבאַדאַרפטיקע האַרץ איז עס ממש געווען אַ באַלזאַם און נאָך געדיינקנדיק גוט מיינע אייגענע קינדער-לידער, פלעג איך אויף איר שטאַרק רחמנות האָבן און דערפילן אַלע אירע וואונטשן, גאָר אין דערפרי פלעג איך שוין אַוועקלויפן מיט איר אין דעם באַהאַלטענסטן ווינקל פון פאַרק;

איך פלעג אויסטראַכטן די פאַנטאַסטישע שפּילן און די פאַרשיידנ־אַרטיקע מעשהלאַך און אַ האַלבער טאָג פלעגט פאַרביי גיין איי־דער איך האָב זיך גאָר אַרומגעקוקט. אָפטמאָל פלעג איך ווערן שרעקלאַך אין כעס אויפן קליינעם טיראַן, וואָס האָט מיך אַזוי געמאַטערט, אָבער איין בעטנדיקער בליק פון אירע גרויסע בלויע אויגן, איין צערטלאַכער דרוק פון אירע קיילאַכדיקע הענטלאַך אַרום מיין האַלז און ווידער האָב איך געטאָן אַלץ, וואָס זי האָט מיר געהייסן. ניין, זי דאַרף נישט, זי טאָר נישט איבערלעבן דאָס וואָס איך האָב איבערגעלעבט! ביסלאַכווייז האָב איך זאָגאַר אָנגע־הויבן איר דאַנקבאַר זיין: אַלע איבריקע האָבן מיך גערופן „בלוי־ער זאַק” „איבערשפּאַנטע” „צודרייטע”, פאַרן זיסן זעקס־אָריקן בלינדן קאָפּ אָבער בין איך געווען די פאַרקערפּערונג פון אַלע אירע פאַנטאַזיעס. שטענדיק האָט זי געוואָלט הערן נייע מעשה־לאַך — גאָר נייע, וואָס קיין שום קינד האָט זיי נאָך נישט גע־הערט — און אונזער גאַנצע סביבה איז געוואָרן דער אויסגאַנג פּונקט פון מיינע געשיכטן, אין וועלכע איך האָב איינגעפלאָכטן געטער אין העלדן־לעגענדן. זי האָט אין מיר געגלויבט־פעלזנפעסט, אַז מיר האָבן זיך געשיפט איבערן טייך פלעגט זי אין דער שטיל וואַרפן שטיקלאַך קוכן אין וואַסער,—פאַר נערייגן, דער האָפּ־פרוי וועלכע האָט אונטן געהונגערט, צווישן די שטיינער פון דער פאַרק־וואַנט האָט זי אַריינגערוקט טעפעלאַך מילך—פאַר די קאַרליקעס, וואָס האָבן זיך דאָרט אַרומגעטריבן.

האָט זי מיך פריי געלאָזן פלעג איך מיך פאַרקלויבן אין דער ביבליאָטעק. מיטן אויסרייד, אַז איך וויל דאָרט ברענגען אין אָרדנונג די ביכער האָב איך זיך געמאַכט דעמדאָזיקן צימער, וואָס קיינער פלעגט כמעט נישט איבערטרעטן זיין שוועל פאַר מיין עיר־מקלט. ער איז געווען טונקל און האָט געשמעקט מיט אַ ריח

פון מאָדערנע פאַפיר. אָבער מיך האָט עס גאַנץ ווייניק געהאַרט צונויפגעדרייט בין איך געזעסן אין לעדערנעם פאָטער-שטול און פאַרטיפט אין לעזן האָב איך ממש פאַרגעסן אָן אַלץ, וואָס אַרום מיר האָט זיך געטאָן. אין די ביכערשאַנק איז געווען אַקוריאָזער צוזאַמענשטעל: אַלטע לאַנדווירטשאַפטלאַכע בראָשורן און צייטשריפטן, פראָטאָקאָלן פון רייכסטאָג פאַר דער לעצטער צייט, מאָדעבלעטער, וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט אין משך פון צענדליקער יאָרן, אָנציִענדיקע פראַנצויזישע ראָמאַנען,—זאָלאַס נאַנאַ" און אין מיטן דערינען מאָדערנע דייטשע פאַמיליען-ראָמאַנען און אין ביליקע שלעכט געבונדענע אויסגאַבן די דייטשע קלאַסיקער. מיט דער האַסטיקייט פון אַ שטאַרק אויסגעהונגערטן האָב איך געשלונגען אַלץ אָנהויבנדיק פון די מעמואַרן פון קאָראַ פירעל און ענדיקנדיק מיט ווילאַנד און הערדער. איך בין אָבער אין יענער צייט נישט געווען מסגל נישט צו קיין אומזיטלאַכקייט נישט צו קיין רעאַליזם. אַלץ וואָס איך האָב געלעזן, פון אַזעלכע מינים האָט מיך כמעט נישט אינטערעסירט, העכסטנס האָט עס ביי מיר אַרויסגערופן אַ געפיל פון עקעל. נאָך ווייניקער האָבן מיך צוגעצויגן די דייטשע ראָמאַנען. אונזער אונטערהאַלטונגס-ליטעראַטור איז פלאַך-שוואַך—און זאַפטלאָז, האָב איך געשריבן מיין קוזינע, סענטימענטאַל און ניכטער, ווייל די שריפטשטעלער רעכנען זיך מיטן לעזער-פובליקום, וואָס באַשטייט הויפטזאַכלאַך פון פרויען. מענער לעזן מער נישט קיין ראָמאַנען ווייל זיי זיינען געשריבן ווייבעריש, און די פרויען ווערן כסדר ווייבערישער, ווייל זיי פאַרדאַרבן זייער גייסטיקן מאָגן מיט נאַרישע לערעשטאָף. דאָס ערגסטע איז, אַז ווייבער הויבן אויך אָן שרייבן ראָמאַנען. קוואַטש-געשיכטן פאַרפוצט מיטן געגנבטן שטראָלענקראַנץ פון דער פאָעזיע, אַ בייער גרונט פאַר מיין אַנטיפאַטיע צו די פרויען. איך פרעג כסדר ביי זיך אַליין:

— צו זיינען מיר אַזוי קליין, אַזוי פּוסט, אַזוי נישט ווייבלאַך — אָדער האָט מען אונז פאַר אַזוינע געמאַכט?

אין געטען אָבער האָב איך זיך טאַקע פאַרטיפט מיט אַ קלאַפּעדיקער האַרץ און מיט ברענענדיקע באַקן. אַפילו דאָס וואָס עס איז מיר שוין לאַנג געווען באַקאַנט איז פאַר מיר פול געווען מיט נייע איבערלעבונגען. אין אַ קליינעם העפט, וואָס איך האָב מיר געטראָגן ביי זיך — פיין איינגעוויקלט אין אַ גרינער זיידענער טיכעלע — פלעג איך איינשרייבן, וואָס עס איז מיר אַמבעסטן געווען געפעלן און אין שטילע שעהן האָב איך עס אויפגעעפנט און געלעזן, געלעזן אַזוי לאַנג ביז איך האָב עס געקאָנט אויף אייסנווייניק. צוויי זאַצן זיינען געשטאַנען אין דער שפּיץ: „ער האָט געהערט צו דער גרויסער צאָל, וואָס דאָס לעבן גיט זיי נישט קיין שום רעזולטאַטן און כסדר מאַטערן זיי זיך." און אונזערע וואונטשן זיינען פאָרגעפילן פון די פייאיקייטן וועלכע ליגן אין אונז, פאַרזאָגער פון דעם, וואָס מיר וועלן זיינען אימשטאַנד צו לייסטן. דער ערשטער מאמר האָט געדאַרפט זיין, ווי אַ דראָענדיקער, אויפגעשטעלטער צייכן, די שטענדיקע וואָרנונג דאָס לעבן נישט צו באַגאַטעליזירן, פאַרקליינלאַכן, נאָר געבן אים אַ פעסטע ריכטונג צו גרויסע צילן — דער אַנדערער אַ טרייסטער אין צייטן פון מוטלאָזיקייט, בעת איך פלעג פאַרלירן דעם פאַרטרויען צו זיך אַליין אָדער ווען אַנדערע האָבן פּראָבירט ביי מיר עס אָוועקצורויבן.

מיט באַוואוסטזיניגן להכעיס-געפיל קעגן די אַסקעטישער-דערציונגס-פּרינציפּן פון מיין מוטער פלעג איך קודם כל איבערשרייבן אַזעלכע שטעלן, וואָס האָבן באַטאָנט דאָס רעכט אויף פערזענלאַכקייט אין דעם ווערט פון דער פרייד. „אַ קינד, אַ יונגער מענטש, וועלכע בלאָנדזן אויף זייערע אייגענע וועגן זיינען מיר

ליבער ווי אַזעלכע וואָס גייען ריכטיק אויף פּרעמדע״ ; „פּריי־לאַכקייט איז די מוטער פון אַלע גוטע מדות״ — אַ גליקלאַכער מענטש, אַ באַשעפעניש וואָס פרייט זיך מיט זיין עקזיסטענץ, איז דער ענדציל פון דער בריאה.

דורכנעדרונגען דערפון וואָס איך האָב אינערלאַך איבער־געלעבט, האָב איך צייטנווייז אויך געמוזט דערפון ריידן. נישט שטענדיק האָט מיין באַגייסטערונג געקאָגט בלייבן שטום ; איך האָב געבייגקט נאָך מענטשן כדי פאַר זיי זיך אויסצורריידן, קודם כל נאָך יונגע, וואָס זאָלן מיך נישט אָפּשטויסן. נישט מיט זייער שפּאָט, נישט מיט דער חכמה פון אַלטקייט.

—איך זוך מענטשן ווי דיאָגענעס — האָב איך געשריבן מיין קוזינע מיט וועלכער איך האָב טאַקע צוליב דערזעלבער אינער־לאַכער באַדערפעניש לעבהאַפט קאָרעספּאָנדירט — און זע אַלץ דייט־לאַכער ווי אונזער פאַלשע דערציונג האָט אונז אָפּגענאַרט אין דאָס בעסטע פון לעבן. דאָס ביסל קונסט און וויסנשאַפט האָט מען אונז נאָר געלערנט, כדי מיר זאָלן קאָנען וועגן דעם פּלוי־דערן. עס איז נישט געוואָרן קיין טייל פון אונזער איך, ס׳בלייבט אין מוזעאומס אין ביכער ווי די רעליגיע אין קירך. ווען מיר זאָלן האָבן פאַר זיי דעם אמתן ערנסט, די טיפע פאַרשטענדעניש —וואָלט דער גייסט און דאָס האַרץ געווען מיט זיי אַזוי איבער־פולט, אַז זיי וואָלטן זיך נישט קאָנען פרייען מיט געמיינהייטן און איבערפלעכלאַכקייט.

זיינען קיין פּירגאַלן געקומען יונגעלייט, וועלכע — ווי דער פעטער וואַלטער פלעגט איראָניש זאָגן — זיינען נאָך נישט דורכ־געפאַלן ביים „אַליקס עקזאַמען״ האָב איך פאַרזיכטיק אויסגע־שטרעקט די חילצענער פון מיין גייסט. ס׳רוב פלעג איך באַ־געגענען אַ פאַרשעמטן שמייכל, אַ דערשטוינט בליק, און מיין מוטער

וואָס פלעגט זיך אָפּטמאָל צוהערן צו אַזאַ אומגעלונגענע פּראָבע, האָט מיר אַמאָל געזאָגט.

—וואַרף שוין אַוועק דיינע הויכע ווערטער, דו זעסט דאָך, אַז זיי זיינען אַלע טויב.

—איך גלויב עס אָבער נישט, איך וויל עס נישט גלויבן— האָב איך געענטפערט— מיין אייגענע עקזיסטענץ גאַראַנטירט מיר דערפאַר, אַז עס זיינען דאָ נאָך אַזעלכע ווי איך.

די מוטער האָט איראָניש פאַרדרייט די ליפּן.

—דער גרעסטער טייל איז געמיין — די נאַרן זיינען נאָך די בעסטע.

אָבער וואָס מער זי האָט גערעדט וועגן איר טיפן מענטשן פאַראַכטונג, אַלץ שטאַרקער האָב איך קעגן דעם פּראָטעסטירט, אַלץ איבערגעטריבענער איז געווען מיין טריומף־געפיל, ווען וועל־כע נישט איז סטרונקע ביי עמיצן, וואָס איך האָב אָנגערירט האָט אָנגעהויבן שטיל צו קלינגען.

איינער, אַ יונגער שכן, האָט אָנגעהויבן זייער אָפט צו אונז צו קומען. קיין טיפע בילדונג האָט ער נישט געהאַט, אָבער זיין איינזאַמעס לעבן ביי די גרויע וואַסערן פון ברעג, וואָס איז נישט געווען געשטערט דורך קיין שום אָפּוועקסלונג, האָט אים געמאַכט געדאַנקען־רייך אַזוי, אַז אונז פלעגט קיינמאָל נישט פעלן קיין שטאָף צו ריידן. אונזער פאַרקער האָט נישט לאַנג געדויערט. דער פעטער וואַלטער האָט מיר אין אַ שיינעם טאָג צוגערופן אָן אַ זייט און דערקלערט, אַז דער הער בראַנדענשטיין איז פאַר מיר נישט קיין „שדוך”.

— איך האָב אָבער גאָרנישט בדעה מיט אים חתונה צו האָבן—האָב איך אויסגעשריען.

— טו פיר זיך נישט אויף אַזוי נאַריש ! די גאַנצע געגנט

רעשט שוין דערפון, און ער אַליין מאַכט זיך אויף האָפנונגען, ווייל דו זיצט אָפּ מיט אים שעהן לאַנג — האָט ער געענט־פערט.

איך בין געוועזן אויסער זיך, אַ יונגע מיידל, הייסט עס האַלט זיך נישט אָנשטענדיק, אַז זי רעדט לייגנער ווי פינף מינוט מיט אַ הערן.

—די ליבע קרובים קוקן נאָר דעמאָלט דורך די פינגער— האָב איך געשריבן מאַטילדען,—בעת עס שמעקט מיט אַ תנאים. פילסטו, ווי עקלהאַפט דאָס איז? וואָס פאַר אַ גראָבע באַליידיגונג עס ליגט אין דעם פאַר אונזער גאַנצן געשלעכט?

נאָך דערדאָזיקער מעשה האָב איך זיך לגמרי צוריקגעצויגן און געזוכט צו דערשטיקן מיין מעגטשן־הונגער. דער פעטער וואַלטער האָט אָבער אָנגעהויבן אָפּן צו פּראָטעסטירן קעגן מיין „ווילדקייט". איך בין גראָד אָנגעקומען בעת ער האָט מיט דער מאַמען מכח ביר גערעדט.

— די בעסטע שדוכים וועט זי אויף דעם אופן דורכלאָזן און בלייבן אַן אַלטע מויד, — האָט ער געזאָגט — אָדער ווילסטו באמת נישט חתונה האָבן? — דערמיט האָט ער זיך געווענט צו מיר.

— איך וויל דוקא— און אַפילו גאַנץ שטאַרק, אָבער נישט מיט אַבי וועמען—האָב איך זיך צולאַכט.

די מאַמע האָט אויפגעהויבן די אויגן פון איר האַנט־אַר־בעט.

—דו ווייסט, אַז איך וועל דיך נישט צווינגען. אַ מיידל, ווי דו וואָס האָט אַ געזיכערטע צוקונפט איז אַ סך גליקלאַכער, אַז זי האָט נישט חתונה.

— אַ שפּאַס אייערע אויסזיכטן אויף איר געזיכערטער

צוקונפט — האָט דער פעטער וואַלטער מיט כעס אַריינגע־וואָרפן.

די באַרימטע מומע קלאָטילדע קאָן נאָך צען מאָל חתונה האָבן, אָדער הונדערט יאָר אַלט ווערן אָדער אָפּזאָגן איר ירושה פאַר האָטענטאָטן. מיר מוזן איר פירן צו דער חופה כל זמן זי איז שיין — דאָס גופא איז אַ געווער פאַר דער צוקונפט. נאַ־טירלאַך דאַרף זי נישט האָבן קיין פליגן אין די נאָז און נישט שפילן קיין ראָל פון אַ פאַרכשופטער פרינצעסן, ווייל דעמאָלט וועט יעדער קלוגער בחור לכתחילה אַנטלויפן פון איר וואו פע־פער וואַקסט.

שטאָלץ האָב איך אַ הויב־געטאָן דעם קאָפּ און איראָניש געזאָגט:

— באַרויק זיך, ליבער פעטער, איך וועל נאָך קריגן צען פאַר איינעם. איך וועל דיר נישט אָנטאָן דעם עגמת־נפש דו זאָלסט האָבן אַ שוועסטערן טאָכטער אַן אַלטע פריילין.

און ווידער האָב איך אָנגעהויבן זיך צובאַטייליקן אין די פאַרוויילונגען.

פיקניקס און פאַרוויילונגען, וואו מען האָט שרעקלאַך פיל געגעסן מער נאָך געטרונקען און ווייניק גערעדט, יאַגד און מאַ־נעווערס־באַלער און היימישער פאַרברייינגען האָבן ווידער מיר אָנ־געהויבן צו פאַרשאַפן פאַרגעניגן. אַז אַ צוויי לוסטיקע לייטענאַנטס האָבן צוליב מיר אַ פּאָר נעכט נישט געשלאָפן כדי דירעקט פון די מאַנעווערס צוקומען קיין פירגאַלן; אַז אין אָוונט האָט מען צוליב מיין כבוד וועגן אויפן שטראַנד פון קראַנץ דעם נאָנטן ים־קוראַרט, וואוהין מיר פלעגן אָפט פאָרן, געלאָזן אין דער לופט די שענסטע פייערווערקן, ווען מען האָט מיר פאַרוואָרפן מיט בליקן, וואָס האָבן מער גערעדט, ווי זייערע חניפהדיקע ווערטער—האָב איך

מיט אַן אינערלאַכן צופֿרידנקייט געטרונקען דעם פֿאַרשכּורדיקן געטראַנק פֿון באַוואונדערונג און די קליינע שדים פֿון פֿוסטקייט האָבן טריומפֿירט איבער די גוטע גייסטער אין ביכערשאַנק פֿון פֿירגאַלען.

אַ פּאָר וואָכן פֿאַר אונזער אָפּפֿאָרן איז געקומען קיין פֿיר־גאַלן מיין פֿעטערס אַ גוטער פֿריינט, הער פֿון אַללעך, אַ ריטמייס־טער ביי די גוואַרדיע־דראַגונען. איך האָב זיך מיט אים באַקאַנט אויף די ווישציגעס אין קעניגסבערג און בעת מיר זיינען אין אָוונט געזעסן צוזאַמען אין אַ גרויסער געזעלשאַפֿט און גערעדט װעגן װאַגנערן װעגן װאַגנערס פּאַרציפֿאַל, ווייל דאָ נישט לאַנג איז ער געװען אין ביירוט און האָט געהערט די אָפּערע פּאַרציפֿאַל און דאָס אַליין איז שוין גענוג געװען ער זאָל מיר ווערן אינ־טערעסאַנט. זיינע ערנסטע מוזיקאַלישע ידיעות איז געווען אַ ווייטע־רע שטאַרקע אָנציונגס־קראַפֿט. איך האָב זיך געפֿרייט, וואָס ער איז מיט אונז צוזאַמען אַהיימגעפֿאָרן.

יעדן אָוונט פֿלעגט ער זיצן אין האָלב טונקעלען, גרויסן, ליידיקן זאַל און אַרויסציען פֿון אַלטן קלאַוויר קלאָגעדיקע און פֿרייליכע, צערטלאַכע און בייַנקענדיקע טענער. די קליינע ליבעס געטער איבער די טירן, וואָס דאָס פֿייער פֿון עטלאַכע ליכט האָט געוואָרפֿן אויף זייערע רונדע קערפּערלאַך אַ רויזלאַכן שיין האָבן אויסגעזען ווי לעבעדיקע און די בלעטער פֿון די לינדענבוימער אין דרויסן האָבן זיך באַוועגט נאָכן טאַקט. איך בין געזעסן ביי דער אָפֿענער טיר, וואָס האָט געפֿירט אין לבנה־ליכטיקן גאָרטן און אַ צויבערנעץ פֿון רוישנדע ריטמען האָט אַרומגעכאַפּט אַלץ פֿעסטער און פֿעסטער מיין האַרץ און מיינע געפֿילן. עלעקטריזירט פֿון זיין שפּילן האָב איך דאַנקבאַר געדריקט די האַנט פֿון שפּי־לער, אַז ער איז ענדלאַך אַרויס צו מיר און געזאָגט אַ גוטע

נאַכט. און האָב איך אים אינדערפרי ווידער דערזען, דעם אי־בערגעוואַקסענעם, גרויסן מאַן, מיט די וואַסערדיקע אויגן, מיט דער גרויסער נאָז און די גרויל־אַכע האָר, האָב איך געהערט זיין גראָ־בע שטים, זיין געלעכטער, וואָס איז געווען אָן אַן קול, איז ער מיר געווען אַ ווילד פרעמדער,—אַ נשמה פול מיט שיינע קלאַנגען וואָס האָט פאַרבלאָנדזשעט אין אַ קערפער פון אַ דעקאַדענט.

מיט שרעק האָב איך דערשפּירט, אַז ער האָט מיך ליב און גלייכצייטיק האָב איך אָן דער זעלבסטפאַרשטענדלאַכקייט מיט וועלכן מען פלעגט מיך איבערלאָזן מיט אים אַליין, געוואוסט אויף וואָס אַלע האָבן געוואַרט. איך האָב מורא געהאַט פאַרן דורכריידן זיך אָבער אויך פאַרן צושיידן זיך. טאָג־טעגלאַך האָב איך פאַר־קירצט דעם אויגנבליק פון זאָגן גוטע נאַכט. איך האָב געוואוסט, אַז איך בין אַ פאַרפאַלענע בעת דער צויבער פון זיין מוזיק האַלט מיך געפאַנגען.

זיין אורלויב האָט זיך באַלד געדאַרפט ענדיקן. מיין שוועַ־סטערל פלעגט איך האַלטן פעסט נעבן זיך, כדי אויסצומיידן דאָס זיין מיט אים אַליין. אָבער אין אַ שיינעם פרימאָרגן איז זי פון מיר אַנטלאָפן אין דעם מאָמענט ווען מיר האָבן געהאַט בדעה איינצושטייגן אין אַ שיפל. שטום האָט ער מיך געפירט איבערן שמאָלן קאַנאַל, וואָס האָט זיך געצויגן דורכן פאַרק געדיכט אַרום־געריגנלט פון ביימער און קוסטעס. געלע בלעטער האָבן שוין אַרומגעטאַנצט אויף זיין טונקלגרינעם שפיגל, בעת די חמימה פון שפעטן זומערטאָג איז ווי איינגעשלאָסן געלעגן אונטערן בלעטער־דאַך. איך האָב געקוקט אין וואַסער אַריין און האָב זיך געשפילט מיט מיין האַנט אַ „פריילן פון קלעווע“ אַרויסגעזאָגט מיט אַ האַר־טערער שטים ווי שטענדיק האָט מיך דורכגעשטאָכן.

—ווילט איר ווערן מיין פרוי?

—איך האָב נישט געענטפערט.

איך בין נישט יונג, נישט שיין—האָט ער נאָך אַ שטילער פּויזע ווידער געזאָגט.—איך האָב אויך נישט וואָס אָנצוביטן נאָר, ער האָט זיך אָפּגעהאַלטן, און אַ רויטקייט האָט באַגאָסן זיין שטערן מיין נאָמען, מיין פאַרמעגן און—מיין ליבע.

ווידער אַ לאַנגע הפסקה—איך האָב קיין וואָרט נישט אַרויס־גערעדט. מיין באַגלייטער האָט טיף אָפּגעזיפצט.

— איך וויל נישט קיין גיכן ענטפער אויב אייער האַרץ צווינגט אייך נישט דערצו, אָבער איינס זאָגט מיר, איך בעט אייך, ליבט איר אַן אַנדערן?

—ניין!—האָב איך געענטפערט, קוקנדיק אים גלייך אין די אויגן אריין.

זיין פּנים האָט אַזוי אויפגעלויכטן, אַז איך האָב זיך פּשוט דערשראָקן, ער האָט אַ כאַפּ געטאָן מיין האַנט.

—וועל איך וואַרטן און—האָפן. עס איז דאָך סיי ווי סיי אַ חוצפּה, אַז אַן אַלטער בחור ווי איך באַגערט אַזויפיל יוגנט און שיינקייט. מאָרגן פרי פאָר איך אָפּ — אין פיר וואָכן אַרום פאָרט איר דורך בערלין. אייער מוטער וועט מיר צו וויסן טאָן וועגן אייער קומען אַזיב—אויב איר וועט זיך באַשליסן, געפעלט אייך דער פּלאַן?

— יאָ — איז געווען אַלץ, וואָס איך האָב געקאָנט אַרויס־ריידן.

בעת ער האָט מיר ביים אויסשטייגן דערלאַנגט די האַנט, האָט מיך געטראָפן אַ בליק — אַ בליק פול מיט אַזויפיל ליבע, אַזויפיל ליידן, אַז פון לויטער מיטגעפיל האָב איך זיך אים שיר נישט געוואָרפן אויפן האַלז. אין אָוונט איז ער צום לעצטן מאָל געזעסן ביים קלאַוויר און האָט געלאָזן זיינע פאַנטאַזיעס פריי לויפן

איך האָב זיך נישט געקאָנט איינהאלטן פון זויינען, בין אַנט־לאָפן און זיך פאַרשלאָסן אין מיין צימער. און בין ערשט אַרויס פון דאָרט אויפן צווייטן טאָג הערנדיק, ווי די קאַרעטע פאָרט אַרויס פון הויף.

איך בין געווען שטאַרק באַליידיקט, וואָס די גאַנצע שטוב האָט געוואוסט פון אונזערע באַציונגען. מען האָט מיך באַהאַנדלט זייער צערטלאַך, ווי אַ קראַנקע, בעת אין מיר גופא האָבן גע־קעמפט אַנטקעגנגעזעצטע עמפינדונגען אין ממש מיר נישט גע־לאָזט רוען. צו האָב איך טאַקע צו אַכצן יאָר באַדאַרפט לייזן אַזאַ לעבנס־פראַגע ווי אַ רעכן אויפגאַבע? ווען אַפילו מיין פאַר־שטאַנד האָט אַפילו צען מאָל געזאָגט יאָ, האָט אָבער דאָס ניין פון מיינע געפילן אָפגעוואָרפן זיין גאַנצע חכמה. זייער אָפט איז עס אַרויסגעגאַנגען פון רחמנות געפיל, וואָס איז אַזוי ענלאַך צו ליבע. אַז איך האָב מיר אָבער פאָרגעשטעלט אָט דער מאַן וועט דיך קושן, אים וועסטו געהערן קערפערליך, דעמאָלט האָב איך אים כמעט געהאַסט. מיר זיינען נאָך געווען אין פירגאַלן איז געקומען אַ טעלעגראַמע פון פאָטער.

„די בריגאַדע אין שווערין".

מער איז נישט געווען געשריבן. די שמחה איז געווען אַן אַלגעמיינע, און איך האָב זיך געפרייט מער ווי אַלע. מיין ווי־דערווילן צוריקצופאָרן קיין בראַנדענבורג האָט אין דער שטיל משפיע געווען אויף מיין באַשלוס בנוגע אָללערן. דער נייער גאַרניזאָן, דער קליינער הויף, די פרעמדע סביבה, וואָס האָט גלייכצייטיק אַרויסגערופן ביי מיר אַ נייגיריקייט אי האָפנונג, האָבן מיר פאָרגעשטעלט לויטער ליכטיקע צוקונפטס־בילדער. אַז מיר זיינען אויפן וועג קיין בערלין געזעסן אין צוג און מיין מוטער האָט מיר געשטעלט די פראַגע:

— צו זאָל איך מודיע זײַן אַללערן?

האָב איך שוין מער זיך נישט געדאַרפֿט ישובן. עס איז מיר פֿאָרגעקומען שטאַרק קאָמיש, וואָס בײַ מיר האָט גאָר אַמאָל בכלל געקאָנט זײַן אַ „יאָ" מיט אַ „ניין" אין דער צײַט וואָס מען האָט איבערגעטראַנספּאָרטירט אונזערע מעבל זײַנען מיר געבליבן אין בערלין. פֿאַר מײַן מאַמען איז נישט געווען קײַן גרעסערע שמחה ווי זיצן אין דער הויפּטשטאָט און נישט האָבן אויפֿן קאָפּ קײַן באַלעבאַטעשקייט, נישט קיין געזעלשאַפֿטן אָן אַן אויפֿהער איז זי געגאַנגען פֿון איין מוזעאום אין אַנדערן, פֿון איין טעאַטער אין צווייטן, דורכגעניסטערט אַלע אויסשטעלונגען, באַטראַכט די געשעפֿטן פֿון אינעווייניק און אויסנווייניק, און מערקווירדיק! פֿאַרשוואונדן זײַנען די שאַרפֿע ליניעס אַרום איר מויל און אַן אויסדרוק פֿון קינדישן געניסן האָט פֿאַרנומען זייער פּלאַץ. זי האָט אַפֿילו פֿאַרגעסן אָן אירע דערציונגס-פּרינציפּן און האָט מיך מיטגענומען אויף אָפּערעטקעס אין פֿאַרסען, וואָס האָבן זיך אייגנטלאַך גאָרנישט „געפּאַסט".

אין אָקטאָבער זײַנען מיר געקומען קײַן שווערין. דער ערשטער איינדרוק איז געווען אַ שווערער: דער וואָקזאַל ווי אין אַן אָפּגעלעגענער פּראָווינץ, דערבײַ גאָר נאָענט האַלץ-באַראַקן — דאָס טעאַטער — איינגע, שלעכט ברוקירטע גאַסן, קליינע הײַזער מיט נידעריקע פֿענצטער, מענטשן וואָס זייער אויסזען האָט אונז אַריבערגעטראָגן אין אַ צײַט מיט יאָרן צוריק. אָבער אונזער נײַע היים האָט תּיכּף געענדערט דאָס גאַנצע בילד: אַ קליינע ווילע גאַנץ נאָענט בײַם פּאַרק, וואָס האָט מיט איר פֿריילאַכער ווײַסקייט צווישן בלומען און קוסטעס ממש צוגעצויגן צו זיך. און איך האָב געהאַט פֿאַר זיך צוויי צימער: אַ שלאָפֿשטיבל, ווײַס און בלוי ווי אַמאָל, אַ קליינער זאַל פֿון מאַט גרינער פֿאַרב — דעם-סיורפּריז

האָט מיר געמאַכט מײַן פֿאָטער. איבערגליקלאַך בין איך געווען: אַ שטילער אָפּגעשלאָסענער ווינקל פֿאַר זיך צום אַרבעטן און צו חלומען! נישט אַזוי געשווינט האָב איך געקאָנט צושטעלן מײַנע ביכער אויף די וואונדערשיינע עטאַזשערקעס און פֿאַרפּוצן מײַן שרײַבטיש מיט בילדער. פֿיל פֿאַרבאָרגענע אוצרות האָבן איצט דערזען גאָטס ליכטיקע וועלט, ווײַל איך האָב זיי באַהאַלטן אין קופֿערס, אין קאַסטנס, אַביסל צוליב מורא פֿאַר דער מאַמען און אויך צוליב דעם ווײַל עס איז פֿאַר זיי קײַן פּלאַץ נישט געווען. צווישן די בילדער זײַנען געווען מאַקאַרטס „פֿינף חושים" און בעקלינס „אינזל פֿון די גליקלאַכע".

איך האָב זיך פֿאַרשכּורט מיט דער פּראַכטפֿולער שיינקייט פֿון מאַקאַרטס פֿרויען געשטאַלטן. איך האָב פֿאַרגעסן די ווירקלאַכקייט קוקנדיק אויפֿן טונקל-בלויען וואַסער אין דעם ליכטענדן מרחק אויף בעקלינס שטאַרק געזידלטן בילד. איצט זיינען זיי געשטאַנען אויבן-אָן אויף מיין שרייבטיש. אַ פֿילפֿאַרביקע געזעלשאַפֿט, וואָס יעדערער פֿון זיי איז געווען אַ סך ווייטער ווי בעקלין פֿון מאַקאַרטן האָבן זיך צונויפֿגעזאַמלט אויף מיין ביכער-ברעט: געטע און יוליוס וואָלף, וואָס זיין סענטימענטאַלע תאוהשקייט האָט מיך צייטווייליק צוגעצויגן, גאָטפֿריד קעללער און פֿעליקס דאַן, וואָס זיינע גערמאַנישע געטער-און העלדן געשיכטן האָבן זיך צוגעפּאַסט צו מיין אַלטער בייגונג, שערערס געשיכטעס פֿון דער דייטשישער ליטעראַטור, וואָס איז נאָר וואָס אַרויס פֿון דרוק און איך האָב זי מיט גרויס התמדה שטודירט, וועבערס וועלט-און ליבקעס קונסט-געשיכטע און דערביי אַ מישמאַש פֿון גריכישע קלאַסיקער, רוסישע נאָוועליסטן, אַלט-דייטשטע העלדן-לידער אין ברוינע רעקלאַם-בענדער, מאָדערנע ליריקער אין גאָלדראַנדיקע פּראַכטאיינבענדער. שפּעט אין אָוונט האָב איך נאָך באַלעבאַטעוועט אין מיין

צימער, פעסט איבערצייגט, אַז קיינער וועט מיר נישט שטערן, ווייל מייַנע עלטערנס שלאָפצימערן זייַנען געווען אַ שטאָק העכער, און אָט איז פּלוצלונג אַריין מייַן מוטער.

—דו שלאָפסט נאָך נישט ?! — האָט זי אויסגעשריען אומיט כעס געמושטערט מייַן סביבה.

איר בליק איז געפאַלן אויף די בילדער און ביכער.

—דו גלויבסט, אַז איך וועל אַזוינס דערלאָזן, אָט די חוצפּה־דיקע נאַקעטע ווייבער און דאָס בילד פון אַ משוגענעם ביי דיר אויפן טיש ?

דאָס גאַנצע בלוט האָט מיר אַ האַק געטאָן אין קאָפּ.

—דאָס איז מייַן צימער, אויף וויפל איך חייס — בין איך אַרויסגעשפּרונגען און געררעדט מיט גרויע האַסט ווי שטענדיק בעת די אויפרעגונג האָט מיר געגעבן מוט צו ריידן — און איך בין שוין אין די יאָרן, צו לעבן נאָך מייַן געשמאַק. זאָל איך אפשר אַוועקשטעלן טרומאַנען, וואָס מאָלט די גערמאַנען ווי זאַלאַנ־העלדן און וואָס זייַנע פרויען זעען אויס ווי לויטער גוט דערצוי־גענע און שיין פאַרפּוצטע דאַמען ? אַזאַ צביעות איז חוצפּהדיקער ווי נאַקעטע שיינקייט. עס גייט מיר לגמרי גאָרנישט אָן, וואָס די וועלט האַלט בעקלינען פאַר משוגע. איך געפין, אַז מען וואָלט געדאַרפט אינגאַנצן אַנטלויפן פון דער וועלט, ווען נישט די פאָר משוגעים וואָס מאַכן נאָך מעגלאַך דאָס לעבן.

—דו מעגסט זיך האַלטן ווי דו ווילסט — האָט די מאַמע געענטפערט, און נאָר אירע הייסע באַקן האָבן אַרויסגעבן איר כעס— כּל זמן דו געפינסט זיך אין עלטערן־הויז מוזטו זיך מיר אונ־טערוואַרפן און טאַקע צוליב דייַן טובה. וואָס קלערסטו וועט מען וועגן דיר זאָגן, אַז מען וועט דערזען אַזעלכע זאַכן ביי דיר אויפן טיש ?!

מיט די ווערטער איז זי אַרויס פון צימער, און שטאַרק

באַליידיקט האָב איך אַראָפּגענומען די בילדער כדי זיי אַוועקצושטעלן אין שלאָפצימער, וואָס דאָרט וועט זיי מיר שוין קיינער נישט פאַרמיאוסן.

גאַנץ פרי האָט מיך דער טאַטע אויפגעוועקט.

—נו, אַליקסכן, וואָס איז עפּעס מכּה אַ רייט טאָן? די קליינע ברוינע וואַרט דאָך שוין!

מיט איין שפּרונג בין איך אַרויס פון בעט און אין אַ פּאָר מינוט אַרום אָן אָנגעטאָנענע. פאַרגעסן האָב איך לגמרי אָן דעם עגמת-נפש און מער נאָך די פאָרשריפט פון דאָקטאָר, עס איז געווען אַ וואונדער שיינער הערבסט-טאָג מיטן באַקאַנטן סוד-פולן בלויען ריח צווישן דיביימער. אין דעם שטילן רוישן און טאַנצן פון די גאָלדענע בלעטער. מיר האָבן געריטן דורך אַ גלייכער אַלעע פאַרביי באַשניטענע ביימער און צעבראָכענע געטער-בילדער פאַרביי אַ קליין גאָרטנהייזל, וואָס האָט געחלומט צווישן פאַרוועלקטע רויזן און זיינען אַריין אין וואַלד פון געוואַלטיקע גרויע בוקען-שטאַמען, וואָס דורך זייערע הויכע געלבגרינע שפּיצן האָט זעלטן ווען אַ זונענשטראַל דערגרייכט די ערד. מיר האָבן געריטן פּאַמעלאַך און נישט גערעדט קיין וואָרט, אַפילו די טריט פון די פערד האָבן זיך געלאָזט הערן פאַרטעמפּט, ווי זיי וואָלטן געגאַנגען אויף ווייכע דיוואַנעס. פּלוצלונג, וואו דער וועג האָט זיך אַ דריי געטאָן אָן אַ זייט, האָט אונז אַ האַק געטאָן אַ בלענדענדער שטרוים שטראַלנדיקע ליכטיקייט, דער בלויער ים האָט זיך געצויגן ביז צום נעפּל-גרויען האָריזאָנט, און פון אים איז אַרויס געשטיגן אַ וואונדער-פּאַלאַץ מיט טורעמס און שפּיצן, קופּאָלן און באַלקאָנען, פינקלדיק און בלישצנדיק אין ליכטיקן מאָרגנגלאַנץ.

אַהיים זיינען מיר געפאָרן איבערן שטראַנד ביז אין שטאָט אַריין. דאָס וואַסער, אַ פייערלאַך ברייטע בריק, אַ וויסטער זאַמ-

דיקער פלאַץ האָט אָפּגעטיילט די שטאָט פון הערשער-פּאַלאַץ. הכנעהדיק און צוניפגעבויגן, אין ניכטערע אַרבעטס-קליידער, שרעקעדיק און ווי בעטנדיק, האָט זי אַהין אַריבערגעקוקט פון קליינע פענצטערלאַך.

—דאָס איז מעקלענבורג—האָט מיין פאָטער געזאָגט.

די ערשטע וואָכן אין שווערי זיינען אַריבער אין אָפיציעלע באַזוכן און אויפנאַמען, וואָס זיינען פאַר מיר געווען לויטער אַנטוישונגען. די מענטשן זיינען געווען צוגעפּאַסט צו דער שטאָט, צו זיינען עס געווען הויפט-מאַרשאַלן, מיניסטאָרן אָדער קאַמערהערן און לייטענאַנטן. דער רעזולטאַט פון גוטער דערציונג האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן. און די פרויען! גלאַטע שטערנס, שטריינג און קאַלט די פאַרהייראַטע, אַ מחנה עלטערע מיידלאַך— דער סימן פון יעדער קליינער רעזידענץ — מיטן פאַרביטערטן עטשטריך פון אַנטוישטע האָפנונגען אַרום די בלוטלאָזע ליפּן, לאַכע יונגע אָבער אויך זיי האָבן זיך געהאַלטן פעסט לויט די פאָרגעשריבענע פאָדערונגען פון דער עטיקעטע.

נישט לאַנג האָב איך אויסגעהאַלטן די ראָל פון אַ געדולדיקער אַנטיילנעמערן אין דער פוסטקייט פון דערדאָזיקער געזעלשאַפט. אינגאַנצן זיך צוריקציען, וואָס דאָס וואָלט מיר געווען אַמליבסטן, איז ביי דער שטעלונג פון מיין פאָטער און ביי דער פאַרפליכטונג „צו פירן אַ הויז" געווען מעגלאַך נאָר אין דעם פאַל אויב איך זאָל אָנגעבן אַלס מאָטיוו מיין געזונט-צושטאַנד. קיין טענץ זיינען אָבער נישט פאָרגעקומען, און דעריבער האָב איך קיין תירוץ נישט געהאַט. נאָר גאַנץ זעלטן, אַז איך פלעג זיך שטאַרק פאַרטיפן אין וועלכן עס איז בוך, אָדער איך האָב דורכאויס געוואָלט אויפשרייבן עפּעס אַ פאַנטאַזיע, האָב איך זיך געלייגט אין בעט מיטן אויסרייד, אַז איך האָב שמערצן און ווי נאָר די עלטערן זיינען אַרויס פון שטוב בין איך גלייך אויפ-

געשטאַנען און האָב ברייט אויסגענוצט די אומגעשטערטע פריי־
הייט.

און באַלד האָבן זיי זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן די ליבע געשטאַלטן פון מיינע חלומות און אַ סך בלויע העפטן זיינען ביס־לאַכווייז פול געוואָרן מיט שירים און באַטראַכטונגען, מיט מעשה־לאַך און געשיכטן. פלעג איך אַרויסגיין פון שטוב האָב איך אָנ־געשטריינגט מיינע אַלע כוחות צו באַהערשן די לאַנגווייליקייט. צום קאַמף מיט איר האָב איך אָרגאַנעזירט אַן אמתע פאַרשווע־רונג צווישן מיינע עטלאַכע באַקאַנטע מיידלאַך אין מיינע יאָרן: מיר האָבן געשפּילט אין טעאַטער, פאָרגעשטעלט לעבעדיקע ביל־דער און מיין אַרבעט איז געווען צונויפשטעלן די בויטיקע טעקסן. און ביסלאַכווייז האָט אונזער יוגנט געזיגט; מיינע געזעלשאַפטלאַ־כע פייאיקייטן האָבן באַלד געפונען אַנערקענונג, און אומעטום האָב איך זיי געמוזט אַרויסווייזן. אָבער אַזעלכע ערפאָלגן זיינען פאַר מיר נישט גענוג געווען. איך „האָב געזוכט מענטשן“ שטאַרקער און מיט גרעסערער ביינקשאַפט ווי פריער, און ווען איך האָב זיך כלומרשט אַמבעסטן אַמוזירט, פלעג איך אָפט אַהיים קומען און פאַרצווייפלט וויינען ליגנדיק אין בעט.

— דו האָסט דעם בעסטן לעבן אויף דער וועלט. פאַרוואָס ביסטו נישט צופרידן?—האָט מיר געשריבן מיין קוזינע, וואָס האָט ביי אונז פאַרבראַכט אַ קורצע צייט און האָט נישט פאַרשטאַנען מיין צוטראָגנקייט.

איך האָב איר גאָרנישט געענטפערט:

אין גרויזאַמער זעלבסטצוריסנקייט האָב איך העמאָלט געשריבן אין איינעם פון מיינע בלויע העפטן:

עפּעס אַ מין שרעקלאַכע און ווילדע חיה לעבט אין מיין אינערן. עס צורייסט די שטאַרקסטע אייזנקייטן. עס טרייבט מיך

פון מיין קינדהייט אָן פון איין ליידנשאַפט צו דער אַנדערער. ווי טרויעריק, וואָס מיר האַלטן זיך העכער, ווי די מיידלאַך אין גאַס. וואָלטן מיר נישט געווען אַזוי גוט דערצויגן און שטאַרק אָפּגעהיט וויפל פון אונז וואָלט געגאַנגען אויף דעמזעלבן וועג וואָס יענע.

און אויף אַ צווייטן אָרט איז געווען געשריבן:

—ווי נאַריש איז דאָס טרייסטרייכע אָנווייזן אויף הויזלאַכע פליכטן.

— איך האָב זיי, אַ שטייגער, נישט אַלע אויסגעפירט און נישט געהאַט דערביי די מינדסטע באַפרידיגונג. שטויב ווישן, היט גאַרנירן, דעקלאַך שטיקן, זאָקן צערעווען — דאָס זאָל באַרויקן דאָס האַרץ, שפּייזן דעם גייסט? דאָס איז נישט מער, ווי אַ טו־געַנדהאַפטע מאַסקע אויף אָפּטויטן די צייט. מיין לעבנסקראַפט פאָדערט באַשעפטיגונג. איך וואָלט געוואָלט איבערלעבן אַזוינס, וואָס קיין איינציקער נערוו זאָל נישט בלייבן אומבאַרירט, קיין איין אָדערל אָן אַ פייער, איך וויל לייסטן עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל קאָסטן וואונדן...

איינמאָל—איך בין גראָד געזעסן ביים בעט פון מיין קראַנ־קער שוועסטערל און איר געבויט פון גאָלדפּאַפּיר אַ טורעם, וואָס זיינע געטלאַכע באַוואוינער זיינען באַשטאַנען פון לויטער פּערל און פילפאַרביקע קנעפּ — האָט מיך דער פאָטער גערופן צו זיך, הער פון לאַנדסבערג, דער אינטענדאַנט פון הויף־טעאַטער איז ביי אים געזעסן.

— איך האָב צו אייך אַ ביטע, מיין גנעדיגעס פריילן — האָט ער זיך צו מיר געווענדט. — מיר פייערן דעם גרויס הער־צאָגס געפורטס־טאָג מיט אַ פאָרשטעלונג. עס פעלט אונז אַן איינלייטנדער פּראָלאָג. קאָנען מיר רעכנען אויף אייער מיטאַר־בעט?

דאָס האַרץ האָט מיר געקלאַפּט פון שמחה. איך זאָל דיכטן פאַר דער בינע! איך זאָל אַרויסטרעטן פאַר אַ גרויסן פובליקום! אָבער דאָך האָב איך זיך אַביסל געקווייקלט.

— איך קאָן נישט דעם גרויסהערצאָג, און אויפהייבן אים אין הימל אַריין נאָר צוליב דעם ווייל ער איז דער גרויסהערצאָג—דאָס איז קעגן מיינע אַנשויאונגען.

— קיינער פאַרלאַנגט עס נישט פון אייך. דאָס ריין מענטשלאַכע: זיין קריינק, אין דער פרעמדס אויפן דרום ווייט פון זיין לאַנד, אַז זיין אָפּוועזנהייט רופט זיך אָפּ שלעכט אויפן האַנדל און וואַנדל, אויפן לעבן און צושטאַנד פון לאַנד, אַז מיר ווינטשן אים ווי אונז ער זאָל וואָס גיכער געזונט ווערן, דאָס אַלץ, גלויב איך, גיט גענוג אָנרעגונג צו אַ דיכטערישער פאַרפאַסונג.

זיינע ווערטער האָבן מיך שטאַרק אָנגעשפּאָרנט. די געלעגנהייט דאָס ערשטע מאָל עפנטלאַך אַרויסצוטרעטן, איז אויך געווען צו אָנציענד, אַז איך זאָל קאָנען באַשטיין דעם נסיון און איך האָב געגעבן מיין הסכמה.

אין שוואונגפולע פערזן האָב איך אָנגעשריבן עפּעס אַזוינס וואו ס׳האָט זיך מער גערעדט וועגן מעקלענבורגס ימים און וועלדער, וועגן די גוטע היימישע געטער און דעם פאַלשן צויבער פון דרום, ווי מכח דעם לאַנדפירשט וועלכן מיר האָבן געזאָלט פייערן. און אַזוי ווי מען האָט פון אים צוליב זיין אומנויטיקער לאַנגער אָפּוועזנהייט נישט שטאַרק געהאַלטן, איז מיין דיכטונג געווען אינגאַנצן צוגעפּאַסט צו די אינטענציעס פון די אויפטראָגגעבער. ביי די לאַנדסבערגס אין אַ קליינעם קרייז האָב איך זיי דעקלאַמירט און האָב באַקומען אַ שטאַרקן בייפאַל פון די אָנוועזנדע אַרטיסטן. דאָס האָט אויך מיר געמאַכט אַ שטאַרקן רושם,

ווייל איך האָב נאָך נישט געוואוסט, אַז ביי זיי איז אָנגענומען צו געבן די געפילן אַן איבערטריבן שטאַרקן אויסדרוק, ווי ביי אונז הייסט גוטער טאָן זיי צו דערשטיקן לגמרי.

דאָ — דאָס גלויב איך האָט מיר דער איין אויגנבליק אויפגעדעקט — האָב איך געפינען די מענטשן וואָס האָבן מיך פאַרשטאַנען, וואָס פאַר זיי איז די קונסט געווען זייער לעבנס־אינהאַלט. איך האָב זיך באַטייליקט אין די פּראָבעס און ביסלאַכווייַז בין איך געוואָרן אַ גאַנץ אָפטער גאַסט בייַם אינטענדאַנט אין הויז. זייַן גייסטפולע, ליבע פרוי האָט מיך פּשוט פאַרצערטעלט; ער אַליין — ווי זעלטן האָט זיך דאָס מיט מיר געטראָפן! — האָט זיך צו מיר באַצויגן ערנסט און האָט מיר געגעבן פאַרשיידענע גוטע עצות ווי אַזוי צו אַנטוויקלען מייַן טאַלאַנט. די הויפּט אָנציִונגס־קראַפט איז אָבער געווען פאַר מיר ליסבעט קאַרסטענס, די יונגע, רייצנדע אַרטיסטקע, וואָס האָט געזאָלט פאָרטראָגן מייַן פּראָלאָג. צוליב איר באַגייסטערונג פאַר דער קונסט האָט זי פאַרלאָזן דאָס וואַרעמע נעסט פון איר עלטערן־הויז און איז אַוועק אין דער פרעמד אָן שום מיטלען צום לעבן. נויט, געמיינהייט און אומדאַנקבאַרקייט האָבן זיך איר געשטעלט אין וועג — איר ענטוזיאַזם איז געווען שטאַרקער פון אַלץ. לאַנדסבערג, וואָס האָט ווי זייער אייניגע, פאַרשטאַנען צו אַנדעקן טאַלאַנטן און דעריבער האָט ער טאַקע אויפגעהויבן די מיאוסע ברעטערבודע בייַם וואָקזאַל איבער אַ סך טייַערע דייַטשישע טעאַטערס, האָט איר געהאַט נישט לאַנג אַנגזשירט. זי איז געווען אַן אויסגעצייכנטע „גערטכען" אַ פאַרטרעפלאַכע „אָפעליא" אַן אָנציִענדע „קעטכן פאָן הייל־בראָן" און אַפילו דער אַנעמישער „טעקלא" האָט זי צוגעהאָלפן צו אַ ליבלאַך לעבן. מייַן פּראָלאָג, דורך איר דעקלאַמירט, האָט מיר אויסגעזען אַ אמתע קונסטווערק. אָבער, אַך, וויפל טרערן האָב איך צוליב אים פאַרגאָסן!

מײַן פֿאָטער האָט אים באַאורטײלט מיט אויפֿריכטיקן בײַפֿאַל; עס האָט געקיצלט זײַן פּוסטקײט, וואָס מען באַוואונדערט זײַן טאָכטער, אָבער זײַן גרינגשעצונג צום פּובליקום איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט גאָרנישט געוואָלט הערן פֿון זײ קײן מײנונג וועגן זײַן טאָכטער. מײַן נאָמען האָט מען נישט געטאָרט אָנרופֿן, אומזיסט האָב איך מיך באַמיט אויף אים צו ווירקן.

—כּדי אונזער גוטער נאָמען זאָל זײַן אין די מײַלער פֿון דידאָזיקע שמוציקע מענטשן ?! — האָט ער מיר שטרײנג געזאָגט— און יעדער טינטלער זאָל האָבן די העזה דיך צו קריטיקירן ?!

אַז עס איז אָנגעקומען דער גרויסער אָוונט האָט מען אין דער שטיל אָנגערופֿן מײַן נאָמען בסודי=סודות. דער בײַפֿאַל אָבער, וואָס האָט געשטורמט דעם טעאַטער, האָט געקלונגען, ווי אַ פּויק ביז אין דער טיפֿסטער טיפֿעניש פֿון מײַן נשמה, און אויפֿגעוואַכט זײַנע אַלטע קינדער=חלומות, און יונגער ערגיץ האָט אויסגעשפּרייט זײַנע פֿליגל, כּדי מיך אַוועקצוטראָגן ווײַט אין דער צוקונפֿט — אַהין וואו די באַרימקײט זיצט אויפֿן הויכן טראָן אין דער תּמיד גרינער לאָרבער וואַקסט אין הימל אַרײַן אין גלאַנץ פֿון דער זון. וואָס גײט קײנמאָל נישט אונטער. פֿון דעמאָלט אָן האָב איך מער קײן רו נישט געהאַט. גאַנץ אָפֿט האָט עס מיך אַרויסגעיאָגט פֿון בעט צום שרײַבטיש. מיט ליסבעט קאָרסטענס זײַנען מיר געוואָרן די בעסטע גוטע פֿרײַנט. זי איז געוואָרן מײַן פֿאַרטרויטע, אַ געדולדיקע, לײַכט באַגײסטערטע, כּמעט שטענדיק קריטיקלאָזע צוהערערן פֿון מײַנע דיכטונגען. אין טעאַטער, וועלכן איך האָב כּמעט טעגלאַך באַזוכט, ווײַל איך האָב געהאַט אַ שטענדיקן פּלאַץ און אינטענדאַנטס לאָזשע.

דער קינסטלער=קרײַז בײַ לאַנדסבערג אין הויז, וואָס האָט נישט געהאַט קײן זין פֿאַר קײן שום זאַך אויסערן טעאַטער. האָט

צופלאַקערט דעם ברען פון מײַן אינערן ביז צו אַ פיבער־היץ. עס זײַנען נאָך געווען כסדר נעפּלגעשטאַלטן, וועלכע איך האָב געזען און נישט געקאָנט זיי גוט תּופס זײַן. זיי האָבן אָנגענומען פעסטערע פאָרמען בעת דער אַלטער וואַגנערזינגער היל איז גע־שטאַנען בײַם קלאַוויר און זײַן מאַכטפולע שטים האָט אָנגעפילט דעם זאַל; בעת אַלאַאיס שמיט, איינער פון די בעסטע קינסטלער, וואָס איך האָב אין מײַן לעבן געזען, איז געזעסן בײַם דיריזשאָר, פולט און זײַן געשולטער אָרקעסטער האָט אינטאָנירט די פידעליאָ־אוווערטיורע; און זיי זײַנען פאַר מײַנע אויגן געשטאַנען ווי גייסטער־דערשײַנונגען, אַז איך בין איינזאַם געריטן דורכן וואַלד אויפן געטער־בערגל ווײַט פון שטאָט, וואו עס האָט זיך מיט הונ־דערטער יאָרן צוריק געריוּכערט וואַל־פאַטערס קרבנות און די רוישנדיקע בוקן־ביימער האָט זיך איינער מיטן אַנדערן געשוש־קעט.

עס איז געווען זיגרון, די טאָכטער פון קעניג דעגניס וועל־כע איך האָב געזען. זיגרון די שילד יונג־פרוי, וואָס אין הייסן פרײַהייטס־דראַנג און אין שטאַרקער ליבע באַשיצט דעם בלוטיקן שונא פון איר פאָטעד העלגי דעם רוצח פון הונדינג, פון זיינע מערדער און געוואָרן זײַן פרוי — זיגרון, די טרײַסטע פון די גע־טרײַע און די געליבטע מער פון אַלע וואָס צוליב איר האָט זיך העלגי אַנטזאַגט פון וואַלהאַל. איר געשיכטע האָב איך געוואָלט איבערמאַכן אין אַ דראַמע: דער קאָנפליקט צווישן כבוד אָב ואם און ליבע צום מאַן איז געווען דער מיטלפונקט, די לייזונג, דער פרײַוויליקער טויט פון דער העלדן. דאָס רוב האָב איך געשריבן בײַנאַכט. בײַטאָג האָב איך זיך צופיל מורא געהאַט פאַרן שטערונגען וועלכע האָבן מיך תּיכּף אַראָפּגעריסן פון מײַנע הימ־לען. די פריזערקע, די שניידערקע, די וועש, די וויזיטן — קיין זאַך האָב איך נישט געטאָרט פאַרשפּעטיקן.

—ווען איך וואָלט געווען אַ מאַנספּאַרשוין, וואָלט דיר קיינ־מאָל נישט איינגעפאַלן מיך אָפּצוריַיסן פון דער אַרבעט — האָב איך איינמאָל געזאָגט מיַין מוטער שטאַרק פאַרצווייפלט.

—געוויס נישט — האָט זי געענטפערט מיט אַ האַרבן געלעכ־טער — אַזוי ווי דו ביסט אָבער אַ פּרויענצימער. מוזטו ביַיציַיטנס לערנען, אַז מיר געהערן קיינמאָל נישט זיך אַליין.

איך האָב זיך דערמאָנט אָן דער מומע קלאָטילדע, וועלכע האָט מיר מיט אַ פּאָר יאָר צוריק געזאָגט כמעט דאָסזעלבע. און אַ ביטערער צאָרן קעגן מיַין מזל האָט מיך אַרומגעכאַפּט.

מיטן פאַרשריט פון דער אַרבעט איז מיַין שטימונג כסדר געוואָרן ערגער. איך האָב געפילט, אַז איך קאָן בשום אופן נישט אַריַינלייגן אין מיין ווערק דעם גאַנצן פייערדיקן אָטעם פון לעבן, וועלכן איך האָב געשפּירט.

דער ביַיפאַל פון דער גוטער ליסבעט האָט מיר צומישט די געדאַנקען נאָכדעם ווי איך בין דערגאַנגען, אַז זי קריגט בכלל התפעלות פון אַלץ און אַלע. דער הויכער טאָן פון דעם קינסט־לער־עולם ביַי די לאַנדסבערגס, וואָס איז פאַר מיר פריער גע־ווען אַזוי ליב, באַטירלאַך און טייער האָט מיר אָנגעהויבן ווייַ צוטאָן, וואָס מער איך האָב דערהערט אין אים פאַלשע נאָטן, דעם אמת האָבן סוף כל סוף אַלע פאַרבאַהאַלטן: מיר דורך שווייגעדיקע צוריקהאַלטונג, זיי דורך שטורמישע פריילאַכקייט. איך האָב געוויזן לאַנדסבערגן עטלאַכע סצענעס פון מיַין ווערק וועלכע זיינען מיר אַמייסטן געלונגען.

—ברייַנגט עס מיר, אַז דאָס וועט זיין פאַרטיק, אפשר וועט מען עס קאָנען שטעלן,—האָט ער געזאָגט נאָכן דורכלאָזן — מער קיין וואָרט נישט.

וואָלט עס געווען עפּעס אומגעוויינלאַכעס, וואָס איך האָב

געוואָלט שאַפן, וואָלט ער געוויס אַנדערש גערעדט.

איך האָב זיך געהאַלטן שטרייַנג אָן קלאַסישע פארבילדער איך האָב איבערגעטראָגן אין פינפיסיקע זשאַמבען דאָס וואָס עס פון אָנהויב איז געווען געשריבן אין פראָזע אָדער אין פרייע ריטמען. די גאַנצע וואַרימקייט, די גאַנצע קראַפט איז דערביי פאַרלאָרן געגאַנגען. וואָס מער איך האָב אַרומגעאַרבעט, געשליפן געקעמפט מיט דער פאָרם און דער טעכניק, אַלץ ניכטערער און פרעמדער האָט מיר מיין אייגענע אַרבעט אויסגעזען. און ענדלאַך איז געקומען אַ טאָג ווען איך בין אַ פאַרצווייפלטע געזעסן איבער די פיל געשריבענע בלעטער און איך האָב געוואוסט, אַז איך בין פאַר דער אויפגאַבע נישט דערוואַקסן. ווי אַ שיף אָן אַ רודער, אויף אַ ברויזנדן ים בין איך ווידער געבליבן; מיינע האָפנונגען זיינען געווען אַ פאַטאַ מאָרגאַנאַ. דאָס לעבן האָט מיר אויסגעזען, ווי אַ פוסטע, פינצטערע, פייכטקאַלטע הויל, וואָס האָט נאָר גע-לויכטן אין מאַגישן צויבער פון די פאַקעלן פון מיינע חלומות.

— אינגאַנצן אָדער גאָרנישט—דאָס איז ביסלאַכווייז געוואָרן מיין לאָזונג. און אַלץ, וואָס איך האָב פון קינדווייז אָן געשריבן האָב איך פאַראורטיילט צום טויט דורך פייער, דאָס איבריקע האָב איך פאַרשנורעוועט און פאַרחתמעט, אונטער דעם אויך מיין לעצט ווערק—און דעם שליסל פון דער קליינער קעסטל, וואוהין איך האָב עס באַהאַלטן, האָב איך אַרויסגעוואָרפן דורכן פענצ-טער.

און אָט האָט מיך באַפאַלן אַ בייַנקעניש נאָך די בערג, אַזאַ שטאַרקע, אַזאַ שרעקלאַכע, ווי דאָרט וואָלט געווען מיין היים. אויף מיין בקשה צו קומען אין רויזנהויז, האָט די מומע כלאחר-יד געענטפערט, אַז זי איז נאָך אפילו דאָרט נישטאָ, אָבער די אַלטע קאַטערינע האָט שוין אַלץ צוגעגרייט צו איר קומען און איך קאָן זי דאַכט צוזאַמען מיט איר דערוואַרטן. איידער איך

בין אַוועקגעפאָרן האָב איך נאָך מיין שוועסטערל, אויסגעפוצט צוויי ליאַלקעס העלגי און זיגרון. זי האָט די ליאַלקעס צערטלאַך געליבט און יאָרן נאָכדעם האָבן זיי נאָך מיט זייערע שטאַרקע פאַרצעלאַי־געזיכטער צו מיר געשמייכלט, ווי זיי וואָלטן זיך פון מיר אויסגעלאַכט, וואָס איך האָב געוואָלט שאַפן לעבעדיקע מענטשן...

X.

אליין אין גרענוי — דער שניי איז געלעגן טיף אין טאָל און די זון איז נאָך נישט געשטאַנען גענוג הויך אויפן הימל כדי ווידער צובאַגריסן מער ווי אַ פּאָר שעה אין טאָג דאָס דערפעלע, פון וועלכן זי האָט זיך ווינטער חדשים לאַנג באַהאַלטן הינטער די שפּיציקע ווענט פון וועקסנשטיין. נאָר אין רויזן־אָזערע האָט זי שוין לענגער געשפּיגלט איר שטראַלנדיקן פּנים. ווי זי זאָל זיך וועלן איבערצייגן צו איז זי שוין ווערט דעם אָנקומענדיקן פרילינג. וואו נישט וואו האָט שוין דער פרילינג חוצפּהדיק צע־ריסן די גרויע וואָלקן־דעקע און בייגיריק אַראָפּגעקוקט מיט זיין ליכטיקן בלויען הימל־אויג אויף דער אָרעמער פּוסטער ערד.

משונהדיק גוט איז מיר געוואָרן אויפן האַרצן, ווי נאָר דער לויזאַן, פול און געל פון שניי וואַסער האָט מיך, ווי אַ ווילדער יונג, מיט שטורם באַגעגנט. מיר האָבן נישט געשטערט דער רעגן און דער שטורם, וואָס האָבן געצופּט און געקילט מיין שטערן און מיינע באַקן; איינגעוויקלט אין מיין גראָבן פּעלץ־

מאַנטל האָב איך מיר געוואַנדערט איבער אַלע גוט באַקאַנטע וועגן אין קיינער האָט מיך נישט געזידלט, אַז איך בין געקומען אַהיים צושמעטערט און באַשמוצט און האָב אַפילו פאַרשפּעטיקט צו מיטאָג. מיט אַ זיסן שמייכל האָט מיך באַגעגנט די גוטע קאַטערינע און שאָקלענדיק מיטן קאָפּ געגלעט מיינע הייסע באַקן צערטלאַך צו ׳וואַרפנדיק די ווערטער: „אָ, די ליבע יוגנט״. און נאָר זי אַליין האָט מיר געמוזט אָנטאָן די אויסגעוואַרעמטע זאָקן און שיך.

ווי גרויס איז געווען דאָס פאַרגעניגן צו זיין אַליין! זעלבסט-שטענדיק צו טאָן אַלץ, וואָס דאָס האַרץ גלוסט אָן שום אויפזיכט! אַ שמעטערלינג, וואָס קריכט אַרויס פון פּופּען-פּאַנצער האָט נישט געקאָנט זיין פרייער פון מיר!

די מומע קלאָטילדע האָט אָפּגעלייגט איר קומען פון וואָך צו וואָך. זי האָט מיר געשיקט מוסר-בריוולאַך און האָט גאַנץ בפּרוטרוט אָנגעוויזן, ווי ווייט איך מעג אַליין אַרומשפּאַצירן — העכסטנס אויף אַשטח פון אַ פערטל שעה גאַנג — און קאַטערינען האָט זי אָנגעזאָגט זען אויף מיר גוט אַכטונג געבן.

בינו לבינו איז געקומען דער פרילינג, און די ביימער האָבן לכבוד אים אַרויסגעשטעקט די ערשטע גרינע בלעטערפענדעלאַך. שעהן לאַנג בין איך שוין געזעסן אויף דער ווערענדע אין דער מומעס וויגשטול—אָן האַנטאַרבעט, אָן אַ בוך — און האָב זיך גע-וואַרעמט אויפן זון. אויסער מיר און קאַטערינען זיינען אין שטוב געווען נאָר דער אַלטער גערטנער און זיין אוראַלטער פּודעל, וועלכער האָט זיך שוין אין סטאָאיציזם פון זיין זקנה אָפּגעזאָגט אַפילו פון בילן. עס איז דעריבער געווען ביי אונז שטיל, ווי אין אַ מויזנלאָך. און דעריבער האָב איך זיך טאַקע שטאַרק געוואונ-דערט, אַז איך האָב איינמאָל אין אַ שיינעם פרימאָרגן פּלוצלונג

דערהערט אַ קרעפּטיקע מענער־שטים.

— פֿאַרדרייט מיר אָבער נישט דעם קאָפּ — האָט זי גע־שריען—איך האָב דאָך מײַנע אויגן אין קאָפּ און גיי אין געוועצען קעגן איינס, אַז דאָס רויזנהויז איז באַוואוינט.

—אָבער גלויבט מיין ערנוואָרט, הער גראַף, די באַראָנעסע איז נאָך נישט געקומען!—האָט קאַטערינע געקלאָגט, אַ הילכיקער געלעכטער איז געווען דער ענטפֿער.

— אפשר זיינט איר גערעכט — אָבער אויף דער גאַנצער וועלט איז פֿאַראַן נאָר איין שוואַרצער לאָקענקאָפּ אַזעלכער, ווי דער אַליקס און אים האָב איך געזען פֿון יענער זייט ברעג. גע־שפּענסטער זיינען נישט אַזוי שיין.

דאָס איז געווען העלמוט, איך בין אַרויסגעלאָפֿן און אויס־געשטרעקט אים מײַנע ביידע הענט. די פּאָר יאָר זיַנט אונזער לעצטער באַגעגעניש זיינען ווי אָפּגעווישט געוואָרן, און אַז איך האָב דערזען פֿאַר מיר אַ הויך געוואַקסענעם יוגנמאַן מיט אַ ברויג: לאַכן פּנים און פֿאַרדרייטע וואָנסן איבער די פֿולע ליפּן בין איך נישטווילנדיק רויט געוואָרן.

— ווילט איר נישט צו גיין נענטער! — האָב איך געזאָגט נישט גאַנץ פֿעסט.

—אָבער אַליקס—„איר"! מיר זיינען דאָך עפּעס אַלטע גוטע פֿריינט.

און ריידנדיק האָט ער מיר אָנגענומען פֿאַרן האַנט שטאַרק געדריקט און צוגעפֿירט מיר צום עס־טיש וועלכן איך האָב נאָר־וואָס פֿאַרלאָזן; קאַטערינע האָט אונז שטאַרק נאָכגעקוקט אַ בלאַסע כמעט אָן אַ נשמה.

דאָס אומגעוואוינלאַכע לאַגע האָט אויף אונז ביידען אַזוי געווירקט, אַז מיר האָבן זיך קיין אָרט נישט געפֿונען

שווייגנדיק האָב איך אַרויסגענומען פון שאַנק אַ גלאָז און אים אָנגעגאָסן טיי בעת איך האָב געפילט, אַז ער נעמט פון מיר קיין אויג נישט אַראָפּ.

— ווי שיין דו ביסט געוואָרן!—האָט ער געמורמלט ווי צו זיך אַליין.

אין דעם מאָמענט איז אַריין קאַטערינע און מיט שטאַרק התמדה האָט זי אָנגעהויבן ראַמען אין צימער. דאָס האָט אונז גע־צוואונגען צו אַ שמועס, וועלכער איז לכתחלה געווען שטייף און אָנגעצויגן, אָבער ביסלאַכווייז איז ער געוואָרן אַ גאַנץ נאַטיר־לאַכער. נאָכדעם, ווי מיר האָבן זיך אַביסל דורכגערעדט מכח דעם ווי אַזוי און נאָך וואָס זייַנען מיר אַהערגעקומען בין איך דער־גאַנגען, אַז אויפן וועג קיין אויבער־איטאַליען האָט אים אין מונ־כען פּלוצלונג אַ כאַפּ געטאָן אַ בייַנקעניש נאָך די בערג און גאָר־מיש.

—אונזער פּאַרוואַלטער אין פּאַרטענקורכן בין איך גאָרנישט געווען געוואונטשן—האָט ער געלאַכט—ער האָט געהאַט געסט אין דער מוטערס זאַל, בעת איך בין אַריין אין שטוב. איך האָב אים מוחל געווען מיט דער באַדינגונג, אַז קיין לעבעדיקער נפש זאָל זיך נישט דערוויסן פון מיין קומען אַהער.

— אויב אַזוי זייַנען מיר ביידע אינקאָגניטאָ — האָב איך פרייליך אויסגערופן, —די מומע האַלט בכלל מיין אַליין זיין אין גאַרמיש פאַר אַזאַ קאָמפּראָמעטאַציע, אַז איך האָב געמוזט צו־זאָגן אין ערגעץ זיך נישט צו ווייזן. ער איז געבליבן ביז מיטאָג. דער וואָרנענדיקער בליק פון דער גוטער קאַטערינע האָט מיר אָפּגענומען דעם מוט אים איינצולאַדן צו מיטאָג. ער האָט מיר אָבער צוגעזאָגט, אַז אויפן צווייטן טאָג, פאַר זיין אָפּרייזן וועט ער מיר מאַכן אַ פייערלאַכן אָפּשייד וויזיט.

—ווען די באַראָנעסע זאָל דאָס וויסן!—האָט קאַטערינע גע־זאָגט מיט אַ גרויסן זיפץ אַז ער איז אַוועק.

אַז איך האָב זיך אויפגעכאַפּט אויפן צווייטן טאָג האָט גע־גאָסן אַ שלאַקס רעגן.

— איצט וועט ער געוויס נישט קומען — איז געווען דער ערשטער געדאַנק און ברוגזדיק האָב איך זיך ווידער איבערגע־דעקט מיט דער דעקע איבערן קאָפּ.

אָבער אַ שטילע האָפענונג האָט דאָך אין מיר געטליעט און האָט מיך געצוואונגען אָנשטאָט דעם וואָכעדיקן פילצמאַנטל אַרויס־צונעמען פון שאַנק אַ שיינע, העלע, הויזקלייד — איך האָב זיך נאָר וואָס געהאַט אַוועקגעזעצט בײַ דער קאָכעדיקן טיי־מאַשין און שוין האָב איך דערהערט אין דרויסן זיין פרייליכן.

—גאָט איז מיט אייך, פריילן קאַטערינע — נאַס בין איך, ווי אַ קאַץ, פיל זיך אָבער גוט, ווי אַ פודעל — איר זעט די פיר פיסיקע נויטיקן זיך אויך אין מענטשן—האָט ער צוגעגעבן.

און אַפילו די גוט דערצויגענע דינערן האָט זיך דערלויבט אַ לאַך צו טאָן. מער נאָך, זי האָט אונז דאָסמאָל איבערגעלאָזן אַליין — עס איז דאָך דאָס לעצטע מאָל, האָט זי מן הסתם גע־קלערט כדי זיך אַליין צו באַרויקן.

ווי אָנגענעם איז געווען אין צימער, בעת אין דרויסן האָט דער רעגן געטריפט אין די פענצטער! מיר האָבן געפרישטיקט און געפּלוידערט איינער מיטן אַנדערן גאָר ווי אַלטע באַקאַנטע און דערנאָך האָבן מיר זיך אַוועקגעזעצט בײַ דעם קליינעם קאַמין, וועלכער האָט פאַרשפּרייט אַ געשמאַקטע וואַרעמקייט.

— אפשר ווילסטו אַ פּאַפּיראָס?—האָט ער געפרעגט און מיר דערלאַנגט די פולע פּושקע.

— אין דידאָזיקע הייליקע שטיבער?—האָב איך געענטפערט האלב דערשראָקן.

ביז די שטרייַנגע היטערן קומט, איז נישטאָ קיין זכר פון רויך. — — איך מוז דיר עפעס דערציילן אַ וויכטיקעס, אַליקס, און דערצו מוז מען רויכערן. עס גיט צו מוט, דו ווייסט!

אַ צייטלאַנג האָבן מיר גערייכערט שווייַגנדיק.

—דו דאַרפסט מיך נישט אַזוי אָנקוקן, – האָט ער ענדלאַך ווידער אָנגעהויבן— ווייל עפעס קומט מיר אויס צו קאָמיש, וואָס איך בין זיך פאַר דיר מתודה ווי פאַר אַ חבר.

לאַכעדיק האָב איך אַ רוק געטאָן מייַן שטול אָן אַ זייט און האָב געקוקט גלייַך אין פייער אַריין.

—אַזוי איז שוין גוט?

— פייַן! ווען דו זאָלסט נאָר נישט האָבן אַזא פאַרפלוכט שייַנעם פּראָפיל.

ווידער האָט ער געשוויגן. און אַ פּאָר מינוט אַרום אָבער האָט ער אָנגעהויבן:

— איך האָב אָפּגעטאָן נאַרישקייטן אין בערלין. מייַן אומגליקלאַכער מאַמען, וואָס איר לעבן איז בכלל נישט צו זיס, האָט אָפּגעקאָסט אַ פאַרמעגן די גאַנצע מעשה צו פאַרייבן.

אַביסל דערשראָקן האָב איך אויסגעדרייט צו אים דעם קאָפּ.

—עס איז נישט געווען קיין נידעריקע זאַך, אַליקס — גאַנץ געוויס נישט, קינד. דו האָסט קיין אַנונג נישט, וואָס בייַ אונז טוט זיך. מיר זייַנען נישט פון שטיין — די יונגע מיידלאַך פון דער געזעלשאַפט זייַנען שטייף און לאַנגווייליק ווי האָלצליאַלקעס—און אויב זיי זייַנען נישט אַזוי, איז דאָס זייער אומגליק.

איך האָב אַ ציטער געטאָן.

—קורץ און גוט—האָט ער שטיל אָנגעהויבן—אין איין שע־
נעם טאָג האָב איך זיך איינגעליבט אין אַ באַלעט־טענצערן, אַ
זיסער, קליינער ווערעמל זאָג איך דיר — צו נאַריש וואָס איך
האָב זיך אין יענעם אויגנבליק געערגערט ביז טרערן — אָבער
מוראדיק אומגעבילדעט. אייגנטלאַך האָב איך איר ליב געהאַט נאָר
צוויי טעג, נאָכדעם איז עס געווען געוואוינהייט, רחמנות — וואָס
ווייס איך.

ער האָט זיך אויפגעהויבן, און אומרויק געשפּרייזט איבערן
צימער אַהין און צוריק, צורייבנדיק דעם פּאַפּיראָס צווישן די
פינגער,

—סוף כּל סוף האָב איך מער נישט געקאָנט — איך האָב
געמוזט זיין פריי! ווי פּיל פון בויגן איז איר פּאָטער געלאָפן צו
מיין מאַמען, געקלאָקט פאַר איר עפּעס וועגן אַ צובראָכענעם לעבן,
געריבעטע ערע און אַז. וו. בנוגע מיר האָט ער ביז דער צייט
געשפּילט אַ ראָל פון אַן אונטערטעניק דאַנקבאַרן דינער. דאָס אי־
בעריקע קאָנסטו זיך שוין געוויס פאָרשטעלן.

איך האָב זיך געטרייסלט פון אויפרעגונג, אַ געדאַנק פון
וועלכן איך האָב זיך בשום אופן נישט געקאָנט באַפרייען האָט
מיר געעגבויערט מיין מוח.

—צו האָט זי — אַ קינד?— האָב איך אויסגערעדט מיט גרויס
אָנשטריינגונג,

פאַרשטיינערט איז ער פאַר מיר שטיין געבליבן.

—דו ביסט באמת פון זינען אַראָפּ, אַליקס,

מיט די ווערטער האָט ער מיר אויסגעשטרעקט די האַנט.

—איך גיב דיר מיין האַנט אויף דעם: ניין! ווען דאָס דאָ־
זיקע אומגליק זאָל געשען, וואָלט איך גאָר אַנדערש גערעדט! —
אָבער איך האַלט נאָך נישט ביים סוף. מען האָט מיך געשיקט

אויף אורלויב — קיין איטאַליע, ווי דו זעסט! — און ווען די פּאַר־שיקונגס־צײַט וועט זיך ענדיקן, זאָל איך — חתונה האָבן!

מיט אַ קאָמישן שרעק האָט ער געבראָכן די הענט.

—מיט וועמען? — האָב איך געפֿרעגט, און ראָס האַרץ האָט מיר גאַנץ שטאַרק געקלאַפּט.

—מיט וועמען?! מיט אַ קליינער פּרינצעסן, נאַטירלאַך, זע־מעלבלאָנד — דו ווייסט ווי איך האָב דאָס ליב! בלייך ווי אַ טוך, אַ פֿיגור ווי אַן אָפּגעהעבלטע ברעט.

מיט שטילער פֿרייד האָב איך געשפּירט דעם ראַשן בליק, וואָס איז אַריבערגעפֿלויגן צו מיר.

—די יחסענטעס מיטן נויטיקן נדן לויפֿן נישט אַרום טוצנ־ווײַז איבער דער וועלט. און אַ מיוחסת מוז זי דאָך זײַן, מײַן מאַמען חלומט זיך דאָך שטענהיק, אַז די קרוין פֿון איר איינציקן פֿעטער געאָרג וועט אין אַ שיינעם טאָג אַרויספֿאַלן אויפֿן קאָפּ פֿון ווידערשפּענעדיקן. אַ רײַכע, נאַטירלאַך, איז זי אויך — דו ווייסט דאָך, יאָ, אין וואָס פֿאַר אַ שמערצלאַכן ווידערשפּרוך עס געפֿינט זיך אונזער הכנסה... מיטן גלאַנץ פֿון אונזער הויז.

—און דו?

—איך ווינטש אים אַ לאַנג לעבן, אַ טיכטיקע פֿרוי מיט אַ פֿון קינדער! צום רעגירן האָב איך נישט קיין טאַלאַנט, און צו חתונה האָבן—נאָך ווייניקער. דאָס ווייס איך אייגנטלאַך ערשט פֿון נעכטן אָן. אין דער שטיקלופֿט פֿון בערלין, אין קרייז פֿון חאַרזאַמעלטן פֿאַמיליען־ראָט בין איך געוווען גאַנץ קליין. אָבער ווי איך בין נעכטן פֿון דיר אַוועק האָב איך נאָך ביז אין דער נאַכט אַרײַן אַרומגעקלעטערט איבער די בערג און דער גלעטשער־ווינט האָט מיר גאַנץ אָרנטלאַך געפּײַפּט איבערן נאָז. הײַנט ווייס איך עס: עס גייט נישט — זאָלן זיי מיך פֿון מײַנעטוועגן אַוועק־

שיקן צו די אינסטער-קאַזאַקן, איך קאָן מיט דער מיוחסת נישט חתונה האָבן!

ער האָט זיך אומגעדרייט און אַרויסגעקוקט אויפן רעגן.

— איך קאָן נישט — האָט ער שטיל איבערגעחזרט — איך מוז האָבן אַזעלכע, וואָס איך האָב איר ליב.

עס איז געווען גאַנץ שטיל אין צימער. נאָר דער זייגער האָט הויך און האַסטיק געקלאַפּט.

— איך וואָלט זייער וועלן בלײַבן דאָ, אַליקס — האָט ער געזאָגט אין אַ מינוט אַרום מיט אַ רויקער ערנסטקייט — איך דאַרף האָבן איינזאַמקייט און דיך. דו מוזט מיר העלפן איבערלייגן וואָס זאָל פון מיר ווערן.

— טו בלײַב דאָ, העלמוט — האָב איך שנעל געענטפערט.

אין דעמזעלבן מאָמענט איז מיר אָבער אײַנגעפאַלן קאַ־טערינע, און די מומע, און דאָס געררייד פון די מענטשן; און אָט איז געקומען מײַן געטרײַע היטערן, און אויפרוימענדיק לאַנג־זאַם דאָס געשיר האָט זי געזאָגט:

— זאָל קריסטאָף באַשטעלן פאַרן גראַף אַ וואָגן? ער גייט גראָד אין דאָרף אַרײַן.

העלמוטן האָט אַ זעץ געטאָן דאָס בלוט אין געזיכט. ער האָט פאַרשטאַנען וואָס זי מיינט.

— ניין — האָט ער געזאָגט — איך גיי צו פוס. עס איז נישט בויטיק, אַז נאָך מענטשן זאָלן וויסן, אַז איך בין דאָ געווען.

קאַטערינע האָט אים מסופּדיק אָנגעקוקט.

— האָט נישט מורא פאַר אייער גנעדיגעס פרייליין, קאַטע־רינע, — האָט ער מוסיף געווען — איך בין איר בעסטער גוטער פריינט און וועל נישט דערלאָזן, אַז אַ האָר פון קאָפּ זאָל איר געקרומט ווערן.

און אַז זי איז נאָכדעם שטום אַרויסגעגאַנגען האָט ער זיך געווענדט צו מיר:

— ווי נאַריש וואָס מען מוז זיך רעכענען מיט די געמיינהייטן פון אַנדערע! צי דען איז עס נישט דאָס נאַטירלאַכסטע אויף דער וועלט, אַז מיר זאָלן דאָ צוזאַמען זיצן? און וואָס! איך קאָן נישט קומען נאָך אַמאָל — און צוליב דיר נישט!

איך האָב געהאַט אַ ביטערן געשמאַק אין מויל. גלייכצייטיק בין איך זיך אויסגעקומען אין מיינע אייגענע אויגן קליין און פחדדיק אים אַזוי אַוועקצולאָזן.

— איך שפּאַציר אַ סך אַרום — האָב איך געזאָגט אַביסל פאַרשעמט און שרעקעדיק — אויב דו וועסט מיך דאַרפן, ווי דו זאָגסט, דאַן קאָנען מיר זיך ערגעץ וואו טרעפן.

—איך דאַנק דיר הערצלאַך, אַליקס. דערפון וועט אָבער דער ענין נישט בעסער ווערן. און באַשטימען דיר אַ שטילן ראַנדעוואו, ווי — ווי... ניין, דאָס קאָן איך דיר נישט טאָן. לאָמיר דאָס מאַכן קורץ: זיי געזונט.

צוטראָגנדיק מיין האַנט צו די ליפּן האָט ער זיך אויסגעדרייט און איז שנעל אַוועק צום טיר.

אין מיר האָט געקאָכט, ווי אין אַ קעסל. און ווען עמיצער קומט און צושמעטערט דעמדאָזיקן אָפּגאָט פון דער קאָנווענציאָן, וואָס אויף זיין מזבח גייען אָפּ מיט בלוט אונזערע בעסטע געפילן, אונזערע שענסטע שעהן, וואָס צוליב זיין כבוד וועגן שמידן מיר איין אונזערע פרייע גלידער אין די שטאַרקסטע קייטן.

פאַרנאַכטצייט, אַז איך בין אַרויס פון דער גאָרטן־טיר האָט מיר אַ קליין יינגל פאַרטרעטן דעם וועג און דערלאַנגט אַ בוקעט שנויגלעקעלאַך. איך האָב אַ נעם געטאָן מיין בייטעלע און

געוואָלט אים באַצאָלן, האָט עס מיר אָבער מיט אַ ליטרן געלעכ־
טערל אַרײַנגערוקט אין האַנט און איז נעלם געוואָרן. ערשט דאַן
האָב איך דערזען דעם בריוו אין וועלכן ער איז געווען אײַנגע־
וויקלט.

„גרייט אָפּצופּאָרן — האָט העלמוט געשריבן — שיק איך מײַן
ליבער פֿרייַנד־ין דיראָזיקע בלימעלאַך, די איינציקע וואָס איך האָב
דאָ געקאָנט צונויפֿקלאַפּן. איך פֿאָר דירעקט קיין בערלין. עס איז
מיר אַ גרויסער רחמנות אויף מײַן מוטער, מײַן פּאַשלוס איז
אָבער אַ פֿעסטער: איך וויל בלײַבן פֿרײַ. אַפֿילו איך זאָל מוזן
מקריב זײַן דעם אָדלער אויף מײַן היטל. איך טראָג זיך איבער
צו די לודוויגסלוסטער דראַגונער און שייד זיך מיט דיר אין דער
האָפֿנונג זיך ווידער צוזען אין שווערין, און פֿריינטלאַך ווײַטער
צו פֿירן אונזערע אונטערבראָכענע געשפּרעכן.

דײַן אַלטער פֿרײַנט
העלמוט.

מײַן שמחה איז געווען אַזוי גרויס, אַז איך האָב איר אַליין
נישט געקאָנט איבערטראָגן.

די אַלטע קאַטערינע האָט געמוזט — נישט געקוקט אויף
דעם וואָס זי האָט זיך שטאַרק געקווײַנקלט אַוועקזעצן זיך בײַם
אָוונטברויט נעבן מיר און טרינקן מיט מיר דעם ווײַן, וועלכן איך
האָב מיר אַליין אַרויפֿגעבראַכט פֿון קעלער. צום סוף האָב איך
אַרײַנגערופֿן דעם זקן, דעם פּודעל, און האָב זיך מיט אים אַזוי
לאַנג אַרומגעדרייט איבערן צימער, ביז בײַ אים האָבן זיך דער־
וועקט זײַן פֿאַרגעסע יוגנט — דערינערונגען און דרייענדיק פֿריי־
לאַך מיטן עק, האָט ער אָנגעהויבן הייזעריק צו בילן.

האַלב יוני בין איך ווידער געווען אין שווערין. אין פֿיר

וואָכן אַרום האָט געדאַרפֿט דער הערצאָג צוריק קומען און לכבוד זײַן קומען האָט מען באַשטימט אײַנצואָרדנען אַ גאַנצע רײ פֿײַער־לאַכקייטן. בשום אופֿן האָב איך נישט געקאָנט איבערלאָזן פֿאַר מײַן מוטער אַליין אַלע זאָרגן מכּח טואַלעטן, און מײַן מומע וואָס איז געקומען קיין גרעַנוי תּיכּף נאָך העלמוטס אָפּפֿאָרן, האָט מיר גע־שײנקט פֿאַר מײַן גוטע אויפֿפֿירונג אַ רויזע זײַדענע קלייד, גע־דעקט מיט ווײַסן גאָלדגעשטיקטן טול. און אָט בין איך אַליין אָפּ־געזעסן—מײַן מוטער האָט זיך נישט געקאָנט אָפּוואונדערן—שעהן בײַ דער שנײַדערן.

— דאָס זײַנען עפּעס גאָר נײַע טאַלענטן, וועלכע דו אַנט־וויקלסט — האָט זי געזאָגט בעת איך האָב טויזנט מאָל געמאָסטן, געשטיקט און געהאָפֿטן, איבערלאָזנדיק דער שנײַדערן נאָר די מעכאַנישע אויספֿירונג פֿון דער אַרבעט.

איך בין געווען שטאַרק אומצופֿרידן וואָס גראָד אין דער צייט האָט זיך אַ פּאָר פֿון מײַנע משונהדיקע פֿאַרערער פֿון פֿאַר־גאַנגענעם ווינטער דורכאויס פֿאַרוואָלט אײַנצואָרדנען צו מײַן געבורטסטאָג אַן אויספֿלוג און דאָס האָט געקאָסט אַ טאָג אַרבעט בײַ מײַנע טואַלעטן.

מיר האָבן זיך נאָר וואָס געהאַט צולייגט אונטער די בוקן־ביימער, די פּראָפּנס פֿון די פֿלעשער סעקט האָבן געקנאַקט און פּלוצלונג איז אָנגעפֿאָרן מײַן פֿאָטער, וואָס פֿאַרמיטאָג האָט ער קיין צײַט נישט געהאַט, און נעבן אים האָט זיך באַוויזן אַ הימלבלויער מונדיר.

— איך האָב געבראַכט מיט זיך דעם פּרינץ העלמוט, וועל־כער האָט אונז הײַנט באַערט מיט זײַן וויזיט — האָט דער פֿאָטער געזאָגט.

אַלע זײַנען אױפֿגעשפּרינגען און שטום געװאָרן. יעדער פֿרינץ אַפֿילו דער קלענסטער, רופֿט אַרױס בײַ יעדן אַפֿילו אין דער גרעסטער מיוחסדיקער סביבה אַ פֿאַרלעגנהײטס־פּױזע. חױל־מוט האָט זיך געגריסט און דאַן איז ער געשװינט צוגעגאַנגען צו מיר, װאָס איך האָב זיך די אײנציקע נישט גערירט פֿון אָרט.

— דעם הײַנטיקן טאָג האָב איך אױסגעקליבן פֿאַר מײַן ערשטן װיזיט כּדי, אַלס אַלטער פֿרײַנט, אײַך מונדלאַך איבערגעבן מײַן הערצלאַכן „גליקװאונש“.

דערהערנדיק דידאָזיקע פֿאָרמעלע װערטער האָב איך אים זײער פֿאַרװאונדערט אָנגעקוקט.

—איך דאַנק אײַך זײער, הער גראַף, װאָס איר האָט זיך אָן מיר דערמאָנט — האָב איך געענטפֿערט מיט אַ שװער באַהאַלטענעם שפּאָט.

בעת מיר זײַנען שפּעטער געזעסן צוזאַמען, איזאָלירט פֿון אַלע איבעריקע, — נישט געקוקט אױף זײַער בײגיריקײט האָבן זיך אַלע געהאַלטן אין אַ רעספּעקטפֿולער װײַטקײט—האָט ער מיר דער־קלערט פֿאַר װאָס ער האָט זיך אַזױ באַנומען. מײַן פֿאָטער האָט אים געבעטן זיך נישט באַנוצן מיטן „דו“ פֿון אונזערע קינדער־יאָרן.

—איר קענט גאַנץ גוט די רכילות־טרײַבערײַ פֿון די קלײנע רעזידענצן און דעריבער װעט איר לײַכט פֿאַרשטײן מײַן װאונש— האָט ער צוגעגעבן,

ער איז געװען אַ שלעכטער פּסיכאָלאָג, מײַן גוטער פֿאָטער! ער האָט געזאָלט װיסן, אַז דערדאָזיקער פֿאַרבאָט האָט אָפּגענומען בײַ אונזערע באַציונגען דעם כאַראַקטער פֿון נאַטירלאַכקײט און האָט אױף זײ אַרױפֿגעלײגט אַ שטעמפּל פֿון באַהעלטעניש. מיר האָבן זיך געדוצט װי נאָר מיר זײַנען געבליבן אַלײן און אין

געגנוואַרט פון אַנדערע האָבן מיר געשפּילט די לוסטיקע קאָמעדיע, אָנגרופנדיק איינער דעם אַנדערן „הער גראַף" און „גנעדיקע „פריי־לין".

עס זײַנען אָנגעקומען ליכטיקע זומערטעג. די צײַט פון יאָר אין וועלכער מיר זײַנען געבאָרן געוואָרן האָט אַ געהיימניספולע באַדייטונג פאַר אונזער לעבן. קיינמאָל האָב איך נישט געפילט דאָס לעבן מיט זײַנע שרעקן און שמערצן, זײַנע פריידן און פאַר־געניגנס אַזוי שטאַרק און טיף, ווי אין דער צײַט בעת די בלוט־וועלן שטרוימען אַרויס פון הימל און ערד, ווען עס עפנט זיך די רויזן־קנאָספּע און גיט זיך אָפּ דער ליכטיקער זון ביז צו דער טיפעניש פון איר גאָלדענעם בעכער, אַזוי האָט זיך דאַן אויך געעפנט מײַן האַרץ,

אין אַ יולי־מאָרגן האָט זיך פרידריך פראַנץ דער צווייטער און זײַן פרוי אַנאַסטאַסיקע געטראָגן איבער די גאַסן פון שווערין צום שלאָס צו באַגלייט פון אַ קלינגעדיקן מוזיק־אָרקעסטער און פלאַטערנדיקע פאָנען. אין אָוונט פון דעמזעלבן טאָג, בעת די לבנה איז געשטאַנען הויך אין הימל און האָט אײַנגעוויקלט דעם פאַר־כשופטן שלאָס אין זילבערנע שלייערס, האָט דער גאַנצער ים גע־ווימלט פון גרויסע און קליינע שיפן באַפּוצט מיט פילפאַרביקע לעמפלאַך.

נאָר געציילטע פערזאָנען זײַנען דעם אָוונט געווען אײַנ־געלאַדן אין שלאָס, כדי פון די טעראַסן פון בורג־גאָרטן צוצוזען די פאָרשטעלונג אונטן, מיר האָבן געהערט צו די גליקלאַכע און אויך העלמוט, וועלכער האָט זיך געפונען אין דער סוויטע פון פאַר־נעמסטן גאַסט, דעם גריכישן קעניג.

איך בין געשטאַנען אַן אַ זײַט אונטער די קאַקטוס־ביימלאַך און פלוצלונג האָב איך דערהערט אַ שטילע שטים הינטער מיר:

— קום מיט.

איך האָב אָנגעגומען דעם אָנגעבאָטענעם אָרעם און ציטערנ־דיק האָב איך געפילט דעם דרוק מיט וועלכן ער האָט מײַנעם גע־דריקט צו זיך.

באַהאַלטן צווישן הויכע דערנער איז אונטן געשטאַנען אַ שיפל. קיין ליכט זיינען אויף אים נישט געווען נאָר קישן און דעקן און צופוסנס פון די זיצבייינקלאַך זײַנען געשטאַנען העלע קערבעלאַך פול מיט רויזן. מיר האָבן זיך אַוועקגעלאָזן נאָנט פון ביימער אַרומגעדעקטן ברעג אין דער ריכטונג, וואו דער ים ווערט בסדר טונקעלער און אייבזאַמער. ווי אַ מחנה לײַכטווערעמלאַך האָבן אויסגעזען פון ווײַטן די לעמפלאַך אויף די שיפן, בעת די לבנה האָט גרויס און מאַיעסטעטיש אויף אונז אַראָפּגעקוקט.

—דו פריוּרסט, אַליקס?

ער האָט אָפּגעשטעלט דעם רודער און קניענדיק האָט ער מיר פעסטער אײַנגעוויקלט אין די דעקן. זײַן האַנט, וואָס האָט אָנגערירט מײַן נאַקעטן אָרעם, איז געווען הייס און האָט געצי־טערט, און אַ שנײַדעדיקער שמערץ איז אַדורך דורך מײַן האַרץ, עס איז מיר אָבער וואויל געווען. מיר האָבן געקוקט איינער אויפן אַנדערן — טיף און פעסט.

און אָט האָט זיך באַוויזן נעבן אונז נאָך אַ טונקעלער שיפל.

— זייט מוחל, הער גראַף, די הערשאַפטן גייען זיך פאַנאַנ־דער—קאָן איך אויך אָנביטן מיין הילף?

דאָס איז געווען גראַף וואַלדבורג דעם פּרינצס אַ רעגימענטס חבר. נישט לאַנג קלערנדיק איז ער געשווינט אַריינגעשפרונגען אין אונזער שיפל און באַלד זיך אַריינגעריסן אין רעכטן מיטן פון די פילפאַרביקע שיפן, וואו מען האָט אונז תיכף אַלע דריי

דערזען פון אַלע זייטן און מיט אונזערע רויזן זײַנען מיר טאַקי גלייך צוגעטרעטן צו דער בלומען־שלאַכט. צוזאַמען האָבן מיר זיך אין בורג־גאָרטן באַוויזן פאַר דער געזעלשאַפט און רויק איבערגעגעבן די איינדרוקן פון אונזער לוסטיקער געמיינזאַמער נסיעה.

— איך דאַנק אייך, וואַלדבורג, — האָט העלמוט געמורמלט.

נאָך אַ האַק מיט די שפּאָרן, אַ העפלעך קאַלטער קאָפּ־שאָקל פון מיר, און איך בין צוזאַמען מיט די עלטערן אַריין אין קאַרעטע, וואָס האָט אונז געבראַכט אַהיים.

ווי שיינע חלומות זײַנען געגאַנגען די זומער־טעג איינער נאָכן אַנדערן. קורצע שטורמדיקע געוויטערס האָבן פון צייט צו צייט אָפּגעפרישט די שווערע מעקלענבורגער לופט. די יוגנט האָט פלוצלונג באַקומען מוט יונג צו זײַן. און די אַלטע האָבן דערצו גוטמוטיק צוגעשמייכלט.

דער תמיד שטילער פּאַרק איז געוואָרן פול לעבן: מיר האָבן געטאַנצט אויפן גראָזבאַוואַקסענעם פּלאַץ, געשפּילט אין אַלטע קינדערשפּילן אונטערן שאָטן פון די ביימער; און פאַרמאַטערטע האָבן מיר זיך פאַרלאָרן אין די געשניטענע אַלעען, ביי די חרובדיקע געטערבילדער. בלינד און טויב פאַר דער גאַנצער וועלט אַרום אונז, אָבער ווי געשיצט פון דער הייליקייט פון דער שענסטער יאָרעסצײַט, האָבן מיר זיך באַוועגט צווישן די מענטשן. גאַנץ אָפט פלעגן מיר מאַכן אויספלוגן אין קאַרעטן באַפּוצט מיט קרענץ, ווײַט אין די וועלדער אָדער צו די ווייטע ימים, וואָס אונז האָט אויסגעזען איינער שענער פאַרן אַנדערן. אָדער מיר האָבן געריטן גאַנץ פרי קווער איבער די פעלדער,

וואו מיילנווינט האָבן מיר נישט באַגעגנט קיין לעבעדיקן נפש, קיין הייזל, און פּלוצלונג האָט זיך באַוויזן אַ גרויסאַרטיקער גוטס־איבערשטייגנדיק די קליינע הייזלאַך פון די אָרעמע טאָגאַרבע־טער — שווערין און מיניאַטור — ווי איך פלעג זיי נאָר דער־זען האָב איך גלייך פאַרקירעוועט אויף צוריק

—איר האָט אַוודאי מורא פאַר די דאָרפסלייט — האָט אַמאָל באַמערקט איינע פון מיינע נאַרישע פריינדינען

—דאָס וועט שוין קיינער אויף מיר נישט זאָגן — האָב איך געענטפערט — איך שעם זיך פאַר די אָרעמעלייט

אַלע האָבן זיך צעלאַכט; נאָר העלמוט האָט זיך צו מיר אויסגעדרייט און געזאָגט:

—דאָס וועלן די אָרעמעלייט אַמווייניקסטן פאַרשטיין. איך מיין, אַז זיי פילן צו אונז קיין זאַך נישט אויסער בייגיריקייט און באַוואונדערונג

—און דאָס איז טאקע דאָס ערגסטע! איך וואָלט זיי באַך פאַרשטאַנען, ווען זיי זאָלן אונז פאַרוואַרפן מיט שטיינער — האָב איך געענטפערט אויף אַ הויכן קול, אַ קלאַפּ געטאָן מיין פערד און עס האָט זיך געלאָזן אין גאַלאָפּ

העלמוט איז אָבער געבליבן גאָר נאָענט נעבן מיר, אַ נעם געטאָן מיין פערד פאַר די לייטצעס, זיינע העלע אויגן האָבן אויף מיר געשפּריצט מיט פייערפונקען בעת ער האָט געזאָגט:

—דו וועסט דאָך נישט אַנטלויפן פון מיר, דו זיסע, ווילדע!

מיין כעס איז אַריבער — אַז איך האָב זיך אים, דעם שטאַרקן געמוזט אונטערוואַרפן — וואָס פאַר אַ טיפער גליק איז עס געווען. איינמאָל האָבן מיר זיך אַריבערגעשיפט קיין ראָבענשטיי־

פעלד, אין שטיל אַלמנה־גוט פון דער אַלטער הערצאָגן. פאַר אונז זיינען אַהין מיטן דאַמפּער אַוועקגעפאָרן אַ גרויסע געזעל־שאַפט, לויטער עלטערע און געזעצטע קרובים, וועלכע האָבן אָפּט־מאָל געפילט אַ פליכט אונז, די יוגנט, צו באַשיצן. קיינמאָל האָב איך עס לאַנג נישט געקאָנט אויסהאַלטן, שטענדיק בין איך גע־ווען די ערשטע אויף צו געפינען מיטל און וועגן פטור צו ווערן פון זייער אויפזיכט. העלמוט האָט זיך געהאַלטן אַ סך קאָרעקטער און האָט נישט געוואָלט האַנדלען קעגן דער עטיקעטע. אויך איצט האָב איך זיך אַ הויב געטאָן פון טיי־טיש און מיט אַ שפּאָטישן אויסרוף אויסגעשריען:

—ווער ס'איז נישט קיין פיליסטער גייט מיר נאָך!

איך בין אַוועק צום ים־ברעג. אַ פּאָר יונגעלייט זיינען מיר נאָכגעגאַנגען, און עמפּערט איבער העלמוטס עקשנות, האָב איך מיט זיי קאָקעטירט מיט געקינסטעלטער לוסטיקייט.

אַז מיר זיינען פאַרנאַכצייט געגאַנגען צו פוס אַהיים, איז ער סוף כל סוף ווידער צו מיר צוגעקומען. אַ טיפער קנייטש האָט זיך איינגעגראָבן צווישן זיינע ברעמען, וואָס האָט צוגעגעבן זיין שטענדיק גוטן געזיכט אַ בייזן אויסדרוק.

—דאָס טאָרסטו מיר קיינמאָל נישט טאָן — דו הערסט — האָט ער געזאָגט מיט כעס, און ווי אייזן האָבן זיינע פינגער אַרומגעכאַפּט מיין האַנטגעלייִנק.

—זיי מיר מוחל — האָב איך געמורמלט.

—אָבער פאַרוואָס האָסטו מיר געלאָזן אַליין?

—צו הען ווייסטו נישט, אַז איך טו אַלץ צוליב דיינעט־וועגן?

גאַנץ ווייך איז געווען דערביי זיין שטים, און שווייגעדיקע זיינען מיר געגאַנגען איינער נעבן אַנדערן. די ווערטער זיינען

געוועו צו אָרעם פּאַר דער פֿולקייט פֿון אונזער געפֿיל.

אין נאָך איינעם אַ גליענדיק הייסן זומערטאָג האָט דער גרענאַדירן־רעגימענט איינגעאָרדענט אַ יום־טוב אין יאַגד־שלאָס פֿון פֿרידריכסטאָל.

הייס און פֿאַרמאַטערט פֿון טאַנץ און שפּיל זיינען מיר אַלע אַוועק צום ניימילער־ים, וואו די בירקען־און בוקביימער בילדן אויפֿן ברעג־וועג אַ געדיכטע אַלטאַנע. ביכלאַכווייז האָט זיך די מחנה צושאָטן אַהין און אַהער און מיר זיינען געבליבן זאַלבע־פֿינפֿט — צוויי מיידלאַך און דריי הערן. מיר האָבן זיך צוליגט ביים וואַסער, און מיר האָט אָנגעכאַפּט אַ שטאַרקער חשק אָפּצו־קילן די פֿיס אין וואַסער. מיין חבֿרטע איז שטאַרק רויט געוואָרן פֿון מיין פֿאָרשלאַג מיר נאָך צו טאָן.

—פֿע, דאָס פּאַסט נישט — האָט זי מיר שטיל צוגע־וואָרפֿן.

—ס׳פּאַסט נישט ? — האָב איך איבערגעחזרט אויפֿן קול — ווייזטו אפֿשר נישט דיינע הענט, דיינע אָרעמס, דיין האַלז — פֿאַר וואָס נישט דיינע פֿיס!

—בראַוואָ, בראַוואָ — האָט איינער פֿון די הערן אָנגעהויבן פּאַטשן מיט די הענט.

דאָס האָט מיר צוגעגעבן מוט און קוקנדיק מיט דרייסט־קייט אויף איינעם און אויפֿן אַנדערן, האָב איך ווייטער גע־זאָגט :

—זאָל איך אייך זאָגן וואָס מיר אַלע ווייסן און וואָס איר האָט זיך מורא מודה צו זיין ? מיר שעמען זיך נאָר מיט אונזע־רע העסלאַכקייט.

מיט די ווערטער האָב איך געשווינט אַראָפּגענומען די שיך און זאָקן.

אַ דריקענדע שטילקייט איז געוואָרן. איך האָב נישט געהאַט קיין מוט מיך אַרומצוקוקן, מיין בליק איז געפאַלן אויף מיינע נאַקעטע פיס, ווי איך וואָלט זיי צום ערשטן מאָל דערזען — זיי זיינען געווען אַזוי ווייס — אַזוי שרעקלאַך ווייס! — דאָס בלוט האָט מיר אַ האַק געטאָן ביז צום שטערן. שרעקעדיק האָב איך קוים אָנגערירט דאָס וואַסער מיט די שפּיץ פינגער.

—עס — ס'איז צו קאַלט — האָב איך קוים אַרויסגערעדט און געשוויגט באַהאַלטן די פיס אונטער די קליידער.

אַ גערויש האָט מיר פאַראָטן, אַז די הערן האָבן זיך אָפּגעטראָגן; די קליינע נעבן מיר, נאָך רויטער און פארשעמטער ווי איך, האָט מיר געשווינט געהאָלפן זיך אָנטאָן און איז אויך אַנטלאָפן, פאַמעלאַך האָב איך זיך אויפגעהויבן — די גלידער זיינען מיר שווער געווען — און אָט שטייט העלמוט פאַר מיר — אַ פּאָר שווייסטראָפּן אויפן שטערן און בלאַס ווי אַ טוך.

—טאָג איין טאָג אויס בוי איך אַרום דיר אַ וואַנט, כדי קיין זאַך און קיינער זאָל צו דיר נישט צו נאָנט צוטרעטן, און דו — דו גיסט זיך אָפּ מיט דעמדאָזיקן טויגעניכטץ — האָט ער קוים אַרויסגעבראַכט איבער זיינע ליפּן.

איך האָב זיך צעוויינט — אָבער מאָמענטאַל האָט ער מיר אַרומגענומען, זיין מויל האָט זיך צוגעקלעפּט צו מיינעם און די לאַנג איינגעהאַלטענע כוואַליעס פון דער ליידנשאַפט האָבן אונז איינגאַנצן פאַרכאַפּט.

ווי מיר האָבן זיך צושיידט, ווי אַזוי איך בין געקומען אהיים — דאָס ווייס איך לגמרי נישט, איך ווייס נאָר, אַז איך בין געזעסן ביים פונאַנדערעפנטן פענצטער און פאַמעלאַך אריינגעאָטעמט די לינדע נאכט־לופט. דערנאָך האָט מיין האַרץ אויסגעהערט קלאַפּן — אַ פעסטער טריט, אַ שלעפעדיקער שווערד האָבן

געשטערט די שטילקייט, אַ ליכטיקע בלויקייט האָט אַ בלישטשע געטאָן דורך די גאָרטן־ביימלאַך.

—אַליקס — האָט זיך דערהערט אַ בייַנקענדיקער קלאַנג.

און איך האָב גענומען די רויז, וועלכע איז נאָך געהאַנגען אַ צודריקטע ביי מיין פּאַסעק און זי אַ וואָרף געטאָן אין צוויי געעפנטע הענט.

מיין מוח האָט אויפגעהערט צופונקציאָנירן, געפילט האָב איך בלויז מיט אַ פאַרשטאַרקטן טעמפּאָ. אין דערפרי ביי קאַווע טרינקן האָב איך צערטלאַך אַרומגענומען דעם פאָטער — פּלוצלונג האָב איך זיך דערשפּירט שולדיק קעגן אים, דערמיט וואָס איך האָב שטענדיק אַזוי קאַלט רעאַגירט אויף זיין שטאַרקער ליבע.

—היינט ביסטו דאָך אויפגעשטאַנען אַ בראַסק אויף טאָג — האָט ער געזאָגט און האַלב פאַרוואונדערט, האַלב צופרידן האָט ער מיר געגלעט די באַקן.

איינגעשראָקן און שולדבאַוואוסט האָב איך געקושט דער מוטער די הענט — ווי שלעכט האָב איך איר ביז אַהער אָפּגעדאַנקט פאַר איר טריישאַפט צו מיר! — און ווי ערנסט און פאַרדאַגעט האָט זי נעבאָך אויסגעזען! אַז מיין שוועסטערל איז אָבער אַריינגעשפּרונגען, האָב איך איר גענומען אויפן שויס און האָב געפּליסטערט אין איר רויזלאַכן פון לויטער גאָלד־לעקלאַך אַרומגערינגלט אויער.

— הערצו, איך וועל דיר דערציילן אַ גרויסן סוד: היינט! אין דער נאַכט האָבן די ים־מיידלאַך געטאַנצט מיטן גרויסן שלאָס־קאַרליק אַזוי לאַנג ביז ער איז אָן אַן אָטעם אַנידערגעפאַלן אויפן גראָז. מיר דוכט זיך נאָך אַלץ, אַז אָט ליגט ער דאָ און כראָפּעט און די ים־מיידלאַך האָבן פון גרויס לאַכן פאַרגעסן דעם וועג

צוריק אַהיים אין וואַסער. קום אַרויס געשווינט, אפשר וועלן מיר זיי נאָך דערזען!

זי האָט געטאַנצט פאַר שמחה און טאַקע אין צען מינוט אַרום זיינען מיר שוין געווען ביים ים.

די קליין אילזעל האָט געזוכט, איך אָבער בין געווען שטיל און ערנסט און האָב כסדר אַריבערגעקוקט אַהין אויף יענער זייט ברעג: צו דען איז דאָס גליק וואָס מיר האָט דאָרט געטראָפן געווען נישט מער ווי אַ נאַכט געשפענסט? די ים־מיידלאַך האָבן מיר נישט געטראָפן — קליין־אילזעלע איז געווען אין כעס. בעת מיר זיינען פאַמעלאַך געגאַנגען אַהיים, איז אונז אַנטקעגן געקומען אַ רייטער — איך האָב מורא געהאַט אַ קוק צוטאָן. אין מאָמענט איז ער שוין געווען נעבן מיר און געהאַלטן דעם פוקס ביים צוים.

—ווילסטו רייטן, קליינע? — האָט ער געזאָגט און אַוועקגע־זעצט די שוועסטערל, וואָס האָט ליידנשאַפט ליב געהאַט פערד, אויפן זאָטל.

שטיל זיינען מיר ווייטער געגאַנגען, אונזערע אויגן האָבן זיך אָבער איינס אין אַנדערן פאַרזונקען.

—די ים־מיידלאַך זיינען אַוועק — האָט די שוועסטערל גע־זאָגט דער מאַמען אין דערהיים — אָבער דער פרינץ העלמוט האָט מיך געפירט רייטנדיק!

—דער פרינץ העלמוט?!

אַ גיכער, חשדיקער בליק האָט מיך דורכגעשטאָכן. איך האָב זיך אויסגעדרייט צו די פענצטער און געבראַכט אין אָרדנונג די מאַסע קליינע ליכטעלאַך צו דער אָוונט־אילומינאַציע, הייַנט איז געווען דער געבורטסטאָג פון דער גרויסהערצאָגן; ער האָט גע־דאַרפט געפייערט ווערן צוזאַמען מיטן פרעכטיקסטן אין דעם ל׳ צ ״ז

פעסט פון היינטיקן זומער. קרובים און פריינט פון הויף, דעפּו־טאַציע פון די גוואַרדיע־רעגימענטער, דער גאַנצער אַדעל פון מעקלענבורג האָבן זיך צונויפגעקליבן אין שווערין.

שעהן לאַנג האָבן זיך פאַר אונזער הויז פאַרבייגעטראָגן די קאַרעטעס און די באַזוכער זיינען געגאַנגען אַרויס און אַריין. ס'רוב זיינען דאָס געווען אָפיציעלע שטאַט־וויזיטן, אָבער אויך גוטע אַלטע באַקאַנטע. אין אַ ווייסער שפּיצן־קלייד, אַ פּאָר גרעלע רויזן אין גירטל, בין איך געשטאַנען אין זאַל, האָב זיך געבוקט לויט דער פאָרשריפט איבער די הענט פון די דאַמען און גע־בויגט דעם קאָפּ פאַר די הערן. דאָס וואָס עס האָט מיך תמיד פאַרמאַטערט, האָט מיר היינט דוקא פריילאַך געמאַכט, ווייל מיין שאַרפער אויג האָט געזען די סך אויגן, וואָס האָבן מיך באַוואונדערט. און אַז איך האָב זיך שפּעט נאָכמיטאָג, פאַרן אָפּפאָרן אין שלאָס אַריין, דערזען זיך אין שפּיגל, אומפלאַכן פון רויזן זיידנשטאָף, וואָס זיין שטאַרקער פאַרבן־טאָן האָט געשאַמערירט, אָפּגעשוואַכט דורכן גאָלדגעשטיקטן טול — רויזן צושאָטן אויפן לאַנגן שלעפּ און רויזן אין די טונקעלע לאָקן — בין איך געווען צו־פרידן.

אַ גאַנצע מחנה מענטשן זיינען געשטאַנען צונויפגעדריקטע אויף דער שלאָס־בריק, וואו די קאַרעטעס האָבן זיך געצויגן טריט ביי טריט.

—אַליקס פון קלעווע, אַליקס פון קלעווע — האָט זיך גע־טראָגן פון מויל צו מויל.

מיט אַ דאַנקבאַרן שמייכל האָב איך זיך געגריסט דורכן אָפענעם וואָגענפענצטער אויף רעכטס און אויף לינקס.

אויף די שוואַרצע מאַרמאָרטרעפּ, וואָס אין זייער טיפן שוואַרצקייט האָט זיך אָפּגעשפּיגלט דאָס גאָלד פון געלענדער און פון

די זײלן, זײנען געשטאַנען די לאַקײען אין רױטע רעק און די לױפּער מיט געװאַלטיק גרױסע בלומענקרענץ אויף די קעפּ. און אויבן אין די פּאַרצימערן האָט געשימערירט און געגלאַנצט פון די גאָלדגעשטיקטע מונדירן, פון די העלע קלײדערשלעפּעס און די פינקלדיקע בריליאַנטן. מ׳האָט אונז אָנגעװיזן אונזערע פּלעצער, אין דער אבות־גאַלעריע איז געשטאַנען די יוגנט.

דורך די געװעלבטע פענצטער האָב איך אַרויסגעקוקט אויפן ים, און האָב זיך נישט גערירט פון אָרט. װאָס זײנען מיר אָנגעגאַנגען די איבריקע מענטשן? נאָך װאָס בין איך אַהער געקומען אויב נישט צוליב אים? אויף װאָס האָב איך דאָ געװאַרט, אויב נישט אויף אים?

די מוזיק אין טראַנזאַל נעבן אונז האָט אינטאָנירט „דעם אָנקומען פון די געסט" אויף דער װאַרטבורג, דרײ שװערע קלעפּ מיטן שטעקן פון האָפמאַרשאַל האָבן מודיע געװען, אַז די הערשאַפטן זײנען נאָענט. איך האָב זיך אויפגעכאַפּט פון מײַנע חלומות. אַן אומאויפהערלאַכער גערויש פון אַלע זײטן: מיר האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן מיט די קלײדער און באַלד װידער אַרויפגעשװימען — װי אַ לאַנגער ליכטיקער װאַסערװאַל, סעקונדענלאַנג האָט מײן בליק גערוט אויפן הערשער־פּאָר, װאָס איז לאַנגזאַם געגאַנגען דורך אונזערע רײען: דער שלאַנקער מאַן מיטן קענצײכן פון זײן שטאַם דעם פּליכעװאַטן, גלאַטן קאָפּ, און אַ געזיכט פון יענער בלאַס גרויער פאַרב, װאָס דער אָפּיום מאָלט ביסלאַכװײז אויס אויף דער הויט פון זײנע קרבנות, צװײ פיבערדיק בלישטשעדיקע אויגן און צװײ ליפּן, צונויפגעפּרעסט פון יענעם װײמוטיק פּרײנדלאַכן שמײכל, מיט װעלכן עס באַגריסן די יוגנט יענע, װאָס זײנען אָנגעצײכנט פאַר אַ פריען טויט. נעבן אים די װײב: אַרום דעם עלאַסטיש־שלאַנקען קערפּער האָט זיך איר קלײד געװיקלט שימע-

רירנדיק ווי שלאַנגענהויט, אויפן הויך אויפגעהויבענעם טונקעלן קאָפּ האָט זי שטאָלץ געטראָגן די קרוין פון בריליאַנטן, טונקל־רויט האָבן זיך געוועלבט די ליפּן איבער די קליינע ווייסע ציין פון אַ רויב־חיה, און אַ תּואהדיקער שיין ווי פון הייסן לעבנס־הונגער האָט אַרויסגעקוקט פון אירע וואונדערשיינע אויגן. איבער אונז האָט זי אַוועקגעקוקט, זי האָט נישט נויטיק געהאַט אונז צו זען — זי איז געווען מער ווי די יוגנט. אין מיין האַרצן אָבער האָט אויפגעוואַכט אַ רחמנות־געפיל — צום אים און צו דער פרוי.

און אָט איז געקומען דער קעניג פון גרינכנלאַנד — ווי ס'רוב מלכים: נישט קיין מלך. און דערנאָך — די מלכה, ווייך און העלבלאָנד און האַלדזעליק ווי די גוטע פעעס אין די קינדער־מעשהלאַך, און הינטער זיי די גאַנצע מחנה אַנדערע — אָבער איך האָב שוין קיינעם מער נישט געזען, ווייל פון מיטן דער רייע איז אַרויס העלמוט און צוגעגאַנגען צו מיר.

אין אַ קליינעם טורמצימער מיט פּילפּאַרביקע פענצטער זיי־נען מיר געזעסן זאַלבעפירט אַרום אַ טיש, אַ פּאַרפּוצטן מיט רויזן, העלמוט און איך, גראַף וואַלדבורג און זיין כלה, די קליינע גרעפן לאַנדהיים. געגעסן האָבן מיר נישט פיל, אָבער אונזערע גלעזער האָבן כסדר געקלונגען איינע אָן דער אַנדערער. שטיל און חניפהדיק האָט געקלונגען פון דער ווייטנס די מוזיק.

אין גאָלדענעם זאַל האָט מען געטאַנצט. אַז מיר זיינען אַריין איז נאָך כמעט געווען ליידיק.

איך בין געלעגן אין זיינע אָרעמס און די טענער האָבן אונז ווי געטראָגן.

—אַליקס — איך ליב דיך — האָט מיר זיין שטים אַריינ־געהויכט אין אויער מיטן ווייכן טאַקט פון דער באַוועגונג — איך

ליב דיך — איך לאָז דיך נישט אָפּ — קיינמאָל נישט — קיינ־מאָל גישט.

זיין הייסער אָטעם האָט מיך באַרירט ווי אַ צערטלאַך גלע־טענדיקער קוש, און מיינע האָר האָבן באַרירט זיינע באַקן.

— הער גראַף — גאַלאָפּ — אויב ס'איז מעגלאַך! — האָבן מיר פּלוצלונג דערהערט אַ שטים הינטער אונז.

אָפּציענדיק דעם אָטעם זיינען מיר שטיין געבליבן — מיר האָבן באמת פאַרגעסן אָן דעם שטרייגגן הויפישן וואַלס פאַרבאָט! אין דעמדאָזיקן מאָמענט איז צו אונז צוגעגאַנגען דער קאמערהער פון דער גרויסהערצאָגן.

—אירע מאַיעסטעט די קעניגן באַפעלט.

—מיר אויך? — האָט העלמוט געפרעגט.

ער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אזוי יאָ, און אַ שטי־לער, בייזער שמייכל האָט געשוועבט אויף זיינע ליפּן, צו דען וועט די שיינע פירשטין זיין אַזוי קאָנפּענציאָנעל און פערזענלאַך אונז באַשטראָפן פאַר אונזער פאַרברעכן?

—איר טאַנצט באַצויבערנד — איך מאַך אייך מיין קאָמפּלי־מענט, פריילין פאָן קלעווע! — האָט זי געזאָגט גאַנץ הויך, בעת איך האָב מיט אַ טיפער פאַרביינגונג צוגעטראָגן איר האַנט צו מיי־נע ליפּן.

—די מעקלענבורגער דאַמען קענען זיך אראָפּנעמען אַ ביי־שפּיל.

אַלע אַרומיקע האָבן זיך צוגעהערט.

—טאַנצט נאָך אַמאָל דעמזעלבן וואַלס, ליבער פּרינץ, ער איז פאַרבאָטן, נאָר צוליב דעם, ווייל מען פאַרשטייט אים נישט צו טאַנצן.

אַ שווינדל האָט מיר אַרומגעכאַפּט—פּעסטער, אַלץ פּעסטער האָב איך זיך אָנגעשפּאַרט אָן העלמוטס אָרעם — ער האָט מיך מער געטראָגן ווי איך האָב געטאַנצט.

—פירט אַרויס אייער טענצערן אויפן טעראסע, דאָרט וועט איר בעסער ווערן—האָט די גרויסהערצאָגן געזאָגט.

אַז איך האָב זיך ווידער אַ בלאַסע אין אַ ציטערנדיקע פאַר איר פאַרבויגט. אין איר שטים איז געווען אַ טאָן, פון וועלכן איך בין געוואָרן אַן אויפגעציטערטע—צו דען האָט זיך אויפגעדעקט אונ־זער סוד?

מיר זיינען אַרויסגעגאַנגען. אַ מאַסע לעמפּעלאַך האָבן באַ־לויכטן די טעראסע און דעם בורג־גאָרטן. פלוידערנדיקע גרופּ־קעס זיינען געשטאַנען אַרום און אַרום. מיר אָבער האָבן געזוכט די נאַכט און די שטילקייט. טיף אונטן האָט זיך געטוליעט צו דער טונקלער וואַנט אַ קליינער בוים באַשאָטן מיט ווייסע בליטן און אַרום אים האָט זיך פאַרשפּרייט אַ שווערער זיסער ריח. זשאַס־מין מיין בלום!

—מיר מוזן זיך צו שיידן—מאָרגן ענדיקט זיך מיין דינסט האָט העלמוט שטיל געזאָגט.

— און מיר פאָרן אָפּ די צווייטע וואָך — האָב איך גע־מורמלט.

עפּעס האָט מיר געשטיקט אין האַלז.
—ערשט אין הערבסט וועלן מיר זיך ווידער זען —
—דאָס וועל איך נישט אַריבערטראָגן —
—איך וועל שטאַרבן פון בענקשאַפט
—און נאָך אַמאָל האָסטו מיך צוגעדריקט צו זיך, און ווי־נענדיק האָב איך באַהאַלטן מיין קאָפּ אויף דיין ברוסט.

— וויין נישט, מיין טייערע, וויין נישט, — פאַר אַ גאַנץ לעבן פול ליבע, וואָס אונז שטייט פאָר, איז דער קרבן פון די באַנטסטע וואָכן סוף כל סוף נישט צו גרויס — האָסטו פראָבירט אונז ביידע צו טרייסטן און דערביי זיינען הייסע טראָפּנס פון דיינע אויגן מיר געפאַלן אויפן שטערן.

מיר זיינען געפאָרן קיין קאַרלסבאַד,—די מאַמע, קליין־אילזעלע און איך. מיר האָבן זיך באַגעגנט מיט אַ גרויסן קרייז אַלטע און נייע גוטע פריינט.

—מיר—האָב איך געזאָגט.

אָבער באמת איז עס נישט געווען איך, נאָר מיין בלאָנדזענדיקער שאָטן־בילד. אַלץ וואָס איך האָב געטאָן איז עס געווען אויטאָמאַטיש: מיין ריידן און נאָך מער מיין לאַכן. איך אַליין בין געזעסן שטיל אויפן טונקעלן כאָר־שטול פון אַ הויכן קירכטורם, די הענט צונויפגעלייגט אויפן שויס, די אויגן אויפגעהויבן צו די אין מיסטישע פאַרבן גליענדיקע פענצטער, צוהערנדיק זיך אומבאַוועגלאַך צום געזאַנג פון זיסע מלאכים־שטימען, די שטערן באַדעקט פון וואָלקנס שמעקעדיקן ווייריך...

גייענדיק נעבן שטויסנבערגס ראָלשטיף האָב איך אַפילו גערעדט מיט אים וועגן אַלץ, וואָס עס האָט פאַר מיר געהאַט אַן אינטערעס, אָבער אַ גאַנץ אַנדערע, אַ פרעמדע אַליקס איז עס געווען. איך אַליין האָב געלאַכט פון איר און פון איר קאָמישן אויפפיר. וואָס איז מיך, אָנגעגאַנגען די הויכפּאָליטיק, וואָס איז מיך אָנגעגאַנגען דאַרווין, וואַגנער און ניטשצע? נעבן דעם רייכטום פון לעבעדיקן לעבן, וואָס האָט מיר באַגעגנט, האָט זיך אַלץ פאַרוואַנדלט אין בלוטאָרעמע שאָטנס. אין אָוונט פאַר אונזער צוריקפאָרן אין הערבסט בין איך געזעסן אין טעאַטער פאַרוקט אין דער אינטענדאַנטן־לאָזשע. „האָפמאַנס דערציילונגען” — אָפענבאַכס

געניאַלע ווערק, וועלכעס ער ד׳האָט בלי־ספק געשאַפן בעת ער איז געווען אַרומגעכאַפּט מיטן שאַפונגס־גייסט און מיינע אויגן האָבן נאָך דורכגעפּאָרשט די לאָזשען און רייען — איך בין דאָך געקומען נאָר צוליב דעם ווייל איך בין געווען איבער־צייגט, אַז איך וועל אים דאָ געפינען — די ערשטע אַקאָרדן פון דער אוווערטערע האָבן מיך תיכף, ווי פאַרצויבערט און דאַן די אָפּערע גופא! ווי פאַר איר פאַסט איז דאָ געווען אויסגעמיטן יעדע קאָמישע ניואַנס. ספּאַלאַנצאַלי און קאַפּעליוס דער געהיימ־ניספולער ברילן־פאַרקויפער אין ערשטן אַקט, האָבן געווירקט, ווי געשפּענסטער און אָלימפּיאָ די ליאַלקע, איז נישט געווען בלויז אַן אויטאָמאַט, וואָס ווערט סוף כל סוף אַרויסגעשלעפּט אַ צובראָ־כענע אויפן בינע, כדי צו פאַרשטאַרקן דאָס לאַכן פון אַ נאַ־רישן פובליקום, — אַ שטיק לעבן איז ווי ס׳שיינט געווען אין איר אַריינגעוועבט, וואָס איז מיט אַ ווייטאָקטיקן געשריי אָפּגעשטאָרבן. אַפילו די מענועט־טענצער און טענצערנס האָבן זיך באַוועגט, ווי עפּעס נישטגעוואוינטלאַכע בשר־ודמס. אָט האָט זיך געענדיקט די הפסקה, אין צושויער זאַל איז געוואָרן טונקל, דער פאָרהאַנג האָט זיך צעטיילט,—עס איז אַריינגעפאַלן אַ ברייטער ליכטפּאַס. דער ער־שטער טאָן פון דער באַרקאַראָלע האָט געקלונגען, ווי פאַרטויבט פון אָרקעסטער אַרויס — אַ שטול האָט עמיצער אָפּגערוקט אָן אַ זייט.

— אַליקס—האָב איך דערהערט העלמוטס קול הינטער מיר און זיין מויל האָט געברענט אויף מיין נאַקן.

—שיינע נאַכט, אָ ליבעס נאַכט, אָ שטיל מיין פאַרלאַנגען— האָט געקלונגען פון דער בימה, נאָנט פאַר אונז.

אויסגעשטרעקט אויף דעקן און פעלן איז דו שיינע גיאַליע־טאַ געלעגן פאַר אירע אָנבעטער; אירע נאַקעטע אָרעמס און

אירע בלויזע שילטערן האָבן געלויכטן אין גלאַנץ פון די רויטע אַמפּלען. דאָס בלוט האָט מיר געשטרוימט צום האַרצן, מײַן האַנט האָט געזוכט די האַנט פון געליבטן. דורכגענומען פון אַ מעלאָדיע, אויפרייצנדיקער, פאַרשכורנדיקער איז די לפּוט אַרום אונז ככדר געוואָרן אַלץ געדיכטער.

בײַם העלן שײַן פון צווישנאַקט זײַנען מיר קוים געווען בכח זיך איבערצעוואַרפן מיטן אינדענראַנט מיט אַ פּאָר קאָנוועג-ציאָנעלע פּראַזן. העלמוטס אוניפאָרם האָט פאַראַטן זײַן אָנוועזג-הייט אַפילו אין טונקעלער לאָזשע, לאָרנעטן און אָפּערן-גלעזער האָבן זיך אויסגעשטעלט אויף אונז און שושקנדיק האָבן זיך די קעפּ געבויקט איינער צו דער אנדערער.

אָבער באַלד האָט דער אָרקעסטער ווידער אָנגעהויבן שפּילן שוין דעם לעצטן אַקט.

—„זי איז אַוועקגעפלויגן — די טויב אַזוי ליבלאַך — האָט געזונגען די בלאַסע אַנטאָניע מיט איר ווייכער שטים.

וואונדערבאַר, אָן אַ שום ספק, זי איז געווען ענלאַך צו מיר: די געלבלאַכע הויטפאַרב, די טונקעלע לאָקן. מיך האָט גע-שווידערט. און אַז שפּעטער איז אַרײַן דער געשפּענסטאַרטיקער דאָקטאָר מיט זײַן מאָגערער געשטאַלט, מיטן גלאַטן קאָפּ און מיט די קלינגענדיקע פלעשער אין די הענט, — — —

—איך פיל זיך נישט גוט! — האָב איך געמורמלט און בין שטיל אויפגעשטאַנען.

העלמוט האָט מיך באַגלייט. מײַן אַוועקגיין פאַרן סוף פון דער פאָרשטעלונג האָט ער געהאַלטן בלויז פאַר אַן אויסרייד.

בעת ער האָט מיר אָנגעטאָן דעם מאַנטל האָט ער מיר שטיל געזאָגט:

—איך בין געווען בײַ דער מאַמען – אַ ביסל טרערן האָט עס געקאָסט — אָבער סוף כל סוף האָט זי זיך באַרואיקט, ווײַל ז'י האָט פֿאַרשטאַנען, אַז אַנדערש קען עס נישט זײַן. מיר מעגן האָפֿן, ליבלינג! — דאָ זיינען די פּרטים.

ער האָט מיר אַרײַנגערוקס אין האַנט אַ פּאַפּיר און האָט מיך צוגעפֿירט ביז צו דער קאַרעטע. די פֿערד האָבן זיך שוין גע- רירט פֿון אָרט ווי פֿון דער אַנדערער זײַט האָט זיך ווידער אָן עפֿן געטאָן די טיר – מיט אַ ראַשן שפּרונג איז ער געווען נעבן מיר און איך אין זײַנע אָרעמס — איין מאָמענט גאָר. אַ קורצן אַ גליקלאַכן, בײַ דער ערשטער קווערגאַס איז ער פֿאַרשוואונדן אַזוי גיך ווי ער איז געקומען. ערשט אין דערהיים, אין פֿאַרשלאָסענעם שלאָפֿצימער האָב איך געעפֿנט זײַן בריף.

—„מײַן זיסער ליבלינג—האָט ער געשריבן—די וואָכן אָן דיר זיינען געווען אַ שרעקלאַכער תּענית נאָך אַמאָל וועל איך אַזוינס נישט אַריבערטראָגן. דאָס האָב איך אויך דער מאַמען געזאָגט און אַזוי ווי זי טרייסלט זיך סײַ ווי סײַ איבער מיר — צו באַ- גרייפֿסטו אַזאַ צוגעבונדענקייט, דו, מיין איינציק?! —האָט זי זיך, באַצויגן צו מיין דראָוונג מיטן גרעסטן ערנסט. אין די נאָנסטטע טעג וועט זי באַזוכן דער מומע ברוגיטע זאָנדענבורג, איר משוגע- נע אַלטע שוועסטער און זען אפשר וועט זי קאָנען ביי איר צונויפשאַרן דאָס נויטיקע קליינגעלט, ביים פּעטער געאָרג, דעם קמצן, קאָן מען נישט נעמען, דער מאַמעס אייגענע קאַסע איז לגמרי שווינדזיכטיק. איך שעם זיך, וואָס איך מוז דיר וועגן דעם שרייבן, מיין האָלדע, קליינע געטין דו, און דאָך מוזטו וויסן פֿאַרוואָס איך קום נאָך אַלץ נישט אין דער גאַנצער אַמוניציע. מיין געהאַלט סטאַיעט קוים פֿאַר מיר, וואָס איך האָב דאָס גליק צו זיין אַ פּרינץ און צאָל פֿאַרן דאָזיקן כּבֿוד טעגלאַך מיט מזומנים.

אָבער נישט געקוקט אויף דעם אַלעם מוז דאָס ווערן, און איך חלום שוין יעדע נאַכט מכּח דעם ווייכן נעסט, וואָס איך וועל דערוואָרבען פאַר מײַן פּרינצעסן — וועלכע איז אַ סך, אַ סך מער פּרינצעסין ווי אַלע איידל געבאָרענע צוזאַמענגענומען!

חתן כּלה שיקן תּמיד איינער דעם אַנדערן קושן דורך בריף. איך געפין דאָס זייער נאַריש. אָבער דערפאַר וועל איך זיי אָפּ־נעמען בײַ דער נאָנסטער געלעגנהייט פאַר די לאַנגע זעקס וואָכן, וואָס דו ביסט זיי מיר שולדיק געבליבן. היט זיך בײַצײַטנס, דו זאָלסט זיך פון זיי נישט דערשטיקן.

איך האָב נישט געקאָנט אײַנשלאָפן. ווי אַן אײַזערנער רייף וואָלט אַרומגענומען מײַן שטערן.

— דער וועג צו דער חתונה גייט דורך דער קירך — פלעגט מײַן מאַמע תּמיד זאָגן.

צו איז אָבער בײַם אַלטאַר אָנשטאָט דעם גלח נישט גע־שטאַנען קיין גאָלדענער געטץ?!

מיר האָבן זיך געזען אָפט, אָבער קיינמאָל נישט אַליין. אַ שרעקלאַכע בייַנקעניש האָט מיך אויפגעפרעסן ווי אַ קראַנקהייט. יעדער האַנטדרוק האָט פאַרברענט מײַן הויט. מיר האָבן זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן אויפן קאַרנאַוואַל, וועלכער וועט אונז געבן טויזנטער געלעגנהייטן צו שטילע באַגעגענישן. אַ באַל בײַ דער הערצאָגנס מוטער איז ענדלאַך געווען די עפענונג פון קאַרנאַוואַל. נישט געקוקט אויף אַלע התראות האָט זי דאָך אויסגעפירט, אַז ער זאָל פאָרקומען אין איר פּאַלאַץ, וואָס זײַן טאַנץ־זאַל האָט פאַר יעדן יום־טוב געמוזט אונטערזוכט ווערן פון דער בוי־פּאָליציי. דאָס מאָל, אַזוי האָט מען דערציילט, האָט זי שוין שטאַרק אומ־רואיק געשאָקלט מיטן קאָפּ. אַז מיר זיינען געקומען איז מײַן ערשטער בליק געפאַלן אויף הערלמוטן, וועלכער איז איינער געשטאַ־

נען אין אַ פֿינצטערנישע מיט צונויפֿגעצויגענע ברעמען, בלײַך אוי־ אומעטיק. לאַנג האָט עס געדויערט ביז איך האָב ערלײדיקט אַלע פֿאַרבויגונגען און באַגריסונגען און סטערעאָטיפּישע פֿראַזן. און מײַן האַנט האָט ענדלאַך גערוט אין זײַנער.

—איך האָב אַ ידיעה פֿון דער מאַמען—האָט ער קוים אַרויס־ געפּרעסט—די מומע בריגיטע האָט זיך לחלוטין אַנטזאָגט. אויף נאַרישע שטיק גיט זי נישט קיין געלד!

מיר האָבן זיך אונטערגעבראָכן די קני. און אָט האָט זיך אויף זיין פּנים פֿלוצלונג אַ ווייז געטאָן אַ גוטע, פֿריילאַכע מינע צונויפֿגעפּאָרט מיט אַ נייעם אויסדרוק פֿון שטאַרקער ענערגיע.

—שרעק זיך נישט, ליבלינג, דו ווייסט! ווען איך זאָל אַפֿילו צוליב דעם מוזן פֿאַרקויפֿן דעם טייוול מיין נשמה—וועסטו זיין מיינע!

יונגע ליבע איז פֿול מיט גלויבן, זי גלויבט נאָך אין וואונ־ דער; זי באַנוגנט זיך מיט זיך אַליין און פֿאַרגעסט דעריבער די גאַנצע וועלט. דער סעזאָן איז דעמאָלט געווען זייער אַ שטורמישער קיין איין טאָג איז נישט אַריבער אָן אַ מיטאָג, אַ באַל, אַ שליטן־ פּאַרטיע. העלמוט האָט קיינמאָל נישט געפֿעלט. אויב עס איז אַנ־ דערש נישט געגאַנגען פֿלעגט ער נאָך אין מיטן נאַכט צוריק־ פֿאָרן קיין לודוויגסלוסט. ביסלעכווייז האָט ער פֿאַרלאָרן די גע־ זונטע פֿאַרב, אָבער אַז איך פֿלעג אים מיט שרעק פֿרעגן מכח זיין געזונט, האָט ער געלאַכט. מיר זיינען כסדר געוואָרן דריי־ סטער און געזוכט מיטלען ווי אַזוי זיך צו זען אָן עדות און ווילד פֿרעמדע מענטשן האָבן אונז דערצו צוגעהאָלפֿן, זיי פֿלעגן צוריק־ ציען, אַז מיר זיינען אַריין אין צימער, זיי האָבן זיך פֿאַרטיפֿט אין אַ געשפּרעך, אַז מיר זיינען געזעסן ביים זעלבן טיש. וואָס די מיידלאַך האָבן מיר אויסגעמיטן דערמיט בין איך דוקא געווען

זייער צופרידן. גאַנץ אָפט אמת פלעג איך אויפכאַפּן אַן איראָנישן שמייכל, אַ פילדייטיקן בליק, פלעג איך מיט אַ האַלבן אויער ווי מען האַלט אין רעדן וועגן מיר. אָבער דאָס אַלץ איז מיר גאַנץ ווייניק אָנגעגאַנגען. בכלל האָב איך נאָר וועגעטירט, געלעבט האָב איך בלויז דאַן בעת ער איז מיט מיר געווען.

אין דעם ווינטער האָב איך זיך דערוואוסט, וואָס איז אַזוינס טאַנצן: נישט קיין באַוועגונג אין וועלכער מיר שטעלן די פיס אַזוי אָדער אַזוי לויט געוויסע כללים, נישט קיין זאָרגלאָז־קינדישער פאַרגעניגן פון רייַנער פרייד מיטן ריטמישן רירן די גלידער־ליבע איז עס, אין אַלע אירע טויזנט פּאָזעס, ליבעס, וואָס פאַרשמעלצט צוויי מענטשן אינאייינעם, וואָס ציט זיי פונאַנדער, כדי צו פאַרשטאַרקן זייער בייַנקשאַפט און זיי נאָכדעם גליענדער צו פאַרייניקן. ליבע, וואָס ציט צו און קאָקעטירט, בייגט זיך הכנעה־דיק און הויבט זיך אויף אין באַוואוסטזיין פון איר נצחון, וואָס שמייכלט צו אַנדערע, גיט זיך זיי אָפּ פאַרבייגייענדיק בלויז צוליב איינעם, נאָר כדי אויפצובלאָזן די גליט פון געליבטן צו אַ פלאַם פייער. אין יענעם קאַרנאַוואַל האָט די „באַרקאַראָלע" באַהערשט דעם טאַנץ. איך האָב זי געהערט ביז אין מיינע חלומות.

צום הויפּבאַל האָט מען איינגעשטודירט אַ מענואַעט — אַ טאַנץ אין וועלכן עס שפּיגלט זיך אָפּ די גאַנצע גראַציעזע זינדהאַפטיקייט און די קינסטלעריש פאַרקלערטע עראָטיק פון יענער צייט. דערצו האָבן מיר נישט געטראָגן קיין ביליגע מאַסקן־שמאַטעס, נאָר שווערע קליידער פון געבלומטן סאַמעט, ברייט אַריבערגעהאַנגען איבער די היפּטן, צום אַרומנעמען שמאָל אין טאַליע מיט לאַנגע הויפּישע שלעפּעס. רויזן און לאָרבערבלומען האָבן נעפראַנגט אויף מיין קלייד, מיט מיין מוטערס אַלטע טייערע שפּיצן איז בעתען גאַרנירט דער ראָק, אירע פערלשנירן האָבן זיך גע־

וויקלט אַרום מיין האַלז און נאַקן. הויך געפּודערט די האָר, אַ שיינהייטס־פליעסטערל אין ווינקל פון מויל און אַ צווייטער אויפן ברוסט — אַזוי האָב איך אין פאָרצימער אין אָוונט פון יום־טוב באַגעגנט העלמוטן, מיין הער. מיר האָבן איינער דעם צווייטן באַוואונדערט — אַזוי ווי דאָס מאָל האָט זיך מיר נאָך קיין מאָל נישט געוואָרפן אין די אויגן די סימעטרישע שיינקייט פון זיין געשטאַלט, וואָס איז געשטאַנען פאַר מיר אין אַ ציוויל־אַנצוג לויט דער פאַסאָן אין די צייטן פון לודוויג דעם פופצעטן.

—מיר שטייט נישט דערדאָזיקער נאַרן־קאָסטיום!—האָט ער געזאָגט, בעת מיר האָבן זיך געגויגט און געדרייט לויט מאָצאַרטס אומפאַרגאַנגליכן דאָן־זשואַן מענועט — צו דען איז נישט די גאַנצע רייכע פראַכט בלויז אַ חוזק מאַכן איבער אונזער אָרעמקייט?

—איך פיל בלויז, אַז מיר זיינען רייך, די רייכסטע אויף דער וועלט! — האָב איך געענטפערט פאָוואָרפנדיק צוריק דעם קאָפּ, כדי אים צו באַשיינקען איבער די שילטער מיט אַ גליקלאַכן שמייכל, ווי דאָס האָט גראָד געפאָדערט די פיגור פון טאַנץ.

—אָבער איך גיי ממש אויס ווי אַ ליכט פון צרות, וואָס דו ביסט נישט מיינע!—האָט ער געזאָגט בויגענדיק די קני מיט אַ בעמנדיקער גרימאַסע צום לאַנג געצויגענעם ביינקשאַפטס־טאָן פון דער מוזיק. נאָכן מענועט איז געקומען דער וואַלס. העלמוט איז געשטאַנען אָנגעשפאַרט אָן אַ סלופּ מיט פאַרלייגטע הענט, אין יעדן מאָל, וואָס איך בין פאַרביי אים פאַרבייגעגאַנגען האָב איך געפילט זיין בליק.

—דו טאָרסט היינט מיט קיין אַנדערן נישט טאַנצן — האָט ער מיר געזאָגט, אַז מיין טענצער האָט מיר איבערגעלאָזן.

ער האָט נישט געקאָנט באַהערשן זיין אויפרעגונג. אומזיסט האָב איך געפּרובט אים מסביר צו זיין דאָס אונמעגלאַכע פון זיין פאַרלאַנג.

—איך פאַרלאָז דעם שלאָס אויב דו טוסט נישט דאָס, וואָס כיך בעט — איך האַלט עס פשוט נישט אויס, אַז יעדער שמואיקער מענטש זאָל דיך האַלטן אין זיינע אָרעמס אין זיינע פרעצע בליקן זאָלן זיך זעטיקן מיט דיין שיינקייט.

איך האָב זיך אונטערגעגעבן. גליקלאַך מיט דער קראַפט פון זיין ליידנשאַפט און כדי נישט אַרויסצורופן קיין אַנדער חשד, האָב איך געבעטן מיין מוטער מיר אַרויפצולייגן אויפן כלומרשט „אויסגעלונקענעם” פוס אַן אימפּראָוועזירטן באַנדאַזש פון טאַשנטיכער, כדי איך זאָל פאַרשפּאָרן טאַנצן.

מער האָבן מיר זיך שוין דעם אָוונט נישט צו שייט אין באַל־זאַל האָט זיך געשטופּט די יוגנט, אין נעבן צימערן זיינען געזעסן די עלטערע ביי די וויזיט־טישן. מיר זיינען געגאַנגען דורך די לאַנגע גאַלעריעס מיט די פילפאַרביקע פאַנטאַסטישע דעקאָראַציעס וואו די לעמפּעלאַך האָבן כסדר אַלץ וויניקער געברענט.

פון דערווייטנס האָבן אונז באַגלייט די טאַנץ־מעלאָדיעס...

— שיינע נאַכט, אַ ליבע נאַכט, אָ שטיל דאָס פאַרלאַנגען, האָט עס אָפּגעקלונגען שטיל־בייענקדיק.

און העלמוט האָט מיך אַרומגענומען, און שטאַרקער אַלץ שטאַרקער צוגעדריקט איינער צום צווייטן, זיינען מיר געפלויגן דורכן האַלב־טונקעלן רוים. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז עפּעס הער איך אַ פאַרשטיקטן געלעכטער, — אָבער מיטן מאָמענט האָב איך עס ווידער פאַרגעסן. מיר האָבן געטאַנצט — צו דען זיינען מיר נישט געווען אַליין אויף דער לבנהליכטיקער לאָנקע, אויף

וועלכער עס האָבן געריישט די פּאַלמען-בוימער, וואָס איז געווען באַשאָטן מיט גרויסע, ווייסע בלומען און פון זייערע גאָלד-בעכער האָבן געשטרוימט פאַרשכורנדיקע ריחות? מיר האָבן געטאַנצט — צו דען איז עס נישט געווען אַ וויגן זיך אויף קריסטאָל-העלע וועלן,—צו האָבן מיר נישט געזען ביז צום גרונד, וואו די ליכטיקע לייבער פון נאַקעטע ים-מיידלאַך האָבן אַרויף און אַראָפּ געשוואומען צווישן וואַסער-רויזן און פון זייערע רויטע ליפּן האָבן געקלונגען לידער, וואָס קיין מענטשליכער אויער האָט זיי נאָך עד היום נישט געהערט? מיין האַרץ האָט אויפגעהערט קלאַפּן — איך בין אַ פּאַל געטאָן אויפן נאָנטסטן שטול, פאַר די אויגן האָט מיר געשווינדלט, צו מיינע פיס איז מיין געליבטער געלעגן, זיין בלאָנדער קאָפּ פאַרגראָבן אין מיין שויס.

אָ, דו מאַרקיז פּאָמפּאָדור,
זי קאָן די אַמור
און אַלע אירע צערטליכקייטן,
די שענסטע פון די ווייבער —

האָט זיך פּלוצלונג דערהערט הינטער אונז דאָס געזאַנג פון אַ קרייענדיקער סאָפּראַן-שטים. העלמוט איז אויפגעשפּרונגען און האָט אינסטינקטיוו אַ נעם געטאָן דעם שיינעם גאַלאַנטעריע שווערד, וואָס האָט געהאָנגען ביי אים אויפן זייט.

—פאַרפלוכט—האָט ער געברומט.

ביי אים אין האַנט איז געווען אַ ליידיקע שיידל. מיר האָבן נאָך געהערט אַ גערודער און אַ לויפעניש און אַ טראַסק מיט אַ טיר און שפּעטער איז געוואָרן שטיל.

—נאָך מאָרגן פאָר איך אַליין צו דער מומע ברעגיטע, און אויב ס'גייט נישט, צום פעטער געאָרג. איך מוז מאַכן אַ סוף, אַהער אָדער אַהין! האָט ער מיר צוגעפּליסטערט איידער מיר זיי-

גען ווידער אַריין אין באַלזאַל.

איך האָב אויפגעוואַקסן מיינע עלטערן, מיר האָבן זיך געזעגנט. ביים אַרויסגאַנג וואו ס'זיינען זיך צונויפגעקומען דער גרעסטער טייל פון די אַנוועזנדע איז העלמוט צוגעגאַנגען צו מיין פאָטער:

— צו קאָן איך זיך שוין היינט געזעגענען אויף אַ פּאָר וואָכן, הער גענעראַל — האָט ער געזאָגט פאָרמעל און אין דער הויך—מיין פעטער דער הערצאָג געאָרג פאַרלאַנגט איך זאָל זיין אַנוועזנד ביי די הויף־בעלער.

— פּאָרט געוווּנטערהייט—האָט מיין פאָטער געענטפערט און מיר האָט זיך געדוכט, אַז ער האָט דערביי לייכטער אָפּגעאָטעמט.

— אַמוזירט זיך גוט — האָב איך קוים אַרויסגערעדט און איילנדיק אַריינגעלייגט מיינע קאַלטע פינגער אין זיינע.

נאָר די פיבערהאַפטע אויפרעגונג האָט מיר געגעבן די קראַפט זיך צו האַלטן אויף די פיס די קומענדיקע פּאָר וואָכן. איך האָב נישט דורכגעלאָזן קיין איין פאַרווייַלונג קיין איינציקן באַל, קיינער האָט נישט געטאַנצט אַזוי אומערמידליך, ווי איך, ביי קיין שום טיש האָט מען נישט געטרונקען אַזויפיל סעקט, ווי ביי מיינעם. אין איין שיינעם טאָג האָב איך געטראָפן אים אין טעאַטער דעם גראַף וואַלדבורג. אין די אַנטראַקטן האָט ער געמאַכט אַ שטאַרקע פּראָפּאַגאַנדע פאַר אַ שליטן־אויספלוג, וואָס זאָל זיך ענדיקן מיט אַ מיטאָק אין אַ האָטעל.

— דער פּרינץ העלמוט לאָזט אייך בעטן איר זאָלט אים ערלויבן אייך צו פירן—האָט ער זיך געווענדט צו מיר.

אַז איך האָב אים פאַרוואונדערט אָנגעקוקט, האָט ער אַ

הויב געטאָן מיט די אַקסלען און געזאָגט, אָבער אַזוי אַז מער ווי איך האָב עס נישט געהערט:

—דער פּרינץ האָט מיר מער נישט איבערגעגעבן, נאָר אַז איך זאָל זוכן אַ געלעגנהייט איר זאָלט זיך קענען באריכות דורכשמועסן.

נאָך צוויי מאָל פיר און צוואַנציק שעה! די אויפרעגונג האָט דערגרייכט די העכסטע שטופע. פלוצלונג איז געוואָרן אַ טוי, אַ שמוציקע גרויקייט האָט באַדעקט די שטאָטישע גאַסן, און אַ געדיכטער נעפּל איז געהאַנגען איבער די אָזערעס. מיט אַ הילכעדיקן גלאָקענקלאַנג האָט זיך, נישט געקוקט אויף דעם, אין באַשטימטן טאָג באַוויזן פאַר אונזער טיר העלמוטס שליטן געשפּאַנט מיט אַ רוסישן פערד, וואָס האָט אומרואיק געטופּעט מיט די פיס אָן דער ערד. מיין פאָטער האָט מיר אַראָפּגעפירט, העלמוטס ערנסטער בליק האָט מיר איבערגעגעבן אַלץ — איך האָב זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס בעת מיין פאָטער האָט מיך אַריינגעזעצט אין שליטן.

—ובכן פונקט פינף אַ זייגער אין האָטעל — האָט ער נאָך פריינדלאַך אויסגעשריען.

און מיר האָבן זיך אַ טראָג געטאָן.

—געאָרג האָט זיך פון מיר אויסגעלאַכט—די מומע בריגיטע איז געווען גענוג ציניש מיר פאַרזיכערן: אויף הכמהדיקע באַציאונגען וואָלט זי האָבן געלט — אויף אַ נאַרישע חתונה גיט זי נישט!—ער האָט גערעדט מיט אַ ווילדן קול — וואָס מיינסטו, ווען מיר זאָלן זיך אָנשטאָט דעם ראַנדעוואו אויפן שלאָספּלאַץ דירעקט אַ לאָז מאָן צום אָזערע – ער וואָלט אונז נישט לאַנג אויסגעהאַלטן!

מיט שרעק האָב איך אים אַ כאַפּ געטאָן פאַרן האַנט.

—ניין, העלמוט, ניין — האָב איך זיך געבעטן — מיר האָבן דאָך נאָך גאָרנישט געלעבט!

דער פאַנאַטיזם פון דער עקזיסטענץ האָט מיך אונטערגע־צונדן — אַזוי שטאַרבן — אַזוי — ניין! און עפּעס האָט אין מיר אויפ־געלויכטן אַ שיין פון האָפנונג: די מומע קלאָטילדע — זי מוז און קען אונז העלפן.

מיט אַ שטאַרקע טרומייטן מוזיק האָט באַגריסט די אָנ־געקומענע, בעת מירביידע, די הערצער איבערפולט מיט אַ נייַער האָפענונג, האָבן זיך באַוויזן אויפן שלאָספלאַץ און פרייליך זיך אַוועקגעשטעלט אָן דער שפּיץ פון לאַנגן צוג. מיר האָבן גע־פאָרן דורכן וואַלד, וואו דער שניי האָט געשאַפן אַ גלאַטן וועג, מיר האָבן נישט געשפּירט דעם נעפּל, כאָטש ער האָט באַ־זעצט אונזערע פּעלצן מיט מיליאָנען קליינע וואַסערפּערל, אַזוי קיין שום ספק און דערווידער אויפגעוואַכטער זון פון אונזער גליק.

די אַלע זיינען געקומען אין האָטעל דערפרווירענע פון דער לאַנגער נסיעה, אונז, וואָס מיר זיינען געפאָרן אַ סך ווייַ־טער און געקומען די לעצטע, איז געווען גליענד הייס. גאַנץ לאַנג זיינען מיר נאָך געזעסן צוזאַמען; די סך געריכטן פון מי־טאָג, בעת וועלכן סירוב פאַרלאַך זיינען כסדר געוואָרן רעדעוודי־קער, דאָס לאַנגזאַמע סערווירן, וואָס יעדער נישט מעקלענבורגער תּושב האָט זיך שרעקלאַך דענערווירט — דאָס אַלץ האָבן מיר לגמרי נישט באַמערקט. פאַר אונז איז עס גאָר געווען צו פרי, אַז עס איז געקומען די צייַט זיך פונאַנדערצופאָרן. פאַרן האַלב־טונקעלן הויף. דער רעגן האָט שוין געגאָסן, האָט אַ קרעפּטיקע

אַמאָל שטאַרק געדריקט מײַנע און שפּיציקע נעגל האָבן האַנט נאָך האַנט זיך מיר אײַנגעגראָבן אין פלייש.

נאָך אין דערזעלבער נאַכט האָב איך געשריבן דער מומע קלאָטילדע. מײַן גאַנצע האַרץ האָב איך פאַר איר אויסגעגאָסן; מײַן אייציקע האָפענונג איז געווען אויף איר; יעדע סטרונקע פון איר מהות האָב איך זיך באַמיט צו באַוועגן. אין עטלאַכע טעג אַרום האָט מען מיך פלוצלונג אין אַן אומגעוויינלאַכער צײַט גערופן צום פאָטער. מיט אַ פלאַמענדיקן פנים, מיט מײַן בריף אין האַנט האָט ער מיך באַגעגענט. די מאַמע איז געזעסן בלייך ווי אַ טוך אין פאָטערשטול. עס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אַן אומבאַשרייבלאַכע סצענע. פאַרן זעלבן מענטשן, וועלכער האָט נישט געפונען קיין אויסדריקן מיר צו באַווײַזן זײַן צערטלאַכקייט, איז איצט נישט געווען קיין צו שמוציקער וואָרט אויף מיר צו זידלען. ווי פאַרשטיינערט בין איך פאַר אים געשטאַנען. ערשט אַז ער האָט העלמוטן אָנגערופן „אומערלאַכער” און האָט קעגן אים אַרויסגעזאָגט די שרעקלאַכסטע דראָאונגען, בין איך צו זיך געקומען.

—דאָס וועל איך נישט אַריבערטראָגן, אַז דו זאָלסט אָנרירן זײַן כבוד—האָב איך אויסגעשריען און בין צו אים צו גאַנץ נאָנט—דערלאַנג מיר מיט די פויסטן, אויב דו ווילסט, אָבער אים—אים טאָרסטו נישט אָנרירן.

דער טאַטע האָט אויף מיר אויסגעגלאָצט די אויגן, האָט זיך אָפּגעקערט און שרעקלאַך געזיפצט. דאָס האָב איך שוין נישט געקאָנט אַריבערטראָגן. מיט אַ געוויין האָב איך זיך אַ וואָרף געטאָן פאַר זײַנע פיס.

—ליבער פאָטער—האָב מיטלייט מיט מיר—מײַן אומגליק

איז דאָך אַזוי אויך געגוג גרויס—האָב איך געוויינט.

און דיזעלבע האַנט, וואָס האָט מיך שיער נישט געשלאָגן האָט מיך ערשט אויפגעהויבן.

— אָרעם, אָרעם קינד מיין —האָט ער געזאָגט, און אָנגע־קוקט מיך מיט אַן אויסדרוק פון אַ טויט פאַרוואונדעטן.

די מאַמע האָט די גאַנצע צייט געשוויגן. איצט האָב איך געהערט איר רואיקע, קאַלטע שטים, ווי ערגעץ פון ווייט, גאַנץ ווייט. זי האָט פאָרגעלעזן דער מומעס בריוו, איך האָב אים כמעט נישט פאַרשטאַנען, נאָר די ווערטער „פליכט" „אָפּפער" „כבוד" האָבן זיך, דאַכט זיך, כסדר איבערגעחזרט.

—אַליקס וועט — אַזוי האָט ער זיך אומגעפער געענדיקט, דורך דעמדאָזיקן נסיון קליג ווערן און זיך אויסלערנען באַהערשן אירע ווילדע ליידענשאַפטן. אונזער גאַנצער לעבן איז ענטזאַגונג און פליכט דערפילונג...

ביי דערדאָזיקער שיינער דרשה האָט מיט מיר געמאַכט אַ שטאַרקע היסטעריקע: געלאַכט און געוויינט צוזאַמען. דער פאָטער האָט מיך אַוועקגעטראָגן אין מיין בעט. מיין מוטער האָט מיר פון דאַן אָן אויף קיין איין מינוט נישט געלאָזן אַליין. אין אָוונט האָט זי מיר דערלויבט אויפשטיין. איך האָב זיך קוים גע־האַלטן אויף די פיס, פון יסורים וואָלט איך פשוט געשריגן אויפן קול, אָבער מיין ווילנסקראַפט איז געווען שטאַרקער ווי אַלץ. איך האָב זאָגאַר געהאַט די קראַפט דאַנקבאַר אַ שמייכל צו טאָן צו מיין פאָטער, ווען ער האָט מיר איבערגעגעבן, אַז ער האָט גענומען אויף זיך די שווערע אויפגאַבע מודיע צו זיין דעם פרינץ מכּחן אויסגאַנג פון דערדאָזיקער טרויעריקער אָנגעלעגנהייט. אַז איך האָב שפּעטער, ווי תמיד צוגעגרייט אין נאָענטן צימער דעם

טיי, האָב איך געהערט מיט מיינע פיבערהאַפט פאַרשאַרפטע חושים, ווי מיין מוטער האָט געזאָגט:

— איך קאָן אַליקסן גוט, און בין דעריבער רואיק. וואו מיר זיינען ביז אַהער נישט געווען—אומעטום איז פאָרגעקומען אַ מער אָדער ווייניקער פאַטאַלע ליבעסגעשיכטע. אין דעם איצטיקן פאַל, וואָס קיצלט שטאַרק איר אייטלקייט, זעט די געשיכטע אויס אַביסל ערנסטער.

—דו זעסט דאָך אָבער, וואָס מיט איר טוט זיך, אַזאַ פאַרצווייפלונג קאָן פירן צו די שרעקלאַכסטע פאָלגן—האָט מיין פאָטער געזאָגט.

— פאַרלאָז זיך אויף מיר, ליבער האַנס, דו זעסט איר שטענדיק, ווי אין אַ גאָלדענעם שפיגל! איך האָב גאָטן צו דאַנקען זייער ניכטערע אין קלאָרע אויגן — האָט די מאַמע געענטפערט.

— מיר האָבן איצט גאָרנישט, וואָס צו טאָן, נאָר צו פאַרהיטן זי זאָל נישט קאָמפּראָמאָטירן זיך און אונז דורך וועלכע נישט איז נאַרישע שטיק. דאָס איבריקע לאָמיר לאָזן דער צייט— האָט זי האַלב לאַכנדיק צוגעגעבן —

וואָס זי האָט געזאָגט איז פאַר מיר געווען, ווי געוואונטשן, און איך האָב זיך טאַקע געהאַלטן לויט אירע ווערטער, אָבער אין דערזעלבער צייט האָב איך באַשלאָסן מיט אַ פולשטענדיקער רואיקייט צו דורכפירן אַ פלאַן, וועלכער איז פאַר מיר געווען דער איינציקער אויסוועג נאָך דער מומעס אָפּזאָג, איך האָב געלאָזן פאַרן שלאָפן גיין מיר קושן אין שטערן און האָב זיך רואיק געלייגט אין בעט. אַז די מאַמע וועט נאָך אַמאָל קומען און מיר נאָכקוקן דאָס האָב איך געוואוסט און געוואַרט ביז זי איז צוריק אַריין אין שלאָפצימער און אין שטוב איז אַלץ, ווי אויסגעשטאָרבן. דאַן בין איך אויפגעשטאַנען, האָב זיך אָנגעטאָן, איינגעפּאַקט

דאָס נויטיקסטע אין אַ פּריער צוגעגרייטן האַנטבײַטל און מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם אַראָפּ פון די טרעפּ. די הויז־טיר האָט אַפילו קיין סקריפּ נישט געטאָן, אַז איך האָב איר געעפנט. עס איז געווען אַ כלאַפּסק רעגן, עס האָט זיך נישט געהערט און נישט געזען קיין לעבעדיקער נפש. איינגעוויקלט אין אַ מאַנטל האָב איך געוואַרט ביז ס׳האָט זיך דערהערט אַ פעסטער שריט אויפן ברוק און אַ טאַקטמעסיקער קלאַנג פון אַ שווערד. אַזוי פלעגט ער איצט קומען יעדן אָוונט — אַפּוואַרטנדיק בײַם פענצטער אויף אַן אָפּגע־רעדטן צייכן — אין פּאַרק וואָס האָט זיך געפונען גאַנץ נאָענט פון אונזער הויז. ער איז אָפּגעשפּרונגען, אַז ער האָט מיך דערזען. קיין סך ריידן האָבן מיר נישט געדאַרפט. אָבער דאָס וואָס איך האָב אים דערציילט, גלײַכגילטיק מיט אַ גאַנץ פרעמדער, רואיקער שטים, האָט אים אַזוי דערשיטערט, אַז ער האָט זיך געמוזט שטאַרק אָנשפּאַרן אויף מײַנע אַקסלען.

—איך קאָן דיך נישט איבערלאָזן, אַליקס! — האָט ער כּסדר געמורמלט.

—דאָס דאַרפסטו טאַקי נישט טאָן, העלמוט! — האָב איך גע־ענטפערט גאַנץ פעסט — אַזוי ווי צו דעם חתונה־בונד פעלט אונז די גאָלד־ברכה, לאָמיר שליסן דעם בונד אונטער דער ברכה פון ליבע.

ער האָט אויף מיר אויסגעגלאָצט די אויגן.

—דו ווילסט? — האָט ער געפרעגט אויסציענדיק יעדעס וואָרט.

—ווערן דײַן געליבטע — יאָ. עס פאַרשטייט זיך, אַז שווערין מוז איך תיכף פאַרלאָזן — — —

—אַליקס, דו פיבערסט — דו ווייסט דאָך לגמרי נישט, וואָס דו רעדסט — דאָס איז דאָך ממש אַ משוגעת! — האָט ער אויסגע־שריען.

איך האָב פלוצלונג דערפילט, ווי די פייכטע קעלטן פון דער נאַכט קריכט לאַנגזאַם אַרויף צו מיר דורך די פוס־זוילן.

— איך בין נישט משוגע, ליבסטער — האָב איך געזאָגט, ווייך און צערטלאַך האָב איך געדריקט זיין האַנט אָן מיין באַק — לגמרי פאַרקערט: איך וויל די משוגענע וועלט־אָרדנונג קלוג מאַכן!

— נו, לאָמיר לענגער דאָ נישט שטיין, יעדע מינוט איז אונז טייער. אויף דיין וואָגן קאָנען מיר צופאָרן צו וועלכער נישט איז קליינער באַן־סטאַציע און דאָרט וועל איך קאָנען אָפּוואַרטן דעם באָנסטן מאָרגנצוג.

ער איז אָפּגעשפרונגען.

— מאַך מיר אָבער נישט פאַר אַ נידערטרעכטיקן מענטשן — אַליקס.

ער האָט מיר אַ נעם געטאָן ביים אָרעם און אַזאַ טרייסל געטאָן, ווי ער זאָל מיך וועלן אויפוועקן פון אַ חלום. און ווירק־לאַך, בעת דער רעגן האָט מיר געפּאַטשט אין פנים, און די לעצ־טע לאַמטערנעס זיינען אויסגעגאַנגען, איז מיר אַלץ געוואָרן קלאָר, שרעקלאַך קלאָר.

— העלמוט — האָב איך נאָך אַמאָל אויסגערופן און ברייט געעפנט מיינע אָרעמס.

ער איז צו מיר צוגעלאָפן, באַדעקט מיט ווילדע קושן מיין מויל און מיינע אויגן, מיינע באַקן און מיינע הענט, און נעלם געוואָרן אין דער פינצטער אַלעע, ווי געטריבן פון שדים.

מינוטנלאַנג בין איך געשטאַנען ווי פאַרשטיינערט, דאַן האָב איך מעכאַניש געטאַפּט מימ די הענט דעם נאַסן מאַנטל. איך האָב זיך געמוזט איבערצייגן ווער איז אייגנטלאַך דער וואָס שטייט דאָ איצט אין דרויסן אונטערן רעגן. אויך האָב איך זיך געכאַפּט פאַרן אָרט, וואו נאָר וואָס האָט מיר דאָרט דאָס האַרץ

אַזוי ווילד נעקלאַפּט. עס איז מער נישט דאָ געווען, עס איז געווען טויט—אָדער גאָר אַראָפּגעפֿאַלן אין שמוץ. מיט גרויס שרעק האָב איך זיך צוגעקוקט צו די שוואַרצע בלאָטעס אונטער מײַנע פֿיס.

איצט האָב איך אייגנטלאַך געדאַרפֿט גיין שלאָפֿן—האָט מיר עפּעס אַ האַק געטאָן אין קאָפּ — אָבער ווי שווער איז געווען דאָס רייזעטעשל און דער נאַסער מאַנטל — זאָל איך זיך אפשר בעסער אַוועקזעצן דאָרט אויפֿן באַנק?! נאָך אַ פּאָר טריט האָבן מײַנע פֿיס געשטרויכלט: ניין, דאָס גייט נישט. רונד אַרום זײַנען געשטאַנען שרעקלאַך פֿיל מענטשן און האָבן מיך אָנגעקוקט, און דאַן האָבן זיי אַלע ברייט אויפֿגעריסן די מײַלער און פֿון אַלע עקן האָט זיך געטראָגן אַ משונהדיקער קול:

אָ, די מאַרקיזע פּאָמפּאַדור
זי האָט געקאָנט רי אַמור
און אַלע אירע צערטלאַכקייט
די שענסטע פֿון די מעטרעסן.

איך בין אַרויפֿגעפֿלויגן אויפֿן בריקל — אויפֿגעריסן די טיר און אַ צומאַטערטע זיך אַוועקגעזעצט אויף די טרעפּ. אָבער זיי זײַנען מיר נאָכגעקראָכן — אויף הענט און פֿיס — ווי ווערים. מיט די לעצטע כחות בין איך אַרײַנגעקראָכן אין מײַן צימער. און פּלוצלונג בין איך געקומען צום באַוואוסטזײַן, אַז איך, אַליקס קלעווע, זיץ דאָ אין נאַסע קליידער אויפֿן בעט. אַ שרעקלאַכע מורא איז מיר באַפֿאַלן, ווי איך האָב פֿאַרלאָרן די חושים.

אַכט טאָג נאָכאַנאַנד בין איך געלעגן אין אַ צושטאַנד פֿון פֿולשטענדיקער אַפּאַטיע. דאַן בין איך אויפֿגעשטאַנען, אַוועק אין באָס און באַלד נאָכדעם אין טעאַטער. מען האָט געשטעלט „האָפּ-

מאנס דערציילונגען"—אפילו ביי דער בארקאראָלע האָט מיין הארץ נישט געקלאפט. ווי עס שיינט איז זי מיר אין גאנצן פארלאָרן געגאנגען. אין אכט טעג שפּעטער האָב איך ווידער געטאנצט. מיין מאמע האָט טריומפירט.

סוף פון ערשטן טייל

JEWISH CULTURAL CLUB
of ELSINORE, CALIFORNIA